STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03325

BIOLOGISHE OYFFASUNG FUN MENTSH UN GEZELSHAFT

J. Wolf

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ח. וואָלף

2593

נאַציאָנאַלע יידישע ביכער צענטראַלע
National Yiddish Book Exchange

ביאָלאָגישע אויפפאַסונג
פון מענטש און געזעלשאַפט

פאַרלאַג דוד לערמאַן

בועניאָס איירעס

1946

CONCEPCION BIOLOGICA DEL HOMBRE Y DE LA SOCIEDAD

por

J. WOLF

EDITORIAL: DAVID LERMAN
Buenos Aires — 1946

דאָס דאָזיקע בוך איז אַ נייע באַאַרבעטונג פון בוך „עטישער סאָציאַליזם“.

נאָכדעם ווי עס זיינען דורך אַ רייע יאָרן און איך האָב דעם „עטישן סאָציאַליזם“ ווידעראַמאָל געלייענט, בין איך געבליבן נישט צופרידן. איך האָב איינגעזען אַז אַ סך זאַכן קענען אין בוך אויסגעבעסערט און דערגאַנצט ווערן, און איך האָב באַשלאָסן עס צו טון.

אין דער דאָזיקער נייער באַאַרבעטונג האָב איך אַריינגענומען יענע אַלע געדאַנקען און מאַטעריאַלן פון מיינע שפּעטערדיקע ביכער, וואָס העלפן קלאָר מאַכן די הויפּט־פּראָבלעמען: מענטש און געזעלשאַפט.

באַטש די גרונט־געדאַנקען פון איצטיקן בוך זיינען די זעלבע וואָס פון „עטישן סאָציאַליזם“, זיינען אָבער אַ סך אויספירן מאָדיפיצירט געוואָרן. אין דעם פּרט איז דער ע. ס. געווען נישט גאַנץ. די פּראַקטישע אידייען האָבן נישט אינגאַנצן געשטימט מיט דער אַלגעמיינער אויפפאַסונג פון בוך; די טעאָרעטישע גרונט־געדאַנקען זיינען נישט קאָנסעקווענט דערפירט געוואָרן ביזן סוף. אין דער איצטיקער באַאַרבעטונג איז דער דאָזיקער פעלער פאַרריכט. איצט איז דער געדאַנקענגאַנג פון בוך גאַנץ און איינהייטלעך פון אָנהויב ביזן סוף. אויך זיינען אין „עטישן סאָציאַליזם“ אַ סך ערטער אַרויסגעקומען נישט גענוג קלאָר. אַ סך ענינים זיינען געבליבן פאַרשטעלט פון צופיל אַבסטראַקטע רייד און זייער זינען איז נישט גענוג קלאָר און בולט אַרויסגעבראַכט געוואָרן. אין איצטיקן בוך האָב איך זיך באַמיט צו דערגרייכן די העכסטע מאָס קלאָרקייט און פּשוטקייט וואָס איז מיר נאָר מעגלעך געווען.

דרייצן יאָר זיינען אַריבער זינט איך האָב דעם „עטישן סאָציאַליזם“ אָנגעשריבן. פאַר די דאָזיקע דרייצן יאָר האָב איך זיך נישט אויפגעהערט ווידמען דעם שטודיום און פאַרטיפונג

פון די פּראָבלעמען וואָס ווערן אין בוך באַהאַנדלט. אויך דאָס לעבן איז פאַר דער דאָזיקער צייט געווען זייער באַלערנדיק. נישט געווען, אפשר, נאָך קיינמאָל אַזאַ באַלערנדיקע צייט אין דער מענטשלעכער געשיכטע, ווי די וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט און וואָס מיר לעבן נאָך איצט איבער. קיינמאָל פאַר אונדז האָבן מענטשן נישט געזען דאָס וואָס מיר האָבן געזען און נישט געהערט דאָס וואָס מיר האָבן געהערט. נאָך אַזאַ טיפער און דערשיטערנדיקער קריזיס אין לעבן פון דער מענטשהייט, איז נישט פאַרצייכנט אין די אַנאַלן פון דער געשיכטע. עפּעס ענלעכס איז נאָך קיינמאָל נישט געווען זינט דער מענטש איז מענטש און זינט מיר האָבן געדעכענישן פון זיין לעבן. די מענטשלעכע קולטור און דער מענטשלעכער געדאַנק — פּרוכטן פון טויזנטער יאָרן שווערן און מיזאַמען פּראָגרעס — זיינען צעטרייסלט און דערשיטערט געוואָרן ביזן יסוד. דאָס ערשטע צו וואָס אַזאַ לעקציע פאַרפליכטעט אונדז, איז נאָכצודענקען, צו פאַרטיפן זיך, צו טראַכטן און איבערצוטראַכטן: ווער איז דער מענטש? וואָס איז ער? וואָס וויל ער?...

דאָס דאָזיקע בוך וואָס דער מחבר דערוועגט זיך שוין צום צווייטן מאָל פאָרצולייגן פאַר דער עפנטלעכקייט, איז אַ פּרואוו צו וואַרפן אַ געוויס ליכט אויף די פונדאַמענטאַלסטע פּראָבלעמען פון מענטשן און זיין לעבן.

ת. וו.

סוף 1945, בוענאָס איירעס.

קאפיטל 1

ביאָלאָגישע עוואָלוציע און סאָציאַלע עוואָלוציע

I

דאָס וואָס וואָלט פריער פון אַלץ באַדאַרפט גענומען ווערן אין באַטראַכט באַם צוגיין מאַכן די וויסנשאַפט פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, וואָלט באַדאַרפט זיין די מענטשלעכע נאַטור. עס וואָלט אַזוי באַדאַרפט זיין, ווייל עס איז דאָך זיכער, אַז יעדער באַשעפעניש זוכט צו לעבן אין אַנקלאַנג מיט איר נאַטור.

כדי, אָבער, דאָס צוצוגעבן, וואָלט מען פריער באַדאַרפט צוגעבן, אַז עס איז בכלל פאַראַן אַ באַשטימטע מענטשלעכע נאַטור.

זינט עוואָלוציע איז פעסטגעשטעלט געוואָרן און מיר האָבן אָנגעהויבן זען דאָס אוניווערסאַלע לעבן ווי אַ לאַנגן פּראָצעס פון ענדערונגען און אומגעשטאַלטונגען, האָבן מיר אויך אָנגעהויבן זען, ווי דער מענטש האַלט זיך כסדר אין איין ענדערן און בייטן, זיך צופּאַסנדיק, פאַר יעדעס מאָל, צו דער סביבה אין וועלכער ער לעבט און עקזיסטירט.

עס איז דאָ אָבער געמאַכט געוואָרן אַ טעות. איין זאַך איז וועזנטלעכע ענדערונג, ד. ה. דאָס ווערן און אומווערן פון וועזנטלעכקייט, און אַ צווייטע זאַך איז, ווען וועזנטלעכקייט איז שוין פאַראַן, נאָר זי דאַרף זיך רעאַליזירן אין אויסערלעכן לעבן.

בנוגע דעם מענטשן האָט מען די צוויי באַגריפן פאַרמישט און אָנשטאָט איינצוזען, אַז אין זיין סאָציאַל־היסטאָרישער סטאַדיע, איז דער מענטש אַלס וועזן שוין געווען, און געענדערט האָבן זיך בלויז די רעאַליזאַציע אופנים פון דער מענטשלעכער וועזנטלעכקייט אין אויסערלעכן לעבן, האָט מען איינגעזען, אַז עס ענדערט זיך די מענטשלעכע וועזנטלעכקייט גופא. דער מענטש, הייסט עס, ווערט אַלעמאָל אַ ניי באַשעפעניש אין יעדער סביבה וואָס ער לעבט.

אין דער נאטור, באטש עס איז זיכער, אז אלע אקטועלע לעבנס־פארמען זיינען ארויסאנטוויקלטע פון פריערדיקע, מער פרימיטיווע, און די פריערדיקע פון נאך פריערדיקע, אזוי ביזן נגנעזים פון לעבן, איז עס פונדעסטוועגן נישט קיין שטער, אז עס זאלן עקזיסטירן נאטור־וויסנשאפטן, וועלכע פארנעמען זיך אויסשליסלעך מיטן קעגנווארטיקן, אזוי צו זאגן, זיין פון די ברואים. באטש עס איז זיכער, אז אזוי גוט די פלאנצן־מינים ווי די בעלי־חיים־מינים האבן געהאט א בשותפותדיקן אורשפרונג; אז זיי האבן, ביז זיי האבן דערגרייכט דעם איצטיקן צושטאנד, דורכגעמאכט אן א שיר וואנדלונגען און ענדערונגען, איז עס דאך נישט קיין שטער, אז עס זאלן עקזיסטירן וויסנשאפטן, וועלכע האבן אלס זייער דערקענטעניש־אביעקט, דעם איצטיקן מצב פון די מינים, און — די דאזיקע וויסנשאפטן טראגן נישט קיין כאראקטער פון פראוויזארישע, נאר זיי זיינען דעפיניטיווע און באשטענדיקע. אזעלכעס איז בארעכטיקט, ווען מען נעמט אין אכט, אז די וועזנטלעכע איינשטעלונגען פון די ברואים, האבן גענומען מיליאנען יארן ביז זיי זיינען פארגעקומען. ביז וועזנטלעכקייט איז קאנדענסירט און אפגעזעצט געווארן דורך מיטגעבוירנקייט, ירושה און סביבה, זיינען פארבייגעגאנגען קאלאסאלע צייט־פעריאדן, וועלכע מיר קאנען זיך קוים פארשטעלן. עס באקומט זיך, אז אלע אקטועלע לעבנס־פארמען, כאטש אנטוויקלטע און טראנספארמירטע, דאך „איצט", קאנען מיר זיי אננעמען ווי אבסאלוט־באזונדערע באשעפענישן, וואס יעדע איינע שטעלט מיט זיך פאר א באזונדער זיין און פירט א באזונדער איר נעאייגנט און איר אנמשפרעכנדיק לעבן. דאס איז ריכטיק אזוי גוט בנוגע דער פיזיק ווי דער פסיכיק פון די ברואים.

דאס זעלבע איז אויך מיטן מענטשן. באטש עס איז זיכער, אז דער מענטש האט זיך אנטוויקלט, דאך איז עס נישט קיין שטער אז עס זאלן עקזיסטירן — ווי דעפיניטיווע און באשטענדיקע — וויסנשאפטן, וואס האבן אלס זייער שטודיר־אביעקט דעם מענטשנס פיזיאלאגיע ווי דעם מענטשנס פסיכאלאגיע.

נעמען מיר אין אכט, אז מיליאנען יארן האט עס געדויערט זינט עס האט זיך אנטוויקלט דער וועזן מענטש, פארשטייען מיר דאן ווי בארעכטיקט עס איז, אז עס זאלן עקזיסטירן וויסנשאפטן, וועלכע זאלן זיך פארנעמען מיט דער מענטשלעכער מאטעריאליטעט און גייסט אזוי דעפיניטיוו, ווי דער מענטש וואלט געווען באשאפן אין די ששת ימי בראשית; פארשטייען מיר איצט, אז די געשיכטלעכע צייט, איז לגבי יענער לאנגער צייט פונעם מענטשנס וו ע ר ן, ווי אן אויגנבליק, און מיר פארשטייען איצט ווי אומדערלאזבאר עס איז דער געדאנק, אז די ענדערונגען, וואס

זיינען פאַרגעקומען אינעם געשיכטלעכן לעבן פון די מענטשן האָבן גורם געווען צו ענדערן די מענטשלעכע וועזנטלעכקייט, ד. ה. אַז דער מענטש איז אין דער געשיכטלעכער צייט געוואָרן אַלעמאָל אַן אַנדער באַשעפע־ניש: — דער מענטש פון אַלטערטום איז געווען אַ אין תוך פאַרשידן באַ־שעפעניש ווי דער מענטש פון מיטלאַלטער; דער פון מיטלאַלטער אַ אין תוך פאַרשידן באַשעפעניש פון דעם מענטש פון דער קעגנוואַרטיקער צייט א. א. וו.

ניין, נישט דאָס געשיכטלעכע לעבן האָט געענדערט די מענטשלעכע וועזנטלעכקייט, נאָר די געשיכטלעכע ענדערונגען זיינען אַרויסגעוואַקסן פון דער מענטשלעכער וועזנטלעכקייט.

דער מענטש טיילט זיך אויף צוויי: ער איז אַ דענקער און אַ וועזן מיט אַ באַשטימטער נאַטור. כדי גוט צו פאַרשטיין די מענטשלעכע גע־שיכטע, איז נויטיק צו דערקענען די דאָזיקע צוויי זייטן פונעם מענטשנס זיין. נאָר פאַרשטייענדיק די דאָזיקע צוויי זייטן פון דעם מענטשס זיין, קאָן מען פאַרשטיין דעם סאָציאַל־היסטאָרישן עוואָלוציע־פּראָצעס. אָן זיי איז סאָציאַלע עוואָלוציע אַבסאָלוט אומפאַרשטענדלעך.

אויב אויף אויסצופאָרשן ווי אַזוי דער מענטש איז ג ע ו ו אָ ר ן, אין אָרט און צייט, עקזיסטירט די אַנטראָפּאָלאָגישע וויסנשאַפט, דאַרף די סאָציאָלאָגיע זיך פאַרנעמען מיט דעם וואָס דער מענטש א י ז, זינט ער איז אַרויפגעטראָטן אויף דער היסטאָרישער אַרענע. איין זאַך איז פעסטצושטעלן ווי אַזוי דער מענטש איז ג ע וו אָ ר ן און אַ צווייטע זאַך איז אויסצופאָרשן און פעסטצושטעלן וואָס א י ז דער מענטש.

האָט מען אָבער געמאַכט פון מענטשן אַ נאַטורלאָז וועזן, וואָס ווערט פאַר יעדעס מאָל ניי באַשאַפן ווי סאָציאַלע סביבה דרעסירט אים. עק־זיסטירט טאַקע אינגאַנצן נישט קיין נאַטור, נישט ביי חיות, נישט ביי מענטשן, נישט ביי פלאַנצן, נישט ביי שטאָפן? אוים מיט דער נאַטור אין דער כעמיע, אין דער באָטאַניק, אין דער זאָאָלאָגיע! אָדער אפשר זאָל מען גאָר זאָגן, אַז אַלץ אין דער וועלט האָט יאָ אַ נאַטור, נאָר דער מענטש אַליין איז אַן אויסנאַם, דער מענטש אַליין האָט קיין נאַטור נישט? איז ווי־זשע איז אַזאַ היפּאָטעזע דערלאָזבאַר? איז דען דער מענטש נישט פון דעם זעלבן טייג געקנאָטן, וואָס אַלע באַשעפענישן?!

און אין דער נאַטור גופא, ווען מיר פּרוּוון אין איר אָנווענדן דעם בלויזן פּרינציפּ פון סביבה און צופּאַסונג צו לעבנס־תנאים, איז ער ווייט נישט גענוגנדיק, אַז מיר זאָלן דורך אים קאָנען פאַרשטיין דעם גאַנצן קאַליידאָסקאָפּישן אָפּלייג פון די מיליע־מיליאָנען וואַריאַציעס, וואָס מיר באַמערקן אין איר.

דער וועג פון לעבן איז געגאנגען פון אן איינהייטלעכן אורשפרונג צו א פילהייטלעכער נאכפאלגונג. אין איין און דער זעלבער סביבה און אונטער איינע און די זעלבע לעבנס־תנאים, האבן מיר געזען ארויסשפראצן לעבן אויף די סאמע פארשידנסטע אופנים. צו וואס פאר א עפאכע פון לעבן מיר זאלן זיך נישט צורירן, איז שטענדיג ארויסצוגעפינען אן אומגעהויערע פילהייט פון לעבעדיקע און לעבנלאזע פארמען. שטענדיק, נאטירלעך, איז פאראן א צוזאמענהאנג פון דער געגעבענער סביבה מיטן כאראקטער פון די וועזנס. אבער שטענדיק איז אויך פאראן אין יעדער געגעבענער איינהייטלעכער סביבה אן א שיעור דיפערענציאציע פון די אין איר עקזיסטירנדיקע וועזנס. עס הייסט, בכן, אז מיט סביבה אליין קאן מען אין דער נאטור גארנישט אויפטאן. מען מוז צו סביבה האבן נאך א פרינציפ — אן אינערלעך־דיפערענצירנדיקן פרינציפ. די ארויס־געקומענע פילהייט פון לעבן האט אויף א וואס פארא עס איז אופן געמוזט זיין א נויטווענדיקייט אינעם פראצעס פון וועלט ווערן גופא. ווען די אומגעהויערע דיפערענצירטקייט פון די לעבנס־פארמען וואלט נישט געווען קיין חיוב אין דעם וועלט־ווערן, וואלטן מיר בשום אופן נישט געקאנט חופס זיין די אקצידענטאלע דערשיינונג פון אזא דיפערענצירטקייט.

די טעאריע פון נאטירלעכן אפקלייב האט אנגעוויזן אויף דעם פאקט פון אינדיווידואליטעט, ד. ה., אז עס ווערן געבוירן פארשידנארטיקע איינ־דיווידן, אזעלכע וואס באזיצן פון געבוירנטאג אן מער גינסטיקע אייגנ־שאפטן צו קאנען עקזיסטירן אין דער סביבה אין וועלכער זיי עקזיסטירן, און אזעלכע וואס באזיצן ווייניקער גינסטיקע אייגנשאפטן. די סביבה מאכט דעם אויסוואל. די וואס זיינען פון געבוירנטאג אן מער צוגעפאסט צו די לעבנס־תנאים וואס זי באט־אן, די בלייבן איבער. די ווייניקער צוגעפאסטע — די פארשווינדן. עס הייסט, אז די סביבה שפילט נישט מער ווי א סעלעקציאנירנדיקע ראל אין דעם עוואלוציע פראצעס; זי אק־צעפטירט די עקזיסטענץ פון די יעניקע, וועלכע פארמאגן אלע נויטיקע אייגנשאפטן צו קאנען בלייבן לעבן, און ווייזט צוריק די עקזיסטענץ פון די יעניקע, וועלכע פארמאגן אזעלכע אייגנשאפטן נישט. די סביבה גופא טוט גארנישט אויף צו מאכן איינקע צוגעפאסט און אנדערע אומצוגע־פאסט; די סביבה באשטימט נישט דעם זיין, זי קאנטראלירט אים בלויז. די נעגאטיווע שטעלן מעקט זי אויס, די פאזיטיווע לאזט זי איבער. די סביבה באטייליקט זיך נישט אין דעם עצם פראצעס פון באשאפן, זי פירט בלויז אן אן אויסוואל־טעטיקייט צווישן דאס פאראנענע — די פעיקע לאזט זי און די אומפעיקע פארבראקירט זי.

דער פאקט פון פארשידנארטיקייט אינעם זיין גופא, איז אפהענגיק

פון זיך אליין. אזוי פאסירט עס. עס ווערן געבוירן פארשידנארטיקע אינדיווידן. אזוי איז דער פראצעס פון ווערן. אינעם פראצעס פון ווערן, דערשיינט יעדער אינדיוויד עטוואס פארשידן פון א צווייטן זיינס גלייכן. קיין אבסאלוטע ענלעכקייט איז אינערגעץ נישט פאראן. פון דעם דאזיקן פאקט פון מיטגעבוירענער פארשידנקייט, צוזאמען מיט דעם פאקט, וואס די סביבה ווילט אויס די מער־צוגעפאסטע — קומט עוואלוציע.

אין עוואלוציע, הייסט עס, ווירקן צוויי פאקטארן: אן אינערלעכער און אן אויסערלעכער. דער אינערלעכער פאקטאר, באטייליקט זיך אין עוואלוציע מיט דעם, וואס ער שטעלט צו א פארשידנארטיקן מאטעריאל פון בעסערע און ערגערע יחידים, און דער אויסערלעכער פאקטאר באַטייליקט זיך אין עוואלוציע מיט דעם, וואס ער פירט דורך זיין אויסוואל־ארבעט און קאנסערווירט די בעסערע. בלויז מיט איינעם פון די צוויי פאקטארן, וואלט קיין עוואלוציע נישט געקאנט זיין. וואלט געווען א גלייכמעסיקייט אין זיין פון די וועזנס, וואלט נישט געקאנט געמאלט זיין קיין אויסוואל, ווייל: וואלט די וועזנטלעכע גלייכמעסיקייט געווען א צו־געפאסטע צו סביבה, וואלט זיך אלץ דערהאלטן אין אן איינהייטלעכער פארעם און עס וואלט נישט געקומען קיין דיפערענציאציע. וואלט די וועזנטלעכע גלייכמעסיקייט געווען אן אומצוגעפאסטע צו סביבה, וואלט אלץ באדארפט אומקומען. דאסגלייכן אויך, ווען סביבה זאל נישט קאָרעגירן, נאר עס זאלן בלייבן לעבן די שלעכט־געבוירענע ווי די גוטע, וואלט אלץ געשטאנען אויף איין ארט. נאר אדאנק דעם, וואס די צוויי פאקטארן ווירקן צוזאמען — פון איין זייט איז פאראן מיטגעבוירענע דיפערענציאציע און פון דער צווייטער זייט אויסוואל פון די בעסטע, נאר אדאנק דעם איז מעגלעך עוואלוציע.

עוואלוציע, בכן, שטעלט מיט זיך פאר א פראצעס פון קרייצן זיך פון דאס וועזנטלעכע מיט ווירקונגען פון סביבה. סביבה באשטימט נישט אין אבסאלוט דעם זיין; סביבה ווירקט בלויז פאזיטיוו אדער נעגאטיוו אויפן זיין. דער דינאמישער פראצעס פון ווערן, איז אויטאנאם. דאס ווערן אנפארזיך און די פארשידנקייט פונעם ווערן, איז אומאפהענגיק פון סביבה. דאס איז א געזעץ אינעם וועלט־געשעען גופא. סביבה האט בלויז באציונג צו דעם דאזיקן פאקט פון פארשידנקייט אין ווערן. עוואלוציע איז דעריבער נישט מער ווי די סומע פון יענע טיילן פונעם ווערן, אויף וועלכע סביבה האט געגעבן איר הסכמה.

דער זיין ברענגט פון זיך ארויס אלעמאל ניי, דיפערענצירט לעבן. דער זיין פליסט בסדר און כסדר פארויס; סביבה האמעוועט און פארהאלט דעם פראצעס; סביבה איז די זופ, דורך וועלכער עס ווערט דורכגעלאזט

די פאַרשידנאַרטיקע ארויסגעבראַכטקייט פון לעבן. דער פּעולות פאַלט דורך און דאָס געזונטע בלייבט איבער. סיי אָבער דער פּעולה און סיי דאָס געזונטע פליסן ארויס פונעם זיין. דער זיין טיילט פון זיך אויס א מישמאַש פון לעבנס־פאָרמען, צוגעפּאַסטע און אומצוגעפּאַסטע; סביבה אַק־צעפּטירט בלויז די ערשטע.

אָט די דאָזיקע אויפפאַסונג פון עוואָלוציע האָט מען באַדאַרפט אָנ־ווענדן אומעטום וואו עוואָלוציע קומט פאָר. אומעטום האָט מען אין עוואָ־לוציע, פריער פון אַלץ, באַדאַרפט איינזען, די אינערלעכע פאַרענדערונגס־מעגלעכקייטן, און נאָכדעם ערשט זען די קאָרעגירנדיקע ווירקונג פון סביבה. האָט מען אַזוי נישט געטון, נאָר מען האָט אַלץ ארויפגעלייגט אויף דער סביבה, און די אינערלעכקייט פון די וועזנס האָט מען נישט גענומען אין אכט. אין דער סאָציאָלאָגיע, אַנשטאָט מען זאָל זען דעם מענטשן ווי ער איז, איין מאָל, און די ווירקונגען פון ארום, צום צווייטן מאָל, האָט מען דעם מענטשס זיין פאַרלייקנט, נאָר מען האָט בלויז גערעדט וועגן סביבה־ווירקונגען. דאָס איז נישט ריכטיק. עס איז נישט ריכטיק, אַז דער מענטש איז אַן עלאַסטיש שטיק טייג, וואָס סביבה קאָן פון אים אַלץ מאַכן. אויב אין אוניווערסאַל, מיליאָנען־יאָרן־מאַסשטאַב, קאָן מען ריידן פון עוואָלוציע אין טערמינען פון יצירה און אויפלייזונג, קאָן מען דאָס אין קיין סאָציאַל־היסטאָרישן מאַסשטאַב בשום אופן נישט טאָן; פאַרן סאָ־ציאָלאָג איז דער מענטש א באַשטימטער, אומפאַרענדערלעכער יש, פּונקט ווי די חיה און די פלאַנץ זיינען עס פאַרן נאַטור־וויסנשאַפטלער. דאָס, וואָס פאַקטיש האָט זיך אַלץ געענדערט לויט דעם, ווי עס איז געווען מיט מיליאָנען יאָרן צוריק, איז דאָס די זאַך פון די עוואָלוציע־וויסנשאַפטן און קער זיך מיט דער סאָציאַלער וויסנשאַפט גאָרנישט אָן. פּונקט ווי עס גייט נישט אָן דער מעדיצין דער אָפּשטאַם און די עוואָלוציע־עטאַפּן פון דעם מענטשלעכן אָרגאַניזם, אַזוי דאַרף נישט אָנגיין דער סאָציאָלאָגיע דער אָפּשטאַם און די עוואָלוציע־עטאַפּן פון דעם מענטשלעכן גייסט, נאָר זי דאַרף אָננעמען דעם גייסט אַלס פאַקט. און — דאָס סאָציאַלע לעבן איז נישט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר אויסערלעכער אויסדרוק פון דעם דאָזיקן גייסט. כדי צו פאַרשטיין דעם לעצטן מהות פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, מוז מען פריער פאַרשטיין דעם מענטשן ו ו י ע ר א י ז.

דער מענטש מאַכט דאָס לעבן; דאָס לעבן געשטאַלטיקט, רעאַליזירט דעם מענטשן פאַרשידנאַרטיק, ווייל דער מענטש פאַרמאָגט אין זיך פאַר־שידנאַרטיקייט, און לויט דעם וואָס פאַר א טייל פון דעם מענטשנס פּאָ־טענציעלער פּסיכיק עס ווערט געוועקט פון לעבן, אַזוי ווערט ער, אין צייט און אָרט, פאָרמירט. דאָס וואָס דער מענטש איז נישט, דאָס קאָן לעבן פון

אים נישט מאכן. איין זאך איז זיין, און א צווייטע זאך איז אויס־דריקן דעם זיין. מען האט פארמישט ארגאנישע עוואלוציע מיט סאציאלער עוואלוציע. ארגאנישע עוואלוציע מיינט ווערן; סאציאלע עוואלוציע מיינט רעאליזירן און מאדיפיצירן דעם מענטשלעכן זיין. אין זיין איז דער מענטש שוין גאר לאנג פאראן. עס האט אים בלויז געפעלט דערציונג. און — די גאנצע געשיכטלעכע עוואלוציע באשטייט אין דעם, וואס דער מענטש האט זיך אליין דערצויגן. אויפן געביט פון געדאנק ווערט דער גאנצער היסטארישער פראצעס רעדוצירט צו וויסנשאפטלעכער דערפארונג, און אויפן געביט פון געפיל איז גאר קיין פראגרעס נישט געווען.

דאס וואס מ׳קאן אנווייזן, אז אין געוויסע תקופות, אונטער בעסערע אומשטענדן, איז דער מענטש בעסער, און אין אנדערע תקופות, אונטער ערגערע אומשטענדן, איז דער מענטש ערגער, מיינט דאס נישט, אז ער ווערט בעסער אדער ערגער אין זיין, נאר עס מיינט, אז עס ווערן ארויסגעבראכט ערגערע אדער בעסערע טיילן פון זיין זיין. פונקט ווי דער יחיד ווערט ערגער אונטער שלעכטע אומשטענדן און ווערט בעסער אונטער גוטע אומשטענדן, אזוי איז דאס אויך מיטן כלל.

אונטער פארשידענע ווירקונגען פון צייט און ארט, ווערן פארווירקלעכט פארשידענע אייגנשאפטן פון מענטשנס נאטור. פאראן עפאכן עגאאיסטישע און עפאכן אידעאליסטישע; עפאכן ליבעראלע און עפאכן רעאקציאנערע; עפאכן פרידלעכע און עפאכן קריגערישע, א. א. וו. אין יעדער עפאכע ווערן אקטיוויזירט באשטימטע אייגנשאפטן פון מענטשנס גייסט, און די אנדערע בלייבן פאסיוו. אין יעדער עפאכע באווייזט זיך דער מענטש מיט אן אנדער אספעקט פון זיין נשמה, און די אנדערע אספעקטן בלייבן אין דער טונקלקייט, זיי בלייבן אין איר אין דער פאטענץ, זיי צו רעאליזירן אין אנדערע, מער צונעפאסט, עפאכן. אין עפאכן פון הומאניזם און ליבעראליזם, למשל, ווערן אקטיוויזירט די הומאנע און ליבעראלע געפילן און עס בלייבן פאסיוו די ברוטאלע און רעאקציאנערע געפילן. אין רעאקציאנערע עפאכן, פארקערט, ווערן אקטיוויזירט די ברוטאלע און רעאקציאנערע געפילן און די ליבעראלע בלייבן פאסיוו. אין עפאכן פון אידעאליזם און ראמאנטיק, ווערן אקטיוויזירט די אידעאליסטישע און ראמאנטישע געפילן, און עס בלייבן פאסיוו די עגאאיסטישע און פראקטישע געפילן, און אין עגאאיסטישע און פראקטישע עפאכן, פארקערט, ווערן אקטיוויזירט די עגאאיסטישע און פראקטישע געפילן און עס בלייבן פאסיוו די אידעאליסטישע און ראמאנטישע געפילן. עס מיינט נישט, אז אין עפאכן פון אידעאליזם ווערט געבוירן א אידעאליסטישע מענטשהייט און אין עפאכן

פון עגאָיזם אַ עגאָיסטישע מענטשהייט, אַז אין יעדער עפּאָכע באַשטעט די מענטשהייט אַן אבסאָלוט נייעם גייסט, אַן אבסאָלוט נייע מענטאַליטעט — דער מענטש ווערט ב י אָ ל אָ ג י ש אַ ניי באַשעפעניש, ניין, דאָס מיינט עס נישט. די מענטשהייט איז אין דער היסטאָרישער צייט שטענדיק די זעלבע. נישט מער, אַמאָל האָט זי דאָס גליק צו שטיין אומגעווענדט מיט די בעסערע זייטן פון איר נשמה צום לעבן און די ערגערע בלייבן אומזועדבאַר, און אַמאָל, פאַרקערט, דרייט זי זיך אוים מיט די ערגערע זייטן צום לעבן און די בעסערע בלייבן אומזועעבאַר.

אַזוי איז עס אין לעבן פון דער מענטשהייט און פון גרויסע מענטשלעכע קיבוצים און אַזוי איז עס אין לעבן פון מענטשלעכן יחיד. לעבט דער יחיד אונטער גליקלעכע אומשטענדן און אונטער גוטע השפעות, איז ער בעסער און איידעלער, דאָס מיינט, עס ווערן אַרויסגעבראַכט די בעסערע און איידעלערע אייגנשאַפטן פון זיין כאַראַקטער און די ערגערע אייגנשאַפטן בלייבן דרעמלען אינעווייניק אין זיין נשמה; בייטן זיך די אומשטענדן און דער זעלבער מענטש הויבט אָן פירן אַ שווער, אומגליקלעך לעבן און הויבט אָן אַרונטערפאַלן אונטער שלעכטע השפעות, ווערט ער ערגער, דאָס הייסט, די ערגערע אייגנשאַפטן פון זיין כאַראַקטער, וואָס האָבן פריער געדרעמלט אין זיין גייסט, וואַכן אויף, און די בעסערע אייגנשאַפטן, וואָס זיינען פריער געווען וואַך, דרעמלען איין. עס איז נישט געוואָרן קיין אַנדער מענטש. דער דאָזיקער מענטש האָט נישט געביטן זיין כאַראַקטער. ס'איז געבליבן דער זעלבער מענטש מיטן זעלבן כאַראַקטער וואָס פריער. נישט מער, אין יעדן מענטשנס כאַראַקטער זיינען פאַראַן די פאַרשידנסטע אייגנשאַפטן. אַמאָל ווערן פאַרווירקלעכט די, אַמאָל אַנדערע און אַמאָל נאָך אַנדערע. אַריבערטרעטן איבער די אייגענע כאַראַקטער־מעגלעכקייטן און ווערן גאָר עפּעס אַנדערש ווי דאָס וואָס מ'האָט די מעגלעכקייט צו זיין, דאָס קאָן נישט נישט דער יחיד און נישט די מענטשהייט אינגאַנצן גענומען; זיך פאַרוואַנדלען אין אַ פרעמדן צו זיך, ווערן אינגאַנצן אַן אַנדערער ווי מ'איז, דאָס איז אוממעגלעך.

דער פאַריקער יאָרהונדערט איז געווען אַ יאָרהונדערט פון ליבעראַליזם און פרייהייט; די ערשטע העלפט פון הײַנטיקן יאָרהונדערט, איז אַ תקופה פון לעצטער רעאַקציע און רשעות. מיינט דאָס צו זאָגן, אַז היינט איז די מענטשהייט ביאָלאָגיש ערגער ווי מיט דרייסיק יאָר צוריק? ניין, דאָס מיינט עס נישט. עס מיינט בלויז, אַז היינט זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן די ערגערע אייגנשאַפטן פון מענטשן און אין פאַריקן דור די בעסערע.

מען איז איינגעוואוינט צו באַנוצן אַזעלכע ווערטער ווי „ניי לעבן",

„נייער מענטש", „נייער גייסט", „נייע מאָראַל", א. א. וו. ווי מליצה־ווערטער זיינען די דאָזיקע דערלאָזבאַר, אָבער נעמען זיי ערנסט, טאָר מען נישט. שטרעבן אין תוך צו אַ נייעם מענטשן און צו אַ נייער מאָראַל, דאָס קאָן מען נישט. מענטש און גייסט און מאָראַל, זיינען זאַכן וואָס די נאַטור האָט באַשאַפן אין מענטשן פאַרן משך פון לאַנגע צייט־פעריאָדן און עס וואָלט געווען אַן אַבסורד זיך פאַרצונעמען צו באַשאַפן זאַכן, וועלכע זיינען נישט באַשאַפן. אינדעראמתן גייט עס דאָ וועגן אויסדריקן אין לעבן זאַכן, וואָס זיינען שוין לאַנג באַשאַפן. דער „נייער" גייסט און די „נייע" מאָראַל, זיינען דאָ אין מענטשן. מען דאַרף זיי נאָר אַרויסנעמען פון זייער אינערלעכקייט אין לעבן אַריין. שוין דער בלויזער פאַקט, וואָס מען שטרעבט צו עפּעס, באַווייזט, אַז דאָס צו וועלכעס מען שטרעבט, איז אָנגעצייכנט אין אונדז. צו אַזעלכעס וואָס איז אונדז אַבסאָלוט אומבאַקאַנט, צו דעם קאָנען מיר נישט שטרעבן, ווייל מיר ווייסן דאָך אפילו נישט וואָס דאָס איז.

עס קאָן נישט זיין קיין רייד דערפון, אַז דער מענטש אין זיך, וועזנטלעך, זאָל ווערן אַנדערש ווי ער איז — בעסער אָדער ערגער. די מענטשן אַזוי ווי זיי זיינען, אַזוי וועלן זיי שוין בלייבן ווער ווייס ווי לאַנג. דאָס וועגן וואָס עס קאָן יאָ זיין אַ רייד, איז וועגן אַרויסברענגען פאַרשידענע זייטן פון מענטשנס זיין. אויב ביים מענטשן קאָן זיין אַ רייד פון זיין אַזוי אַנדערש, מיינט עס נישט, אַז עס קאָן פאַר יעדעס מאָל ווערן אַ אין תוך נייער מענטש, נאָר עס מיינט, אַז דער מענטש קאָן זיין אַ לויט איין סאָרט פון זיין ז י י ן, אַ לויט אַן אַנדער סאָרט. אויב ביים מענטשן איז געמאָלט צו ריידן וועגן אַן „אַנטלויפן פון זיך אַליין", איז עס נאָר דערפאַר, וואָס דאָס מיינט אַנטלויפן פון איין זיך אַליין און לויפן צו אַ צווייטן זיך אַליין. אויב דער מענטש קאָן זיין אַ גוט, אַ שלעכט, מיינט דאָס נישט, אַז ער קאָן זיין אַ נאַטירלעך, אַ אומנאַטירלעך, נאָר עס מיינט, אַז ער קאָן זיין אַ לויט איין סאָרט נאַטור זיינער, אַ לויט אַ צווייטן. איןביידע פאַלן איז ער גלייך נאַטירלעך.

גייסט קאָן מען נישט מאַכן; גייסט מוז זיין. פונקט ווי מ'קאָן נישט באַשאַפן קיין נייע מאַטעריע, אַזוי קאָן מען אויך נישט באַשאַפן קיין נייעם גייסט. מאַטעריע, ווי גייסט, זיינען באַשאַפן אין דער נאַטור. בדי אַ פּראָצעס פון גייסט־יצירה זאָל אָנהויבן פאָרקומען, איז, אין בעסטן פאַל, נייטיק טויזנטער דורות לעבן. מען האָט דעם דאָזיקן מאָמענט לחלוטין נישט באַגריפן. מען האָט געזוען זיך בייטן דעם מענטשן ווי די בילדער אין פילם. ריידן וועגן אַ נייער פּסיכיק, איז פונקט דאָס זעלבע, וואָס ריידן וועגן אַ נייער פיזיק. מען האָט פאַרמישט דעם פענאָמען פון ו ו ע ר ן

מיטן פענאָמען פון אַ ר ו י ס ב ר ע נ ג ע ן ד אָ ס א י נ ע ר ל ע כ ע. מען האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז דאָס וואָס ביים מענטשן איז מעגלעך צו ריידן וועגן פּסיכאָלאָגישע ענדערונגען, איז עס נאָר דערפאַר, וואָס דעם מענטשנס פּסיכיק איז אַ פילהייטלעכע און פאַרשידנאַרטיקע, און די אַלע־מאָליקע פּסיכישע ענדערונגען מיינען נישט, אַז עס ווערט יעדעס מאָל אַ נייע פּסיכיק, נאָר מיינען, אַז יעדעס מאָל ווערט אַרויסגעבראַכט אַן אַנ־דער קאָמפּלעקס פּסיכישע אייגנשאַפטן, וואָס אין דער פּאָטענץ זיינען זיי שוין לאַנג פאַראַן אין מענטשן, אָדער, מיט אַנדערע ווערטער: עס קומט פאָר אַ פּסיכישע איבערפאָרמירונג.

ווען מען לעבט אַ צייט לאַנג אונטער געוויסע אומשטענדן, וואָס רייצן בסדר און כסדר איינע און די זעלבע פּסיכישע פּאָטענצן, ווערן מיט דער צייט די דאָזיקע פּאָטענצן פאַרווירקלעכטע אייגנשאַפטן אין כאַראַק־טער. דאָס איז דער שליסל צו דער פּסיכאָלאָגיע פון פעלקער, קלאַסן, פּראָפעסיעס און בכלל סאָציאַלע גרופּן.

יעדע סאָציאַלע געמיינשאַפט האָט זיך איר אייגענע פּסיכאָלאָגיע. מיינט עס דען, אַז יעדע געמיינשאַפט באַשטייט פון אַ פּאַר־שידענעם טיפּ מענטש ווי די צווייטע? אַז די דענק־ און געפיל־קאַפּאַצי־טעט, אָדער דער דענק־ און געפיל־אופן פון יעדער געמיינשאַפט איז, אין תוך, פאַרשידן פון דער צווייטער? זיכער, אַז נישט. דער פּסיכאָלאָגישער אונטערשייד צווישן סאָציאַלע געמיינשאַפטן באַשטייט אין דעם, וואָס ביי יעדער פון זיי ווערט, אַדאַנק די באַזונדערע אומשטענדן, אונטער וועלכע זיי לעבן, אַרויסגעבראַכט אַן אַנדער קאָמפּלעקס אייגנשאַפטן, וואָס איז צוגעפּאַסט צום לעבן וואָס זיי פירן.

מיר האָבן אין דער געשיכטע געזען זיך ענדערן לעבנס־שטייגערן אין ערטער און צייטן; מיר האָבן געזען קולטורן אויפקומען און אונטערגיין; מיר האָבן געהערט די פאַרשידנסטע טערמינען אויף צו באַצייכענען די מענטשלעכע ענינים. און דאָך, אַז מ'קוקט זיך צו נענטער, מ'קוקט אַריין אינעווייניק, דערזעט מען, אַז מיט אַן אמת איז אַלץ געבליבן דאָס זעלבע. קיין זאַך האָט זיך אין תוך נישט געענדערט; געענדערט האָט זיך נישט מער ווי דער לבוש, די שאָלעכץ פון אויבן.

II

דער מענטש האָט אַ באַשטימטן אופן פון זיין, סיי פיזיש און סיי פּסיכיש. פּונקט ווי עס איז אוממעגלעך אונטערצואוואַרפן דעם מענטשנס פיזיק אונטער אומבאַשטימטער עלאַסטיציטעט און פאַרענדערונגס־מעגלעכ־קייטן, אַזוי איז דאָס אויך אוממעגלעך צו טאָן מיטן מענטשנס גייסט.

פונקט ווי דעם מענטנש פיזיק האט זיך אנטוויקלט און אויסקריסטאליזירט דורך מיליאנען לעבנס, וואס ער האט דורכגעמאכט, ביז ער איז ענדלעך געווארן דאס וואס ער איז, אזוי איז דאס אויך מיטן מענטשנס גייסט. פונקט ווי יעדער מין פירט זיך זיין אייגנארטיק לעבן אין אנקלאנג צו זיין טבע, אזוי טוט דאס אויך דער מענטש. וואלט געווען שייך אין דער וועלט פון בעלי־חיים צו ריידן וועגן אפטרעטן פון דער אייגענער טבע ביי א געוויסן מין, בכדי אנהויבן צו לעבן אן אנדער סארט לעבן, ווי דאס וואס איז אים געאייגנט; ווי דאס וואס איז ביי אים געווארן צו בלוט און צו גייסט? ניין! טא פארוואס איז דא יא שייך צו ריידן ביים מענטשן?

דער מענטש איז ווי די חיה אין פעלד. פונקט ווי זי האנדלט ספאנ־טאן, לויט איר טבע, אזוי טוט און האנדלט אויך דער מענטש.

די נאטור איז איבערפולט מיט אן אומענדלעכער צאל באשעפענישן, וואס יעדע לעבט אן אייגנארטיקן און אפגעזונדערטן סארט לעבן. יעדער מין באשעפעניש איז פארשידן פונעם צווייטן און דערפילט אויף אן אייגנ־ארטיקן אופן זיין לעבנס־פונקציע. ווער זאגט זיי אונטער אזוי צו טון? וואס פארא שכל באפעלט זיי צו גיין אין זייער אייגנארטיקן לעבנס־וועג? קיין שכל נישט. זיי טראגן זייער „שכל" אויסגעקריצט אין זייער זיין. זייער וועזנטלעכקייט איז פארשידנארטיק אויסגעפורעמט געווארן אויפן לאנגן לעבנס־וועג, וואס זיי האבן דורכגעמאכט; אזוי איז זייער פיזיק און אזוי איז זייער פסיכיק געווארן. זייער ספעציפיזירטער ווילן איז פאראן אין זייער ספעציפיזירטער מאטעריאליטעט, און זייערע מעשים זיינען נישט קיין אנדער זאך, ווי גאר אויסדרוק פון דער דאזיקער ספע־ציפיזירטער קראפט אין זיי.

דאס וואס האט געפירט צום געדאנק, אז דער מענטש קאן האנדלען אי אזוי, אי אנדערש, האט זיין מקור אין דער סתירותדיקייט פון מענטשנס נאטור. ווען דעם מענטשנס נאטור וואלט געווען אזוי איינהייטלעך, ווי דאס איז די נאטור פון יעדן מין, וואלט געווען אומדענקבאר צו ריידן ביי אים וועגן א לעבן, וואס איז קעגן זיין נאטור. דאס וואלט געמיינט אים פארלייקענען; דאס וואלט געמיינט, אז ער *קאן זיין* דאס וואס ער *איז נישט*, און קאן *נישט זיין* דאס וואס ער *איז יא*.

דער מענטש לעבט אזוי ווי ער איז. ער איז א צוזאמענשטעל פון בלינדע פסיכישע כוחות, וואס פירן אן מיט אים. די פסיכישע כוחות דאס זיינען ער. ער איז נישט פריי צו טאן וואס ער וויל, נאר ער מוז שטענדיק טאן דאס, וואס זיי, די בלינדע כוחות אין אים, הייסן. מען מיינט, אז דער מענטש לעבט מיט שכל. דאס איז נישט ריכטיק. דאס

האָס ברענגט דעם מענטשן צו טאָט און באַשטימט זיין ווירקלעך לעבן, זיינען די וועזנטלעכע כוחות, וועלכע שטראָמען אַרויס פון אים.

יעדער לעבט און שמידט אויס זיין ווירקלעכקייט, אַזוי ווי ער איז. און זיין זיינען מיר, אַזוי ווי מיר זיינען, און נישט אַזוי ווי מיר טראַכטן זיך אויס. פונקט ווי אַלץ אין דער נאַטור, כאָטש עס איז געוואָרן, איז פונדעסטוועגן דאָס וואָס עס איז און אַזוי ווי עס איז, אַזוי איז אויך דער מענטש. אונדזערע טעטיקייטן ווערן געטון אַזוי ספּאָנטאַן און סטיכיש, פונקט ווי ספּאָנטאַן און סטיכיש דער בוים שפּרייט אויס זיינע וואָרצלען און צעוויקלט זיינע קנאָספּן, און ווי די חיה לעבט איר לעבן. מיר ווערן געטראָגן פון אונדזער געפילן ווי שפּענדלעך אויף שטורמישע ים־כוואַליעס. מיר טוען זאַכן, ווייל אַן אינערלעכע קראַפט שטויסט זיי אונדז צו טאָן. אויב אונדזער לעבן איז פול מיט סתירות, איז עס דערפאַר, וואָס אין אונדז פליסן קעגנזעצלעכע פסיכישע שטראָמען. איין שטראָם גייט אַהין, מאַכט ער אונדז אַזוי האַנדלען; אַן אַנדער שטראָם פליסט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, מאַכט ער אונדז האַנדלען פאַרקערט. דעם מענטשנס האַרץ איז אַ תהום, אין וועלכן עס ווירבלען די פאַרשידנסטע קרעפטן, וועלכע שלאָגן זיך איבער איינער דעם אַנדערן און קומען אין צוזאַמענשטויס. אונדזער זיין איז איראַציאָנעל. אַ מיליאָנען־יאָריקע שווערע און מיפולע עקזיסטענץ, איז אין אונדז אָפּגעזעצט. זי איז געוואָרן אין אונדז צו בלוט און צו נערוו און צו גייסט. אונדזער נאַטור איז אַזוי קאָמפּליצירט, ווי קאָמפּליצירט עס זיינען געווען די לאַנגע, אומגעהויער לאַנגע, וועגן פון לעבן, אויף וועלכע מיר זיינען געגאַנגען, פון אונדזער אורשפּרונג ביז איצט. אונדזער נאַטור איז אַזוי קאָמפּליצירט ווי די קאָמפּליצירטסטע אינסטינקטן אין דער חיות־וועלט. אומזיסט זוכט מען אינעם מענטשלעכן לעבן לאָגיק און קאָנסעקווענץ. מיר זיינען נישט געמאַכט לויט קיין לאָגיק און לויט קיין איינהייטלעכע רעגלען. אונזער נאַטור איז אויסגעשמידט געוואָרן פון אַ לאַנגן פיינפולן און האַרמאָניעלאָזן לעבן, פול מיט ווידערשפּרוכן און אומבייטן, און דאָס אַלץ האָט אַרויפגעלייגט אויף איר אַ חותם.

אונדזער שכל איז נישט קיין ריוואַל אונדזער ווילן. ווען ווילן האָט דאָס וואָרט, בלייבט שכל שווייגן. שכל האָט דאַן דאָס וואָרט, ווען ווילן גיט זיין הסכמה, אָדער, וווּיניקסטנס, נעגירט נישט דעם שכל. צומערשטן ז י י נ ע ן מיר און נאָכדעם ד ע נ ק ע ן מיר. אונדזערע געפילן קומען אַרויס פון אונדז ספּאָנטאַן. שכל קאָן קיין געפילן נישט באַשאַפן, און שכל קאָן קיין געפילן נישט אָפּשאַפן. די פונקציע פון שכל איז אונדז צו פאַרהיטן פון געפאַרן און שאָדנס, וואָס עס קאָן אונדז נאָכדעם אויסקו־

מען צו ליידן. דער קלוגער איז פאַרויסזעענדיק און שטאַרק; דער נאַר — קורצזיכטיק און שוואַך.

דער מענטש, פונקט ווי אַלע וועזנס, איז אַ בלינדער נאַטור־אינסטרו־מענט, וואָס מוז דערפילן די יעניקע אַלע פונקציעס, וואָס זיינען פאַרוואָרצלט אין זיין פסיכאָמאַטעריע, אין זיין מאַרך און נערוו.

יעדער פאַרשטייט אַזוי ווי ער איז געמאַכט צו פאַרשטיין. יעדער דענקט אַזוי ווי ער וויל דענקען. אומזיסט רעדט מען וועגן אָביעקטיוון געדאַנק. קיינער קאָן נישט זיין אָביעקטיוו, ווייל זיין אָביעקטיוו וואָלט געמיינט פאַרלאָזן זיך אַליין. אַזוי ווי קיינער קאָן נישט אַרויסקריכן פון זיך אַליין, אַזוי קאָן קיינער נישט דענקען אומאָפּהענגיק פון זיך. דאָס שיינבאַרע אָביעקטיווע דענקען, איז נישט מער ווי אַ פעלונג פון געהערי־קער אינטראָספּעקציע און זעלבסטאַנאַליז. וואָלט יעדער זיך גוט דערקענט, וואָלט ער איינגעזען די אוממעגלעכקייט פון אָביעקטיוון דענקען. ס'איז אמת, אַז אָפּטמאָל איז שווער אויסצוגעפינען דעם צוזאַמענהאַנג צווישן ווילן און געדאַנק. אַזאַ צוזאַמענהאַנג איז אָבער שטענדיק פאַראַן. וואָס שווערער צו דערקלערן, ד. ה. וואָס טיפער, אַלץ גרעסער איז די השפּעה פון ערשטן אויפן צווייטן. פרייער ווילן איז אוממעגלעך. פרייער ווילן וואָלט געמיינט, אַז דער מענטש קאָן זיין פונקט דער קעגנזאַץ פון דעם וואָס ער איז, ד. ה., ער קאָן נישט־זיין און זיין גלייכצייטיק, ד. ה., אַז ער איז אינגאַנצן נישטאָ. ווייל וואָלט ער יאָ געווען, וואָלט ער דאָך גע־מוזט זיין דאָס וואָס ער איז און נישט דער קעגנזאַץ פון זיך.

III

די ענדערונגען וואָס קומען פאָר מיטן מענטשן אין אָרט און צייט, זיינען נישט קיין אַבסאָלוטע. דאָס הייסט: עס קומען נישט אויף אין אים קיין נייע פּאָטענצן, ער קריגט נישט־צו קיין נייע פסיכישע מעגלעכקייטן. ענדערונגען אין אָרט און צייט מיינט: ר ע אַ ל י ז אַ צ י ע ס פ ו ן פּ אָ ט ע נ צ ן, וואָס זיינען פון פריער געווען אין אים, און וועלכע ווערן, אונטערן דרוק פון סביבה און לעבנס־באַדינגונגען, אַרויסגעבראַכט. איין זאַך איז ז י י ן, און אַ צווייטע זאַך איז זיך א ו י ס ד ר י ק ן. דאָס ו ו ע ר ן איז אַ ק ר ע אַ ט י ו ו ע ר פּענאָמען, און די פ אַ ר ו י ר ק־ל ע כ ו נ ג פון דעם וואָס איז שוין פאַראַן, איז אַ ד ע ר צ י ע ר י ש ע ר פענאָמען. מאַכן זאַכן פון דאָס ניי, באַשאַפן עפּעס וואָס איז נאָך לחלוטין נישט פאַראַן, דאָס געהער צו די „געטער". סביבה און לעבנס־באַדינגונ־גען — אין סאָציאַל־היסטאָרישן מאַסשטאַב גערעדט — קאָנען גאָרנישט באַשאַפן פון דאָס ניי אַזעלכעס, וואָס איז נישט פאַראַן. זיי קאָנען יאָ:

רעאַליזירן, אַרויסברענגען, איינמאָל, און מאָדיפיצירן, געשטאַלטן, צום צווייטן מאָל.

אין אַזאַ פּראָפּאָרציע ווי עס איז פאַראַן אָדער עס פעלט אינערלעכע קאַפּאַציטעט, אין אַזאַ פּראָפּאָרציע פאַרלירט אָדער געווינט סביבה אין איר ווירקונגס־כוח. אויב אין איין און דער זעלבער סביבה און אונטער איינע און די זעלבע אומשטענדן זיינען פאַראַן מענטשן מיט די פאַר־שידנסטע כאַראַקטער־איינגנשאַפטן, איז עס אַ באַוויז, אַז נישט קוקנדיק אויף דער איינהייטלעכער ווירקונג פון סביבה, שטייגט דאָך איבער דאָס אינדיווידועל־מיטגעבוירענע, וועלכעס סביבה קאָן נישט גובר זיין. סביבה און אינדיווידואַליטעט, ווען זייער ווירקונג איז נישט קיין צוזאַמענפאַלנ־דיקע, דיסקאַנצירן זיך קעגנזייטיק. אויף וויפיל עס איז פאַראַן מיטגע־בוירענע אינדיווידועלע קראַפט, אויף אַזוי פיל פאַרלירט סביבה פון איר ווירקונג, ווען די ווירקונג איז אַ קעגנזעצלעכע צו דער אינדיווידועלער קראַפט, און געווינט אויף אַזוי פיל, ווען די ווירקונג איז אין אַנקלאַנג צו דער אינדיווידועלער קראַפט. אויף וויפיל, ווייטער, עס פעלט מיט־געבוירענע אינדיווידועלע קראַפט, אויף אַזויפיל קאָן סביבה ווירקן אין דער הינזיכט פון קולטיווירן און אַרויסברענגען די אַנוועזנדיקע מעגלעכקייטן. אויב ס'איז גאָר קיין מעגלעכקייט נישט פאַראַן, בלייבט דערציונג און סביבה פּרוכבלאַז.

דערציונג מיינט: רעאַליזירן פּאָטענציאַליטעט; צופּאַסונג צו אומ־שטענדן מיינט: אויסקשטעלן אַ געוויסע זייט פון כאַראַקטער אונטער דער ווירקונג פון לעבן און לאָזן די דאָזיקע זייט זיך פאַנאַנדערוויקלען. די פאַנאַנדערוויקלונג גייט אָבער שטענדיק נאָר אויף אַזוי ווייט, אויף וויפיל עס איז פאַראַן אינערלעכע מעגלעכקייט דערפאַר. ענדיקט זיך די מעג־לעכקייט, הערט אויף די ווירקונג פון לעבן. פאַרשידענע דערציונג און פאַר־שידענע סביבה קאָנצענטרירן זייער איינפלוס אויף פאַרשידענע טיילן פון אונדזער נשמה. גוטע דערציונג און גוטע סביבה באַאיינפלוסן די גוטע טיילן אונדזערע; שלעכטע דערציונג און שלעכטע סביבה באַאיינפלוסן די שלעכטע טיילן.

דאָס לעבן מאַכט נישט דעם מענטשן; דאָס לעבן קאָנסטאַטירט בלויז די פאַרשידנאַרטקייט פון מענטשן; דאָס לעבן דערוויזט, אַז דער מענטש־לעכער זיין איז פילזייטיק.

אויף דעם זעלבן אופן דאַרף מען אויך דערקלערן דעם פענאָמען פון ג ע וו א ו י נ ה יי ט. געוואוינהייט ווירקט נאָר דעמאָלט, ווען עס איז פאַראַן וו ע ז נ ט ל ע כ ע א י נ ד י פ ע ר ע נ ץ, ד. ה. ווען אין אונדז איז נישט פאַראַן קיין נעגירנדיקע פּאָטענץ צו דאָס געוואוינטע.

געוואוינהייט קאן נישט ווירקן אריינצוטאן אין אונדז א וועלכע עס איז פאטענץ. מיר קאנען זיך, למשל, צוגעוואוינען צו געוויסע מנהגים, צו א געוויסער הלבשה, צו געוויסע שפייזן, צו א געוויסן אויפפיר, דאס מיינט צו אזעלכע זאכן, וואס פון געבוירנטאג אן זיינען מיר אינדיפערענט צו זיין; עס זיינען נישט פאראן אין אונז קיין שום „מיטגעבוירענע דירעקטיוון" וועגן זיי אלע. אין אזא פאל, ווען מיר לעבן במשך פון א לענגערער צייט אויף איין באשטימטן אופן און געוואוינען זיך צו צו געוויסע זאכן, ווערן זיי פאר אונדז א באדערפעניש.

פון איינגעוואוינטע זאכן קאן מען זיך אפגעוואוינען. מען הערט זיי, אויף א צייט, אויף צו פראקטיצירן און זיי ווערן אוים באדערפעניש.

מען קאן זיך אבער נישט צוגעוואוינען צו זיין קלוג, מען קאן זיך נישט צוגעוואוינען צו האבן גוטע פעיקייטן, מען קאן זיך נישט צוגעוואוינען צו האבן א גוט הארץ א. א. וו. פונקט אזוי קאן מען זיך נישט אפגעוואוינען פון צו זיין אן עגאיסט, זיך אפגעוואוינען פון עראטישע געפילן, זיך אפגעוואוינען פון צו זיין א פחדן, זיך אפגעוואוינען פון צו זיין אן אינטריגאנט און אזוי ווייטער און ווייטער. ביי די דאזיקע אלע זאכן קאן זיין א רייד פון *באקעמפן* זיי, ד. ה. צוימען דעם אנשטויס, וואס איז פאר זיי פאראן, אבער נישט אפגעוואוינען זיך פון זיי. דאס זעלבע קאן אויך זיין א רייד פון *אנטוויקלען* קלוגשאפט, אנטוויקלען גוטע פעיקייטן, אנטוויקלען א גוט הארץ א. א. וו. דער חילוק פון געוואוינהייט און אנטוויקלונג איז דער: געוואוינהייט קאן זיין נאר דעמאלט, ווען עס איז נישט פאראן קיין באשטימטע פאטענציעלע גייסט און קראפט אין דער געגעבענער ריכטונג, נאר אינעוויניקסטע גלייכגילטיקייט און ליידיקייט; אנטוויקלונג און דערציונג, אין קעגנטייל, קאנען זיין נאר דארטן, וואו עס איז יא פאראן באשטימטע פאטענציעלע גייסט און קראפט און זיי דארפן ארויסגעבראכט ווערן.

איין און דאס זעלבע קינד וועט פסיכאלאגיש פארשידן אויסגעפורעמט ווערן, ווען דאס וועט דערצויגן ווערן אין פארשידענע סאציאלע סביבות. אין צייטן פון פרידן און זאטקייט, איז די מענטשלעכע פסיכאלאגיע אנדערש ווי אין צייטן פון קריג און הונגער. די פסיכאלאגיע פון דארפס־מענטש איז פארשידן פון דער פסיכאלאגיע פון שטאט־מענטש. יעדער קלאס האט זיין פסיכאלאגיע, יעדער שטאנד האט זיין פסיכאלאגיע, אפילו יעדער פאך האט זיין פסיכאלאגיע. איבערלויפנדיק פון איין שטאנד אין צווייטן בייט זיך די פסיכאלאגיע. קאנען מיר זאגן, אז די אלע פסיכאלאגישע ענדערונגען מיינען, אז עס ענדערט זיך דער מענטש וועזנטלעך, אז עס ווערט פאר יעדעס מאל באשאפן א נייער סארט מענטש? זיכער

נישט! און וואָס־זשע דען באַשטייען די דאָזיקע פּסיכאָלאָגישע ענדערונגען? זיי באַשטייען אין דעם, וואָס פּאַר יעדעס מאָל ווערן אַרויסגעבראַכט אַנדערע פּאָטענציעלע אייגנשאַפטן. דער מענטש, וואָס האָט אַ האַלב לעבן אָפּגעלעבט צווישן דעם פּראָלעטאַריער־שטאַנד און וועט דאָס צווייטע האַלב לעבן אָפּלעבן אין דעם בורזשואַזן שטאַנד און זיין פּסיכיק וועט זיך אַזוי אַרום ענדערן ווי פון טאָג ביז נאַכט, וועט דאָס מיינען, אַז עס זיינען דורך די פאַרשידענע סביבות אַרויסגעבראַכט געוואָרן פאַרשידענע זייטן פון זיין כאַראַקטער. די וועזנטלעכקייט וועט בלייבן די זעלבע; דער אונטערשייד וועט בלויז זיין אין דעם, וואָס פריער איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן איין סאָרט וועזנטלעכע אייגנשאַפטן און נאָכדעם זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אַן אַנדער סאָרט וועזנטלעכע אייגנשאַפטן. אַ קינד מיט גוטע פעיקייטן, ווען מען וועט דאָס לערנען, וועט דאָס אַרויסוואַקסן אַ געלערנטער מענטש; ווען מען וועט דאָס נישט לערנען, וועט דאָס בלייבן אַן אַנאַלפאַבעט. די גוטע פעיקייטן וועלן אָבער בלייבן גוטע פעיקייטן. דורך דעם וואָס די פעיקייטן וועלן נישט רעאַליזירט ווערן, וועלן זיי מיט דעם נישט אויפהערן זיין. זיין איז איין זאַך און רעאַליזירן דאָס זיין איז אַ צווייטע זאַך.

דאָס זעלבע איז ווען מיר גייען אָפּשאַצן די פּסיכאָלאָגישע ענדערונגען פון דער מענטשהייט אין היסטאָרישן מאַסשטאַב. די פּסיכאָלאָגיע פון דעם מענטשן אין אַלטערטום איז געווען פאַרשידן פון דעם מענטשן אין מיטלאַלטער; די פּסיכאָלאָגיע פונעם מענטשן אין מיטלאַלטער איז געווען פאַרשיידן פון דער פּסיכאָלאָגיע פונעם מאָדערנעם מענטשן, א. א. וו. קאָנען מיר זאָגן, אַז די דאָזיקע אַלע שיידן זיך אָפּ איינער פון אַנדערן ווי אַבסאָלוט פאַרשידענע באַשעפענישן? ניין, זיי שיידן זיך בלויז אָפּ מיט דעם, וואָס ביי זיי אַלע זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן פאַרשידענע פּאָטענציעלע אייגנשאַפטן פון זייער כאַראַקטער. בייט זיך די סביבה, בייטן זיך די אַרויסגעבראַכטע אייגנשאַפטן. די אייגנשאַפטן מוזן אָבער זיין פון אינעווייניק. דאָס וואָס ס'איז נישטאָ אין דער מעגלעכקייט, קאָן נישט אַרויסגעבראַכט ווערן אין דער ווירקלעכקייט. אין איין און דער זעלבער סביבה, וועלן פאַרשידענע מענטשן פאַרשידן רעאַליזירט ווערן. אויב סביבה וואָלט באַשטימט אין אַבסאָלוט, האָבן אַלע מענטשן, וואָס לעבן אין דער זעלבער סביבה, באַדאַרפט זיין צווישן זיך ענלעך ווי צוויי טראָפּן וואַסער. אויב אין דער זעלבער סביבה לעבן דאָך פאַרשידענע מענטשן, ווייזט דאָס, אַז יעדער נעמט אויף די ווירקונג פון סביבה לויט זיין אינדיווידועלן זיין. אַן אַנדער זיין — אַן אַנדער רעזולטאַט פון סביבה־ווירקונג.

נישט קוקנדיק אויף די פאַרשידענע פּסיכאָלאָגישע אויספורעמונגען

פון דער מענטשהייט אין פארשידענע ערטער און אין פארשידענע צייטן, איז אָבער דער מענטש, ווען ער איז אריינגעטראָטן אין זיין היסטאָרישער סטאַדיע, שוין וועזנטלעך געווען דאָס וואָס ער איז איצט. מיר מעגן זיך משער זיין, אַז ווען מיר וואָלטן גענומען אַ מענטשן פון אַלטערטום און אים דערציוגן אין אַ מאָדערנער שטאָט, וואָלט ער געווען דער זעלבער מענטש ווי אַלע מענטשן פון היינט. אַז מיר גיבן זיך חשבון אַז בסך הכל מיט עטליכע דורות צוריק האָט זיך דאָס לעבן פון די איצטיקע הויך־ציוויליזירטע פעלקער מיט גאָר ווינציק אונטערגעשיידט פון דעם לעבן פון די אַלטערטימלעכע מענטשן; אַז אונדזער ציוויליזאַציע און הויכע וויסנ־שאַפטן, מיט וועלכע מיר גרעמען זיך אַזוי איבער, זיינען אַקאָרשט געבוירן געוואָרן — פאַרשטייען מיר ערשט דעמאָלט ווי ריכטיק עס איז דער גע־דאַנק, אַז דער מענטש איז ב כ ו ח שוין געווען פון לאַנג דאָס וואָס ער איז איצט, און אַז עס האָט אים בלויז געפעלט ער זאָל זיך אַרויסווייזן, ער זאָל אַרויסקומען פון זיך אַרויס; ער זאָל ווערן ב פ ו ע ל דאָס וואָס ער איז שוין לאַנג געווען בכוח. מירן דאָך נישט זאָגן, אַז דער מענטש איז פּלוצלונג געוואָרן דאָס, וואָס ער איז פריער לחלוטין נישט געווען.

עוואָלוציע אינעם ביאָלאָגישן זינען פון וואָרט איז אין תוך פאַרשידן פון עוואָלוציע אינעם סאָציאַלן זינען פון וואָרט. אין ערשטן פאַל מיינט עס דאָס ו ו ע ר ן פ ו ן ו ו ע ז נ ט ל ע כ ק י י ט און אין צווייטן פאַל, דאַקעגן, מיינט עס, ווען וועזנטלעכקייט איז שוין פאַראַן, נאָר עס דאַרף זיך ר ע א ל י ז י ר ן.

פונקט ווי אַלע באַשעפעניש, כאָטש מיר צווייפלען קיין מינוט נישט, אַז זיי זיינען געוואָרן, פונדעסטוועגן באַטראַכטן מיר זייער איצטיקן זיין ווי אַ דעפיניטיווע זאַך און אַלס אַזעלכע באַהאַנדלען זיי זייערע באַטרעפנ־דיקע וויסנשאַפטן, אַזוי דאַרף עס אויך זיין מיטן מענטשן — כאָטש מיר צווייפלען קיין רגע נישט, אַז דער מענטש איז געוואָרן, דאָך דאַרף עס נישט זיין קיין שטער, אַז מיר זאָלן זען דעם מענטשן אין זיין „אַקטועלן" צושטאַנד, ווי אַ דעפיניטיוו וועזן, אָט ווי ער וואָלט געווען אינדיווידועל באַשאַפן פון גאָט בעת דער וועלט־שאַפונג...

עס זיינען דאָ טעאָריעס, וואָס קוקן אויפן מענטשן ווי אויף אַ כסדר זיך בייטנדיקן וועזן; טעאָריעס פאַר וועלכע עס עקזיסטירן אַזוי פיל מענטשהייטן אויף וויפיל עפּאָכעס די געשיכטע ווערט צעטיילט און אויף וויפיל לענדער און פעלקער אונדזער ערד איז צעטיילט, און אויף וויפיל קלאַסן און שטאַנדן די געזעלשאַפט טיילט זיך איין. עס איז נישט אַזוי. דער מענטש איז, אין תוך, שטענדיק דערזעלבער. סיי מיט זיין דענק־פעיקייט, סיי מיט זיין געפיל־פעיקייט, איז ער, אין דער היסטאָרישער

צייט, שטענדיק דער זעלבער. אמת אז די קאָנקרעטע אויסדרוקן פון געדאַנק און געפיל זיינען אין יעדער צייט פארשידן, די קאפאציטעט, אָבער, סיי פון דענקען און סיי פון פילן, זיינען, אין דער היסטאָרישער צייט אומעטום און שטענדיק די זעלבע. נישט די ד ע נ ק - מ ע ג ל ע כ ק י י ט און נישט די פ י ל - מ ע ג ל ע כ ק י י ט פונעם היינטיקן מענטשן זיינען פארשידן פון דעם אַנטיקן מענטשן. דער אונטערשייד איז בלויז, ווי אזוי עס דריקן זיך אוים זייערע געדאַנקען און געפילן. אזא סביבה אָדער אַן אַנדער סביבה — די געפיל- און געדאַנק-קראַפט איז אומעטום די זעלבע. דאָס וואָס עס ענדערט זיך, איז בלויז, אַז די געפיל- און געדאַנק-קראַפט זאָלן אזוי אָדער אַנדערש פאָרמירט ווערן.

מען האָט געזען אין דער געשיכטע ענדערונג און באַוועגונג. געוועזן איז עס, מיט אַן אמת, באַוועגונג און ענדערונג פון קולטור- און גייסט-פאָרמען, און געזאָגט האָט מען, אַז דאָס באַוועגן און ענדערן זיך קולטור- און גייסט-אינהאַלטן. מען האָט פאַרמישט צייטלעך-אָרטלעכע אידייען, מיט דענקערישער קאַפּאַציטעט; מען האָט פאַרמישט צייטלעך-אָרטלעכע געפיל-קאָנקרעטיזאַציעס, מיט געפיל-קראַפט. דאָס איז אַ טעות. געדאַנק-פאָרמען און דענקערישע קאַפּאַציטעט, געפיל-פאָרמען און געפיל-קאַפּאַציטעט, דאָס זיינען צוויי אַבסאָלוט און אין תוך פאַרשידענע זאַכן. די ערשטע, געדאַנק- און געפיל-פאָרמען, זיינען פּראָדוקטן פון צייט, אָרט און דערציונג, און האַלטן זיך אין איין ענדערן; די צווייטע, אינקעגנטייל, די דענק- און געפיל-קאַפּאַציטעט, זיינען ביאָלאָגישע דערשיינונגען, און זיינען, אין דער היסטאָרישער צייט, שטענדיק די זעלבע. סיי אַלס דענקער, סיי אַלס מאָראַליש וועזן, איז דער מענטש אינעם באַגינען פון דער געשיכטלעכער צייט געווען דאָס, וואָס ער איז היינט צו טאָג. עס האָבן זיך בלויז געענדערט די פאָרמען פון געדאַנק און די פאָרמען פון דער מאָראַל. דער תוך זייערער איז געבליבן דער זעלבער.

דער פּראָגרעס פון דער מענטשהייט אין דער געשיכטלעכער צייט דריקט זיך אוים בלויז אין דער איבערגעשטאַלטונג פון קולטורן און אין דער איבערגעשטאַלטונג פון דעם מענטשנס גייסט. די זעלבע מאָראַלישע און עגאָאיסטישע געפילן, וואָס האָבן זיך אין איין צייט אויסגעדריקט אין איין סאָרט שטייגערן, האָבן זיך אין אַן אַנדער צייט אויסגעדריקט אין אַן אַנדער סאָרט שטייגערן. די געפילן אַנפאַרזיך, זיינען שטענדיק די זעלבע. די מאָראַל-פאָרמען, זיינען פאַרענדערלעך; די מאָראַל-אינהאַלטן, די מאָראַלע פילעוודיקייט — נישט.

דער געביט, אויף וועלכן דער מאָדערנער מענטש האָט יאָ פּראָגרעסירט און ער שטייט אומפאַרגלייכלעך העכער פאַר דעם אַלטן מענטשן,

איז דער געביט פון ו ו י ס ן. דער מענטשלעכער וויסן שטייט היינט אויף א זייער הויכער מדרגה לגבי דעם וויסן פון פארצייטן. דער מענטש גייט היינט צו באטראכטן די וועלט און זיך אליין מיט א פיל קלארעדן בליק ווי דער פריערדיקער. ער האט אין זיין באזיץ א רייע אויסגעפרואווטע און פעסטגעשטעלטע וויסנשאפטן, וואס ער האט זיך דערארבערט נאך א לאנגן זוכן און פארשן און וואס זיי האבן בעיקר גורם געווען די אנטשטייונג פון דער מאדערנער וועלט און מאדערנעם מענטשן.

IV

אויף דער אויסבילדונג פון די סאציאלע אינסטיטוציעס ווירקט די אוממיטלבארע טבע פונעם מענטשן. אויף זייער דינאמיק ווירקט זיין דענקערישקייט. אין דער מענטשלעכער נאטור דארף מען זוכן די באשטימונג פון די געזעלשאפטלעכע שטייגערן. זי, די מענטשלעכע נאטור, איז דער פאקטאר, וואס ווירקט אויף דער איינשטעלונג פון די געזעלשאפטלעכע פארמען. כדי צו פארשטיין די געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס, איז נויטיק צו דערקענען די מענטשלעכע טבע ווי זי איז. פארשטייענדיק איר, וועט פון זיך אליין קלאר ווערן דער מהות פון אלע סאציאלע איינשטעלונגען. מענטשלעכע געשיכטע האט נישט קיין אנדער טייטש, ווי נאר: טבע פון מין מענטש געוועבט אויף דער קאנווע פון סביבה און אומגעבונג. די מענטשלעכע געשיכטע איז אזוי געשטייגערט געווארן, ווי עס איז געווען די מענטשלעכע נאטור. די געזעלשאפטלעכע שטייגערן זיינען נישט מער ווי קאנקרעטיזאציעס פון מענטשנס נאטור צוגעפאסט צו תנאים פון ארט און צייט.

אויף דער פארענדערלעכקייט פון די געזעלשאפטלעכע שטייגערן, ווירקט דעם מענטשס געדאנק. קענענדיק דענקען, טראכט דער מענטש אויס מיטלען ווי אזוי צו באפרידיקן זיינע באדערפענישן. באדערפענישן האט דער מענטש פיזישע און פסיכישע. פונקט ווי די פיזישע באדערפענישן צווינגען דעם מענטשן זיך צו פארטראכטן, באאבאכטן, פרואוון און מאכן טעכנישע דערפינדונגען, אזוי צווינגען אים זיינע פסיכישע באדערפענישן זיך צו פארטראכטן, באאבאכטן, פרואווען און מאכן גייסטיקע דערפינדונגען.

יעדער סאציאלער פראגרעס וואקסט ארויס פון דער אינטעלעקטועלער קראפט. די אינטעלעקטועלע קראפט רעפרעזענטירט דורך די גרויסע אינטעלעקטועלע יחידים, וואס ווערן געבוירן, הויבט אין א געוויסער צייט אן צו קומען אין קאנפליקט מיט די הערשנדיקע געדאנק-פארמען פון

זייער צייט. זי, די אינטעלעקטועלע קראַפט, הויבט זיך אָן באַפרייען פון די פענטעס, מיט וועלכע דערציונג און סביבה האָבן איר געבונדן, און הויבט אָן שטראָמען אויף פאָרויס, אַרויסברענגענדיק נייע אידייען און דערפינדונגען, וועלכע פאַרוואַנדלען זיך נאָכדעם אין העכערער סאָציאַלער קולטור און ווירקן צוריק אויף איבערצוגעשטאַלטיקן די מענטשלעכע געדאַנקען און געפילן אין אָנקלאַנג צו דער נייער סאָציאַלער ווירקלעכקייט.

אויב די מענטשלעכע געזעלשאַפט אנטוויקלט זיך, דאָס הייסט זי גייט איבער פון נידעריקערע קולטור־פאָרמען צו העכערע, מוז דאָך זיין א מאָמענט, ווען די זוימען פון די „מאָרגנדיקע" העכערע קולטור־פאָרמען הויבן אָן נעגירן די „היינטיקע" נידעריקערע. ווען עס וואָלט געווען אמת אַז די סאָציאַלע סביבה באַשטימט אבסאָלוט דעם מענטשנס זיין, אזוי גוט זיין געפיל ווי זיין געדאַנק, וואָלט קיינמאָל נישט געקענט קומען דערצו, אַז די מענטשהייט זאָל מאַכן א טראָט פאָרויס. אַלץ וואָלט באַדאַרפט בלייבן איינגעשלאָסן אינעם אומדורכדרינגלעכן קרייז פון א באַשטימטער סאָציאַלער ווירקלעכקייט, וועלכע באַשטימט אַלץ און דערביי וואָלט עס באַדאַרפט בלייבן. אויב מיר זעען נייע סאָציאַלע פאָרמען כאָטש שטענדיק זיינען פאַראַן אַלטע, מוז עס הייסן, אַז די אַלטע סאָציאַלע פאָרמען באַשטימען נישט אינגאַנצן דעם מענטשן, נאָר שטענדיק איז פאַראַן א מעגלעכקייט פאָר גיין פאָרויס. די דאָזיקע מעגלעכקייט איז דער שאַפנדיקער אינטעלעקט, וועלכער ברענגט אַרויס קולטור־נייקייטן און נעגירט די אַלטע קולטור־פאָרמען.

ווען די אַרויסגעבראַכטע נייקייטן פונעם שאַפנדיקן אינטעלעקט, קריגן די סאַנקציע פון די באַדערפעונישן און זיי גייען איבער אין לעבן, הויבן זיי אָן ווערן נייע לעבנס־ווירקלעכקייט. די דאָזיקע נייע ווירקלעכקייט הויבט אָן צו ווירקן אויף דער פסיכישער איבערבאַשטימונג פון דער מענטשהייט.

דער כוח, וואָס קאָנטראָלירט די נייקייטן פונעם אינטעלעקט, זיי יאָ אָדער נישט אַריינצולאָזן אין לעבן און מאַכן פון זיי ווירקלעכקייט, זיינען די פיזישע און גייסטיקע באַדערפעונישן פון דער מענטשהייט. נייע אינטעלעקטועלע אַרויסברענגונגען, וואָס זיינען ווידערשפּרעכנד צו די באַדערפעונישן — פיזישע און גייסטיקע — פון די מענטשן, ווערן צוריקגעוויזן און נעמען זיך נישט אָן אין לעבן. אויך ווירקן טראַדיציע און געוואוינהייט נישט צו דערלאָזן, אַז נייקייטן זאָלן אַריינקומען אין לעבן. געוואוינהייט ווערט נאַטור; טראַדיציע איז דער גרעסטער שונא פון פּראָגרעס. דאָך, ווען א נייע אַרויסברענגונג באַט־אָן א גרויסן נוצן כלפּי אַן אַלטן לעבנס־שטייגער, וועט דאָס נייע סוף כל סוף אַרויסשטויסן דאָס

אַלטע און עס וועט אַריינדרינגען אינעם לעבן און ווערן נייער לעבנס־שטייגער און נייעווירקלעכקייט, וואָס דאָס, די נייע ווירקלעכקייט, וועט צוריקווירקן איבערפאָרמירנדיק אויף דער פּסיכאָלאָגישער איינגשטעלט־קייט פון די מענטשן אין אָנקלאַנג צו דעם נייעם לעבנס־אופן.

וואָס טוט דער אינטעלעקט ווען ער ברענגט אַרויס נייקייטן? — ער דערפאָרט. דער שאַפנדיקער מענטש זוכט, פאָרשט, עקספּערימענטירט און געפינט אויס נייקייטן. די אַלע וויסנשאַפטן און קענטענישן, וואָס דער מענטש באַזיצט, זיינען נישט מער ווי אויפגעזאַמלטע דערפאַרונג. פּראָ־גרעס און פאָרשריט אין דער געשיכטע, איז נישט מער ווי אַלץ נייע און נייע דערפאַרונגען. פּראָגרעס און פאָרשריט מיינען נישט, אַז די דענ־קערישע קאַפּאַציטעט פונעם מענטשן שטייגט פאַר יעדעם מאָל העכער, נאָר פּראָגרעס און פאָרשריט מיינען, אַז דער מענטש ווערט־געוואָר, דער מענטש דערפאָרט.

אַט איז אין איין געשיכטלעכן אויגנבליק אויסגעוואַקסן אַזאַ הויכער וויסן און אַזאַ הויכע ציוויליזאַציע. ווער וועט זאָגן, אַז דער מענטש איז מיט איינמאָל געוואָרן אַזאַ גרויסער דענקער? מיר זאָגן יאָ, אַז אין זיך איז דער מענטש שוין גאָר לאַנג געווען אַזאַ גרויסער דענקער ווי ער האָט זיך דאָס לעצטנס אַרויסגעוויזן. נישט מער, דער מענטש אַלס דענקער איז געווען אינערט. לעצטנס האָט דער דענקער דערוואַכט און האָט אָנגעהויבן צו ווייזן וואָס ער קען.

דאָס וואָס טיילט אָפּ דעם מאָדערנעם מענטשן פון דעם פּאַרציייטיקן, איז בלויז דער העכערער גראַד וויסן. דער היינטיקער מענטש האָט מער וויסן ווי דער פריערדיקער, און אָט אין דעם דאָזיקן וויסן דריקט זיך אויס דער גאַנצער קולטור־פּראָגרעס פון דער געשיכטע. סאָציאַלע עוואָ־לוציע באַשטייט אויסשליסלעך אין אינטעלעקטועלער עקספּעריענץ. דער מענטש האָט געפּרוווט, געפאָרשט, געזוכט, נאָכגעדענקט און ער האָט זיך איינגעשאַפט וויסן. ער האָט פאַרפאַסט וויסנשאַפטן, ער האָט גע־מאַכט דערפינדונגען, ער האָט אַרויסגעבראַכט אַ טעכנישע ציוויליזאַציע און זיין לעבן האָט פּראָגרעסירט און זיך אַנטוויקלט. די זעלבע טעכנישע ציוויליזאַציע איז דער מענטש שוין בכוח געווען צו שאַפן נאָך אין אַל־טערטום. האָט זיך אָבער אַריינגעמישט דער מיטלאַלטער און האָט גע־בונדן דעם מענטשן אַלס דענקער אויף לאַנגע יאָרהונדערטער. דער שאַפנ־דיקער אינטעלעקט איז געפאַנגען געוואָרן אין אַ נעץ פון מיסטישע חלומות און איז דאַדורך געוואָרן אימפּאָטענט. אויף יאָרהונדערטער איז געבליבן שטיין דער קולטור פּראָגרעס פון דער מענטשהייט.

עס באַקומט זיך בכן, אַז די מענטשלעכע פּסיכיק, שפּילט אַ טאָפּלטע

דאָל, אי אַלס סיבה פונעם סאָציאַלן פּראָגרעס און אי אַלס פאָלגע פון דעם סאָציאַלן פּראָגרעס. אַלס אוממיטלבאַרע קראַפט איז זי אַ שאַפונגס־פאַק־טאָר, וואָס טרייבט צו פּראָגרעס און ברענגט אַרויס נייקייטן; פון דער צווייטער זייט ווערט די פּסיכיק פאַרמירט און געשטאַלטיקט פון די נייע סאָציאַלע ווירקלעכקייטן און טראַנספאָרמירט זיך אין אַנקלאַנג צו זיי. דער מענטש מאַכט דאָס לעבן; דאָס לעבן פאָרמירט דעם מענטשן.

דער פּראָגרעס פון דער געשיכטע באַשטייט אין בלויזער איבערמאָ־דעלירונג פון איינע און די זעלבע סאָציאַל־היסטאָרישע ווערטן אין אַנ־דערע מאָדעלן. די עוואָלוציע פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט איז נישט מער ווי אַ כסדרדיקער טראַנספאָרמיזם. עס האַלט זיך אין איין בייטן דער היסטאָרישער סצענאַריום און די קאָסטיומען פון די שוישפּי־לער; דער אינהאַלט פון דער שפּיל, בלייבט שטענדיק דער זעלבער...

מען האָט אָבער די דאָזיקע צוויי פונדאַמענטאַלע מאָמענטן נישט פאַרשטאַנען אונטערצושיידן, נאָר מען האָט זיי פאַרמישט איינעם מיטן אַנדערן. מען האָט געזען אין דער געשיכטע ענדערונג און דינאַמיק; מען האָט געזען שטראָם און באַוועגונג פון קולטור. געוווּן איז עס מיט אַן אמת באַוועגונג און ענדערונג פון קולטור־פאָרמען, און געמיינט האָט מען, אַז דאָס באַוועגן און ענדערן זיך קולטור־אינהאַלטן; מען האָט געזען אַן אַנדער מאַסקע און מען האָט געמיינט אַז דאָס איז אַן אַנדער פּנים. אַלץ וואָס איז עצמדיק, תוכיק און במילא קאָנסטאַנט און סטאַטיש, דאָס אַלץ האָט מען נישט פאַרשטאַנען צו דערבליקן. מען האָט פאַרמישט צייטלעך־אָרטלעכע געדאַנקען און אידייען מיט דענקערישער קאַפּאַציטעט; מען האָט פאַרמישט צייטלעך־אָרטלעכע געפיל־קאָנקרעטיזאַציעס, מיט אוממיטלבאַרער גייסטיקייט און געפיל־קראַפט. אומעטום וואו מען האָט באַדאַרפט דערבליקן פון אינעווייניק און זען קאָנדענסיר־טע, אָפּגעזעצטע קראַפט, וואָס רעגירט און באַשטימט אין תוך, האָט מען געזען שפּיל פון אויסווייניקסטע פאָרעם־געבנדיקע אַקצידענצן.

קאפיטל 2.

דעם מענטשנס פסיכישע סיסטעם

I

די מענטשלעכע פסיכיק איז צוזאמענגעשטעלט פון צוויי טיילן: פון דעם רויען עמאָטיוון שטראָם, וואָס שיידט זיך אויס פון אונדזער וועזן און וואָס ברענגט אונדז צו טעטיקייט, און פון דער דענקערישער פעיקייט, וואָס מאַכט פון מענטשן א בעל־שכל און וואָס וואַרפט אונטער אזוי גוט די אויסערלעכע וועלט וואָס רינגלט אים ארום, ווי די אינערלעכע, וואָס קומט פון אים ארויס, אונטער די געזעצן פון פארשטאַנד.

דאָס וואָס האָט געבראַכט דערצו, אז מען זאָל אונדזערע געפילן זען ווי זעלבסטשטענדיקע פענאָמענס און נישט ווי צוזאמענזעצונגען פון רויען געפיל און געדאַנק, איז דאָס וואָס אונדזערע עמאָציעס גייען שטענדיק האַנט אין האַנט מיט זייערע סיבות, און עס מאַכט זיך זעלטן, אז מיר זאָלן זיך געפינען אין א צושטאַנד פון הוילן געפיל אָן געדאַנק. שטענדיק קליידן זיך אונדזערע געפילן אָן אין קאָנקרעטע אידייען און דעפינירן זיך. עס קומט אונדז אָן שווער אפּצוטיילן דאָס סענסיטיווע פון דאָס געדאַנקלעכע אין די געפילן און זיי זעען באַזונדער. מיר זעען שטענדיק דאָס געדאַנקלעכע און עמאָציאָנעלע אינאיינעם און דערפון נעמט זיך דער טעות, וואָס מען מאַכט בנוגע אונדזער געפיל־לעבן. מען פאַר־בינדט די דאָזיקע צוויי גאַנץ באַזונדערע מאָמענטן אין איין איינציקן און לויט דעם מאַכט מען ווייטערדיקע אויספירן. מיט אָן אמת, איז די רויע עמאָציע איין זאַך און איר אָביעקטיווע סיבה א צווייטע זאַך. די רויע שפּירונג פּראָדוצירט זיך אין אונדזער וועזן. דער באַוואוסטזיין, מיט וועלכן די רויע שפּירונג קאָמבינירט זיך, ביים פאַרוואַנדלען זיך אין א קאָנקרעטן געפיל, טאַנירט בלויז און ריכטעט דער רויער שפּירונג, האָט אָבער גישט דעם מינדסטן אַנטייל אין איר עצם דערשיינונג. די עצם

דערשיינונג פון דער רויער עמאָציע איז אַ פועל יוצא פון אונדזער אינ־טימען זיין. די ראָלע פונעם באוואוסטזיין אין אונדזער עמאָציאָנעלער פונקציע, הויבט זיך אָן דאָרט, וואו עס גייט אין באַשטימען דעם געפיל, נישט אין מאַכן אים. איין זאַך איז עמאָציאָנעלער „רוי־שטאָף", און אַ צווייטע זאַך איז אַ באַשטימטער געפיל. דאָס ערשטע איז הוילע קראַפט; דאָס צווייטע, אינקענגנטייל, שטעלט שוין מיט זיך פאַר אַ סינטעז פון רויער עמאָציע מיט קעגנשטאַנד אָדער באוואוסטזיין פון קעגנשטאַנד.

שילדערן די עמאָציעס אין זייער רויען צושטאַנד, האָט מען געקענט אויף אַזאַ אופן: אַקטיווער צושטאַנד פון עמאָציאָנעלן פלוס, און פאַסי־ווער; פּאָזיטיווער און נעגאַטיווער.

אַקטיוו רופן מיר דעמאָלט אָן אַ געפיל־צושטאַנד, ווען מיר פילן אינטענסיוו, ווען עס ווערט אויף אונדז אויסגעיבט אַ שאַרקער עמאָציאָ־נעלער דרוק: מיר רעגן זיך אויף, מיר באַגייסטערן זיך, מיר ענטוזיאַזמירן זיך. פּאַסיוו רופן מיר אָן די זעלבע געפילן ביי אַ נידעריקערן רעגיסטער פון עמאָציאָנעלן דרוק, ווען די עמאָציע צייכנט זיך נישט אויס מיט קיין אויפברויז און אינטענסיוויטעט, נאָר זי פליסט שטיל, ביי אַ נידעריקן גראַד פילן. זי קען זיך דערביי אויסצייכענען מיט איר דויערהאַפטיקייט לגבי דער אַקטיווער עמאָציע. אַקטיווע עמאָציאָנעלע צושטאַנדן האַלטן נישט לאַנג אָן. קיין וויאָלענטע קאָלערישע אויסברוכן, פּונקט ווי וויאָ־לענטע אויסברוכן פון ענטוזיאַזם, אָדער אַ וויאָלענטער אויסברוך פון פיין, קענען לאַנג נישט אָנהאַלטן. דערפאַר קענען די דאָזיקע יאָ לאַנג אָנהאַלטן ביי אַ נידעריקערן גראַד פילבאַרקייט.

פּאָזיטיוון געפיל־צושטאַנד רופן מיר אָן דעמאָלט, ווען אונדזער פילן גייט אין דער ריכטונג פון צופרידנקייט און אָנגענעמלעכקייט. נעגאַטיוון געפיל־צושטאַנד — ווען דער פילן גייט אין דער ריכטונג פון אומצופרידנ־קייט און ערגערניש.

אַזוי דעפינירנדיק אונדזערע עמאָציעס, לאָזן מיר אינגאַנצן אויס די באוואוסטזיינס־מאָמענטן, מיט וועלכע רויע שפּירעוודיקייט קאָמבינירט זיך, נאָר האַלטן בלויז אין זינען רויע געפיל־קראַפט.

אינגאַנצן אַנדערש איז ווען מען גייט־צו צו יעדער ניואַנסירונג פון אַ געפיל־מאַסע ווי צו אַ באַזונדער געפיל־פענאָמען. דעמאָלט באַטראַכט מען איינצלנע געפילן אָנפאַרזיך: פונוואַנען נעמט זיך דער און דער געפיל; ווי אַזוי זאָל מען דערקלערן די און די עמאָציע. מען זעט נישט דעם נאָכגעפאָרשטן געפיל ווי אַ טייל פון אַ גאַנצן סיסטעם, ווי אַ וואַריאירטן דעטייל פון אַ גאַנצער מאַסע — וואָס פאַרשטייענדיק אַלע אייגנשאַפטן

פון דער זעלבער, וועט מען שוין במילא אויך פארשטיין איין און איינציקן אפשפליטער — נאָר מען נעמט געפיל־טאָנירונגען און מען מאַכט זיי פאַר זעלבסטשטענדיקע געפילן. אזוי איז מען געקומען צו מאַכן פון אונדזער נאַטור נישט איין גאַנצקייט, נאָר אַ צוזאַמענזעצונג פון פאַרשידענע קליינע ברעקלעך, וואָס שטעלן איר צונויף. יעדער ברעקל האָט מען גענומען אין באַטראַכט אַנפאַרזיך, ווי אַן אבסאָלוט־אָפּגעטיילטן פון אַנדערע אַזעלכע. יעדער געפיל האָט מען גענומען באַזונדער ווי ער וואָלט גאָרנישט געהאַט די מינדסטע שייכות מיט די אַנדערע געפילן. אויב מען האָט יאָ אויסגעפונען שייכותן צווישן געפילן, האָט מען די שייכותן אָנגענומען ווי קאָרעלאַטיווע, ד"ה די פּסיכאָלאָגישע באַאָבאַכטונג האָט געוויזן, אַז געוויסע געפילן קומען צוזאַמען. פאַרוואָס דאָס איז אַזוי, דאָס האָט מען נישט דערקלערט.

די דערקלערונג פון עמאָציאָנעלער האַרמאָניע, ווי פון פיל פּסיכאָלאָגישע און במילא סאָציאַלע דערשיינונגען, וועלן מיר קריגן דעמאָלט, ווען מיר וועלן זען אונדזערע אַלע עמאָציעס ווי איין געפיל־שטראָם; מיר וועלן אויך זען די ווירקונג פונעם שכל אויף דער פאַרפיקסירונג פון די איינצל־עמאָציעס ווי אַ באַזונדערע פּסיכישע פונקציע. די דאָזיקע צוויי טיילן פון דער פּסיכיק, שטעלט מיט זיך יעדע איינע פאַר אַ באַזונדערע דערשיינונג, וואָס האָט אַנפאַרזיך לחלוטין קיין שייכות נישט מיט דער צווייטער. נישט דער שכל ווירקט אויף דער עצם פונקציע פון די עמאָציעס, און נישט, פאַרקערט, די עמאָציעס ווירקן אויף דער עצם פונקציע פונעם שכל. די דאָזיקע צוויי אַפּאַראַטן פון אונדזער פּסיכיק, פונקציאָנירן אַבסאָלוט אויטאָנאָם. זיי האָבן נאָר אויף אַזויפיל אַ שייכות אויף וויפל זייערע פונקציעס מישן זיך אויס איינעם און זיי אַרבעטן־מיט. דיביידע זיינען אָבער צוויי גאַנץ באַזונדערע זייטן פונעם מענטשנס גייסטיקן זיין, וואָס איינע איז דער אַנדערער נישט מחייב.

דער מענטש איז אַ דענקער און אַ פילער. געפיל און געדאַנק קומען צווישן זיך אין כסדרדיקן קאָנטאַקט און בילדן די באַוואוסטזיניקע מענטשלעכע פּסיכיק. דער געפיל־שטראָם, וואָס באַקומט זיך אַרויס פון אונדז, פאַרבינדט זיך מיט מאָמענטן פון שכל, און פון דער פאַרבינדונג באַקומען זיך די וואַריאירטע געפיל־דעטיילן, וואָס מיר רופן אָן איינצל־עמאָציעס.

II

צוליב דעם, וואָס אונדזערע געפילן קענען דעפינירט ווערן נאָר דורך זייערע סטימולן אָדער אָביעקטן, ריידן מיר וועגן זיי, וועגן די געפילן, נאָר דורך די זעלבע. וואָלטן מיר געוואָלט איבערגעבן אונדזערן אַ געמיט־

צושטאַנד, נישט נעמענדיק צו הילף זיין אויסערלעכע סיבה, נאָר בלויז דורך אים אַליין, וואָלטן מיר עס אבסאָלוט נישט געקענט טאָן. פאַר יעדעס מאָל וואָס מיר ווילן עמיצן איבערגעבן אונדזערע אַ איבערלעבונג, מוזן מיר עס טון נאָר דורך די קעגנשטאַנדן, מיט וועלכע די געגעבענע איבערלעבונג איז פאַרבונדן. האָבן מיר נישט קיין אויסנווייניקסטע קעגנשטאַנדן, וועלכע העלפן אונדז זיך צו פאַרקלייבן אינעווייניק, אין דער איבערלעבנדיקער פּערזאָן און דורך זיי אַרויסבאַקומען דעם סאָרט געפילן וואָס די פּערזאָן פאַרזוכט, בלייבט פאַר אונדז דאָס איבערגעלעבטע אַ סוד, אין וועלכן מיר קענען נישט אַריינדרינגען. וואָס מער מיר קענען אָנגעבן די אויסערלעכע סיבות פון געפילן, אַלץ קלאָרער קענען געפילן געשילדערט ווערן. פאַרקערט, די יעניקע געפילן, וועלכע מיר קענען נישט אָנדערן, וויבאַלד (?) ...

אר עמיצן פאר סיטואציעס, וואס זיי איבערלעבנדיק פילט מען טרויער, וועט דער צוהערער פילן טרויער; סיטואציעס וואס זיי איבערלעבנדיק פילט מען פרייד, וועט דער צו־־־־ער פילן פרייד אא"וו. נישט וויכטיק אויף וואס פארא אופן מיר גיבן [illegible]יבות פון פרייד און טרויער: צי דורך דערציילונג און שילדערונג, צי דורך מימיק און זשעסט, צי דורך קלאנג און טאן. שטענדיק מוזן מיר, ווען מיר ווילן איבערגעבן אונדזערע געפילן, זיי איבערגעבן דורך סימנים, מיט וועלכע די דאזיקע געפילן זיינען פארבונדן. אזעלכער וואס וואלט נישט באזעסן נישט קיין שפראך, נישט קיין פלאסטישע און נישט קיין מוזיקאלישע פעיקייט אונדז איבערצוגעבן זיינע געפילן, איז ווען ער זאל אפילו האבן די שטארקסטע עמאציעס און איבערלעבונגען, וואלטן זיי געבליבן א פארשלאסענע וועלט פאר אונדז, פון וועלכער מיר וואלטן זיך גארנישט געקענט דערוויסן. אויפעפענען יענעמס הארץ און אהין אריינבליקן קענען מיר נישט. כדי יא צו וויסן עמיצנס הארץ, מוז ער אונדז דאס הארץ ארויסדערלאנגען דורך די סיטואציעס און מאמענטן, מיט וועלכע די געפילן זיינען פארבונדן. מיר מוזן אריינגעפירט ווערן אינדערמיט פון סצענעס, וואס ווען מיר אליין לעבן זיי איבער, פילן מיר אזוי אדער אנדערש, ד"ה דורך די געפיל־סיבות ווערן מיר געוואר דאס וואס יענער וויל אונדז מאכן פילן.

עס איז גענוג מיט איין ווארט צו באצייכענען דעם סארט געפילן און מיר זאלן שוין וויסן. למשל: טרויעריקע געפילן. שאפט זיך ביי אונדז גלייך א באגריף, וואס פארא געפילן דאס זיינען — טרויעריקע. ווי אזוי וויסן מיר בלויז דורך דעם איינעם ווארט יענעמס געפילן? ער האט דאך פאר אונדז קיין שום סיטואציע נישט געמאלן, וואס זאל אונדז געבן באוואוסטזיין וועגן דעם געפיל וואס ער וויל אונדז איבערגעבן? איז דער ענטפער, אז דאס ווארט „טרויעריקע" האט אונטער זיך סיטואציע, וואס דערציילט וועגן דעם זעלבן געפיל. צוליב דער אפטער איבערכאזערונג פונעם דאזיקן ווארט, האט זיך מיט דער בלויזער וואקאלער עקספרעסיע פארבונדן די אידייע וועגן די געפילן וואס מען וויל איבערגעבן. זאל איינער, אזא וואס ווייסט נישט דעם באטייט פונעם דאזיקן ווארט, וועלן זיך אים דערוויסן, וועט ער מוזן ארויסרופן פאר זיך סיטואציעס, אין וועלכע מען פילט טרויער און דורך זיי קומען צום זינען פונעם דאזיקן ווארט. נאכדעם ווי ער וועט שוין האבן דעם זינען פונעם דאזיקן ווארט גוט איינגעכאזערט און אסאך צייט באנוצט, וועט דער הוילער קלאנג ביי אים ארויסרופן דעם באגריף פון טרויער, אן דעם, אז ער זאל דארפן אנקומען צו דער איבערכאזערונג פון דער גראפישער אידייע וואס ליגט רעזערווירט אינעם באוואוסטזיין וועגן דעם דאזיקן ווארט. דער הוילער ווארט־צייכן וועט גענוגן.

נעמען מיר דעם געפיל פון בושה. דאָס וואָרט בושה באַצייכנט אי־
אַ געוויסע געפיל־שפּירונג און אי איר אויסערלעכע סיבה. בושה פילן
מיר נאָר אין דער קעגנוואַרט פון פרעמדע מענטשן. ווען מיר זיינען אליין,
קענען מיר קיין בושה נישט פילן. עס הייסט, אַז די פרעמדע מענטשן
זיינען די סיבה פון אונדזער בושה־געפיל. די פילבאַרקייט גופא פון
בושה־געפיל, איז איין זאַך און איר סיבה — די פרעמדע מענטשן, וועלכע
דערוועקן די בושה — אַ צווייטע זאַך. דאָס וואָרט בושה אַנטהאַלט אין
זיך דיביידע מאָמענטן, דאָס איז אַ דעפינירטס. ווען מיר באַנוצן עס,
גיבן מיר דורך דעם אַ באַגריף וועגן אונדזער געפיל דורך איר סיבה. וועלן
ווילן מיר דאָ שילדערן אַ געוויסע שפּירונג, נאָר היות ווי מיר זיינען אומ־
באַהאָלפן איבערצוגעבן אונדזער שפּירונג דורך איר גופא, גיבן מיר זי
איבער דורך דער סיבה, וואָס איז איר גורם. די סיבה דערקלערט דאָ און
שילדערט דעם געפיל. דאָס וואָרט בושה פאַרשטייען מיר. מיר ווייסן
אַלע אונטער וואָס פאַרא אומשטענדן עס קומט בושה, במילא, ווען מיר
הערן נאָר די דאָזיקע באַצייכענונג פונעם געפיל, ווייסן מיר שוין וועגן
וואָס עס גייט. אינעם וואָרט בושה גופא איז שוין איינגעוויקלט אי דער
געפיל און אי זיין אויסערלעכע סיבה.

וואָלטן מיר נישט געוואוסט וואָס איז די אויסערלעכע סיבה פון
בושה, וואָלטן מיר נישט געקענט ווייסן, וואָס פאַרא געפיל מען וויל אונדז
איבערגעבן מיטן דאָזיקן וואָרט. כדי צו שאַפן אַ באַגריף וועגן דעם גע־
פיל וואָס מיר ווילן איבערגעבן, מוזן מיר אים געבן דורך זיין אָביעקט.
אָן דאָס לעצטע, וועט דער, וועמען מיר ווילן מיטטיילן אונדזערע עמאָ־
ציעס, קיינמאָל קיין ידיעה דערפון נישט האָבן. קאָמוניקירן זיך דורך די
סיבות פון די עמאָציעס, דאָס קאָנען מיר יאָ. מיר ווייסן, אַז אַזוי און
אַזוי פילט מען בושה, אַזוי און אַזוי פילט מען כעס, אַזוי און אַזוי פילט
מען שנאה. אַלע פילן דאָס זעלבע. פאַרשטענדיקן מיר זיך אַזוי אַרום,
דורך די דאָזיקע סיבות וועגן אונדזערע געפילן. זאָל זיך מאַכן אַ פאַל
פון אַ קאָמפּליצירט געפיל, אַזאַ וואָס איז נישט געמיינזאַם פאַר אַלע
מענטשן, נאָר איז פאַרבונדן מיט אַן אייגנאַרטיקייט און וואָס זיינע סיבות
זיינען נישט פּאָפּולער און פעסטגעשטעלט, דעמאָלט וועט מוזן אַנטשטיין
חלוקי דעות אין דער אינטערפּרעטאַציע פון דאָזיקן געפיל. דאָס מיינט,
נאַטירלעך, נישט, אַז אַזאַ אומדעפינירטער געפיל איז קיין געפיל נישט.
פאַרקערט, אָפטמאָל זיינען אַזעלכע אומקלאָרע געפילן שטאַרקער און מעכ־
טיקער ווי קלאָרע און פעסטגעשטעלטע, נאָר אַזאַ געפיל, ווי שטאַרק ער
זאָל נישט דערשיינען, איז מען אומבאַהאָלפן אים צו קאָנקרעטיזירן, דאָס
הייסט באַשטימען זיין אויסערלעכע סיבה.

דער דאָזיקער אומשטאַנד פון מוזן איבערגעבן אַנדערע אונדזערע גע־פילן דורך זייערע סיבות, האָט גורם געווען צו דער צעברעקלונג פון אונד־זער געפיל־לעבן. יעדן געפיל־שפּליטער, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַן אַנ־דער קעגנשטאַנד, נעמט מען אָן פאַר אַ זעלבסטשטענדיקן געפיל. מען זעט נישט קיין געפיל־מאַסע, נאָר מען זעט ברעקלעך פון דער דאָזיקער מאַסע, וועלכע מען נעמט אָן פאַר גאַנצקייטן; מען נעמט נישט די מענטשלעכע נאַטור אין איר אינטעגראַלן פאַרנעם, אַלס קוואַל פון אונדזער עמאָציאָ־נעלן זיין, נאָר מען נעמט ניואַנסירטע דעטיילן פון איר.

וועלן מיר איצט ווייזן, ווי אַזוי עס איז פאַראַן קעגנצושטעלן דעם אופן פון פילן קאָנקרעט און דעפינירט, דאָס הייסט, אין צוזאַמענהאַנג מיט סיבות, אַן אופן פון פילן אומקאָנקרעט און ספּאָנטאַן, אָן אויסערלעכע קעגנשטאַנדען און סיבות.

III

עס טרעפט אָפט, ווי מיר ווערן אָנגעגריפן פון אַן עמאָציאָנעלער כוואַליע, אַליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס און פונוואַנען זי האָט זיך צו אונדז דערנומען. צוליב דער געוואוינהייט שטענדיק צו וויסן דעם ציל פון אונדזערע געפילן, הויבן מיר אָן זוכן אויך דאָס מאָל דעם ציל, אָבער אָן דערפאָלג. אין אַזאַ פאַל, ווען מיר ווערן פּלוצים אָנגעגריפן פון פיל־באַרקייט, ווייסן מיר נאָר, אַז מיר זיינען אָנגעגריפן געוואָרן פון אַ שטאַרקן געפיל־כוח, אַז מיר זיינען איבערפולט מיט אַ סענסיביליטעט, פון וועלכער מיר קענען נישט לויז ווערן.

די דאָזיקע געמיט־צושטאַנדן זיינען דאָ פאַרשידענע. אַמאָל פאַלן מיר אַריין אין אַ שלעכטן געמיט־צושטאַנד, מיר ווערן שלעכט געשטימט, מיר ווערן אָנגעברוגזט אויף דער גאַנצער וועלט, מיר פילן אַ פאַרביטערט־קייט, אונדז ערגערט עפּעס, מיר פילן אין אונדז אַ טראַציקייט, אַ יאַדעניש, כאָטש קיינער האָט אונדז גאָרנישט געטאָן, מיר האָבן מיט קיינעם קיין מגע־ומשא נישט געהאַט, נאָר פון זיך אַליין האָט זיך עס דערנומען; מיר גייען אַרום אָנגעלאָדן מיט אַ ירגזן, גרייט — זאָגט מען — יעדע מינוט אויסצושיסן. אין אַזאַ צייט זיינען מיר באַזונדער געניגט צו נעגאַטיווע אָנרעגונגען. זאַכן וואָס וואָלטן אין אַ נאָרמאַלן מאָמענט קיין איינדרוק נישט געמאַכט אויף אונדז, וועלן אונדז איצט אויפרעגן ביזן לעצטן גראַד. די מינדסטע היגדערניש, די קלענסטע דערווידערונג, די מינדערוויכ־טיקסטע טראַציקייט, וועט אונדז אַריינברענגען אין כעס און מירן אויס־לאָזן דעם גאַנצן כל־חמתו צו זאַכן, וואָס מיר וואָלטן אַן אַנדערש מאָל

זיך נישט אומגעקוקט אויף זיי. אינקעגנטייל, זיינען מיר אין אזא צייט געמפ צו פאסירונגען פון א פאזיטיוון כאראקטער, צו זאכן וואס דערפרייען אונדז און מאכן צופרידן. פאסירונגען וואס וואלטן ביי א בעסערן געמיט־צושטאנד אונדז געמאכט פילן צופרידנקייט און מונטערקייט, וועלן איצט דורכגעלאזט ווערן כמעט גלייכגילטיק.

דאסגלייכן באפאלט אונדז אמאל א גוטע שטימונג, מיר פאלן אריין אין א גוטן געמיט־צושטאנד. מיר דערפילן אין אונדז א פריילעכקייט און צופרידנקייט, כאטש מיר הויבן נישט אן צו וויסן וואס איז די שמחה מיט אונדז, וואס פארא גדולה האט אונדז פלוצים געטראפן, וואס מיר זיינען מיטאמאל געווארן אזוי אויפגעלייגט, אזוי יומטובדיק געשטימט. דאך פילן מיר, אז עס איז אונדז גוט; אן אינעווייניקסטע גוטסקייט; דאס הארץ איז צופרידן און פריילעך. אין אזא מאמענט זיינען מיר גענויגט צו לוסטיקע אנרעגונגען. יעדע קלענסטע פאזיטיווע געשעעניש וועט אונדז מאכן אויפטאנצן פאר פרייד, יעדער מינדערוויכטיקער גוטער צופאל, וואס וואלט אין א נארמאלער צייט דורכגעגאנגען אן איבעריקער אויפמערקזאמקייט, וועט אונדז איצט משונה דערפרייען. יעדע פריינטלעכקייט וואס וועט אונדז איצט ארויסגעוויזן ווערן, וועט באצאלט ווערן מיט דער גרעסטער דאנקבארקייט און ליבשאפט. אינקעגנטייל וועלן מיר אין אזא מאמענט זיין טעמפ צו פאסירונגען פון א נעגאטיוון כאראקטער. מירן נישט ווערן ברויעריק און אנטמוטיקט פון זאכן, פון וועלכע מיר וואלטן ביי א געוויינלעכן געמיט־צושטאנד יא געווארן.

אזוי אויך באפאלט אונדז אמאל א בענקשאפט. מיר ווייסן נישט פון וואס און פון ווען און מיר דערפילן עפעס אזא נאגעניש אין הארצן. עס ציט אין ערגיץ, מיר שטרעבן צו עפעס, מיר רייסן זיך וואו עס איז, עס לאזט אונדז נישט רוען, און דאך ווייסן מיר נישט צו וואס און צו ווען און מיר ווייסן אויך נישט פונוואנען דאס האט זיך דערנומען, נאר עס מאטערט און מאטערט; מיר בענקען, עס בענקט זיך אין אונדז, מיר באגערן עפעס, מיר שטרעבן צו עפעס און מיר ווייסן נישט וואו דאס געפינט זיך, וואס איז דער קעגנשטאנד פון אונדזער פארלאנג. אין אזא צייט זיינען מיר גענויגט צו דערפילן זאכן וואס האבן א שייכות מיט דעם דאזיקן געמיט־צושטאנד אונדזערן. די מינדסטע דערינערונג אין א ליבן מאמענט פון דער פארגאנגענהייט, אין א ליבן געשטאלט, אין א גינסטיקער אומגעבונג, וועט גורם זיין, אז מיר זאלן אונדזער איצטיקן געמיט־צושטאנד פארבינדן אויסשליסלעך מיט דעם און מיר זאלן עס באלאדן מיט דער גאנצער מאסע געפיל, וואס מיר טראגן איצט אין אונדזער הארצן. יעדע זאך וואס איז בכוח אין א נארמאלער צייט ביי אונדז

אַרויסצורופן בענקשאַפט, וועט אין דעם מאָמענט אָן אַ שיר מאָל פאַר־גרעסערן איר קראַפט: אַ צאַרט וואָרט, אַ צאַרט געזיכט, אַ צאַרטער מוזיק־קלאַנג, אַ צאַרט נאַטור־בילד, ווי אונדז אין אַזאַ מאָמענט דערפירן ביזן לעצטן עקסטרעם פון אימפּרעסיע. אינקעגנטייל, ווען מיר אין אַזאַ מאָמענט זיין טעמפּ צו זאַכן, וואָס פאָדערן ניכטערקייט און טרוקנקייט פון געמיט.

אַמאָל קענען מיר אין אונדז פאַרצייכענען אַ זעלטענע סענסיטיווע פאַרשאַרפטקייט. די מינדסטע זאַך זאָל בכוח זיין אונדז אַריינצוואַרפן אין פילנדיקייט. מיר דערפילן זיך ווי דורכזיכטיק קרישטאָל, וואָס איז עמפּינדלעך אויף דעם דינסטן פאַרבן־ניואַנס. מיר דערפילן אַ געשפּאַנט־קייט פון געפיל. יעדער לייכטער באַריר פונדרויסן — און עס וועט אָפּ־געבן דער שטאַרקסטער טאָן פון אינעווייניק. מיר קענען דאָס קוים פאַר־שטיין, פונוואַנען עס האָט זיך צו אונדז דערנומען אַזאַ עמאָטיווע אָנגע־צויגנקייט. דאָך פילן מיר אַז אַזוי פּאַסירט מיט אונדז. פאַרקערט, זינקען מיר אַמאָל אַראָפּ אין אַ טעמפּקייט פון געפילן. מיר ווערן טעמפּ און אומ־עמפּינדלעך. זאַכן וואָס וואָלטן אונדז אין אַן אַנדער צייט דערשיטערט, ווען אונדז אין אַזאַ מאָמענט לאָזן קאַלט און נישט רירן. מיר דערפילן ווי עס וואָלטן פּלוצלונג פאַרשפּאַרט געוואָרן די אויערן פון אונדזער גייסט. עס לאָזט זיך אויף אונדז אַראָפּ אַ שווערקייט, וואָס מאַכט אונדז טאָמע־וואַטע און פאַרשטאַרט. מיר פילן זיך ווי מ׳וואָלט אונדז אויפגעהאַנגען אַ שווערע פּענטע אויף אונדזער געמיט.

אַמאָל זיינען מיר גענייגט צו ליבשאַפט, צוגעלאָזנקייט, שמחה, אויפ־אָפּפערונג, רחמנות אא״וו. זאָל אונדז אין אַזאַ צייט, אַ פריינט דערציילן פון אַ גליקלעכן צופאַל, ווען מיר די גאַנצע גוטסקייט פון אונדזער האַרץ אַריבערטראָגן אויף אָט דער גליקלעכער פּאַסירונג פון אונדזער פריינט און עס וועט אונדז אויסווייזן, אַז אָט דאָס איז טאַקע די סיבה וואָס מיר זיינען עס פּלוצים געוואָרן אַזוי אויפגעלייגט. מיר באַמערקן נישט, אין אַזאַ צייט, אַז מיר האָבן נאָך פון פריהער געהאַט די אויפגעלייגטקייט אין אונדז אינעווייניק, נאָר מיר האָבן נישט געהאַט קיין קעגנשטאַנד אויף וואָס איר אויסצולאָדן און דאָס האָט אונדז אונדזער פריינט געגעבן מיט זיין גליקלעכן צופאַל, נאָר עס איז ביי אונדז פאַרעכנט, אַז די סיבה פון אונדזער אויפגעלייגטקייט איז גאָר דעם פריינטס גליק. דאָס זעלבע וועט נאַטירלעך זיין פאַרקערט, ווען עס וועט זיך האַנדלען פון נישט־אויפגע־לייגטקייט און שלעכטגעשטימטקייט. דעמאָלט זיינען מיר איין טריט פון כעס, שנאה, קנאה און אַלע שלעכטע געפילן. עס איז גענוג מיר זאָלן אין אַזאַ מאָמענט זען פאַרבייגיין אונדזערס אַ שונא און די גאַנצע נישט־

נוטקייט, די גאַנצע שווערקייט פון געפיל, זאָל זיך מיט איינמאָל געבן אַ דריי אויס צו אים און עס זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מעכטיקן שנאה־געפיל. אויך אין דעם פאַל מאַכט מען דעם זעלבן טעות: מען מיינט, אַז דער פאַרוואַקסער פון דעם איצטיקן געפיל איז דער שונא, וואָס מיר האָבן באַגעגנט, ווען אינדערעמתן איז גאָר פאַרקערט: דער שונא איז איצט געפאַלן אַן אומשולדיקער קרבן פון אונדזער הארץ, ער איז געווען, אַזוי צו זאָגן, דער בליץ־אָפּלייטער פאַר אונדזער נעגאַטיווער עמאָציאָנעלער מאַסע, וואָס ער האָט צו זיך צוגעצויגן און וועלכער ער האָט געגעבן אַ באַשטימטן אויסדרוק — שנאה־געפיל. פריער, איידער מיר האָבן אים באַגעגנט, האָבן מיר זיך געפונען אין אַ צושטאַנד פון שלעכט־געשטימטקייט; מען האָט נישט געקענט זאָגן, אַז מיר זיינען געווען באַהערשט פון אַ שנאה־געפיל, ווייל מיר זיינען עס דאָך נישט געווען; מיר זיינען נאָר געווען שלעכט געשטימט. קיין קאָנקרעטן געפיל האָבן מיר נישט געהאַט. נאָכדעם ערשט, ווי מיר האָבן אונדזער שונא באַגעגנט, האָבן מיר דערפילט דעם געפיל פון שנאה, הייסט עס, אַז פריער איז אונדזער געפיל געווען אַן אומבאַשטימטער: ס'איז נישט געווען נישט כעס, נישט שנאה, נישט קנאה, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין קעגנשטאַנד פאַר איינעם פון די דאָזיקע געפילן, נאָר נאָכדעם ווי אַזאַ קעגנשטאַנד איז יאָ אונטערגעקומען, האָט זיך אויס־קריסטאַליזירט אַ באַשטימטער געפיל — דער געפיל פון שנאה. פאַר־שטייט זיך, אַז די אידייע פונעם דאָזיקן שונא, די דערינערונג אין אים, וועט אויך זיין בכוח צו פאַרוואַנדלען די שלעכט־געשטימטקייט אין זעלבן שנאה־געפיל. די אידייע פון קעגנשטאַנד פאַרטרעט דאָ אַבסאָלוט דעם קעגנשטאַנד גופא.

וואָס לערנען אונדז די דאָזיקע אַלע ספּאָנטאַנע פילבאַרקייטס־דער־שיינונגען? זיי לערנען אונדז, אַז אונדזערע עמאָציעס קענען אַרויסשטראָ־מען פון אונדזער אינטימען זיין לחלוטין אומאָפּהענגיק פון וועלכע עס איז אויסערלעכע רעגונגען. די אַלע פאַלן וואָס מיר האָבן דאָ דערמאָנט, און וואָס יעדער האָט עס אוודאי נישט איינמאָל פעסטגעשטעלט ביי זיך אַליין, שטעלן מיט זיך פאַר אויסברוכן פון בלינדן געפיל, פון רויער סענסיטי־ווער קראַפט, וואָס ווערט נישט סטימולירט פון קיין שום אויסערלעכער סיבה, נאָר פליסט אַרויס פון דעם פאַרבאָרגענעם קוואַל פון אונדזער וועזנטלעכקייט. די סיבה פאַר די דאָזיקע געפיל־אויסברוכן דאַרף מען נישט זוכן אינדרויסן פון אונדז, נאָר אין אונדז גופא. אַזעלכע געפיל־אויס־ברוכן בלייבן אומדעפיגירט אַזוי גוט פאַר אונדז אַליין ווי פאַר אַנדערע. מיר ווייסן בלויז, אַז מיר פילן, אַז מיר זיינען אין אַ מצב פון פילבאַר־קייט. וואו, אָבער, אונדזערע געפילן זיינען געצילט, אָדער וואָס האָט זיי־

אַרויסגערופן, ווייסן מיר נישט, און מיר זיינען דעריבער אומבאַהאָלפן זיי איבערצוגעבן. אויב מיר ווילן דאָס יאָ טון, מוזן מיר זיך אָנשטרענגען אויסצוגעפינען אַן ענלעכקייט צווישן דעם וואָס מיר פילן, און גוט־דעפּי־נירטע עמאָציעס, און אַזוי, דורך דער דאָזיקער ענלעכקייט, איבערגעבן אונדזערע אומבאַשטימטע שפּירונגען.

IV

מירן איצט נעמען אַ גרופּע איינצל־געפילן, וואָס לויט זיי ווערן גע־וויינלעך אויפגעפאַסט, שטעלן זיי מיט זיך פאָר, יעדער איינער, אַ באַ־זונדער סענסיטיוון פענאָמען, וואָס האָט נישט קיין בשותפותדיקס מיטן צווייטן, נאָר ווערט באַטראַכט ווי אַ זעלבסטשטענדיקע איינגנשאַפט אינעם מענטשלעכן כאַראַקטער. דידאָזיקע גרופּע געפילן וועלן מיר אויספאָרשן און דער שלום וועט זיין, אַז זיי אַלע זיינען נישט קיין באַזונדערע גאַנצ־קייטן, נאָר זיי שטעלן מיט זיך פאָר איין־איינציקע געפיל־שטרעמונג, וואַריאירט, איבער זייערע קעגנשטאַנדן, אָדער אידייען פון קעגנשטאַנדן, אין באַזונדערע געפיל־אויסדרוקן. די רויע עמאָציאָנעלע באַזע, וועט זיך אַרויסווייזן, איז פאַר דער דאָזיקער גאַנצער גרופּע געפילן אַן איינהייט־לעכע. דאָס וואָס טיילט זיי אָפּ, איז בלויז געפיל־סיבה אָדער אידייע פון דער סיבה, וואָס טאָנירט און ריכטעט די רויע געפיל־שטרעמונג.

אָט למשל: כעס, שנאה, קנאה און נקמה.

וואָס פילן מיר בעת דער איבערלעבונג, וואָס מיר באַצייכענען מיטן וואָרט כעס?

— ווען אונדזער איך ווערט געריצט, פאַרלעצט אָדער דערווידערט אין דער דערפילונג פון זיינעם אַ פאַרלאַנג, פאַלן מיר אַריין אין אַן אינ־טענסיוער פילבאַרקייט, וואָס מיר באַצייכענען מיטן וואָרט „כעס". עס ווערט בעת מעשה אומגעוואָרפן דער נאַטירלעכער שטייגער פון פילן און מיר פאַלן אַריין אין אַן אומנאָרמאַלן געפיל־עקסטרעם. מיר זיינען גרייט פאַר יעדן פּרייז זיך וואַרפן אויף אונדזער קעגנער און אים אומברענגען. מעג דער קעגנער אַפילו זיין אַ חיה צי אַ טויטער קעגנשטאַנד, נאָר וויבאַלד זיין האַנדלונג קעגן אונדז וועט אונדז אויסווייזן צו זיין „טראַציק" און „פאַרלעצנד", ער וועט זיך „איינשפּאַרן" און בשום אופן „נישט וועלן" נאָכקומען אונדזער פאַרלאַנג, וועלן מיר אַריינפאַלן אין כעס און גרייט זיין מי יודע וואָס אָפּצוטון. קאָלערישע טעמפּעראַמענטן און וועלכע פאַר־מאָגן נאָך דערצו אויך נישט קיין זעלבסטקאָנטראָל, וועלן אין אַזעלכע פאַלן זיך אָפּטאָן דעם גרעסטן שאָדן, וואָס זיי וועלן נאָכדעם באַדויערן דאָס גאַנצע לעבן.

דער געפיל פון כעס, אלזא, קומט פון דערווידערונג און רייצונג. מען עס קומען פון א פארזשאווערט שלעסל, וועלכעס מיר דרייען א שעה אויפן זייגער און עס וויל זיך נישט איבערדרייען. דער פאקט איז, אז מיר ווערן דערווידערט און גערייצט און מיר פאלן אריין אין כעס אויפן פארזשאווערטן שלעסל. באלד אבער נאכדעם, פארגעסן מיר אין דער גאנצער מעשה און עס בלייבט דערפון גארנישט. דאס איז דערפאר, וואס עס איז נישטא קיין ריוואל צו אונדז. דאס זעלבע וועט אויך זיין אין פאל פון אויפרעגונג דורך אונדזערן א נאענטן. אויפן מאמענט וועלן מיר זיך אויפרעגן און אריינפאלן אין כעס. אין א מינוט ארום, אבער, וועלן מיר אין אלץ פארגעסן און עס וועט ווייטער אלץ גוט זיין. דאס איז דערפאר, וואס אונדזער אויפרעגונג האט געטראגן א ספאנטאנעם כאראקטער און אונדזער איך איז בלויז גערייצט אבער נישט נעגירט געווארן.

ווי וועט אבער זיין, ווען עס וועט צווישן אונדז און אונדזערם א פריינט אויסברעכן אן ערנסטע קריגעריי; יענער וועט אנגרייפן אונדזער „איך" און אים אראפווארפן, דעמאלט וועט נאכן כעס איבערבלייבן אן אנהאלטנדיקער נעגאטיווער געפיל: עס וועט בלייבן שנאה. דער באוואוסטזיין פון נעגאציע צו אונדז מצד אונדזער ריוואל, וועט ווירקן, אז פאר יעדעס מאל וואס מירן זיך דערינערן אונדזער קעגנער, זאלן מיר פילן צו אים שנאה. אזוי אויך ווען נאר מירן זיך דערינערן אינעם פארגעקומענעם אינצידענט, וועלן מיר קריגן דעם באוואוסטזיין, אז מיר ווערן אראפגעווארפן פון יענעם, און דער דאזיקער באוואוסטזיין וועט באלד סטימולירן דעם געפיל פון שנאה.

עס הייסט, אז אינעם געפיל פון כעס שפילן א גרויסע ראלע די פארשידענע באוואוסטזיינס מאמענטן וואס מישן זיך אין אים אריין. אויב דער וואס ווערט אין כעס, איז א פערזאן מיט א פעסטן און איבערצייגטן „איך", וואס פילט זיך אויף אסאך א העכערער שטופן ווי דער, פון וועמען עס קומען די פארלעצונגען און טראציקייט, דער ערשטער איך ווערט זאפארט נישט אנגערירט — דעמאלט וועט אנשטאט כעס, זיך באקומען א געפיל פון גרינגשעצונג און ביטול צום לעצטן. וועט, פארקערט, דער וואס ווערט פארלעצט און דערווידערט זיין דערונטער פון דעם וואס טוט דאס אים, וועט זיך אנשטאט כעס באקומען א געפיל פון דערנידעריקטקייט, פארדרוס און ערגערניש.

דורך דעם וואס עס מישן זיך אריין מאמענטן פון באוואוסטזיין אין דער אקציע פון געפיל, קומען פאר פארשידענע אפווייכונגען פון דער גלייכליניקער געפיל־פונקציע און עס שאפן זיך קאמפליקאציעס. איין און דער זעלבער פרעטעקסט פארן געפיל פון כעס, דערגרייכט אנדערע רעזול־

טאַטן, לויט די באַוואוסטזיינס־מאָמענטן פון די אין קאָנפליקט קומענדיקע פּערזאָנען. וועלן די פּערזאָנען זיך האַלטן פאַר גלייכע, וועט דער צוזאַמענשטויס זיין אַ העפטיקער; וועלן זיך די פּערזאָנען האַלטן פאַר נישט גלייכע, וועט מוזן קומען אַן אָפּווייכונג פון כעס־געפיל און עס וועט זיך שאַפן אַן אַנדער געפיל־אויסדרוק, אין אַנקלאַנג מיט די זעלבסטבאַוואוסטזיינס־מאָמענטן פון די זיך צוזאַמענשטויסנדיקע איכן.

שנאה איז כעס אין אַ פּערמאַנענטן אָבער פּאַסיוון צושטאַנד. שנאה פילן מיר דעמאָלט ווען אונדזער „איך" ווערט נעגירט. כעס קען אויך קומען דורך אַ מאָמענטאַלער אויפרייצונג, ד"ה אַז דער איך פון דעם גערייצטן זאָל נישט אָנגעגריפן ווערן, נאָר עס זאָל זיין אַ מאָמענטאַלע דערווידערונג, דעמאָלט אַז עס וועט פאַרשווינדן דער כעס, וועט ווייטער אָנהאַלטן די פריינטשאַפט. ביי שנאה, אָבער, איז נישט אַזוי. שנאה מוז שטענדיק גיין באַגלייט מיט אַן אידייע פון נעגאַציע צו זיך מצד דעם קעגנער. אָן דעם, קען קיין שנאה נישט זיין. אויך: כדי עס זאָל זיך באַקומען שנאה, איז נישט נויטיק, אַז עס זאָל קומען צו אַ דירעקטן צוזאַמענשטויס צווישן צוויי „איכן". דער זעלבער געפיל קומט גאַנץ אָפט צו אַזעלכע, מיט וועלכע מיר האָבן נאָך אַפילו קיין צוויי ווערטער נישט אויסגערעדט. עס דאַרף נאָר זיין פאָלגנדיקער באַדינג דערפאַר: מיר דאַרפן האָבן דעם באַוואוסטזיין, אַז איקס איז אונדזער גלייכן, אַז ער איז אין אַלע הינזיכטן אַזוי גלייך צו אונדז, אַז ער וואָלט געקענט זיין אונדזערס אַ חבר און דאָך האַלט ער זיך פונדערווייטנס, ווייל נישט האָבן קיין שייכות מיט אונדז, רעדט געציילטע ווערטער אא"וו און מירן זיך פילן אָנגעגריפן און איקס וועט אין אונדזער האַרץ אַרויסרופן שנאה.

מיר דאַרפן נאָר בלויז דערפילן אַ וואָס פאַרא עס איז צייכן פון נעגאַציע, סיי דאָס וועט קומען פון יענעם באַוואוסטזיניק, סיי אומבאַוואוסטזיניק, אבי מירן דערפאַרן נעגאַציע, וועט זיך אָנהויבן פּראָדוצירן אין אונדז דער געפיל פון שנאה. אינקעגנטייל, זאָלן מיר דורך אַ וואָס פאַרא עס איז אופן דערפאַרן, אַז יענער האָט אַ פּאָזיטיווע מיינונג וועגן אונדז, און מיר וועלן אים תיכּף צאָלן דערפאַר מיט פּאָזיטיוון פילן.

דערצו אַלעמען איז נישט נויטיק קיין דורשמועסן זיך, נאָר עס פּאַסירט גאַנץ אויטאָמאַטיש. אונדזער פּסיכישער אַפּאַראַט אַרבעט אין דער הינזיכט מיט אַ זעלטענער עמפּינדלעכקייט. עס איז גענוג מיר זאָלן זען עמיצנס אַ זשעסט, אַ באַנעמונג און מיר זאָלן אים פיינט קריגן. מיר קריגן אַמאָל פיינט אַ מענטשן איבער זיין קליידונג, איבער זיין אַרט פירן זיך, איבער זיין אַרט ריידן, כאָטש ער האָט מיט אונדז קיינמאָל קיין מגע־ומשא נישט געהאַט. פאַרוואָס איז דאָס? — דאָס איז דערפאַר, וואָס

דורך דעם ארט און ווייזע פון יענעמס האלטן זיך, פילן מיר זיך אנגע־רירט און עס שאפט זיך גלייך ביי אונדז א קעגנגעפיל צו יענעם.

ווען דער, צו וועמען מיר פילן שנאה, וועט אויפשטייגן צו א העכער מדרגה, וועט פון שנאה־געפיל ווערן קנאה. קנאה מוז גיין מיט דער אי־דייע פון א העכערער לאגע פון קעגנער. אנשטאט וואס אין ערשטן געפיל, אין שנאה, גייט נישט אריין דער באוואוסטזיינס־מאמענט ווען צווייטנס העכערקייט, גייט דאס אינעם צווייטן געפיל, אין קנאה, יא אריין. די רויע עמאציע, אן די באגלייטנדיקע באוואוסטזיינס־צוזאצן, איז ביי שנאה און ביי קנאה איינע און די זעלבע.

דאסגלייכן איז מיטן געפיל פון נקמה. נקמה גייט באגלייט מיט דער אידייע פון א שאדן, וואס קען צוריק נישט גאנץ ווערן און די איינ־ציקע קאמפענסאציע וואס דער געליטענער האלט פאר זיך מעגלעך, איז אז דער שולדיקער זאל אויך אויף אזויפיל און אויף נאכמער געשאדנט ווערן. שטענדיק, ווען דער געליטענער דערמאנט זיך אין זיין שאדן און זעט אדער דערמאנט זיך דעם שולדיקן, וועקט זיך אויף אין אים א ווילן צו מאכן יענעם ליידן און אים אויך שאדענען. די שפירונגען גופא. די איבערלעבונג וואס די פערזאן פארזוכט, איז נישט קיין אנדערע ווי אין שנאה. דאס וואס טיילט זיי אפ, איז בלויז דער באוואוסטזיינס־מאמענט וואס גיט דעם געפיל א באשטימטן אויסדרוק.

אין סך הכל באקומט זיך: די שטארקע פילונג וואס אנטשטייט פון רייצונג פון אונדזער איך — איז כעס; די זעלבע, אין א נידעריקערן גראד, באגלייט מיט דער אידייע פון פערמאנענטער נעגאציע צו אונדז — איז שנאה; באגלייט מיט דער אידייע פון ריוואלס שטייגן איז קנאה; באַ־גלייט מיט דער אידייע פון א שאדן, וואס מיר האבן דורך אים געליטן — איז נקמה.

דאס וואס עס איז אנגענומען אנצורופן די עמאציעס איינציקווייז, איז עס מחמת דעם, וואס שטענדיק זיינען מיר אויפמערקזאם אויף אונד־זערע עמאציעס, ווען זיי גייען באגלייט מיט סיבות, וואס רעגן זיי און גיבן זיי א באשטימטן אויסדרוק. עס איז אבער דערפון נישט געדרונגען, אז אונזער כאראקטער איז צוזאמענגעזעצט פון איינצעלנע עמאציעס. איינע און די זעלבע רעגונגען, וועלן אונדז מאכן פילן אויף פארשידענע גראדן פון אינטענסיווקייט. אמאל וועלן זיי אונדז לאזן גלייכגילטיק, אמאל אונדז מיטלמעסיק אינספירירן און אמאל אונדז גאר שטארק מאכן פילן. דער זעלבער געפיל פון שנאה וואס מיר פילן צו איינעם פון אסאך צייט, פילן מיר אמאל שטארקער און אמאל שוואכער. די סיבה פאר דער עמא־ציע, וועט זיין די זעלבע איצט און שפעטער, היינט און מארגן, דאך וועט

זי אונדז איצט לאָזן גלייכגילטיק און שפּעטער עמאָציאָנירן; היינט נאָר־
נישט זאָגן פאַר אונדז און מאָרגן אונדז יאָ מאַכן איבערלעבן. זיכער, אַז
מיר דאַרפן די דערקלערונג נישט זוכן אין די סיבות, נאָר דאָרט, פון וואַנען
די עמאָציעס שלאָגן אַרויס.

די געפיל־פונקציע, זעען מיר, איז נישט אָנגעווייזן אויסשליסלעך אויף
סטימולן, נאָר איז אויך אונטערגעוואָרפן צו אינערלעכע, פאַר אונדז אומ־
באַקאַנטע סיבות, וואָס ווירקן אויף די רעגולאַציעס פון אונדזער געפיל־
סיסטעם.

און אָט איז נאָך אַ ביישפּיל, וואָס באַווייזט קלאָר, ווי אַזוי דורך
דער פאַרמיטלונג פונעם באַוואוסטזיין איז אַנטשטאַנען איינער פון די
שטאַרקסטע געפילן, וואָס האָט אפשר די גרעסטע ראָלע געשפּילט אַזוי אין
יחידישן ווי אין סאָציאַלן לעבן פון די מענטשן — דאָס איז דער מורא־
געפיל.

וואָס איז מורא? — מורא איז שרעק פאַר אויסגעדאַכטע געפאַרן.
ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז דאָס וועלכעס עס זאָל אַממייסטן אויפמערקזאַמ־
קייט געשאַנקען ווערן, אין אונדזער פּסיכישער טעטיקייט, איז די פאַר־
טיידיקונג פון אונדזער זיין. אַלץ וואָס קען באַדראָען אונדזער קיום, רופט
אין אונדז אַרויס שרעק. שרעק איז אָבער נישט קיין מורא. דער חילוק
צווישן שרעק און מורא איז דער: שרעק קריגן מיר, ווען מיר קומען אין
דירעקטן קאָנטאַקט מיט געפאַר; מורא קריגן מיר דורך אויסגעדאַכטע און
פאַרגעשטעלטע געפאַרן. שרעק קומט ווען מיר שטייען פּנים אל פּנים מיטן
שונא, וואָס לויערט אויף אונדז, אונדז אומצובריינגען אָדער שלעכטס צו
טון. מורא, אינקעגנטייל, קומט דורך דעם בלויזן פאַנטאַזירן פון שונא.
חיות ווי דאָס וואָס מיר ווילן מער פון אַלץ איז זיין, און אומזיין באַ־
טראַכטען מיר פאַר דעם גרעסטן אומגליק, זיינען מיר זייער עמפּפינדלעך אין
דער דאָזיקער ריכטונג און ביי דעם לייכטסטן שטויס פון עפּעס אַ סיבה,
הויבט תיכף אָן צו אַרבעטן דער דימיון, וואָס פּראָדוצירט אויסגעדאַכטע
שרעקן און מיר באַקומען מורא.

חיות שרעקן זיך בלויז, אָבער זיי האָבן נישט קיין מורא. פאַר יעדעס
מאָל וואָס זיי וועלן דערפאַרן אַ געפאַר, וועלן זיי מאַכן פּליטה. אויב מיר
באַמערקן, אַז נאָכדעם ווי אַ חיה האָט אייניקע מאָל איבערגעלעבט געפאַר
אויף אַ באַשטימטן אָרט, וועט זי שוין מער אויף דעם אָרט נישט קומען
איז עס מחמת דער דאָזיקער אָרט איז ביי איר אין מוח פאַרבונדן גע־
וואָרן מיט געפאַר און דורך אַסאָסיאַציע פון אָרט מיט געפאַר, וועט זי
אויף ווייטער אויסמיידן דאָ צו קומען.

אַנדערש איז מיטן געפיל פון מורא ביים מענטשן. דער געפיל פון

מורא אנטשטייט טאַקע אויף דער באַזע פון דער שרעק, אָבער די שרעק קאָמבינירט זיך מיט שכל און ערשט פון דער פאַרבינדונג באַקומט זיך דער געפיל פון מורא. דער רויער געפיל־עלעמענט איז ביי מענטש און חיה דער זעלבער. ביי דער חיה בלייבט ער אָבער דירעקטע דערפאַרונג און ביים מענטשן איז די שרעק גורם, אַז עס זאָל דורך איר אנטשטיין די קאָמפּליצירטסטע פאַרבינדונגען. דורך דעם וואָס דער מענטש איז אַ טרויערער, האָבן זיך ביי אים געשאַפן, אויף דער באַזע פון דער רויער שרעק, אַ שיר שרעקנס־פאַרשטעלונגען. דער ריין־געפילערישער עלעמענט איז אַפילו אין די קאָמפּליצירטסטע מורא־סיטואַציעס — דער שרעק־„אינסטינקט", דאָס איבערציטערן פאַר דער אייגענער עקזיסטענץ.

וואָס־זשע איז דער אונטערשייד צווישן שרעק און מורא? — שרעק איז מורא אָן שכל; מורא איז שרעק מיט שכל. די חיה, די אומראַציאָנעלע באַשעפעניש, האָט בלויז שרעק; דער מענטש, די ראַציאָנעלע באַשעפעניש, האָט מורא.

V

מען איז געוואוינט צו באַנוצן ביים מענטשן דאָס וואָרט „אינסטינקט". אונטער אינסטינקט פאַרשטייען מיר אָנשטויס צו אַ באַשטימטער אַקציע. די חיות פירן אויס זייערע לעבנס־פונקציעס לויט דעם ווי זיי ווערן דירעקט געשטויסן זיי אויסצופירן. יעדער מין האָט זיינע ספּעציפישע אָנשטויסן צו האַנדלען, וואָס זיינען אוממיטלבאַר פאַרוואָרצלט אין אים. אַזוי ווי עס זיינען די אָנשטויסן, אַזוי זיינען די האַנדלונגען, ד"ה, אַז די האַנדלונגען און דער געפיל פאַר די האַנדלונגען, זיינען איין און די זעלבע זאַך. יעדע טעטיקייט איז איינגעוויקלט אין איר באַשטימטן געפיל, פון וועלכן, זי איז נישט מער ווי די אויסערלעכע אויס־דרוק־פאָרעם. ס'איז נישטאָ קיין שום פּסיכישע אַגענטור, וואָס זאָל פאַרמיטלען צווישן אָנשטויס און טאַט. אימפּולס און האַנדלונג זיינען אַזוי צוזאַמענגעגאַסן, אַז זיי בילדן איין דערשיינונג.

דעם מענטשנס פּסיכאָלאָגישע סיסטעם איז אין גרונט אַ פאַרשידענע. דער מענטש האָט נישט קיין אינסטינקטן, ווי מיר זעען דאָס אין דער היות־וועלט. דעם מענטשנס פּסיכיק איז צוזאַמענגעשטעלט פון צוויי טיילן: אַ טייל פון די עמאָציעס, און אַ טייל פון באַוואוסטזיין. אין מענטשן קומט נישט אויף קיין חשק דירעקט צו האַנדלען. ווען מיר פילן אַ חשק צו אַ באַשטימטער האַנדלונג, איז דאָ שוין פאַראַן אַ סינטעז פון עמאָציע און באַוואוסטזיין. דער חשק צו האַנדלען באַשטימט, איז

אַ פּועל יוצא פון באַוואוסטזיין, אויף דער באַזע פון איינעם פון די עמאָ־ציאָנעלע קאָנפּלעקסן.

לאָמיר נעמען אַלס איינפאַכסטן ביישפּיל דעם געשלעכטס־טריב ביי מענטש און חיה. ביים מענטשן אַנטהאַלט נישט דער געשלעכטלעכער גע־פיל אין זיך קיין דירעקציווע ווי אַזוי דורכצופירן די געשלעכטלעכע האַנד־לונג. מיר פילן בלויז אַ געוויסע קערפּערלעכע אויפגערעגטקייט און אָנגע־צויגנקייט, וואָס דאַרף באַפרידיקט ווערן. ווי אַזוי די באַפרידי־קונג זאָל פאָרקומען, דאָס איז נישט אָנגעוויזן אין דעם אָנשטויס גופא. דאָס ווערן מיר געוואָר, ד״ה, דאָס באַקומען מיר דורך דעם באַוואוסט־ווערן פון דער געשלעכטלעכער האַנדלונג. יונגע מענטשן פון ביידע געשלעכטער, דערצויגענע אין שטרענגע פאַמיליעס, קענען לאַנג האָבן די שטאַרקסטע עראָטישע איבערלעבונגען און דאָך נישט האָבן די מינדסטע פאָרשטעלונג וועגן דעם געשלעכטלעכן אַקט. וועגן דעם מוזן מענטשן קריגן באַוואוסטזיין אָדער דורך אָנווייזונג אָדער דורך דערפאַרונג. נאָכדעם ווי מיר זיינען איינמאָל באַוואוסט־געוואָרן וועגן דער פאָרעם פון דער גע־שלעכטלעכער אויסווירקונג, וועט שוין דער עראָטישער אימפּולס, ווען נאָר ער וועט אויפוואַכן אין אונדז, שעטנדיק אונדז שטויסן צו דער אַנטשפּרע־כנדיקער האַנדלונג. מחמת דעם האָט זיך ביי אונדז אויסגעאַרבעט דער איינדרוק, אַז דער עראָטישער געפיל איז אַ דעפינירטער, ד״ה, אַז זיין אַנטשפּרעכנדיקע אַקציע שטאַמט דירעקט אַרויס פון דעם געפיל. אינדער־אמתן איז דער געשלעכטלעכער ווילן „בלינד״. „זעעוודיק״ ווערט ער דורכן באַוואוסטזיין.

ביי חיות ווייזט עס אויס צו זיין אַנדערש. ביי זיי איז די גע־שלעכטלעכע טעטיקייט דירעקט פאַרוויקלט אינעם געשלעכטלעכן אימפּולס. די תשוקה גופא אַנטהאַלט אין זיך דירעקטיוון ווי אַזוי דורכצופירן די האַנדלונג. דערפאַר זאָגן מיר, אַז זיי האַנדלען אינסטינקטיוו.

אַזוי ווי אויפן געשלעכטלעכן געביט, אַזוי אויף אַלע אַנדערע געביטן פון אימפּולס און האַנדלונג. די קאַץ כאַפּט מייז אינסטינקטיוו, ד״ה זי פילט אַ דירעקטן חשק אויסצופירן די דאָזיקע האַנדלונג, זי ווערט דערצו געשטויסן פון אַן אינערלעכן כוח וואָס קומט אויף אין איהר און פירט איר דערצו. אַלע קעץ קענען כאַפּן מייז (סיידן אַנאָרמאַלע אינדיווידן) און טאַקע אויפן זעלבן שטייגער. דאָס מיינט, אַז דער אָרגאַנישער אָנשטויס, וואָס ברענגט זיי דורכצופירן די דאָזיקע האַנדלונג, איז אייגנשאַפטלעך דעם גאַנצן מין. דער זעלבער אָנשטויס — די זעלבע האַנדלונג. עס קען דאָ בלויז זיין אַ פראַגע פון אינדיווידועלער אָדער ראַסן־פעיקייט, ד״ה, אויף וויפל אין אַ געגעבענעם אינדיווידו אָדער ראַסע קומט אויף שטאַרקער

דער אָנשטויס פאַר אַ געגעבענער האַנדלונג, און אויך — אויף וויפל זיינען די פיזישע אָרגאַנען באַקרעפּטיקט, פאַרשאַרפט און צוגעפּאַסט פאַר דער אַנטשפּרעכנדיקער האַנדלונג. שטענדיק אָבער ווערן די האַנדלונגען אויסגעפירט אין הסכם מיט די פיזיאָ־פּסיכישע מעגלעכקייטן. דאָס וואָס מ׳קען ביי יונגע חיהלעך באַמערקן אַ געוויסע אומגעניטקייט און „אומוויסנהייט״ אויפן געביט פון זייער אינסטינקט לעבן, איז עס דערפאַר, וואָס דאָ פעלט דאָס רייף־ווערן פון די אינסטינקטן. אַלץ וואָס לעבט, מוז וואַקסן, רייפן און צייטיק ווערן. ווערט אָבער רייף דער חיות פּסיכיק און די ספּעציפישע ענערגעטישע שטראָמען — אינסטינקטן — פליסן אין זייער פולער קראַפט, דאַן באַקומט זיך דאָס אייגנאַרטיק מין לעבן.

ביים מענטשן זעט די זאַך אויס צו זיין גאַנץ אַנדערש. דעם מענטשנס פּסיכישע סיסטעם איז געבויט אויף די צוויי דערמאָנטע יסודות: געפיל און געדאַנק. און פון זייערע קאָמבינירונגען פליסן ערשט אַרויס אַלע מענטשנס האַנדלונגען. נישטאָ קיין איין מענטשלעכע האַנדלונג, ווי אינסטינקטמעסיק זי זאָל אונדז נישט אויסוויזן, וואָס זאָל אָפּשטאַמען פון אַ דירעקטן שטויס צו איר. דאָס איינציקע וואָס זעט אויס צו זיין אינסטינקט ביים מענטשלעכן באַשעפעניש, איז די ערשטע האַנדלונג זיינע: דאָס אָננעמען די וואָרצלען פון דער מוטערס ברוסט און אָנהויבן זויגן. אין דעם איז נישט פאַראַן קיין „באַוואוסטזיין״, נאָר ספּאָנטאַנער אָנשטויס. אין דער דאָזיקער ערשטער לעבנס־טעטיקייט, זעט דער מענטשלעכער ווּלד אויס צו זיין אַבסאָלוט ענלעך צו דעם חיהשן. ביידע עופהלעך נעמען געניסן פון די לעבנס־קוואַלן, וואָס זיינען פאַר זיי אָנגעגרייט, ווערנדיק דערצו געפירט פון די זעלבע דירעקטיוון, וואָס זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט פון „יענער זייט״. אויך די פעיקייט פון וויינען, מיט וועלכער די באַשעפענישן זיינען באַגאַבט גלייך ווי זיי הויבן נאָר אָן זייער לעבנס־וועג, ברענגען זיי מיט אין זיך ווי אַן ערשט שוצמיטל אַרויסצורופן צו זיך אויפמערקזאַמקייט אין מאָמענטן פון נויט. נאָך דער דאָזיקער, נאָר ערשטער סטאַדיע, קומט אָבער די צווייטע סטאַדיע, ווען דאָס מענטשלעכע קינד הויבט אָן צו עפענען זיינע גייסטיקע אויגן און הויבט אויף שטענדיק אָן צו גיין זיין אייגנאַרטיקן לעבנסוועג פון אַ קלוג באַשעפעניש.

קיין איינציקע האַנדלונג וואָס דער מענטש טוט, פירט ער נישט דורך מחמת עס דערוועקט זיך אין אים דירעקט אַ געפיל אַזוי צו האַנדלען. יעדער געפיל צו אַ באַשטימטער האַנדלונג, טראָגט שוין נויטווענדיקערהייט אויף זיך אַ שיין פון געדאַנק. מען איז געוואוינט צו באַנוצן אַזאַ אויסדרוק ווי „אינסטינקט פון מוטער־ליבע״. אינדערעמתן איז נאָר נישטאָ אַזאַ אינסטינקט. מוטער־ליבע איז דער מיטש: גוטע פילבאַרקייט

פלום באוואוסטזיין, אז דאָס נעגעבענע קינד איז מיינס. דער געדאַנק אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ באַשעפעניש, וואָס קומט דירעקט אַרויס פון אונדז, איז אַ טייל פון אונדזער וועזן, פון אונדזער בלוט און פלייש, ווירקט, אַז מיר זאָלן די גאַנצע גוטע פילבאַרקייט וואָס מיר זיינען נאָר פעיק צו עמפינדן, קאָנצענטרירן אויפן קינד. אָפּהענגיק פון דעם, ווי אַזוי אונדזער באַוואוסטזיין וועט ריכטן אונדזער פילבאַרקייט אויפן קינד, אַזאַ „אינס־טינקט" וועט זיך באַקומען. אַ יונגע פאַרמעגלעכע פרוי, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט נאָך דער חתונה געוואָלט האָבן קינדער „און גאָט האָט פאַרשלאָסן איר טראַכט", ווען זי וועט ענדלעך האָבן אַ קינד, וועט איר „אינסטינקט" פון מוטער־ליבע זיין אַזוי שטאַרק, וואָס שטאַרקער קען שוין נישט זיין. ביי דער זעלבער פרוי, ווען זי וואָלט געהאַט דאָס זעלבע קינד אַלס מיידל און אין שלעכטע מאַטעריעלע באַדינגונגען, וואָלט איר „אינסטינקט" פון מוטער־ליבע אינגאַנצן אַנדערש אויסגעזען. (וויפל טויזנטער אָרימע מייד־לעך־מאַמעס וואָלטן אונדז גאָר דערציילט פון אַן „אינסטינקט פון מוטער־האַס" און נישט פון מוטער־ליבע...) דערציילט אַ מאַמען וואָס קושט און האַלדזט איר ערשטגעבוירן קינד, אַז דאָס איז גאָר אַ פרעמדס: די אַקו־שערן האָט עס פאַרביטן, און מאָמענטאַל וועט די שטאַרקסטע ליבע צום געגעבענעם קינד פאַרביטן ווערן מיט אַ געפיל פון פרעמד־קייט. ביי אַ מאַמען וואָס האָט געראָטענע קינדער, קען זיך דער מאַמע־„אינסטינקט" אַמאָל פאַרציען ביז די קינדער האָבן שוין אייניקלעך... נאָך יעדן נייעם דערפאָלג פון אַ קינד, מעג זיין אַפילו צו די זיבעציק יאָר, דערוואַכט פון דאָס ניי דער מוטער־ליבע־„אינסטינקט". דער באַוואוסטזיין, אַז דער דער־פאָלגרייכער אינדיווידו האָט מיט אונדז אַזאַ אינטימע שייכות ווירקט, אַז מיר זאָלן בסדר האַלטן קאָנצענטרירט אויף אים אונדזער גוטע פילבאַרקייט.

פאַרשטענדלעך, אַז נישט בלויז באַוואוסטזיין שפּילט דאָ די גאַנצע ראָלע. דאָ האָט אויך צו זאָגן די גייסטיקע קוואַליטעט פון דער פרוי. ביי פרויען מיט צאַרטע נאַטורן, ביי פרויען גוטע, איידעלע, וועט דער מוטער־ליבע־„אינסטינקט", זיין אַנדערש ווי ביי עגאָיסטישע וואולגאַרע פרויען.

אַזוי איז אויפן גאַנצן ברייטן פעלד פון מענטשנס געפיל־לעבן. אין מענטשן קומען־אויף שטראָמען פון ליבע און האַס, פרייד און טרויער, מוט און מוטלאָזיקייט. ווי אַזוי דריקט מען דאָס אַלץ אויס? ווי אַזוי ליבט מען? ווי אַזוי האַסט מען? אומענדלעך זיינען די אָביעקטן פון ליבע און האַס, אומענדלעך די סיבות פון ליבע און האַס. סיי די ליבע און סיי דער האַס קענען פון זיך געבוירן די פאַרשידנסטע געפילן. געווען אַן ענדערונג איז באַוואוסטזיין, און מיר זאָלן אָנהויבן האַסן דאָס וואָס מיר האָבן געליבט, אָדער, פאַרקערט, אָנהויבן ליבן דאָס וואָס מיר האָבן געהאַסט. ס'איז אי־

בעריק צוצוגעבן, אַז דער אינסטינקט, ווי דאָס ווערט פאַרשטאַנען אין דער חיות־וועלט, קען נישט זיין אַזוי פאַרענדערלעך און אומבאַשטימט. אינסטינקט איז פּרעציז: אַזוי ווי עס איז אויסגעקריצט אין דער פּסיכאָ־מאַטעריע פונעם וועזן.

און פּונקט ווי מען פאַרזעט דעם אַנטייל פון שכל אין דער אויסאַר־בעטונג פון דעפינירטע געפילן און מען רעדט וועגן „אינסטינקטן" ביים מענטשן, אַזוי, פאַרקערט רעדט מען אַמאָל וועגן געפילן וואָס זיינען אין דעראמתן קיין געפילן נישט, נאָר צושטאַנדן פון פאַרשטאַנד. אַזאַ אויס־דרוק ווי „געפיל פון קעגנזייטיקייט", ווייזט אונדז אויס צו זיין נישט ריכטיק. קעגנזייטיקייט איז נישט קיין געפיל; קעגנזייטיקייט איז געדאַנק. קעגנזייטיקייט מיינט: איך העלף דיר, כדי דו זאָלסט מיר העלפן. דאָס איז אויסרעכענונג, שפּעקולאַציע. קיין אויסגערעכנטע געפילן קענען נישט זיין.

אין אומגאַנג מיט אונדזערע מיטמענטשן ווערן מיר געשטויסן אָדער פון עגאָאיסטישן פילן, אָדער פון עטישן פילן. ווערן מיר געשטויסן פון ערשטן, מעגן מיר צוזאַמענאַרבעטן מיט טויזנט אַנדערע מענטשן און לאָזן זיי געניסן פון אונדז, זיינען מיר אויסן נישט זייער טובה, נאָר אונדזער טובה. ווערן מיר געשטויסן פון דעם צווייטן סאָרט פילן, מעגן מיר אפילו זיין זיכער, אַז פאַר אונדזערע גוטע מעשים וועלן מיר קיינמאָל נישט באַלוינט ווערן, טוען מיר עס דאָך. האָבן צו מענטשן אַ געפיל פון קעגנ־זייטיקייט, דאָס לאָזט זיך נישט באַגרייפן. באַזונדערס לאָזט זיך דער באַגריף פון קעגנזייטיקן פילן נישט אָנווענדן אין דער חיות־וועלט. חיות, ווי געזאָגט, האַנדלען ספּאָנטאַן, אַזוי ווי עס זאָגט זיי אונטער זייער אינס־טינקט. וויבאַלד מיר זאָגן, אַז קעגנזייטיקייט איז באַדינגט און אויסגע־רעכנט (העלפסטו מיר, העלף איך דיר; העלפסטו מיר נישט, העלף איך דיר נישט) — איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז קיין אויסגעחשבונטער און באַ־דינגטער אינסטינקט קען נישט זיין. דאָס וואָס מיר זעען ביי חיות אַ נויגונג צו געמיינזאַמקייט, באַזונדערס ביי שוואַכערע מינים און באַזונ־דערס אין מאָמענטן פון געפאַר, דאַרף עס פאַרשטאַנען ווערן ווי אַ זעלבסט־זיכערקייט אינסטינקט און נישט ווי אַ אינסטינקט פון העלפן עמיצן. אין מאָמענט ווען די חיה פילט זיך באַדראָעט פון אַ וועלכער נישט איז גע־פאַר, ציט עס איר צו דער געמיינשאַפט, ווי אַ מיטל פון אייגענער שוץ און זיכערקייט.

אויך ביים מענטשן דערוועקט זיך, אין מאָמענטן פון געפאַר, אַ ווילן צו זיין צווישן מענטשן, צוליב טעמים פון זעלבסטזיכערקייט. דער דאָזיקער מכלומרשטער געמיינשאַפט־געפיל געהער זיך אָבער גאָרנישט אָן מיטן גע־פיל פון קעגנזייטיקער הילף, ווי ער ווערט געוויינלעך פאַרשטאַנען אין

מאראלישן זינען. אמת, אז דער נאטור־שכל אפילו פונעם דאזיקן געפיל, ד"ה פון געפיל וואס זאגט אונטער מענטש און חיה אין מאמענטן פון גע־פאר צו שליסן אחדות, איז קעגנזייטיקע הילף. דאך איז עס נישט מער ווי שכלדיקע אינטערפרעטאציע פונעם דאזיקן געפיל. דער געפיל גופא, פאר זיך אליין, איז אן אנדערער. ווען אין געפאר־שטייענדיקע אינדיווידן לויפן זיך צוזאמען, כדי זיך קעגנזייטיק צו שיצן, טוען זיי עס נישט מחמת דעם געפיל פון קעגנזייטיקייט, נאר מחמת דעם געפיל פון זעלבסטזיכערקייט. פון דער צווייטער זייט, ווען די דערוואַרטע געפאר וועט קומען און אלע וועלן זיך געמיינזאם פארטיידיקן, וועט עס הייסן, אז יעדער איינער האט געהאלפן און געשיצט דעם צווייטן. פאקטיש, וועט דא ארויסקומען קעגנ־זייטיקע הילף. דער געפיל, אבער, וואס האט יעדן איינעם געשטויסן צו לויפן זוכן הילף ביי דער געמיינשאפט, איז דער געפיל פון זעלבסטהילף.

דער קעגנזייטיקייט־געפיל, אין מאראלישן זינען, איז נישט אנוועננד־באר נישט ביים מענטשן און אוודאי נישט ביי חיות. ביים מענטשן איז יעדע קעגנזייטיקייט ריינע קאנוועניענץ, א שותפותדיק געשעפט, וואס קומט דורך דער אויסרעכענונג, אז צוזאמען מיט נאך מענטשן, לוינט זיך מ י ר בעסער. נישט וויכטיק צו דער „נאך מענטשן" איז נאך איינער, אדער נאך הונדערט. ביי חיות, ווידער, איז דער געפיל וואס שטויסט זיי צו דער געמיינשאפט, גיכער א געפיל פון מורא צו זיין אליין, איידער א געפיל פון געבן הילף דער מיטבאשעפעניש. פונקט ווי די חיות באזיצן פארשידענע אנדערע אינסטינקטן פון זעלבסטפארטיידיקונג, אזוי באזיצן זיי אויך א אינסטינקט פון זעלבסטפארטיידיקונג דורך דער געמיינשאפט. דער קאנקרעטער אויסדרוק פונעם דאזיקן אינסטינקט איז שטוים צו דער געמיינשאפט. דער שכל פון געמיינשאפט איז: זעלבסטפארטיידיקונג דורך געמיינזאמען קאמף, ד"ה קעגנזייטיקע הילף. פונקט אזוי איז, למשל, מ־טן חשק צו עסן. דער בעל־חי פילט א ווילן צו עסן. דורכן עסן דערהאלט ער זיין עקזיסטענץ. עס הייסט, אז דער נאטור־שכל פון דעם הונגער־געפיל, איז ווילן צו עקזיסטענץ. פונדעסטוועגן קען מען נישט זאגן, אז די חיה וויל עסן מחמת זי פילט א „ווילן צו עקזיסטענץ". זי וויל עסן, ווייל זי וויל עסן, זי פילט א חשק צו עסן, מער גארנישט. זאגן אנשטאט „איך בין הונגעריק", „איך פיל א ווילן צו עקזיסטענץ", וואלט געווען אן אבסורד.

מיט איין ווארט: קעגנזייטיקייט איז א לאגישע דערשיינונג. דער געדאנק פון קעגנזייטיקייט העלפט אונדז פארשטיין די נויגונג פון חיות און מענטשן — אונטער געוויסע אומשטענדן — צו געמיינשאפטלעכקייט. פסיכאלאגיש אבער, אלס אימפולס, אלס אוממיטלבארער שטוים, לאזט

זיך קענגזייטיקייט נישט אריינפירן נישט אין דער פסיכיק פון מענטש און נישט אין דער פסיכיק פון חיות.

VI

דער מענטש אליין האט באוואוסטזיין. דער מענטש אליין קען דענ־קען וועגן זיך ווי וועגן א פרעמדן קעגנשטאנד. דער מענטש אליין, זיינע אימפולסן און זיינע געדאנקען, קענען ווערן פאר אים אן אביעקט פון שטודיום. דער מענטש אליין קען פארלאזן זיין אייגענעם איך און פון דרויסן אים באאבאכטן. ער קען טראכטן וועגן זיין ווילן און זיין געדאנק אפגעטיילט פון זיי. ער ווייס אז ער וויל און וואס ער וויל, און ער ווייס אז ער טראכט און וואס ער טראכט. דער „זעלבסט" און זיינע אייגנ־שאפטן, זיינען איינס, און „דער" וואס טראכט וועגן זיי, איז א צווייטער.

דער מענטש ווייס אלץ וואס מיט אים קומט פאר. די חיה, אינקעגנ־טייל, א י ז בלויז, אבער ווייסן ווייסט זי גארנישט. נישט זי ווייס אז זי איז פאראן, און נישט זי ווייס, אז זי וועט אויפהערן זיין. זי איז א שטיק בלינדע עקזיסטענץ, מיט אזעלכע אדער אנדערע פסיכישע כוחות, וואס שטראמען אין איר און וואס רעגולירן איר לעבן און אירע טעטיקייטן. די חיה טוט אלץ בלינד. זי לעבט בלינד, באגערט, שטרעבט, פארלאנגט און שטארבט בלינד. אלץ איז ביי איר אינסטינקט. זי „ווייס" אזויפיל וועגן זיך און וועגן דער אויסערלעכער וועלט, וואס רינגלט איר ארום, אויף וויפל דאס איז אין איר אן אוממיטלבארער פסיכישער כוח. כאטש אפטמאל ווייזן אין אונדזערע „מענטשלעכע אויגן" אויס די טואונגען פון דער חיה אזוי קאמפליצירט, אז מיר לייגן אין זיי אריין באוואוסטזיין, פארט, אבער, איז יעדע טעטיקייט אין דער חיות־וועלט, ווי קאמפליצירט זי זאל נישט זיין, אן אויסדרוק פון בלינדער פסיכשער קראפט, וואס שטויסט דעם געגעבנעם בעל־חי דאס אויסצופירן. די חיות ווערן געטראגן צו זייערע מעשים דורך דעם שטראם ווילן, וואס זיי טראגן אין זיך — אין די פאר־שידענע מינים, פארשידענע שטראמען — נישט אפגעבנדיק זיך דעם מינדסטן חשבון פון דעם אלעמען. פונקט ווי אין דער פלאנצן־וועלט זעען מיר דורכגעפירט ווערן די קאמפליצירטסטע פונקציעס בלויז דורך דער אינערלעכער קראפט, וואס זעצט ארויס פון אויבן און „באפעלט" יעדער מין אויסצופילן פינקטלעך זיינע פונקציעס, אזוי איז עס אויך אין דער חיות־וועלט. יעדער מין טוט דאס און אזוי, לויט ווי עס איז די בלינדע פסיכישע קראפט אין אים, וואס שטויסט אים צו טון.

בלויז דער מענטש, כאטש אויך זיינע מעשים ווערן באשטימט לויט דעם וואס ער א י ז, קען ער אבער דענקען וועגן דעם וואס ער איז. די־

חיה איז בלויז פאראן; דער מענטש איז פאראן און ער ווייס, אז ער איז פאראן. די חיה וויל בלויז; דער מענטש וויל און ווייס אז ער וויל. דער ווילן פון די חיות קען אמאל זיין אזוי קאמפליצירט, אז עס זאל זיך אונדז אויסווייזן, אז דא ווירקט די גרעסטע מאל שכל, פארויסזעאונג און אויס־חשבונונג, און דאך זאל עס נישט זיין מער ווי קאמפליצירטער ווילן. וואס איז ארייגעוואקסן אין וועזן פון דער חיה. די חיה טוט ווי די בלינדע פסיכישע קראפט אין איר דיקטירט איר. איז די פסיכישע קראפט אין איר א איינפאכע, קומען אירע האנדלונגען ארויס איינפאך; איז די פסיכישע קראפט א קאמפליצירטע, קומען אירע האנדלונגען ארויס קאמפליצירט. שטענדיק אבער ווירקט בלויז בלינדע קראפט. די חיה איז אן אויטאמאט, געמאכט פון טויזנטער און טויזנטער דורות לעבן. עס זיינען פאראן קאמ־פליצירטע אויטאמאטן און איינפאכע. אלע אבער אויטאמאטן. די קאמ־פליצירטע אינסטינקטן פון חיות, ווייזן אן אויף א שווערן און קאמפלי־צירטן לעבנס־וועג, וואס זיי האבן דורכגעמאכט און וועלכעס איז ביי זיי געווארן אפגעזעצט צו בלוט און פלייש און אינסטינקט. באוואוסטזיין וועגן די אייגענע טואונגען ווי וועגן דעם ווילן, וואס ברענגט צו טואונגען, דאס איז נישט צו מערקן אין דער חיות־וועלט. די אלע קאמפליצירטע אויפפירונגען פון חיות, וואס ציען אונדזער אויפמערקזאמקייט און וועלכע מיר זיינען נוטה, איבער אונדזער שוואכקייט צו אנטראפאמארפיזירן, אויסצוטייטשן ווי שכל וואלט זיי באשטימט, לאזן זיך דאך זייער גוט דערקלערן מיט קאמפליצירטקייט פון אינסטינקט.

בלויז דער מענש דענקט, ד"ה, ער האט באוואוסטזיין וועגן אלץ וואס איז פאראן, אזוי גוט וועגן זיך גופא ווי וועגן דער וועלט וואס רינגלט אים ארום.

פאר דער חיה הויבט די אויסערלעכע וועלט אן עקזיסטירן דעמאלט, ווען זי קריגט אן אוממיטלבארע שייכות מיט איר עקזיסטענץ, מיט איר שאדן אדער נוצן. די אויסערלעכע זאכן זיינען פאר דער חיה דא נאר אויף אזויפיל, אויף וויפל זיי זיינען נוגע איר קיום. דאס וואס פארבינדט דעם „באוואוסטזיין" פון דער חיה מיט דער דרויסנדיקער וועלט, איז דער גונסטן אדער אומגונסטן פון די איר ארומרינגלענדיקע זאכן פאר איר. וועגן די זאכן גופא אנפארזיך, האט די חיה קיין באוואוסטזיין נישט און — זיי עקזיסטירן נישט פאר איר. פאר דער חיה עקזיסטירט נישט קיין דרויסנדיקע וועלט, נאר א סכום פון נוצנס אדער שאדנס פאר איר. זי באנעמט די רעאליטעט פון די זאכן, נאר ווי גינסטיקייטן אדער אומ־גינסטיקייטן פאר איר. דער וועג דורך וועלכן די דרויסנדיקע וועלט גייט אריין אין דעם באוואוסטזיין פון דער חיה, איז איר ווילן צו לעבן, און

אויף אַזויפיל אויף וויפל דער דאָזיקער ווילן פאַרבינדט איר אויף אַ פאַר־זיטיון אָדער נעגאַטיוון אופן מיט די זאַכן, אויף אַזויפיל ווייס זי פון זיי.

אין גאַנצן אַנדערש איז דער פאַל מיטן מענטשן. דער מענטש איז אַ דענקער. פאַר אים עקזיסטירן זאַכן אַנפאַרזיך. זיי, די זאַכן, האָבן אַן אייגענע רעאַליטעט, אָן דעם וואָס פאַר אַ שייכות זיי האָבן מיט זיין אייגננוץ און שאָדן. ער דענקט וועגן זאַכן און געשעענישן אָביעקטיוו. דאָס גלייכן דענקט ער וועגן זיך אָביעקטיוו — וועגן זיינע געדאַנקען, געפילן און אידייען. אַדאַנק דעם איז דער מענטש געווען ביכולת אָנהויבן אויפזאַמלען זיינע לעבנס־דערפאַרונגען, זיי קאָאָרדינירן, און אָנהויבן מאַכן די ערשטע טריט אויפן וועג פון קולטור. אָט די דאָזיקע פעיקייט פון באַוואוסטזיין, טיילט, אין עצם, אָפּ, די מענטשלעכע פּסיכיק פון דער פּסי־כיק פון די חיות. דער מענטש איז באַלעבאָס איבער זיין פּסיכישער פונקציע און ער קען מאַנעווירן מיט איר. אַז ער וויל, קען דער זעלבער דענק־פּראָצעס ווערן דער קעגנשטאַנד פון זיינע מחשבות און יעדעס טיילכל באַזונדער וואָס דינט אינעם דענק־אַפּאַראַט, זאָל באַטראַכט און אויסגע־פאָרשט ווערן. ער קען דענקען וועגן זיך און אַלץ וואָס פּראָדוצירט זיך אינעם „איך”, סיי געדאַנק, סיי געפיל — פונדרויסן פון זיך. דאָס זעלבע קען ער אויך דענקען וועגן אַנדערע איכן און זייערע פּראָצעסן. דאָס אַלץ דערפאַר, וואָס ער קען זיך אַוועקשטעלן פונדרויסן פון דעם אייגענעם דענק־פּראָצעס און אים באַאָבאַכטן. דאָס איז אייגנטלעך דער טייטש פונעם וואָרט שכל. אין וואָרט שכל דאַרפן נישט אַריינגענומען ווערן זכרון, דמיון, אַסאָציאַציע. דאָס זיינען בלויז פּסיכישע פעיקייטן מיט וועלכע דער שכל נוצט זיך, אָבער איז נישט שכל גופא. אונטערן וואָרט שכל דאַרף פאַרשטאַנען ווערן די בלויזע פעיקייט פון שפּעקולירן, פון פונאַנ־דערקלייבן זיך. אָט דער דאָזיקער פעיקייט האָט דער מענטש צו פאַר־דאַנקען זיין איבערהייס מיט דער חיות־וועלט.

האָבנדיק באַוואוסטזיין וועגן זיין איך און אַלע זיינע באַדערפעענישן פון איין זייט; האָבנדיק באַוואוסטזיין וועגן דער אויסערלעכער וועלט מיט אירע גינסטיקייטן און שעדלעכקייטן פון דער צווייטער זייט, האָט דער מענטש אָנגעהויבן נאָכדענקען און נאָכטראַכטן, ווי אַזוי וואָס באַקוועמער זיך איינצואָרדענען זיין לעבן, און מיט דעם האָט ער אָנגעהויבן זיין לאַנגן קולטור־מאַרש וואָס ציט זיך פון דער טיפער פּרעהיסטאָריע ביז אונדזער קעגנוואַרט.

קאפיטל 3

עגאָיזם, עגאָטיזם, עראָטיזם — די אַנימאַלע נאַטור פון מענטשן

I

מיר טרעפן אינעם מענטשן צוויי אבסאָלוט־פאַרשידענע עמאָציע־קוואַלן, צוויי פילבאַרקייטן. איין סאָרט עמאָציעס זיינען לויט זייער מהות ענלעך צו די וואָס מיר באַמערקן אין דער חיות־וועלט און דאָס וואָס טיילט זיי אָפּ פון יענע, איז בלויז דער צוזאַץ פון שכל, און אַ צווייטן סאָרט עמאָציעס, וואָס זיינען לויט זייער מהות פאַרשידן פון די ערשטע און וואָס מיר נעמען זיי דעריבער אָן אַלס ספּעציפיש מענטשלעכע.

אָט איז למשל די געשלעכטס־עמאָציע. אין דער חיות־וועלט ווערט די דאָזיקע עמאָציע באַפרידיקט אויף אַ דירעקטן אופן. דער זכר, ווען ער פילט זיך אָנגעגריפן פון דעם געשלעכטס־באַגער, קעמפט ער, באַנוצט אַלע מיטלען, וואָס זיינען פאַראַן אין זיין רשות, כדי צו דעראָבערן די נקבה, מיט וועלכער ער קומט זיך צונויף, און דאָס פּראָבלעם איז געלייזט. אַלץ האַלט זיך אין די ראַמען פון דירעקטן אָנשטויס און דירעקטן טאַט. ביים מענטשן, וואָס באַזיצט אַ שכל, אנטשטייען אויפן באָדן פון דער דאָזיקער באַדערפעניש די פאַרשידנסטע פּסיכישע פאַרבינדונגען, פאַר־שטעלונגען און טרוימערייען. אַדאַנק דעם וואָס ער קען זיך באַוואוסטזיניק פאָרשטעלן און קאָמבינירן, באַשאַפט ער פאַר זיך אַלערליי סיטואַציעס, ווען ער איז אַליין, וועמענס לעצטער אינהאַלט עס איז דער עראָטישער געפיל. ער קען קומען אין קאָנטאַקט מיטן עראָטישן דורך לייענען, דורך הערן, דורך אָנשויען; ער קען קאָמבינירן בילדער און סצענעס און אַקציעס, וואָס אין הינטערגרונט זאָל שטיין דער געשלעכטלעכער געפיל. אין דער חיות־וועלט, ווערט דער „ער" געשטופּט פון אַ בלינדן ווילן צו דער „זי" און

ער באזיצט איר. ביים מענטשן ווערט דער דאַזיקער ווילן פאַרוואַנדלט אין אַ סיבה פון אומבאַגרענעצטער פּסיכישער טעטיקייט. פון זינט דער מענטש האָט אָנגעהויבן באַוואוסטזיניק טראַכטן און פאַנטאַזירן, פאַר־נעמט דער עראָטישער געפיל דעם אויבנאָן פון זיינע אַלע טרומערייען און מחשבותן. וואָלט דער מענטש נישט באַזעסן קיין שכל, וואָלט ער מיט זיין עראָטישן „אינסטינקט" געבליבן אויף דער זעלבער מדרגה וואָס די חיה, ד"ה, געקעמפט פאַרן דירעקטן צונויפטרעפן זיך מיט דער „זי" און מער גאָרנישט. היות אָבער ווי ער באַזיצט יאָ אַ שכל און ער האָט אַלע מעגלעכקייטן, אַז זיינער אַ פאַרלאַנג זאָל זיך קענען, דורך סינטעז מיט געדאַנק, פאַרוואַנדלען אין באַוואוסטזיניקער פּסיכיק, מאַכט ער אויף דער באַזע פון זיין געשלעכטס־געפיל די פאַרשידנסטע קאָמבינאַציעס און פאַר־בינדונגען. אַזוי שרייבט ער ביכער פון פאַרשידענע עראָטישע אינהאַלטן און ער לייענט זיי. בעת ער לייענט זיי, שטעלן זיך אים פאָר סצענעס, בילדער און פּאַסירונגען, וואָס וועקן אין אים דאָס עראָטישע געפיל און ער האָט דערפון הנאה; אַזוי טראַכט ער אויס טעאַטער־ווערק פון דעם סאָרט; אַזוי טראַכט ער אויס טענץ, וואָס זאָלן אַנטשפּרעכן דער געשלעכטלעכער רייצונג; אַזוי טראַכט ער אויס בילדער און אַזוי טראַכט ער אויס קלאַנגען. מיט איין וואָרט: היות ווי אַ געשלעכטס־געפיל האָט דער מענטש און היות אויך ווי ער האָט אַ ווילן צו רייצן דעם דאָזיקן געפיל און היות ווי דורך מחשבה קען ער זיך רייצן — לאָזט ער דעריבער פונקציאָנירן זיין געדאַנקלעכן אַפּאַראַט אויף צו דערגרייכן דעם דאָזיקן אָפּזיכט.

דאָס זעלבע איז אויך מיטן עגאָיסטישן געפיל. עגאָיזם מיינט ווילן פאַרן אייגענעם וואוילזיין. יעדער באַשעפעניש ווערט געשטויסן פון אַ ווילן צו זאָרגן נאָר פאַר זיך. ביי דער חיה דריקט זיך דער דאָזיקער ווילן אויס אין דעם, וואָס זי זוכט צו באַפרידיקן אירע באַדערפעניש דירעקט. ביים מענטשן איז דער עגאָיסטישער ווילן גורם אַ קאָמפּליצירטע גע־דאַנקלעכע אַקציע. געשטויסן פונעם ווילן פאַר זיך, מאַכט דער אינדיווידואַל פּלענער און חשבונות, דערפינדט און קאָמבינירט, טראַכט פון דערפאָלג און דורכפאַל; זעט פאָר פאַרלוסט און שאָדן און, ענדלעך, ווען ער האָט אַלץ גוט באַטראַכט און באַחשבונט, לאָזט ער זיך דורכפירן זיין אונטער־נעמונג, וועמענס ציל עס איז די באַפרידיקונג פון דעם עגאָיסטישן אָנ־שטויס.

אַזוי אויך מיטן איך־געפיל. אַדאַנק דעם וואָס דער מענטש באַזיצט אַ שכל און איז באַוואוסטזיניק וועגן זיין זעלבסט, האָט זיך ביי אים אויס־געבילדעט אַ ווילן פאַרן זעלבסט, אָדער אַ איך־געפיל.

דעם איך־געפיל, אָדער ע ג אָ ט י ז ם, דאַרף מען נישט פאַרמישן

מיט ע ג א י ז ם. עגאָיזם מיינט ווילן וואָס דער אינדיווויד פילט אויף צו באַפרידיקן זיינע באַדערפעגישן. דער איך־געפיל מיינט אַ באַדערפעניש צו באַפרידיקן בלויז דעם „איך". עגאָיזם האָט אַלס ציל די פאַרשידנסטע גוצלעכע זאַכן פאַר דער פערזאָן; עגאָטיזם האָט אַלס ציל צו באַפרידיקן בלויז דעם ווילן פאַרן „איך".

צוליב דעם גרויסן פלאַץ וואָס די עגאָטישע געפילן פאַרנעמען אין דער מענטשלעכער פסיכיק, ווי אויך צוליב דער גרויסער צאָל וואַריאַציעס זייערע, וועלן מיר זיך אויף דעם דאָזיקן סאָרט געפילן אָפּשטעלן מיט מער אריכות.

II

יעדער מענטשלעכער אינדיווויד האָט אַ ווילן, אַז זיין „איך" זאָל זיך אימפּאָנירן, אַז עס זאָל דעם איך געשאָנקען ווערן אויפמערקזאַמקייט און באַטאָנונג. די חיה, וואָס איז נישט באַוואוסטזיניק וועגן איר זעלבסט, איז בלויז אָן עגאָיסט, ד"ה זי פילט בלויז ווילן צו זאָרגן פאַר אירע באַדערפענישן. דער מענטש, וואָס איז באַוואוסטזיניק וועגן זיין זעלבסט, האָט זיך ביי אים אויסגעבילדעט אויך אַן עגאָטיש געפיל, ד"ה אַ געפיל ספּעציעל פאַרן זעלבסט.

עגאָיזם און עגאָטיזם זיינען צוויי באַזונדערע געפילן. עגאָטיקער וועלן אָפּגעבן אַלץ וואָס זיי פאַרמאָגן, אַבי צו באַפרידיקן זייער איך־געפיל, אינקעגנטייל, וועלן עגאָיסטן זיך דערנידעריקן אַבי אַריינצובאַקומען וואָס מער נוצן פאַר זיך. די דאָזיקע געפילן גייען נישט זעלטן איינער קעגן צווייטן.

אויפן באָדן פון עגאָטיזם אַנטשטייען אַ גאַנצע רייע איינצל־עמאָציעס, וואָס ווייזן אויס צו זיין פאַרשידענע אייגנשאַפטן פון דער מענטשלעכער נאַטור, אָבער וועלכע זיינען איגדעראמתן נישט מער ווי די וואַריאירונגען פון דעם איך־געפיל.

נעמען מיר די נויגונג וואָס מיר האָבן זיך צו געפינען צווישן מענטשן. פאַרוואָס ציט עס אונדז זיך צו געפינען אין געזעלשאַפט פון נאָך מענטשן און מיר קענען נישט בלייבן אַליין? דעם ענטפער דאַרף מען זוכן אין דעם איך־געפיל. זיך צונויפטרעפנדיק מיט נאָך איכן, דערפילט מען זיך אַליין. אין דער קעגנוואַרט פון אַנדערע איכן, הויבט דער אייגענער איך אָן צו זיין אַקטיוו. וואָס עס זאָל אין אַ געזעלשאַפט נישט פאַרקומען, וועגן וואָס עס זאָל דאָרט נישט געהאַנדלט ווערן, איז דאָס „אונדז" נוגע, האָט דאָך אַ שייכות מיט אונדזער איך, אונדזער איך פילט זיך דערפון אָנגערירט. אונדזער איך איז ווי אַ מאַגנעטישער קרייז וואָס ציט צו צו זיך אַלץ וואָס

געפינט זיך אין זיין אומגעבונג. אַלץ רירט אונדז אָן און מאַכט אונדז איבערלעבן.

אַלץ וואָס מיר זעען, הערן, דערפאַרן, וואו דאָס זאָל נישט פּאַסירן און ווען דאָס זאָל נישט פּאַסירן, האָט עס אַ שייכות מיט אונדזער איך. מיר נעמען נישט אויף קיין דערשיינונגען אינדיפערענט, נאָר אַלץ איז אונדז נוגע. אונדזער איך איז דער צענטריפעטאַלער פּונקט פון דער וועלט. אַלץ לויפט צו אים און לאָזט דאָרט איבער אַן איינדרוק. מיט דעם דערקלערט זיך די טענדענץ צו אַנטראָפּאָמאָרפיזירן אַלע אַקציעס וואָס מיר זעען נאָר וואו־עס־איז פאַרקומען. אומעטום וואו מיר זעען טעטיקייט, ווילן מיר אין איר אַריינלייגן באַוואוסטזיין און איר פאַרבינדן מיט אונדזער איך.

אָפטמאָל זאַכן פון אונדזער איך, וואָלט געהייסן זיי אומברענגען פאַר אונדז. זאַכן זיינען דאָ אויף אַזויפיל, אויף וויפל זיי זענען מיט אונדז פאַרבונדן. דאָס וואָס איז אַממייסטן נאָענט אונדזער איך, איז, פאַרשטייט זיך, אונדזער מיטמענטשן.

דאָס, אייגנטלעך, איז דער טייטש, פון באַוואוסטזיין וועגן אייגענעם זעלבסט. באַוואוסטזיין וועגן אייגענעם זעלבסט, מיינט, מאַכן אַ צוזאַמענהאַנג וועגן דעם זעלבסט מיט אַלץ וואָס פּאַסירט, סיי רעאַל, סיי אין דער מחשבה, אַרום אים. חיות, וואָס זיינען נישט באַוואוסטזיניק, האָבן אויף אַזויפיל אַ שייכות מיט אויסערלעכע זאַכן, אויף וויפל די זאַכן זיינען זיי דירעקט נוצלעך אָדער שעדלעך. נאָר דער מענטש, איז זיין זעלבסטגעפיל גורם, אַז ער זאָל וועלן פירן שטענדיק און דורכאַנאַנד אַ געדאַנקלעכע טעטיקייט אַרום זיין איך.

היות ווי דער איך איז דאָס אינטימסטע אין אונדזער פילן, זיינען מיר עמפּינדלעך אויף אים און פילן אַ שטאַרקע נויטווענדיקייט אים צו לופטערן און רייצן. אין איינזאַמקייט בלייבט אונדזער זעלבסט פּאַסיוו און אומטעטיק, דאָס הייסט, אומבאַפרידיקט. אין געזעלשאַפט, דאַקעגן, ווערט אונדזער זעלבסט אַקטיוו און וואַכעדיק.

וואָס שטאַרקער דער איך קען אַקטיוויזירט ווערן, אַלץ בעסער איז דאָס פאַר אים. דערפאַר ווילן מיר גיכער זוכן די געזעלשאַפט פון באַקאַנטע איידער פון אומבאַקאַנטע, דערפאַר ווילן מיר בעסער הערן היימישע נייעס פאַר פרעמדע נייעס, נייעס וועגן הויכגעשטעלטע פּערזאָנען פאַר נייעס פון מינדערוויכטיקע פּערזאָנען אא"וו.

שטענדיק ווילן מיר פאַרציען דאָס, וואָס אונדזער איך וויל בעסער, לגבי דעם וואָס אונדזער איך וויל ווייניקער. וועגן פּערזאָנען, וואָס האַלטן זיך גרעסער פון אונדז, ווילן מיר וועגן זיי ווילן הערן נאָר שלעכטס. דורך

דעם ווערט זייער איך אראפגעווארפן. דאס איז א מין נקמה וואס מיר נעמען אין פאר אונדז העכער שטייענדע איכן.

דאס ערשטע ווארט וואס מיר ריידן אויס צו אונדזערע באקאנטע איז: „וואס הערט זיך נייעס?” מיר דארפן וויסן נייעס. נייעס געהער זיך אן מיט אונדז; אלצדינג געהער זיך מיט אונדז אן. אמת טאקע, אז וואס נענטער די נייעס איז צו אונדז, איז אלץ בעסער; וואס שפאנענדיקער און וואס מער זי וועט אנטשפרעכן אונדזער פערזענלעכע גענויגטקייט, אלץ מער אינטערעס וועלן מיר האבן, אבער אז ס'איז נישטא אזעלכע, איז גוט וואס פארא עס איז.

וואס שוואכער ס'איז די פערזאן, אלץ א גרעסערע נויטווענדיקייט פילט זי אין דער אנוועזנהייט פון מענטשן; וואס שטארקער ס'איז די פערזאן, אלץ וויניקער נויטווענדיקייט פילט זי אין נאך מענטשן און אלץ מער איז זי גענייגט צו איינזאמקייט. די טעמע אין א געזעלשאפט פון דורכשניטס־מענטשן, איז שטענדיק א פערזענלעכע; די טעמע אין א געזעלשאפט פון העכערע מענטשן, איז שטענדיק אן אומפערזענלעכע. עגאיסטיקער, ד"ה מענטשן מיט עמפינדלעכע איכן, וואלטן דאס גאנצע לעבן זייערס אפגעלעבט אין קלייזלעך און פארבראכט אין דערציילן זיך אלערליי „היימישע נייעסן”. אינקעגנטייל פארמאגן גרויסע מענער אן אנטיפאטיע צו קלייזלעך. ווען אזעלכע וועלן זיך צונויפקומען, וועלן זיי דורכוים אויסמיידן צו ריידן וועגן ענינים וואס קענען עמיצן פערזענלעך באריהרן.

דער ווילן צו געזעלשאפט דריקט זיך אויס, נישט נאר אין וועלן זיך צוזאמענקומען מיט אנדערע און האבן מיט זיי א דירעקטע שייכות, נאר אפילו אינעם בלויזן אנשויען וואס אנדערע טוען. ווען מען האט נישט וואס צו טון און וואו צו גיין, גייט מען ארויס אונטערשטיין פארן טיר אדער קוקן אין פענצטער. דער כוח וואס טרייבט דערצו, איז די באדערפעניש פארן איך. מען גייט זוכן עפעס א פאסירונג, א געשעעניש, וואס זאל מאכן אן איינדרוק. „עפעס א פאסירונג” — קיין באשטימטס דערווארט מען גארנישט; מען ווארט אויף עפעס אומבאשטימטס, עפעס צופעליקס, אז עפעס זאל זיך טרעפן, וואס זאל זיין אינטערעסאנט. מען פילט א שטומען פארלאנג נאך עפעס און מען ווייס אליין נישט וואס מען וויל. דאס איז דער הונגעריקער איך וואס זוכט שפייז פאר זיך. שטייט מען אזוי אפ שעהן לאנג און מיט הונגעריקע אויגן קוקט מען אין דער לאנגווייליקער מאנאטאנער שטילקייט פונעם געסל, אז עס זאל זיך באווייזן דער „עפעס” וואס מען קוקט אויס, און אז ער קומט נישט, גייט מען אנטוישטע אין שטוב אריין. טאקע בפירוש אנטוישטע, פונקט ווי עס וואלט נישט געקומען אזעלכעס, וואס האט באדארפט קומען. די איך־

באַדערפעניש בלייבט אומבאַפרידיקט; די איך־באַדערפעניש איז אַ מאָסע וואָס וועגט און שווערט אַראָפּ און מיר ווילן פון איר לויז ווערן, מיר ווילן איר אויסלעבן.

זעען מיר אַ נייעם מענטשן זיך באַווייזן, ווילן מיר באַלד וויסן: „ווער איז ער?" איז ער אַ חשובער מאַן, וועלן מיר באַלד פילן צו אים אַביסעלע קינאה און אַביסעלע רעספּעקט. איז ער אַנדערש, אַ מינדערוויכטיקער פּאַרשוין, וועלן מיר אים באַלד איגנאָרירן און זיך שטעלן איבער אים, ד"ה אַז אונדזער איך וועט אומפאַרמיידלעך נעמען שטעלונג צו אים. צו אַזעלכע איכן מיט וועלכע מיר האָבן זיך נאָך קיינמאָל נישט צוזאַמענגעשטויסן, האָבן מיר ווייניק באַציונג. באַציונג הויבן מיר דעמאָלט אָן צו האָבן צו אַ איך, ווען מיר שטויסן זיך צוזאַמען מיט אים. דערביי איז געגנוג אַ בליק, אַ זשעסט, אַ תנועה — דער מינדסטער צייכן, וואָס באַווייזט די שטעלונג פון אַ צווייטן איך צו אונדזערן — אַז מיר זאָלן שוין פּאָזיטיוו אָדער נעגאַטיוו רעאַגירן אויף דעם.

מיר זיינען שטענדיק געשפּאַנט און אויפמערקזאַם אויף דעם וואָס קען רייצן אונדזער איך־געפיל. מיר זוכן און נישטערן אין אַלע ווינקלען פון אונדזער אומגעבונג, טאָמער וועלן מיר געפינען שפּייז פאַר אונדזער זעלבסט. זעען מיר נאָר ערגעצוואו אַ צייכן פון פאַסירונג, הויבן מיר באַלד אָן צו לויפן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם צו יענעם אָרט. דאָס ווערן מיר געטריבן פון דעם ווילן פאַר אונדזער איך צו לויפן אַהין. דער ערשטער אימפּולס איז אַ טונקלער געפיל, אַז די פאַסירונג האָט אַ דירעקטע שייכות מיט אונדז. נאָכדעם ערשט ווי מיר ווערן געוואויר, אַז די פאַסירונג געהער זיך מיט אונדז נישט אָן, הויבט זי אונדז אָן נוצן ווי גלאַט אַ רייצמיטל פאַר אונדזער איך־פילבאַרקייט.

וואָס מער איינער איז זעלבסטעמפּינדלעך, אַלץ מער נייגעריק איז ער. אַזאַ איינער אָדער איינע, וועט שטענדיק אַרומגיין און נאָכשפּירן אַלץ וואָס קומט מיט אים אין באַרירונג: וועט קוקן דורכן שליסל־לאָך צום שכן, וועט זיך אונטערהערן שמועסן, וועט וועלן וויסן יענעמס אַלע סודות אא"וו.

וואָס שוואַכער ס'איז דער איך, אַלץ מער נייגעריק איז ער; וואָס שטאַרקער ס'איז דער איך, אַלץ ווייניקער נייגעריק איז ער.

מיר לייענען צייטונגען, מחמת מיר ווילן וויסן נייעס; מיר קומען צווישן מענטשן, מחמת מיר ווילן וויסן „וואָס אויף דער וועלט טוט זיך"; זעען מיר שטיין אַ רעדל מענטשן, ווילן מיר באַלד וויסן צו וואָס זיי שטייען דאָ...

מיר זיינען אָנגעלאָדן מיט אַ שטענדיקער געשפּאַנטקייט אַלץ צו

ווּיסן. נישטאָ קיין איין מאָמענט אין אונדזער לעבן, אין וועלכן מיר זאָלן נישט גרייט זיין אויסצוהערן נייעס. די סיבה פון דעם אַלעמען איז אונד־זער איך־געפיל. אונדזער איך געפינט זיך אין שטענדיקער וואַכזאַמקייט און אויפמערקזאַמקייט צו דער אויסערלעכער וועלט. אַלץ וואָס קען אים מאַכן איבערלעבן און אַריינברענגען אין רייצונג, ציט ער זיך דערצו און וויל עס פאַרזוכן. ער איז ווי אַ אויסגעהונגערטע חיה, וואָס לויפט אַרום זוכן נאַרונג פאַר זיך. דערפילט נאָר דער איך, אַז ערגעץ שמעקט מיט רייצונג פאַר אים, וויל ער באַלד דאָרט זיין און געניסן.

III

אויך געלעכטער אַנטשטייט אויפן באָדן פון דעם איך־געפיל. געלעכ־טער קומט צו אונדז שטענדיק ווען מיר זעען שוואַכקייט און אומבאַהאָלפנ־קייט פון אַ צווייטן איך. די שוואַכקייט אָדער אומבאַהאָלפנקייט, אין וועלכער מיר זעען אַריינפאַלן אָדער זיך געפינען אַ צווייטן איך, ווירקט אַזוי באַפרידיקנדיק פאַר אונדזער איך, אַז מיר דריקן די דאָזיקע באַפרי־דיקונג אויס אין דעם זשעסט, וואָס מיר רופן „געלעכטער". געלעכטער איז נישט מער ווי די באַפרידיקונג אָדער הנאה, וואָס אונדזער זעלבסט באַ־קומט פון דעם וואָס אַן אַנדער זעלבסט איז שוואַך, קליין און נישטיק.

נעמען מיר די צומייסטן באַקאַנטע פאַלן, וואָס רופן ביי אונדז אַרויס געלעכטער. געלעכטער רופן ביי אונדז אַרויס קאָמישע טיפּן. דאָס כאַ־ראַקטעריסטישע און געמיינזאַמע אין אַלע קאָמישע טיפּן איז דאָס וואָס זיי זיינען לאַ־יוצלחס, טויגעניכטסן, שרעקעדיקע ברואים אא"וו, אַלץ אַזעל־כע, וואָס זייער זעלבסט שטייט אויף דער לעצטער מדרגה פון נישטיקייט און יעדער אַנדער זעלבסט קען זיך שטעלן איבער זייערן. ווען מיר זעען ווי דער צירק־קלאָון מאַכט זעלבסט־דערנידעריקנדיקע שטיק: פאַרשמירט זיך דאָס פּנים, טוט זיך אָן אין טיפּישער לעבערלעכער הלבשה, פאַלט טאָמעוואַטע ביי יעדער גיי, לאָזט זיך באַהאַנדלען מעשה־תם אא"וו — קוועלן מיר. פאַרוואָס? ווייל מיר זעען דאָ געפאַלנקייט פון אַ זעלבסט. וואָס מער אומבאַהאָלפנקייט און געפאַלנקייט איינער וועט אַרויסווייזן, אַלץ מער וועט ער זיין אָביעקט פאַר געלעכטער.

דערטאַפּן מיר ערגעץ אַ לאַ־יוצלח, וועלן מיר אים שוין אַזוי גיך נישט אָפּלאָזן. ער וועט שוין פאַר אונדז מוזן באַווייזן זיין גאַנצע פּחדנות און אומבאַהאָלפנקייט. פון דעם אַלעמען פון וואָס עס וועט בולט ווערן די געפאַלנקייט פון זיין זעלבסט, וועט דאָס פאַרשאַפן „אינסטינקטיווע" פרייד אונדזערע זעלבסטן.

דאָס זעלבע איז, ווען מיר זעען אַ קאָמישן זשעסט פון איינעם, ווען מיר זיך צעלאַכן. פאַרוואָס? דערפאַר וואָס דאָ זעען מיר עמיצן אין אַ לעכערלעכער סיטואַציע; אַ איך געפינט זיך אין אַ לאַגע פון זעלבסטדער־נידעריקונג און מיר צעלאַכן זיך.

נעמען מיר קאָמישע, הומאָריסטישע, סאַטירישע ליטעראַטור אָדער טעאַטער. אויב ס׳איז דאָ קאָמיזם, מוז זיין אַ קאָמישע פערזאָן. אַ קאָמישע פערזאָן מיינט — אַ זעלבסט וואָס שטייט אויף אַ נידעריקער מדרגה; אויב ס׳איז דאָ הומאָריזם, שפּאַס און הוזק, מוז זיין פון וועמען אָפּצושפּאַסן און אָפּצוחוזקן; מוז זיין וועמען אויסצולאַכן און אויסצושפּאָטן. אויב מ׳דער־ציילט אונדז אַ וויץ וואָס מאַכט אונדז לאַכן, מוז אין דעם וויץ זיין אַ פערזאָן אויף וועמענס חשבון דער וויץ גייט; אַ געוויסע פערזאָן מוז אין דעם וויץ געמאַכט ווערן פאַר אַ תם, אַ שרעקעדיקן, אַ טויגעניכטס או״וו. אויב מירן אויף אַ וואָס פאַרא עס איז אופן נישט זען קיין זעלבסט צע־נישטיקט, וועלן מיר נישט לאַכן. געלעכטער האָט איין איינציקע סיבה — נישטיקייט פון אַ איך.

ווען מיר זעען עמיצן מאַן אַ מיאוסע זאַך, אַ געמיינקייט, רופט דאָס ביי אונדז אַרויס נעגאַציע צו אים, ד״ה אז זיין זעלבסט ליידט דערפון גאָרנישט; זיין איך איז אַ איך גלייך ווי אונדזערער און ווי אלע, נישט מער ער איז אַ שלעכטער איך, ער איז באַגאַנגען אַ געמיינקייט און מיר רעאַגירן אויף דעם מיט ווידערווילן. דאָס זעלבע איז אויך, ווען איינער דער־נידעריקט זיך אַליין אויף אַ פאַרשטענדלעכן אופן, צוליב אַ באַשטימטן צוועק: אַ בעטלער, רופט ער ביי אונדז אַרויס אַ געפיל פון נעגאַציע, אָבער נישט קיין געלעכטער. געלעכטער קומט דעמאָלט, ווען אַ זעלבסט הויבט אָן צעשטערט ווערן. ווען איינער רופט מיט זיין פערזאָן אַרויס געלעכ־טער, איז שוין מער קיין פערזאָן נישטאָ. אויסלאַכן איינעם, מיינט אָנ־ווייזן אויף די סאַמע לעכערלעכסטע שטריכן פון זיין פערזאָן. מיר לאַכן למשל פון אַ צעטראָגענעם פּראָפעסאָר, וואָס קומט צו זיין אייגענער טיר און לייענט איבער דעם אויפשריפט, אַז דער פּראָפעסאָר נעמט נישט אויף אין דער שעה און ער גייט אַוועק. דער דאָזיקער זשעסט אַנפּאַרזיך רירט אָן דעם סאַמע זעלבסט פון דער געגעבענער פערזאָן. נישט מער מיר ווייסן אַז דאָס האָט געטאָן אַ מענטש וואָס איז אויף אַנדערע געביטן גרויס. דער דאָזיקער לעכערלעכער שטריך זעט דעריבער אויס ווי אַ שוואַרץ חן־פּינטל אויף אַ ווייס געזיכט און עס ווערט דערפון אַ גוטמוטיקער שפּאַס. דאָס שוואַרצע פּינטל איז אָבער פאָרט שוואַרץ, מעג עס אפילו זיין אויף אַ ווייס געזיכט. זאָל דער זעלבער פּראָפעסאָר אַרויס אין גאַס מיט אַ פאַר־דרייטער הוט און פאַרקאַטשעטע הויזן, וועלן די וואָס ווייסן ווער ער איז,

גוטמוטיק שמייכלען און אים רעספעקטירן, און יענע וואָס ווייסן עס נישט, וועלן אים אָנהויבן האַלטן פאַר אַ חסר דעה. עס גייט אין דעם, וואָס דאָ ווערן באַוויזן אַזעלכע עובדהס, וואָס צעשטערן די פּערזאָן גופא, נישט מאַכן איר אָוועקשטעלן אין אַ טונקעלער ליכט. פאַרברעכער און אויס־וואורפן, מאַכן אונדז פילן שנאה; צעדרייטע, אומבאַהאָלפענע, תמען — מאַכן אונדז לאַכן.

סאַטירע שטייט צווישן שנאה און חוזק, אָדער בעסער געזאָגט, סאַ־טירע איז שנאה און חוזק צוזאַמען. צו די יעניקע פעסטגעשטעלטע פאַר־זענלעכקייטן, וואָס מיר פילן שנאה און מיר באַמיען זיך אויפצוזוכן די קאָמישע שטריכן אין זיי און דורך זייער קאָמישקייט זיי ווייזן — באַקומט זיך דערפון סאַטירע. אָט חוזקן מיר און אָט ריידן מיר מיט האַס. עס הייסט, אַז עס ווערט געלאָזן אין פונקציע ביידע מיטלען פון פאַרניינען דעם ריוואַל, אי דער מיטל פון אָוועקשטעלן זיין זעלבסט אין אַ שלעכט ליכט, דורך דערווייזן זיינע געמיינקייטן און שלעכטע מעשים, וואָס רופט אַרויס שנאה און דערווידערונג, און אי — דער נאָך ערגערער מיטל פון אָפּשפּאָטן און אָפּלאַכן, ד"ה פון אינגאַנצן צעשטערן דעם זעלבסט פון קעגנער.

זאָלן צוויי פּערזאָנען, איינער וועמען מיר קענען פאַר אַן ערנסטען און שטרענגען מענטשן און דער צווייטער וועמען מיר קענען פאַר אַ שלי־מאַזל, באַגיין דעם זעלבן קאָמישן אַקט, וועט ביי דעם ערשטן, ביי דעם ערנסטן מענטשן, דער דאָזיקער קאָמישער אַקט קוים־קוים אַרויסרופן ביי אונדז געלעכטער. ביי דעם צווייטן, אינקעגנטייל, ביי דעם שלימאַזל, וועט דער דאָזיקער אַקט גורם זיין אַ הילכיק־קלינגענדיקן געלעכטער און אַלערליי שפּאָמישע צורופן. פאַרוואָס איז עס אַזוי? מיר האָבן דאָ דעם זעלבן מאָטיוו פאַר געלעכטער, טאָ פאַרוואָס וועט ער ביי איינעם קיין געלעכ־טער נישט פאַראורזאַכן און ביים צווייטן יאָ? דאָס איז דערפאַר וואָס מיר לאַכן נישט פון קיין טואונגען, נאָר מיר לאַכן פון מענטשן, פון „איכן". דער ערנסטער מענטש, שטעלט מיט זיך פאָר אַ דעפיניטיוון איך. זיין קאָמישער זשעסט הערט אויף צו זיין קאָמיש, נאָר ווערט אַ צופעליקייט. אינקעגנטייל, ביים שלימאַזל, מאַכט זיין קאָמישער זשעסט אויפמערקזאַם, אַז דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַ נישטיקן איך, אַ שלימאַזל, אַ תם, אַ לעמעך, אַ זעלבסט וואָס דער ערשטער בעסמער שטייט העכער פון אים, און דאָס רופט ביי אונדז אַרויס געלעכטער.

נאָר דער מענטש וואָס פאַרמאָגט באַוואוסטזיין וועגן זיין זעלבסט, קען לאַכן. געלעכטער איז דער אינטימסטער אויסדרוק פון דער איך־פרייד. געלעכטער איז די בלינדע פרייד פון איך, איבער דעם אומזיין פון אַן אַנ־

דער איך. בעת מיר ווערן אָנגעגריפן פון גלעכטער, גיבן מיר זיך, פאַרשטייט זיך, נישט קיין חשבון פאַרוואָס מיר הויבן אָן לאַכן. דאָס געשעט גאַנץ אויטאָמאַטיש. אָבער דווקא דאָס, די אויטאָמאַטישקייט און ספּאָנטאַנקייט פון געלעכטער, באַווייזט, ווי טיף די „בלינדע פרייד פאַר אונדזער איך" איז פאַרוואַקסן אין אונדז.

IV

אויפן באָדן פון דעם איך־געפיל אַנטשטייט אויך סענטימענטאַליזם, רחמנות, ווייכהאַרציקייט אאַ"וו. היות ווי מיר זעען אַלץ וואָס פּאַסירט אַרום אונדז אין צוזאַמענהאַנג מיט אונדזער איך; היות ווי אונדזער איך וויל כסדר און כסדר געריי צט ווערן און איבערלעבן — האָט ער אויך אַ ווילן צו זען אַנדערע איכן אין אַ ליידנדיקן מצב און רחמנות האָבן אויף זיי, ד"ה אַראָפּבויגן זיך צו זיי און זיי מיטהעלפן ליידן — האָבן „מיט־לייד". דער ליידנדיקער איך, וויבנדיק אַז נאָך איכן ליידן מיט אים, פילט דורך דעם אַ געוויסע פאַרלייכטערונג. די פאַרלייכטערונג קומט דאָ נישט פון פאַרקלענערן די סבה, וואָס האָט געבראַכט צו די ליידן, נאָר קומט פון דעם, וואָס דער ליידנדיקער איז צופרידן פון דער צערטלעריי, וואָס מען גיט זיין זעלבסט. די דאָזיקע סאַטיספאַקציע העלפט אָפּשוואַכן דעם ווייטיקלעכן געפיל. די איך־באַפרידיקונג וואָס עס באַקומט די ליידנדיקע פּערזאָן, דעקט צו דעם פּיינלעכן געפיל, וואָס ער האָט. די סיבה פון דער פּיינלעכקייט בלייבט נאָך די מיטלייד־אויסדרוקן די זעלבע וואָס פריער, נישט מער, וואָס די מיטלייד־אויסדרוקן העלפן פאַרווישן די שווערע שפּורן פון ווייטיק, וואָס אַן אומגליקלעכע פּאַסירונג האָט איבערגעלאָזט, דורך דער גוטסקייט וואָס מען טוט אָן אונדזער איך. דערפאַר, וואָס מער איכן עס וועלן אויסדריקן זייער מיטלייד דעם ליידנדיקן, אַלץ מער וועט מען דורך דעם אָפּשוואַכן דעם איינדרוק פון דער פּיינלעכער טרעפונג, ד"ה אַז די גרויסע מאָס צערטלעריי וואָס ער באַקומט, שטייגט איבער די מאָס פּיינלעכקייט. נישט מען נעמט צו די ביטערניש, נאָר מען גיט קענען איר אַ גרעסערע דאָזע זיסקייט, אָט ווי מען שטילט איין אַ קינד וואָס עס ליידט ווייטיק מיט געבן עס אַ שפּילכל.

די דאָזיקע אָבער, וואָס פילן מיט און האָבן רחמנות, האָבן, בעת מעשה, דעם איינדרוק, אַז זיי לאָזן זיך אַראָפּ צום ליידנדיקן. דער ליידנדיקער איז, נעבעך, אַ נעפּאַלענער און זיי, די גוטהאַרציקע, לאָזן זיך אַראָפּ צו דעם געפאַלענעם און העלפן אים מיט. אָט דאָס איז ענגאַטישע הנאה. זאָל למשל, אַ שטאַרקע פּערזאָן, ווען ס'האָט פּאַסירט אַן אומ־

גליק, וואָס האָט אים אריינגעוואָרפן אין צער און ווייטיק, פאַרטרייבן פון זיך די אַלע גוטהאַרציקע רחמנות־האָבער און מיטפילער, וועלן די דאָזיקע צוריקגעוויזענע בעל־טובה ווערן דעם זעלבן דם־שונאים. פאַרוואָס? ווייל ער האָט זיי נישט געגעבן קיין געלעגנהייט, אַז זיי זאָלן אַרויפקריכן אויף זיין זעקבסט און הנאה האָבן. די דאָזיקע וועלן טאַקע בפירוש האָבן אַ געפיל פון אַראָפּגעשמיסענע. זיי וועלן פילן אַז יענער ליידנדיקער איך שטייט העכער פאַר זיי, און אַנשטאָט רחמנות צו אים וועט קומען ווי־דערווילן.

ס׳איז געוויינלעך אָנגענומען צו פאַרמישן „ווייכהאַרציקייט" מיט עטישער עמאָציע. דער עטישער געפיל ווערט דעפינירט ווי אַ מיטליידס־געפיל. ס׳איז נישט ריכטיק. מעגלעך, אַז דער עטישער געפיל האָט זיך אַרויסאַנטוויקלט פון דעם מיטליידס־געפיל. איצט, אָבער, זיינען זיי אין תוך פאַרשידן. צווישן סענטימענטאַליזם, רחמנות, און דער עטישער פיל־באַרקייט עקזיסטירט אַ עצמדיקער אונטערשייד. שוין דער בלויזער פאַקט, וואָס די עטישע פּערזענלעכקייט פילט שטענדיק גוטן ווילן און דער סענ־טימענטאַלער, ווייכהאַרציקער טיפּ, דאַרף האָבן נאָר טרויעריקע און אומר גליקלעכע סיטואַציעס, אַז ער זאָל רחמנות קריגן, באַווייזט דעם גרויסן אונטערשייד צווישן די צוויי עמאָציאָנעלע דערשיינונגען. רחמנות און מיטלייד מוזן האָבן אַלס סטימול אַ ווייטיקלעכע געשעעניש. די סענטי־מענטאַלע פּערזאָן, כדי צו ווערן סענטימענטאַל, מוז זי זען עמיצן ליידן. זעט זי קיינעם נישט ליידן, איז נישטאָ קיין סענטימענטאַלקייט. דער עטישער מענטש, אינקעגנטייל, איז שטענדיק באַהערשט פון אַ לויטערער פילבאַרקייט, סיי צו די וואָס ליידן, סיי צו די וואָס ליידן נישט. ער יאָגט זיך נישט נאָך קיין ליידנדיקע און אומגליקלעכע, נאָר, פאַרקערט, נאָך פריילעכע און מונטערע. באַגעגנט ער אַ ליידנדיקן טיילט ער זיך מיט אים ווי מיט אַ ברודער, ווי מיט זיינסגלייכן און גייט זיך זיין וועג. ער וואָלט אָבער געוואָלט זען די גאַנצע מענטשהייט אַ גליקלעכע און צופרי־דענע.

פונקט דער קעגנזאַץ איז מיט אַלערליי רחמנות־האָבער און באַרמ־הארציקע. די דאָזיקע יאָגן־זיך־נאָך נאָך פּיין און ווייטיק. זיי זוכן אַרום אומגליקלעכע און ליידנדיקע, כדי „זיך צו קענען אויסוויינען אויף יענעמס צרות". פונקט ווי דער טיפּ אָפּשפּאָטער וועט נישט אָפּלאָזן דעם שלימאַזל, נאָר ער וועט כסדר אָנקוועלן פון זיין אומבאַהאָלפנקייט און אים הייסן זיך כסדר מאַכן לעבערלעך, אַזוי וועט דער סענטימענטאַלער טיפּ נישט אָפּלאָזן דעם ליידנדיקן און וועט וועלן, אַז ער זאָל פאַר אים באַווייזן די גאַנצע ליידן, כדי ער, דער באַרמהאַרציקער, זאָל נאָך מער גערירט ווערן

און רחמנות־קרינגן. וואָס גרעסערע ליידן דער סענטימענטאַלער זעט־צו, אַלץ מער איך־באַפרידיקונג באַקומט ער. זאָל יענער אויפהערן ליידן, וועט ער דערפילן אַ געוויסע שנאה צו אים.

פרויען צייכענען זיך אויס אויפן געביט פון רחמנות־האַבעריי און סענטימענטאַליזם. דאָס איז דערפאַר, וואָס זייער זעלבסט איז שוואַך און אונטערדריקט און זיי ליידן פון אומנאָרמאַלער אויטאָ־סענסיביליטעט. דערפאַר אויך זיינען זיי גענויגט צו אכזריות און ברוטאַליטעט. סענטימענטאַליזם און אכזריות זיינען קרובישע דערשיינונגען. אָפט קען מען באַגעגענען צווישן פאַרברעכער סענטימענטאַלע פּערזאָנען. סענטימענטאַליטעט אַנטשטייט אויפן באָדן פון פילבארן עגאָטיזם.

זען עמיצן ליידן, הייסט זען זיין איך אין אַ מצב פון דערונטערקייט. שוואַכע איכן האָבן דערפון הנאה. וואָס שוואַכער ס'איז איינעמס איך, אַלץ מער הנאה האָט ער צו זען אַן אַנדער איך דערונטער. דורך רחמנות־האָבן גיט מען דעם אייגענעם איך אַ מעגלעכקייט זיך צו דערפילן פון אויבן. דורך דעם וואָס מען הויבט איינעם אָן טרייסטן, פילט מען זיך ווי מען וואָלט אויפגעהויבן אַ געפאַלענעם.

וואָס שטאַרקער אַ איך איז, אַלץ מער פיינט האָט ער געפאַלנקייט און דערונטערקייט און אַלץ ליבער האָט ער שטאַרקייט און שטאָלצקייט. אַזעלכער וועט נישט גיין אין די ערטער וואו מען זעט געפאַלענע, שוואַכע און אומבאַהאָלפענע. אינקעגנטייל, וועלן אין אַזעלכע ערטער יאָ גיין שוואַכן און בארמהארציקע. שוואַכע און בארמהארציקע האָבן ליב צו גיין אין שפּיטעלער, יתומים־הייזער, אַזילן פאַר קאַליקעם אא"וו — ערטער, וואו מען זעט ליידנדיקע, געפאַלענע, אומגליקלעכע. דערפאַר געפינען זיך די דאָזיקע אַנשטאַלטן צומייסטן באַזוכט פון פרויען.

דער זעלבסט פון דער פרוי איז, בדרך כלל, שוואַכער פונעם זעלבסט פון דעם מאַן. אין כאַראַקטער פון דער פרוי, זיינען די אַלע אייגנשאַפטן וואָס וואַקסן אַרויס פון עגאָטיזם מער פאַרטראָטן ווי אינעם כאַראַקטער פון מאַן. דערפאַר זיינען פרויען מער גענויגט צו אינטריגע; פרויען זיינען מער נייגעריק; פרויען נוידיקן זיך מער אין קאָמפּאַניע ווי מענער; פרויען זיינען מער גענויגט צו סיוזשעטן וואָס שילדערן טראַגעדיעס, פּיינלעכע איבערלעבונגען, סצענעס פון ווייטיק און צער אא"וו. נאָכדעם ווי זיי הערן, זעען, לייענען זאַכן מיט אַזאַ אינהאַלט, ווערט אין זיי געשטילט דער הונגער פאַר זייערע פאַרצערטע איכן, און זיי לעבן זיך אַזוי אַרום אויס.

(אויב דער איך שפּילט אַזאַ גרויסע ראָל אין נאָרמאַלן לעבן פון די מענטשן, שפּילט ער נישט קיין קלענערע ראָל אינעם אומנאָרמאַלן לעבן

פון די מענטשן. ניין און ניינציק פּראָצענט פון אַלערליי שיגעונות, פון אַלע וואַריאַציעס און גראַדן, האָט מען געקענט דיאַגנאָסטיצירן מיט דעם איינציקן וואָרט: ע נ אָ פּ אַ ט י ע!)

V

די ערשטע סימנים פון פּסיכישער אַקציע וואָס דער מענטש ווייזט אַרויס, זיינען פאַרבונדן מיט דעם איך־געפיל. נעמט אַ קליין קינד, וואָס הויבט אָן אַרויסצוברענגען די ערשטע צייכנס פון באַוואוסטזיין, וועט איר באַמערקן פאָלגנדיקס: ווען איר וועט אָנהויבן שרייען אויף דעם און מאַכן דראָענדיקע זשעסטן, אַזוי אַז דאָס קינד זאָל נאָר דערפאַרן, אַז איר נעגירט עס, און עס וועט אויסברעכן אין אַ געוויין. פאַרקערט, הויבט דאָס אָן צו צערטלען, גלעט עס און לאַשטשעט עס, אַזוי אַז דאָס קינד זאָל דערפאַרן, אַז איר האָט עס ליב, און דאָס וועט זיך באַרויקן. עטוואָס עלטערע קינדער, ווען זיי טוען אָן אַ שאָדן און זיי באַגייען אַן עולה און די מאַמע שרייט אויף זיי אָן, דערפילן זיי זיך באַליידיקט און צעווייינען זיך. יעדעס קינד וועט אַרויסווייזן מער סימפּאַטיע צו זיין „פאַרערער" און אַנטיפּאַטיע צו דעם, וואָס פאַרערט אים נישט. ער וועט שטענדיק גיין צו דעם, וואָס גיט זיך מיט אים אָפּ, און וועט נישט גיין צו דעם וואָס גיט זיך מיט אים נישט אָפּ. כדי צו ווערן דער פאַוואָריט פון אַ צוויי־יאָריק מענטשעלע, מוזט איר עס חנפנען און עס שענקען אויפמערקזאַמקייט. דעמאָלט וועט עס אייך אָפּצאָלן מיט דער זעלבער מטבע און וועט גיין נאָר צו אייך אויף די הענט און נישט צו קיין אַנדערן, און אַז איר וועט אַוועקגיין, וועט ער אויף אַ דעמאָנסטראַציוון אופן אויסדריקן זיין באַדויערן איבער אייער אָפּוועזנהייט — ער וועט אויסברעכן אין אַ געוויין. טאָמער, אָבער, וועט איר זיך באַציען צו אים גלייכגילטיק און איר וועט זיך מיט אים נישט אָפּגעבן, וועט ער זיך צו אייך אויך באַציען גלייכגילטיק און וועט אייך אָפּן אַרויסווייזן זיין „אַנטיפּאַטיע" און „גרינגשעצונג".

קינדער האָבן ליב יענעם צו רייצן און טאָן צו־להכעיס. דערטאָפּן זיי נאָר ערגעץ אַן אומבאַהאָלפענעם, תמעוואַטן מענטשן, וועלן זיי אים נישט אויפהערן צו פאַרפאָלגן און טאָן אין דער גאַל אַריין. זיי האָבן אַ ווילדע הנאה אים צו רייצן און צו זען אין פאַרלוירנקייט. די איך־באַדערפעניש קומט ביי קינדער אַסאַך אָפענער צום אויסדרוק ווי ביי דערוואַקסענע.

דורך דעם איך־געפיל דערקלערט זיך אויך די שטאַרקע נייגונג פון קינדער צו אויסטערלישקייטן, צו פאַנטאַסטישע מעשיות, צו אומגעוויינ־

לעבע טרעפונגען. דורך דעם ווערט זייער איך געריי׳צט פון שטארקע שפּאַנענדיקע איבערלעבונגען. דורך דעם וואָס זיי ווערן אריינגעפירט אין גע־וואַגטע אויפטועו און אין ריזיקאַלישע אונטערנעמונגען, ווערן זיי די העלדן פון די דאָזיקע אויסטערלישע טאַטן, און דאָס באַפרידיקט זייער איך־ווילן.

VI

דער איך־געפיל איז נישט נאָר דער ערשטער אויסדרוק פון געפיל ביים מענטשן, נאָר ער שפרייט זיך אויך אוים איבער זייער אַ ברייטן שטח פון זיין עמאָציאָנעלן לעבן אין אַלגעמיין. ס׳איז גענוג צוצוזען, מיט וואָס פאַר אַ פאַרזיכטיקייט מיר באַוועגן זיך אין קרייז פון אונדזערע מיט־מענטשן, מיט וואָס פאַר אַ אייפער און וואַכזאַמקייט מיר קוקן זיך ארום אויף בליקן, זשעסטן, באַנעמונגען, אויסדריקן, פון די אונדז ארומרינגלענדיקע אומבאַקאַנטע פערזאָנען, כדי צו פאַרשטיין, ווי גרויס ס׳איז דער כוח פון דעם איך־געפיל.

ווען מיר דאַרפן עפּעס טאָן, וואָס מיר צווייפלען בלויז, צי מען וועט אונדז איבער דער דאָזיקער טואונג גרינגשאַצן, ווען מיר שוין זען אויס־מיידן דאָס צו טון. מיר לעבן אין שטענדיקער ציטערניש פאַר אונדזער זעלבסט. פאַר יעדעס מאָל, וואָס מיר שטייען אין סכנה פון נעגאַציע צו אונדזער זעלבסט, ווען מיר טון אַלץ אין דער וועלט דאָס צו פאַרמיידן. אָט, למשל: מיר קומען אריין אין אַ געזעלשאַפט פון אומבאַקאַנטע מענטשן און מיר פאַרשעמען זיך. פאַרוואָס? ווייל מיר זיינען אין ספק, וואָס פאַר אַן איינדרוק מיר מאַכן אויף זיי און וואָס פאַרא מיינונג זיי קריגן וועגן אונדז. מיר ציטערן איבער, אַז מען זאָל אַמאָל נישט געפינען אין אונדז עפּעס אַ לעבערלעכן שטריך, וואָס זאָל אונדז מאַכן צו שפּאָט. זאָלן מיר בעת מעשה באַמערקן אַז איינער פון די אומבאַקאַנטע אַנוועזנדיקע האָט געטון אַ שמייכל, און מירן באַלד מיינען, אַז דאָס האָט מען פון אונדז געשמייכלט. תיכף ווי מיר דערפאַרן, אַז מיר זיינען גרינגגעשאַצט געוואָרן פון עמיצן, וועט אונדזער געפיל גלייך נעגאַטיוו רעאַגירן אויף דעם. זאָלן מיר, פאַרקערט, באַמערקן, אַז איינער האָט געמאַכט אַ מינע פון אַכטונג און פאַרערונג צו אונדז, אַ זשעסט פון פריינטלעכקייט, און מירן קריגן פּאָזיטיווע געפילן צו אים. ווען מיר קומען אין אַ געזעלשאַפט, וואו מיר ווייסן, אַז מען האָט וועגן אונדז אַ שלעכטע מיינונג, איז אָדער מירן אריינקומען מיט אַן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ און פאַרשעמטן פנים, אָדער מירן זיך האַלטן ציניש און אומפאַרשעמט. דאָס ערשטע וועט הייסן, אַז מיר וואַרפן זיך אונטער די אַנדערע זעלבסטן; דאָס צווייטע, — אַז מיר איג־נאָרירן זיי און שטעלן זיך איבער זיי.

מיט אונדזערע נייע באקאנטע פירן מיר זיך אזוי, אז מיר זאָלן געזען ווערן פון דער בעסערער זייט. מיר ריידן אַנדערש מיט א נײ־באקאנטן ווי מיט אַן אַלטן, מיר באַנעמען זיך אַנדערש, מיר זשעסטיקולירן אַנ־דערש, מיר זוכן שיינע ווערטער — מיר טוען אַלץ אבי מיר זאָלן דער־שיינען אין א פּאָזיטיוו ליכט. דער ערשטער איינדרוק איז שטענדיק פאַר־פירעריש, מחמת פאר נײ־באקאנטע זוכן מיר זיך צו באווייזן אין א העלער ליכט און וואָלטן שטענדיק געוואָלט וואָס מער אויסנעמען און וואָס מער סימפּאַטיש געווינען. ס'איז אונדז א שאָד, אז א מענטש, וואָס דאַרף ערשט קריגן וועגן אונדז א מיינונג, אַז ער זאָל אים קריגן א שלעכטן. אינקעגנ־טייל פאַר אַלט־באקאנטע, וואָס האָבן שוין זייער מיינונג וועגן אונדז, ווייזן מיר זיך אזוי ווי מיר זיינען, ניש‍ט אינזינען האָבנדיק צו ווייזן בלויז דאָס גוטע.

דאָס איז דער טייטש פון ווערן „היימיש". ווערן היימיש הייסט, דערפאַרן אַז אונדזער איך איז אין א פּאָזיטיוון זינען אָקצעפּטירט געוואָרן פון אַן אַנדערן. זאָל אונדז א נײ־באקאנטער ארויסווייזן דעם מינדסטן צייכן פון נעגאַציע און מירן אים פיינט קריגן. מיט אזאַ איינעם, וועט זיך קיינמאָל נישט שאפן קיין היימישקייט, זאָגאַר ווען מיר זאָלן מיט אים אָפּזיין יאָרן און מוזן האָבן מיט אים באַציונגען; מיט אזאַ וועלן מיר שטענדיק בלייבן פרעמד. אינקעגנטייל קענען מיר ווערן היימיש מיט א נײ־באקאנטן אין מינוטן. דאָס וועט געשען דעמאָלט, ווען מירן ארויסזען, אַז דער דאָזיקער נעמט אונדז פּאָזיטיוו.

צווישן נײ־באקאנטע פּאַרלירן מיר זיך אָפּט, מיר פילן זיך נישט פריי, מיר שטאַמלען־אונטער, זיינען נישט דרייסט אא"וו. פאַרוואָס אייגנטלעך פּאַסירט אזוי? פאַרוואָס האַלטן מיר זיך דרייסטער אין דער קעגנוואַרט פון אַלטע באקאנטע און אומדרייסט אין דער קעגנוואַרט פון נײ־באקאנטע? דאָס איז דערפאַר, וואָס מיר ווילן זיך אויסהיטן פון נעגירונג און ווילן דעראָבערן סימפּאַטיע. אין אזאַ דעצידירנדיקן מאָמענט, אַרבעט אונדזער פסיכישער אַפּאַראַט מיט א פאַרשאַרפטער פּאַרזיכטיקייט. מיר פּאַלגן דעמאָלט נאָך מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט אַלע זשעסטן, ווער־טער און בליקן פון דעם מענטש מיט וועלכן מיר טרעטן אריין אין נייע איך־באַציונגען.

וואָס שטאַרקער א זעלבסט איז, אַלץ ווייניקער פּאַרלירט ער זיך, אַלץ מער דרייסטקייט ווייזט ער ארויס און אַלץ ווייניקער איז ער אונ־טערגעוואָרפן דער בושה. פאַרקערט, וואָס שוואַכער א זעלבסט איז, אַלץ מער אונטערליגט ער דער בושה און אַלץ מער פּאַרלוירנקייט ווייזט ער ארויס. קינדער זיינען שעמעוודיק. דאָס איז דערפאַר, וואָס זייער זעלבסט

איז נאָך גאָר קליין, בפרט לגבי דעם זעלבסט פון אַ דערוואַקסענעם. מאַכט אַ חוזק־מינע אָדער זאָגט אַן אָפּשפּאָטנדיק וואָרט אַ קינד, וואָס זעט אייך צום ערשטן מאָל און דאָס וועט די בושה נישט קענען אריבערטראָגן און וועט זיך צעוויינען. פאַרקערט, מאַכט דערצו אַ פריילעכע מינע און זאָגט דאָס אַ גוט וואָרט, און עס וועט מיט אייך שנעל היימיש ווערן.

בושה איז דער וועונדלער פאַרטיידיקונגס־געפיל פאַרן זעלבסט. איידער מיר טרעטן אריין אין נייע באַציונגען מיט אַנדערע זעלבסטן, פילן מיר בושה, וואָס דאָס מיינט אַן איבערציטערונג פאַר אונדזער איך, וועלכער גייט אַרויס אַנטקעגן אַנדערע איכן, און מיר ווייסן נישט, צי ער וועט טריומפירן אָדער פאַרלירן.

אויף וויפל איינער פאַרמאָגט זעלבסטזיכערקייט, אויף אַזויפיל פעלט אים בושה. פאַרקערט, אויף וויפל איינער באַזיצט די אייגנשאַפט פון בושה, אויף אַזויפיל פעלט אים די אייגנשאַפט פון זעלבסטזיכערקייט. בושה און זעלבסטזיכערקייט, זיינען צוויי אייגנשאַפטן, וואָס שליסן זיך אויס איינע דער צווייטער. מען דאַרף דאָ צוגעבן, אַז אַזוי איז די זאַך פּסיכאָלאָגיש גענומען, נישט לאָגיש. לאָגישערוויז וואָלט באַדאַרפט אויסקומען, אַז מענטשן, וואָס קענען זיין זעלבסטזיכער, מחמת דער גרויסער אַנערקענונג וואָס זיי האָבן, זאָלן נישט פאַרמאָגן קיין בושה. דער פאַקט איז, אָפּטמאָל, פאַרקערט. זייער אָפט טרעפט עס, אַז גרויסע מענטשן מיט גרויסע נעמען און גרויסע פאַרדינסטן, זיינען בטבע ביישנים און אומזיכערע מיט זייער זעלבסט, פאַרלירן זיך ביים צוזאַמענטרעף מיט אַנדערע און הויבן אָן שטאַמלען אין דער קעגנוואַרט פון אַן עולם מענטשן. אין אַזאַ פאַל הייסט עס, אַז עס איז פאַראַן אַ סתירה צווישן דעם מיטגעבוירענעם כאַראַקטער־שטריך און דעם זעלבסטבאַוואוסטזיינס צושטאַנד פון דער געגעבענער פּערזאָן. משפּטנדיק לויטן זעלבסטבאַוואוסטזיין, וואָלט יעדע אַנערקענטע פּערזענלעכקייט, זיך באַדאַרפט פילן ביז גאָר זעלבסטזיכער און גאָרנישט פילן קיין בושה און זיך פאַרלירן. דער פאַקט איז אָבער אַז אַסאַך גרויסע מענטשן פאַרמאָגן יאָ אומזיכערקייט מיט זייער זעלבסט און זיינען יאָ שעמעוודיק און אָפּהעגנטיק.

פון אַלע געפילן וואָס באַזירן זיך אויף דעם איך־געפיל, איז גאווה דער מער דירעקטער און מער בולטער. גאווה איז אַן אָפענע מאַניפעסטאַציע פון אַ איך צו וועלן זיין איבער אַנדערע. דער זעלבסט פונעם בעל גאווה רייסט זיך כסדר אויף אַרויף און גאָרנישט קען אים דערפון אָפּהאַלטן. ער רעכנט זיך נישט מיט דעם, צי האָט ער פאַרדינסטן, מעלות און באַגאַבטקייטן; צי שטייט ער ווירקלעך העכער ווי אַנדערע, נאָר ער פילט אַז ער איז איבער אַנדערע. אַזוי איז דער זיין פון בעל גאווה. די לאָגיק האָט

דאָ גאָרנישט וואָס צו זאָגן. עס זיינען נישט נויטיק דערצו קיין שכלדיקע באַרעכטיקונגען, און קיין שכלדיקע נעגאַציעס טוען דאָ גאָרנישט אויף. אַלץ וואָס זיי קענען טאָן איז שאַפֿן אינערלעכן קאָנפֿליקט, פֿעגטען דעם זיין, דער זיין בלייבט אָבער אַזוי ווי ער איז.

דערפֿאַר ווערט דער בעל־גאוה נעגירט פֿון אַלע מיט וועלכע ער קומט אין באַציונג. דאָס איז די רעאַקציע פֿון איכן קעגן אַ איינעם וואָס וויל זיי איבערשטייגן און לאָזן דערונטער. אָפּגערעדט ווען דער בעל גאוה איז אַ פּוסטער און פּאַרדינסטלאָזער מענטש — אַזעלכע וואָלטן מיר מי יודע וואָס געטון — נאָר אפילו ווען דער בעל גאוה איז אַ ווערטפֿולער מענטש, קענען מיר אים אויך נישט פֿאַרטראָגן, מחמת אויב אַ איך האָט פֿאַרדינסט, אַז ער זאָל אַרויסגעהויבן ווערן, וועלן מיר עס שוין אַליין טאָן. ער, דער גרעסערער איך, דאַרף נישט מאַניפֿעסטירן זיין העכערקייט און זיך גרויסן לגבי אונדז. וואָס מער ער וועט זיך אַליין גרויסן, אַלץ מער וועלן מיר אים נעגירן. פֿאַרקערט, וואָס באַשיידענער און עניוותדיקער ער וועט זיך האַלטן, אַלץ מער וועלן מיר אים אויפֿהויבן.

אין דער הינזיכט איז דער כבוד־זוכער דער קעגנזאַץ פֿון בעל־גאוה. אַנשטאָט דעם, וואָס דער בעל גאוה האָט די אייגנשאַפֿט זיך צו האַלטן איבער אַלע, האָט דער כבוד־זוכער די אייגנשאַפֿט צו וועלן, אַז אַנדערע זאָלן אים אונטערהויבן. דער בעל גאוה איז אַ האַרטער, אָנגעכמור־עטער מענטש, וואָס גייט שטענדיק אויפֿגעשטעלט דעם קאָלנער און האַלט זיך גרויס. דער כבוד־זוכער, אינקעגנטייל, איז אַ ווייכער, גוטמוטיקער מענטש, וואָס איז גרייט אַלעמען צו חנפֿנען און טובות טון, אַבי מען זאָל אים אָפּגעבן דאָס ביסל כבוד און אים אונטערהויבן.

אין שנאה איז די ענגאָאַטריע שטענדיק אויסגעדריקט אין דער פֿאָרעם פֿון פֿאַרניינונג צו אַנדערע זעלבסטן. ביי דעם געוויינלעכן מענטשן קומט שטענדיק שנאה, נאָכדעם ווי זיין איך איז פֿון עמיצן אָנגעגריפֿן געוואָרן, ענטפֿערט ער אויף דעם מיט שנאה. גרייפֿט אים קיינער נישט אָן, איז נישטאָ קיין שנאה. ביי דעם ספּעציעלן בייזן מענטשן, ביי דעם וואָס גייט אַרום אַן אָנגעברוגזטער אויף דער גאַנצער וועלט און מאַכט פֿון אַלעמען אַש און שטויב, ביי דעם איז די בייזקייט אַ סאַטיספֿאַקציע פֿאַר זיין קראַנקלעכער איך־פֿילבאַרקייט. דורך דעם וואָס אַלע ווערן פֿון אים פֿאַר־ניינט, בלייבט נאָר זיין אייגענער זעלבסט. אַמביציעזע מענטשן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין דערפֿאָלג אין לעבן, פֿאַלן אָפֿט אַריין אין אַזאַ געמיט־צושטאַנד. דאָס זאָל הייסן, אַז דורך דעם וואָס זיי פֿאַרניינען אַלע־מען און זיינען אַלעמען מבטל, באַקומען זיי דורך דעם אַ באַפֿרידיקונג פֿאַר זייער אייגענעם דורכגעפֿאַלענעם זעלבסט.

אויף דעם זעלבן אופן דארף מען פארשטיין דעם געפיל פון קנאה; דעם געפיל פון הכנעה או"וו. אלע די געפילן האבן אן אפענע שייכות מיטן איך, זיינען פאזיטיווע אדער נעגאטיווע ניואנסן פון עגאטיזם, קאמ־בינירט מיט פארשידענע באוואוסטזיינס־מאמענטן וועגן דער פאזיציע אונעם זעלבסט לגבי אנדערע זעלבסטן.

VII

עגאיזם, עגאטיזם, עראטיזם, דאס איז די דריי־אייניקייט פון דעם מענטשנס אנימאלער נאטור. פון די דאזיקע דריי גרונט־אייגנשאפטן, קען מען אויפבויען די גאנצע זאאישע נאטור פון מענטשן. מען דארף דערצו בלויז צוגעבן די פעיקייט פון דענקען. ביי חיות וואס פארמאגן נישט קיין שכל, איז זייער עמאציאנעל לעבן געבליבן אויף דער מדרגה פון אימפולס וואס ברענגט צו דירעקטן טאט, ד"ה פון אינסטינקט. ביי דער חיה גייט אלץ פון אימפולס צו טאט. ווען עס קומט דער בלינדער אנשטויס, וואס שייד זיך אוים פון דער חיות וועזן, הויבט זיך אן א טעטיקייט דעם דאזיקן אנשטויס צו באפרידיקן.

אנדערש קומט דאס פאר ביים מענטשן. אדאנק דעם וואס דער מענטש האט באוואוסטזיין וועגן זיינע עמאציעס, באמיט ער זיך אפ־זיכטלעך איבערצולעבן, ד"ה צו פירן א לעבן אין דער מחשבה. ער טראכט אוים זאכן וואס האבן פאר אים א פסיכישן ווערט. ביי דער חיה גייט דער אימפולס גלייך צו זיין אנטשפרעכנדיקער אקציע און ער גייט נישט דורך קיין שום צווישן־ספערע. ווען, אויף וויפל, און ווי אזוי עס איז דער אימפולס, דעמאלט, אויף אזויפיל און אין דער ריכטונג קומט פאר די אקציע. ביים מענטשן גייט דער אימפולס דורך די ספערע פון געדאנק. דארט סינטעטיזירט ער זיך מיט געדאנק־עלעמענטן און ערשט פון דארט ארוים גייט ער צו אקציע.

אין דער ספערע פון געדאנק מאכט דער אימפולס דורך דעם עטאפ פון פארקאמפליצירונג. ביי דער חיה דריקט זיך דער אימפולס אוים אין אנטשפרעכנדיקן טאט. ביים מענטשן איז דער אימפולס גורם פלענער און מחשבות און קאמבינאציעס און טעטיקייטן. די מחשבות וואס ער האט, ווירקן צוריק אויף דעם אימפולס אים צו וועקן און מונטערן. וואס לענגער ער טראכט וועגן די קעגנשטאנדן פון זיינע אימפולסן, אדער פלא־נעוועט אין דער ריכטונג פון באפרידיקן די אימפולסן, אלץ מער ווערן זיי אין אים אקטיוויזירט און צו אלץ א העכערן גראד פון אינטענסיוויקייט שטייגן זיי. אזוי אויך פארקערט: וואס גרעסער דער אנשטויס, אלץ מער פלענער, אלץ מער מחשבות, אלץ מער קאמבינאציעס און אלץ מער דענ־קערישע טעטיקייט.

דאָס וואָס אין דער חיות־וועלט איז עס אַן אָפּגעגרעניצטער טאַט וואָס דער בעל־חי מוז דערפילן, האָט ביים מענטשן, ביים דענקער, אָנגע־הויבן צו ווערן דער יסוד פון אַן אומגעהייערער פּסיכישער אַקטיוויטעט. דער עראָטישער — אָדער עגאָיסטישער — אימפּולס אָנפּאַרזיך, איז דער זעלבער ביים מענטשן ווי ביי דער חיה. דאָס וואָס טיילט זיי אָפּ, איז דאָס, וואָס ביים ערשטן איז צום אימפּולס צוגעקומען אַ שכל, וועלכער האָט אים אָנגעהויבן ארומוועבן און ארומשפּינען מיט אַ רייכער נעץ פון איינפאַלן און פאַרשטעלערישע קאָמבינאַציעס, און ביי דער צווייטער איז דער אימפּולס געבליבן בלויז אינסטינקט.

די אַנימאַלע אימפּולסן קענען, בלויז צו דעם וואָס זיי קומען ביים מענטשן קאָמבינירט מיט שכל־עלעמענטן, נישט באַטראַכט ווערן ווי אַנ־דערע עמאָציאָנעלע דערשיינונגען ווי ביי דער חיה, נאָר ווי אַנימאַלע עמאָ־ציעס סינטעטיזירט מיט שכל, ד"ה „ראַציאָאַנימאַלע עמאָציעס". די דאָ־זיקע באַצייכענונג אַנטשפּרעכט דורכויס דעם אמתן באַשטאַנד פון יענע אַלע געפילן וואָס אנטשטייען אויפן באָדן פון עגאָיזם, עגאָטיזם און גע־שלעכטס־חשק. זאָל זיין אַז די פאַרבינדונגען זיינען פאַרקאָמפּליצירטע. צעלייגט אָבער אויף די פּרימערע עלעמענטן, זיינען זיי נישט מער ווי אַנימאַלע פילבאַרקייט, איינס, און ווירקונג פון שכל, צוויי. בלויז מיט דעם קען עס נאָך נישט הייסן, אַז דער מענטש שיידט זיך, אין עצם, אָפּ פון די חיות. אַלץ אויף וואָס דאָס גיט אים אַ רעכט איז אָנגערופן צו ווערן אַ חיה מיט שכל. דער מענטש איז אָבער מער ווי דאָס. דער מענטש האָט אַ ספּעציפיש מענטשלעכע נאַטור, ווי מירן עס זען אין ווייטערדיקן קאַפּיטל.

קאפיטל 4

די שטרעבונג צו יושר, אמת און שיינקייט — די עטישע נאַטור פון מענטשן

א

ליבע צו גוטס, ליבע צו שיינקייט, ליבע צום אמת — דאָס זיינען די דריי געביטן אויף וועלכע עס קומט צום אויסדרוק דעם מענטשנס עטישע נאַטור.

ווי מען גייט געוויינלעך צו צום פּראָבלעם, הייסט עס, אַז דער מענטש האָט מאָראַלישע געפילן און עסטעטישע געפילן, עטישע עמאָציעס און עסטעטישע עמאָציעס. אונדזער עטישע נאַטור איז נישט קיין איין גאַנצ־קייט, נאָר איז צוזאַמענגעזעצט פון באַזונדערע טיילעכלעך, וואָס יעדעס איינע ווערט, אין תוך, באַזונדערס באַנומען. אינדערעמתן, אָבער, איז עס נישט אַזוי. אונדזער עטישע נאַטור איז איין גאַנצקייט. די איינצל־עמאָציעס זיינען נישט מער ווי וואַריאירטע מאָמענטן אין איר, דורך אוי־סערלעכע סטימולן.

ווען מיר זאָגן מאָראַלישער געפיל, עסטעטישער געפיל, געפיל פאַרן אמת, ריידן מיר שוין דאָ מער נישט וועגן קיין רויער געפיל־קראַפט, נאָר מיר ריידן שוין דאָ וועגן געפיל־קראַפט, וואָס איז קאָמבינירט מיט אוי־סערלעכע סטימולן. מאָראַלישער געפיל מיינט רויע געפיל־קראַפט וואָס האָט אַלס איר סטימול דעם מיטמענטש; עסטעטישער געפיל מיינט די זעלבע רויע קראַפט וואָס האָט אַלס איר סטימול שיינקייט, און דער גע־פיל פאַר אמת־זוכונג מיינט די זעלבע רויע קראַפט וואָס האָט אַלס איר סטימול אמת־דערקענטעניש. אָפּטיילנדיק די אויסערלעכע סטימולן פון דעם הויכן ווילן, וועט זיך באַקומען, אַז די אַלע דריי שטעלן מיט זיך פאָר דעם זעלבן לויטערן געפיל־פלוס, וועלכע מיר באַנעמען ווי די עטישע נאַטור פון מענטשן. מיט אַנדערע ווערטער לאָזט זיך די זאַך דעפינירן

אזוי: ווען דער אויסערלעכער קעגנשטאנד פון דער עטישער פילבארקייט זיינען מיטמענטשן, באקומט זיך דעמאָלט אַ קאָנקרעטער געפיל־אויסדרוק פון ליבע און סימפּאַטיע צו די זעלבע, וואָס איך באַצייכענען מיר אלס מאָראַלן געפיל. ווען די אָביעקטן פון דער עטישער פילבארקייט זיינען קעגנשטאנדן וואָס צייכענען זיך אויס מיט שיינקייט, דעמאָלט באקומט זיך אַ קאָנקרעטער געפיל־אויסדרוק וועלכן מ׳רופט עסטעטיש. ווען דער אָביעקט פון דער עטישער פילבארקייט איז וועלט־ און מענטש־דערקענ־טעניש, באקומט זיך אַ געפיל־קאָנקרעטיזאציע וואָס מיר רופן זי ליבע צום אמת. פון דער אינערלעכער זייט געזען, ד״ה געזען די רויע פיל־בארקייט גופא, אָן יעדער צומיש פון אויסערלעכע סיבות, איז זי אין אַלע דריי געביטן די זעלבע. ס׳איז דער זעלבער לויטערער געפיל־פלוס וואָס באקומט זיך ארויס פון אונדזער זיין. נישט מער, וואָס אַנהויבנדיק קומען אין קאָנטאַקט מיט דער אויסערלעכער וועלט, צעלויפט ער זיך אין די דריי געזאָגטע שטרעמונגען. די זעלבע לויטערע פילבארקייט איז אי ליבע צום מיטמענטש, אי ליבע צו שיינקייט און אי ליבע צו אמת־ און וועלט־דערקענטעניש.

היות ווי דער מאָראַלישער און עסטעטישער געפיל, זיינען שוין פעסטגעשטעלט און גוט־דעפינירטע, וועלן מיר זיך דאָ עטוואָס לענגער אָפּשטעלן אויף דער באַגרינדונג פון דעם געפיל פאר אמת־ און וועלט־דערקענטעניש.

מיר קענען נישט צווייפלען, אז אינעם מענטשן איז פאראַן אַ ווילן צו וועלט און זעלבסט־דערקענטעניש. דער מענטש פארזוכט אַ ווילן צו דערקענען דאָס אייגענע, מענטשלעכע, לעבן, און דאָס וועלט־לעבן. עס צויבערט אין אים אריין די וועלט־מיסטעריע און דער סוד פונעם אוני־ווערסאַלן זיין. ער פילט זיך באַהעפט מיט דער אַלעקזיסטענץ און זעט זיך ווי אַ טייל פון איר. די אַלע געדאַנקען זיינע און מעאַריעס, וואָס ער שטעלט זיך אויף, זיינען נישט מער ווי אַ פּועל יוצא פון דעם ווילן פון וועלכן זיין גאַנץ וועזן איז באַהערשט און וועלכער טראָגט אים כסדר אוועק אין די געהיימניספולע אומענדלעכקייטן פון דער וועלט און אין די מיסטעריעזע תהומלאָזע טיפקייטן פון דער עקזיסטענץ. דער וועג וואָס ציט זיך פון די סודותפולע ווייטע וועלכן ביז דעם מענטשנס האַרץ, איז אַ גלייכער און דירעקטער. דער ווילן צו באַשיידן דעם וועלט־זינען און וועלט־סוד, איז נישט קיין אויסדרוק פון שכל, נאָר איז געוואָרן געפיל און נאַטור פונעם מענטשן. דער מענטש איז גענויגט זיך צו פארטראַכטן און אריינקלערן אין זיין אייגענעם קיום און אין דעם קיום פון אַלץ. דאָס איז נישט ביי אים קיין אַקציע פון שכל, נאָר דאָס איז אַ פאר־

בענקשקייט; ער האָט פאַרגעניגן פון זיינע מחשבות; ער לייזט זיך אויף אין זיי, דאָס איז ביי אים אַן אויסדרוק פון דערפילן זיך; ער דערפילט זיין זעלבסט אין צוזאַמענהאַנג מיטן זעלבסט פון דער וועלט. מיר לעבן־איבער די שענסטע און איידלסטע געפילן, ווען מיר זיינען פּאַרזונקען אין וועלט־באַטראַכטונג ד״ה אין וועלט־אַריינפילונג. אמת־דערקענטעניש איז פאַר אונדז אַ קוואַל פון גליק און העכסטער צופרידנקייט. פאַרוואָס? — אָן אַ פאַרוואָס. אַזוי פילן מיר; אַזוי זיינען מיר געמאַכט צו פילן.

פונקט ווי מיר אַנערקענען אינעם מענטשן אַ מאָראַליש געפיל, וואָס זיין ציל זיינען די מיטמענטשן, און אַן עסטעטיש געפיל, וואָס זיין ציל איז דאָס שיינע, אַזוי דאַרפן מיר אין אים אויך אַנערקענען אַ געפיל וואָס זיין ציל איז אמת־דערקענטעניש און וועלט־וויסן. פונקט ווי די ערשטע — גיבן מיר צו — פילט דער מענטש ווייל ער פילט זיי, אַזוי דאַרפן מיר אויך צוגעבן בנוגע דעם לעצטן געפיל, — מיר האָבן אַזאַ געפיל. אויב אַלס אויסדרוק פון דעם מאָראַלן געפיל זיינען געקומען די פאַרשידנסטע מאָראַל־רעליגיעס און אַלטרויסטישע באַוועגונגען, און אַלס אויסדרוק פון דעם עסטעטישן געפיל — די פאַרשידענע קונסטן און שיינוועלט, זיינען אַלס אויסדרוק פון אמת־דערקענטעניש געפיל געקומען די פאַרשידנסטע פילאָזאָפיעס און וויסנשאַפטן.

אַלזאָ, די דאָזיקע דריי פעלדער פון אונדזער עמאָציאָנעל לעבן, וואָס דריי זיינען זיי גענומען אין צוזאַמענהאַנג מיט זייערע אויסערלעכע גע־ביטן, שטעלן מיר זיך פאָר, אינערלעך גענומען, דעם אינטעגראַלן באַ־שטאַנד פון אונדזער עטישן גייסט.

די עטישע פילבאַרקייט, וואָס פליסט אַרויס פון דער אינטימסטער סטרוקטור פון אונדזער וועזן, וואָלט דאָס לייכטסטע איר צו באַנעמען גע־ווען, קומענדיק אין אוממיטלבאַרן קאָנטאַקט מיט איר גופא. כדי צו זען די עטישע נאַטור אין איר „רויען צושטאַנד", וואָלט דאָס בעסטע געווען, זיך צו פאַרטיפן אין עטישן מענטשן, איר טרעגער און פאַרקערפּערער, און נאָר אידענטיפיצירנדיק זיך מיט אים, קענען מיר קריגן אַ גענויע ידיעה וועגן איר.

אַראָפּרעכענענדיק אינטעלעקט און באַגאַבטקייט, נאָר נעמענדיק בלויז כאַראַקטער און געפיל, זיינען דער פילאָזאָף, דער פּאָעט און די עטישע פּערזענלעכקייט (דער צדיק), די דריי פּראָטאָטיפּן וואָס פאַרקערפּערן די מענטש־נאַטור, פון דריי פאַרשידענע אָנזיכט־פונקטן. זיי דריי זיינען איר אינטעגראַלע דעפיניציע. זיי דריי, כאָטש דיפערענצירטע דורך באַגאַבט־קייטן און צונעגויגטקייטן, איז אָבער דער ריינער געפיל־יסוד זייערער אַ בשותפותדיקער פאַר אַלע דריי, אין דעם זינען, אַז זיי זיינען די איינ־

הייטלעכע פערזאָניפיצירונג פון דער מענטש־נאַטור. דער פילאָזאָף, דער פּאָעט און די עטישע פּערזענלעכקייט, זיינען די דריי זייטן פון דער מענטש־נאַטור. יעדער פון די ברענגט אַרויס אַ טייל פון איר, צו וועלכן ער איז באַזונדערס באַרופן, אַדאַנק אינטעלעקט און טאַלאַנט, אַרויסצו־ברענגען. אויב דער פילאָזאָף האָט אַלס זיין געביט וועלט־דערקענטעניש און דער פּאָעט וועלט־שיינקייט, האָט די עטישע פּערזענלעכקייט אַלס איר געביט סאָציאַלע אַקטואַציע. זיי טיילן זיך איינער פון צווייטן אָפּ נישט אין געפיל, נאָר אין די נעבן־מאָמענטן וואָס געפיל נוצט־צו אויף זיך אויסצודריקן. דער סאָציאַלער קעמפער, דער פּריידיקער, נביא, צדיק, וואָס זייער אויסווירקונגס־געביט איז דאָס סאָציאַלע לעבן; דער פּאָעט וואָס זיין אויסדרוקס־געביט איז דאָס שיינע, און דער וויסנשאַפטסמאַן, פאַרשער און פילאָזאָף, וואָס זיין אויסווירקונגס־געביט איז דאָס וועלט־וויסן און וועלט־פאַרשטיין — ווערן צו זייערע אַקטואַציעס געשטויסן פון דעם זעלבן העכערן געפיל איינער און דערהאַבענעם פאַרלאַנג דער צווייטער און הור־מאַנעם אימפּולס דער דריטער. די אוממיטלבאַרע פילבאַרקייט, דער די־רעקטער געפיל־אַנשטויס, וועלכער קומט ספּאָנטאַן, איז ביי אַלע דריי דער זעלבער. ער מאַכט אַז די אַלע דריי זאָלן זיין דאָס וואָס זיי זיינען. די באַדערפעניש צו וויסן, די באַדערפעניש צו שיינקייט און די באַדערפעניש צום מיטמענטשן — אַלע דריי פליסן אַרויס פון איין און דעם זעלבן קוואַל.

דער פילאָזאָף איז נישט קיין געדאַנקען־שפּעקולאַנט, נישט קיין זשאָנגלאַר מיט אַבסטראַקטע אידייען, וואָס דאָס איז פעיקייט און פלינ־קייט פון אינטעלעקט, נאָר דער פילאָזאָף איז, פריער פון אַלץ עטישער מענטש; פילאָזאָפיע איז ווילן, אין קראַפט, איז כאַראַקטער און גייסט פונעם פילאָזאָף. דער פילאָזאָף, כאָטש זיין ספּעציאַליטעט איז וועלט און מענטש־דערקענטעניש, דאָך ווערט ער קאָנטראָלירט פון די עטישע און עסטעטישע עמאָציעס. זיין גאַנץ לעבן און זיינע אַלע מעשים ווערן באַ־שטימט פון דער לויטערער פילבאַרקייט. ער איז נישט בלויז קיין „דענ־קער" אין בוכשטעבלעכן זינען פון וואָרט, נאָר אַ פולקאָמער מענטש. אויף אַלע געביטן פון לעבן שטעלט ער מיט זיך פאָר אַ מוסטער פון מענטש־לעכער פולקאָמענהייט. ער איז צוגלייך געצויגט צו פילן דאָס שיינע און צו טאָן דאָס גוטע, ווי ער איז געצויגט צו ווידמענען זיך דעם וועלט־וויסן. ער פילט די שיינקייט פון דער נאַטור און באַגייסטערט זיך מיט איר. ער זוכט איר נאָענטקייט, ווי מ'זוכט די נאָענטקייט פון אַן איידעלער געליבטער. אין איר מיט דערפילט ער זיך באַרויקט און דערלייזט. נאָענט פון דער נאַטור געניסט ער פון דער העכסטער נשמה־רו און אינערלעכן פרידן. דאָסגלייכן אויפן געביט פון מאָראַלישן אויסלעבן זיך. ליבט ער

זיינע מיטמענטשן און איז גרייט זיך פאר זיי אויפצואפפערן זיך. ער איז א פריינט פון אלעמען און זוכט דעם אלגעמיינעם וואוילזיין. יעדער געפיל פון עגאיזם איז אים פרעמד און ער פילט נאר גוטס צו טון דעם צווייטן.

דער ווילן פאר אמת, דער ווילן פאר שיינקייט און דער ווילן פאר גוטס, דאס אלץ צוזאמענגענומען, איז אין הארץ פונעם ביאטישן מענטשן איין זאך — זיין מענטש־נאטור. דאס אויסנווייניקסטע איז בלויז גורם דיפערענצירונג פון דעם איינהייטלעכן געפיל־קוואל.

די סיבה דערפון, וואס דער פילאזאף ווידמעט זיך הויפטזעכלעך צו דער געוואראוועררונג פון די וועלט־אמתן, דארף מען זוכן אין זיין באגאבט־קייט. כדי צו ווערן א פילאזאף פון בארוף, ד"ה כדי צו קענען קאמ־פאנירן סיסטעמען און שיטות, זיי דעפינירן און איינפאסן אין באשטימטע פארמולן, דערצו מוז מען האבן טאלאנט. אבער טאלאנט איז נישט גייסט, נאר געשיקטקייט און פלינקייט פון אינטעלעקט, א געהילפס־מיטל צו קענען ארויסברענגען און איבערגעבן אנדערע דאס, וואס מ'האט אליין. דאס וועזנטלעכע אבער פונעם פילאזאף איז נישט אין זיין פעיקייט ארויסצו־ברענגען, נאר אין זיין גייסט, ד"ה אין דעם וואס ער א י ז.

דאס זעלבע שטעלט מיט זיך פאר דער פאעט, דער אפאסטאל פון שיינקייט. פארן פאעט איז די שיינקייט דער סטימול פאר זיין מענטש־פילבארקייט. די שיינקייט איז דער אביעקט פון זיין רויער געפיל־קראפט, די שיינקייט צעעפנט אין אים די קוואלן פון געפיל, וואס זיינען אין אים פאראן און לאזט זיי ארויסשטראמען.

דער צדיק האט אלס אביעקט פאר זיין מענטש־פילבארקייט די עטישע אקציע. דער סטימול פון זיין רויער געפיל־קראפט איז דער מיטמענטש. ער לייזט אויף זיין אינעווייניקסטן מאראלישן כוח אין דירעקטער גוטער האנדלונג לגבי אנדערע. דער פאעט איז דער צדיק פון דאס שיינע. דער צדיק איז דער פאעט פון דאס גוטע. דאס וואס טיילט זיי ביידע אפ און מאכט אז יעדער זאל אקטואירן אויף אן אנדער געביט, איז אינדיווידועלע צונעגנויגטקייט. דער גייסט איז ביי ביידע דערזעלבער.

דער פאעט פריידיקט דאס שיינע. ס'איז ביי אים זיין טוגנט און זיין וועלט־אמת. דער פאעט געפינט נישט אוים קיין אונטערשיד צווישן אמת, גוטס און שיינקייט. די שיינקייט פילט ער צו גלייכער צייט אי ווי וועלט־וויסן און ווי מאראלישן פרינציפ. זייענדיק באהערשט פון דעם שיינ־קייטס־געפיל, איז ער אויך באהערשט פון דעם גוטסקייט־געפיל. ווי ריינע פילבארקייט, לאזט זיך דער ווילן צו אמת, דער ווילן צו שיינקייט און דער ווילן צו טוגנט נישט אפטיילן. די איינטיילונג הויבט זיך אן דעמאלט,

ווען זיי טרעטן אריבער דעם תחום פון דער אויסערלעכער וועלט און קאָנקרעטיזירן זיך יעדער איינער מיט זיין באַזונדער סיבה. אַזוי, למשל, טיילט זיך די עסטעטישע סיבה גופא אויף פיל טיילן. איינער דריקט אויס זיינע עסטעטישע עמאָציעס אין פאַרב און טאָן, אַ צווייטער אין ליניע און שטריך, אַ דריטער אין וואָרט און ריטם. קומט דער מוזיקער און דריקט אויס דורך דער מוזיק סיי זיין פילאָזאָפיע, סיי זיינע עסטעטישע באַגייסטערונג און סיי זיין ליבע צו דער מענטשהייט; זיין מוזיק־ווערק ווערט ביי אים אַ סאָציאַלער פּראָדוקט און אַ שטיק עוואַנגעליע, אָן אָדע צו דער נאַטור און אַ קאַפּיטל שפּינאָזאַ...

דער פּאָעט האָט על פּי רוב נישט קיין חוש פאַר קיין סאָציאַלע פראַגן. עס אינטערעסירן אים נישט קיין געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען און ער איז צו זיי נישט אָפּגעגעבן. ער איז פאַרשלאָסן אין די היכלות פון דער שיינקייט און וויל זיי נישט פאַרלאָזן. ווערט ער אָבער אוועקגעשטעלט פנים אל פנים מיט דער סאָציאַלער ווירקלעכקייט, וועט ער מיט דעם זעלבן כוח פילן דעם עלנט פון די מענטשן און גרייט זיין פאַר זיי זיך אויפצואָפּפערן, ווי ער האָט געפילט זיינע עסטעטישע איבערלעבונגען. אינקעגנטייל האָבן דער צדיק אָדער דער נביא יאָ חוש פאַר ווירקלעכן לעבן. זיי אינטערעסירט נאָר סאָציאַלע פראַגן און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. זיי שענקען זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, זייער גאַנצן ווילן און גאַנצע ענערגיע זייערע דור און זייערע מיטמענטשן.

די פּערזענלעכע צוגעגעבנקייט פון דעם פּערפעקטן מענטשן, פון אייגענעם צו פילאָזאָפישער פּאַרטיפונג, פון אַ צווייטן צו דער קונסט, און פון אַ דריטן צו מאָראַלישער אַקטיוויטעט, דאָס דאַרף פון אונדז לחלוטין נישט גענומען ווערן אין אכט. דאָס וויכטיקסטע וואָס דאַרף אונדז פאַרינטערעסירן איז, אַז אַלע זיינען זיי באַהערשט פון דער זעלבער געפיל־קראַפט, וואָס באַשטימט זייער ווירקלעכקייט און זייערע טאָגטעגלעכע מעשים. די דריי אויסגערעכנטע פּראָטאָטיפּן זיינען די דריי סימבאָלן פון דער מענטשלעכער נאַטור. זיי שטעלן איר פאַר אין איר אומפאַנג און גאַנצקייט. די דריי זיינען נישט קיין דריי באַזונדערע פּערזאָנען, נאָר איין פּערזאָן, — דער מענטש. זיי זיינען איינער אינעם אַנדערן און אַלע אין איינעם. מיר האָבן וועגן זיי גערעדט נישט צו שילדערן זיי גופא, נאָר צו שילדערן דורך זיי די מ ע נ ט ש ־ נ אַ ט ו ר. זיי זיינען איר בעסטע דעפיניציע; די דריי צוזאַמענגענומען מיינען — מ ע נ ט ש ל ע כ ק י י ט.

מענטש מיינט נישט: חיה מיט שכל, נאָר מענטש מיינט: אַ באַשעפעניש וואָס האָט אַ מענטשלעכע נאַטור; אַ ב י אָ ע ט י ש ע ח י ה. מיט דעם בלויזן פאַקט פון שכל, איז דער מענטש אַ ראַציאָנעלע חיה;

דער מענטש איז אָבער אַ מענטש, ד"ה אַכוצדעם וואָס ער פאַרמאָגט אַ שכל, פאַרמאָגט ער אויך אַ מענטשלעכע נאַטור. די דאָזיקע אינדיווי־דועלע נאַטור פון מין מענטש, פונקט ווי אַלע אינדיווידועלע נאַטורן פון אַלע מינים, איז אַזוי טיף פאַרוואָרצלט אין זיין וועזן, אַז זי איז אומ־אָפּטיילבאַר פון אים. דאָס איז די גייסטיקע זייט פון זיין זיין, פונקט ווי ער האָט אַ פעסט־פאַרפיקסירטע פיזישע זייט, וואָס מיר מעגן זיך משער זיין, אַז זי וועט זיך אין תוך קיינמאָל נישט ענדערן.

נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס דער מענטש איז אַ בעל־שכל, איז דאָך צו פאַרשטיין, אַז דאָס וואָס באַשטימט זיין לעבן, איז זיין נאַטור, ד"ה, אַז ער איז דאָס וואָס ער א י ז און נישט דאָס וואָס ער ראַציאָ־נירט. די פונקציע וואָס דער שכל איבט אויס, איז בלויז אַ פאַרמיטלע־רישע: — ע ר פ אַ ר מ י ט ל ט צ ו ו י ש ן ד י פ אַ ר ש י ד ע נ ע ו ע ז נ ט ל ע כ ע כ ו ח ו ת, ו ו אָ ס ש ט ע ל ן מ י ט ז י ך פ אָ ר ד ע ם פ ס י כ י ש ן ז י י ן פ ו ן א י נ ד י ו ו י ד. וואָס שייך דער מענטש־נאַטור גופא, איז זי אַ ספּאָנטאַנע קראַפט, וואָס פאַרפלייצט איר באַזיצער און טראָגט אים אויף אירע מעכטיקע כוואַליעב דאָרט וואו איר האַרץ גלוסט. אויף דער עצם פונקציע פון דער נאַטור האָט דער שכל גאָר קיין איינפלוס נישט. דער שכל קען גאָר זיין אַן אָב־יעקטיווער באַאָבאַכטער און פעסטשטעלן פאַקטן. אַלס אַזעלכער איז דער שכל גורם זעלבסטקאָנטראָל, ד"ה, דאָס האַמעוועון די נאַטירלעכע אימ־פולסן דעמאָלט ווען עס דראָעט שאָדן, און לויז לאָזן די זעלבן אימפּולסן דעמאָלט, ווען עס לוינט זיך. ער קען אָבער קיין אימפּולסן נישט באַשאַפן. און די וואָס זיינען דאָ — אָפּשאַפן. ער קען אָפּעריר מיט זיי, אָבער נישט זיי באַשטימען אין תוך.

וועלכע עס זאָלן נישט זיין די פאַקטאָרן וואָס האָבן געווירקט אויף דער אויסבילדונג פון דער עטישער נאַטור, איז אָבער אַזעלכע פאַראַן. עס איז פאַראַן אַזאַ ספּאָנטאַנע געפיל־קראַפט, וואָס לאָזט זיך דעפינירן אַלס ווילן צום מיטמענטשן, ווילן צו שיינקייט און ווילן צום אמת. דער דאָ־זיקער ווילן, איז בלויזער ווילן. ער ווערט נישט דיקטירט פונעם שכל און דער שכל קען אים נישט אָפּשאַפן. ער איז איבערן שכל און איז אומ־אָפּהענגיק פון אים. ער איז אין אונדז. מיר זיינען ער, און דער שכל קען נישט מאַכן, נישט אַז מיר זאָלן יאָ זיין דאָס וואָס מיר זיינען נישט, און נישט אַז מיר זאָלן נישט זיין דאָס וואָס מיר זיינען יאָ.

II

די דערשיינונג פון די ערשטע עטישע מענטשן, שטעלט מיט זיך פאָר־אַ ווענדפונקט אין דער געשיכטע פון לעבן. זינט דער מענטש איז אריין

אין דער ביאָעטישער פאַזע פון אַנטוויקלונג, האָט ער מיט דער נאַטור איבערגעריסן, דאָס הייסט, ער האָט אָנגעהויבן באַקומען אַן אייגענע נאַטור, וואָס איז געווען אַנדערש ווי די אַלגעמיינע נאַטור. עס האָבן פאַר אים אויפגעהערט גילטן די אַלגעמיינע ביאָלאָגישע נאַטור־געזעצן, נאָר עס האָבן פאַר אים אָנגעהויבן גילטן אייגענע מענטשלעכע ביאָלאָגישע געזעצן. ביי די ביאָעטישע מענטשן האָט די נאַטור אָנגעהויבן גיין אין אַ קעגנזעצלעכער ריכטונג ווי זי איז געגאַנגען ביז זיי. ביז זיי האָט געהערשט אין דער נאַטור דאָס געזעץ פון ש ט אַ ר ק ן, און פון זיי האָט אָנגעהויבן הערשן דאָס געזעץ פון ג ו ט ן. די געזעצן פון דער אַלגעמיינער לעבעדיקער נאַטור און די געזעצן פון דער מענטשלעכער עטישער נאַטור, זיינען געוואָרן פונאַנדערגעטיילט. דער ביאָעטישער מענטש האָט אָנגעהויבן פילן אַז די אַלגעמיינע נאַטור־געזעצן, וואָס הייסן אויפפרעסן און פאַרשלינגען שוואַכע, שוצלאָזע, פרידלעכע באַשעפענישן, די מיטברידער זייערע מיט שאַרפערע ציין און שפּיציקערע נעגל — זיינען אומגערעכט; ער האָט אָנגעהויבן פילן, אַז די נאַטור איז שלעכט, די נאַטור איז בלוטדורשטיק, די נאַטור איז אוממאָראַליש, די נאַטור איז אַ גזלן, אַ פאַרברעכער, אַ רוצח, אַ ברודער־מערדער; די נאַטור איז קעגן ז י י ן נ אַ ט ו ר; די נאַטור איז אַ ו מ מ ע נ ט ש ל ע ך, און ווען ער, דער מענטש וואָלט געווען באַלעבאָס איבער דער נאַטור, וואָלט ער זי איבערגעמאַכט, וואָלט ער געמאַכט אַז זי זאָל זיך פירן מיט יושר און גערעכטיקייט, זי זאָל זיך פירן מ ע נ ט ש ל ע ך. פון דעמאָלט אָן איז מער נישט געווען שייך צו גיין זוכן די געזעצן פון דער אַלגעמיינער לעבעדיקער נאַטור אין דער מענטשלעכער נאַטור, פונקט ווי עס איז נישט געווען שייך צו גיין זוכן די געזעצן פון דער מענטשלעכער נאַטור אין דער אַלגעמיינער לעבעדיקער נאַטור.

בכלל זיינען גרויסע מענטשן דער העכסטער אויסדרוק פון דער עוואָלוציע־שטופע צו וועלכער דער מענטשלעכער מין האָט דערגרייכט. פונקט ווי די צום־בעסט־דענקענדיקע אינדיווידן פאַרקערפערן אין זיך די טאָטאַלע סומע פון אינטעלעקטועלער קראַפט וואָס איז רייף געוואָרן אין מין און זיי זיינען דער אַוואַנגאַרד זיינער אויפן געביט פון דענקען, אַזוי איז דאָס אויך מיט די צומייסטן מאָראַלישע אינדיווידן — זיינען זיי דער אַוואַנגאַרד פון מין אויפן געביט פון געפיל.

די דערשיינונג פון אויסגעטיילטער אינדיווידואַליטעט דאַרף מען דערקלערן אַזוי: העכערער אָדער בעסערער אינדיווידו מיינט: אַ אינדיווידו וואָס פאַרקערפערט אין זיך אין אַ מאַקסימאַלער מאָס די מעלות וואָס ציי־

בענען אוים דעם מין. א העכערער אינדיווּיד איז מער כאַראַקטעריסטיש פאַר די מעלות פון מין אַלס גאַנצן, איידער דער נידעריקערער אינדיווּיד. דער ערשטער איז מער מיניש און דער צווייטער ווייניקער מיניש. דער ערשטער שטייט אויף א העכערער עוואָלוטיווער שטופע און דער צווייטער אויף א נידעריקערער. דער ערשטער פאַרקערפּערט אין זיך די נייערע איינגנשאַפטן וואָס דער מין האָט זיך דערוואָרבן אויפן וועג פון עוואָלוציון אויפשטייג, און דער צווייטער נישט. א מער פעיקערער און א ווייניקער פעיקערער מענטש, מיינען צוויי שטאַפּלען אויפן עוואָלוציע־לייטער פון אונדזער מין. די דיפערענצירטקייט פון די יחידים, די פאַרשידנאַרטיקייט פון די מיליע־מיליאָנען איינצל־וועזנס, וואָס מיר זעען פאַר זיך, שטעלן מיט זיך פאַר אזוי פיל מיליע־מילאָנען פאָרוים־ און צוריק־ און אין אַלע מעגלעכע ריכטונגען־פליסנדיקע קליינע אונטערשטראָמעלעך אינעם גרויסן, אַלץ־ארומנעמענדיקן שטראָם פון דער עוואָלוציע פון די מינים. דער שטראָם פון עוואָלוציע גייט נישט גלייכמעסיק, נאָר גערדייט. ער איז פול מיט אומענדלעכע איבערשלאָגן און צעמיש. עס שלאָגן זיך אין אים אי־בער, איי אַן אומענדלעכן צאָל — רעגרעסיווע און פּראָגרעסיווע גיוואַנסן און וואַריאַציעס. עס איז אַזאַ רייכע און פאַרשידנפאַרביקע פייערווערק־שפּיל, אַז אין די אַנסופיקע איינצל־עקספּלאָזיעס פון לעבן איז קיינמאָל קיין איין פונק נישט ענלעך צום צווייטן.

מען קען יעדן אינדיווידס נשמה פאַנאַנדערלייגן אויף אירע עלעמענ־טאַר־טיילן און אָנווייזן אויף וועלכער נייערער אָדער אַרכאַישער שטופע פון עוואָלוציע יעדער טייל אירער געפינט זיך. א אינדיווּיד וואָס באַזיצט א הויך־אַנטוויקלטן שכל און עגאָיסטישן כאַראַקטער, שטייט מיט זיין שכל אויף א העכערער שטופע פון עוואָלוציע, און מיט זיין כאַראַקטער אויף א נידעריקערער שטופע. פאַרקערט, א אינדיווּיד וואָס באַזיצט א הויך־מענטשלעכן כאַראַקטער און נישט קיין הויך־אַנטוויקלטן שכל, איז, לויט זיין כאַראַקטער „מאָדערן" און לויט זיין שכל, פּרימיטיוו. א אינדיווּיד ביי וועלכן סיי שכל און סיי כאַראַקטער זיינען הויך־מענטשלעך, ער איז דער פּראָטאָטיפּישער רעפּרעזענטאַנט פון מין, און ביאָלאָגיש איז ער דער גאַנצסטער מענטש. היות ווי די אינדיווידועלע דיפערענצירטקייט פון דער מענטשהייט לויפט צווישן די נייערע און פּרימיטיווערע איינגנשאַפטן פון מין באַקומט זיך, אַז אין יעדן פון אונדז זיינען פאַרקערפּערט פאַרשידענע גראַדן עוואָלוציע מיטאַמאָל. איין טייל פון אונדזער פּסיכע איז עלטער און א צווייטער טייל יינגער; איין שטריך אין אונדזער גייסט איז א מאָדערנער און דער צווייטער א פּרימיטיווער.

עס איז אָבער פאַראַן א באַשטימטע פעסטגעשטעלטע האַרמאָניע

סיי פאַר דער פאַרשידנאַרטיקייט פון די אינדיווידן אין זיך און סיי פון די אינדיווידן אייגער לגבי דעם צווייטן, אינערהאַלב דעם מין. (אַנדערש וואָלט קיין פּסיכאָלאָגישע וויסנשאַפט נישט מעגלעך געווען). דאָס וואָס גרויסע מענטשן פאַרמאָגן אין אַ גרויסער מאָס, דאָס מוזן קליינע מענטשן פאַרמאָגן אין אַ קליינער מאָס. אויב עס זיינען פאַראַן גרויסע „קאָפּ"-מענטשן און גרויסע „האַרץ"-מענטשן, איז עס אַ באַווייז, אַז עס זיינען פאַראַן קליינע קאָפּ-מענטשן און קליינע האַרץ-מענטשן. שטענדיק איז פאַראַן אַ אינטימע שייכות צווישן די גרויסע מענטשן און די ברייטן מאַסן. לויט דער הויך פון די גרויסע מענטשן, קען מען מעסטן די הויך פון דער מאַסע, און לויט דער הויך פון דער מאַסע, קען מען מעסטן די הויך פון די גרויסע מענטשן. עס איז פאַראַן אַ באַשטימטע, פעסטע פּראָפּאָרץ צווישן ביידע. דערפאַר איז מען באַרעכטיקט צו ריידן וועגן פּראָגרעס פון דער מענטשהייט, וואָרום די גרויסע יחידים זיינען נישט קיין צופאַלן. מיט די גרויסע מענטשן מאַכט נישט די נאַטור קיין צופעליקע שפּרינגען פאָרויס. די גרויסע יחידים זיינען נישט קיין איזאָלירטע, פאַריינצלטע דערשיינונגען, אָפּגעריסענע פון דער אַלגעמיינער ביאָפּסיכישער מדרגה אויף וועלכער די מענטשהייט געפינט זיך, נאָר זיי וואָרצלען אין איר. עס איז נישט פאַראַן קיין ביאָלאָגישער ריס, צווישן די גרויסע יחידים און דער מאַסע, נאָר עס איז דאָ אַ צוזאַמענהאַנג און פאַרבינדונג צווישן זיי. ווען די מענטשהייט, למשל, האָט זיך געפונען אויף דער פּרעהיסטאָרישער סטאַדיע פון אַנטוויקלונג, האָט זי נישט געקענט אַרויסגעבן פון זיך קיין גרויסע מענטשן מיט אַ קאַפּאַציטעט פון דער היסטאָרישער סטאַדיע. ביי ווילדע פעלקער קענען נישט געבוירן ווערן קיין גרויסע מענטשן פון אַזאַ הויך ווי ביי קולטור-פעלקער. דאָך האָבן ווילדע אויך זייערע גרויסע מענטשן. יעדע אַנטוויקלונגס-שטופע וואָס די מענטשהייט האָט דורכגעמאַכט, האָט איינגעשלאָסן אַלע אירע אינדיווידן. עס האָט געקענט זיין אַ מאַקסימום און אַ מינימום פערזענלעכע באַגאַבטקייט אינערהאַלב די ראַמען פון דער דאָזיקער שטופע. די גרעניץ-פּונקטן פון יעדער שטופע זיינען געווען גענוג ברייטע, אַז זיי זאָלן דערלאָזן אַן אינדיווידועלע דיפערענצירטקייט. אַריבערשפּרייזן אָבער דעם העכסטן פּונקט פון אַ געגעבענער אַנטוויקלונגס-שטופע, האָט אפילו דער גרעסטער יחיד נישט געקענט. דאָס הייסט, אַז די גרויסע מענטשן זיינען דער העכסטער אויסדרוק, דער רעזולטאַט פון די גייסטיקע פּאָטענצן וואָס רייפן בסדר אָן אין דער מענטשהייט. אין די אינטימע ביאָלאָגישע ספערן פון אונדזער מין, קומט בסדר פאָר אַן אָנזאַמלונג און אָנרייפונג פון אַלע העכערע גייסטיקער קאַפּאַציטעט. די גרויסע מענטשן סומירן אין זייער

ביאָפּסיכישן צוזאַמענשטעל די אַקומולאַציעס פון ביאָפּסיכישן פּראָגרעס.

אַרום מיטן יאַרטויזנט פאַר דער איצטיקער צייטרעכענונג, האָבן אָנגעהויבן אויפטרעטן אין מענטשלעכן לעבן עטישע אינדיווידן פון אַזאַ גראַד פולקאָמענהייט, וואָס איז נאָך ביז היינט נישט איבערגעשטיגן געוואָרן. כמעט גלייכצייטיק אין פאַרשידענע טיילן פון דער וועלט — אין כינע און אינדיע, אין גריכנלאַנד און אין פּאַלעסטינע — זיינען אויפגעטראָטן מאָראַל־לערער וואָס האָבן אָנגעהויבן ריידן אויף אַ שפּראַך, וואָס ביז דעמאָלט האָט מען נאָך אַזעלכע נישט געהערט. נישט נאָר איז עס געווען אַ נייעס אין מענטשלעכן לעבן, נאָר אין לעבן פון דער נאַטור בכלל. זינט לעבן איז אויפגעקומען, האָט עס געהאַט אַלס אייביקן געזעץ: יעדער זאָל זאָרגן פאַר זיך! זיינען געקומען די ערשטע מאָראַל־לערער און האָבן אָנגעהויבן אַרויסטרעטן קעגן דאָזיקן חוק ולא יעבור פון נאַטור־לעבן; זיי האָבן אָנגעהויבן פּראָקלאַמירן אַ נייעם לעבנס־געזעץ, אַ נייעם ביאָלאָגישן רעגל: יעדער זאָל זאָרגן נישט בלויז פאַר זיך, נאָר אויך פאַרן חבר!

וואו האָבן די דאָזיקע מורדים אין די אייביקע נאַטור־געזעצן געלערנט זייער נייע תורה? וואָס פאַרא כוח האָט זיי באַוואויגן צו מאַכן אַזאַ געוואַגטן שריט און אַרויסצוטרעטן קעגן דעם פונדאַמענט פון לעבן ביז זיי? — דער דאָזיקער כוח איז געווען נ י י ע נ אַ ט ו ר וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין זיי. זיי האָבן די נייע תורה פון ליבע צום חבר געלערנט אין זיך, אין זייער וועזן. ס'איז געווען אַ נייער אימפּולס וואָס די נאַטור האָט אַרויסגעבראַכט אין אירם אַ וועזן, ס'איז געווען אַ נייע נאַטור־דערגרייכונג, אַ נייע ביאָפּסיכישע דערשיינונג. מיט זייערע אַרויסטריטן האָבן די עטישע מענטשן נישט געפּריידיקט קיין אומנאַטירלעכע לערן, נאָר נאַטירלעכע, נישט מער ס'איז געווען נייער סאָרט נאַטור. מענטש־ווערנדיקע נאַטור. אין די עטישע אינדיווידן האָט זיך די נאַטור איבערגעבראָכן, זי האָט אָנגענומען אַ נייע ווענדונג פון וועלכער זיי זיינען געווען די העכסטע פּאַרקערפּערער און אויסדריקער. וואָלטן די דאָזיקע נאַטור־רעבעלן נישט געפונען דאָס נייע ביאָעטישע נאַטור־געזעץ אין זייער בלוט, פון וואַנען־זשע וואָלט עס געקענט קומען צו זיי אין געדאַנק?!

זיכער האָבן בעפאָר די ערשטע מאָראַל־לערער וואָס מיר זען אויפטרעטן אין דער געשיכטע געמוזט קומען אַסאַך דורות אַנאָנימע פּאָרלויפער זייערע, וועמענס שפּורן עס זיינען צו אונדז נישט דערגאַנגען. אַזעלכע ענדערונגען קומען דאָך נישט פאָר פון היינט אויף מאָרגן און נישט פון איין דור אויפן צווייטן. ווער ווייס צי עס זיינען נישט געווען קיין נביאים און מאָראַל־לערער נאָך אין דער פּרעהיסטאָרישער צייט. ווען מיר זעען אַז די מענטשהייט האָט זינט די צייטן פון בודאַ און קאָנפוציוס, זינט

סאָקראַטעס און די נביאים און יעזוס נישט געמאַכט קיין מינדסטן שריט פאָרויס אויפֿן געביט פֿון מאָראַלן געפֿיל, קען מען דערפֿון דרינגען, אַז דאָס דאָזיקע געפֿיל איז אין מענטשן שוין זייער אַלט. סיידן מיר זאָלן זאָגן, אַז די מענטשהייט האָט אין דער היסטאָרישער צייט דורכגעמאַכט אַ מאָראַלישן רעגרעס און נישט קיין פּראָגרעס...

III

דער עטישער מענטש לעבט אין אַלע צייטן און אַלע דורות. דער עטישער מענטש וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר דעם אַרכיטיפּ פֿון מין, האָט נישט געקענט לעבן בלויז אין איין באַשטימטער צייט און איין באַשטימטן אָרט. דער עטישער מענטש זעט זיך נישט אַרויס, מחמת ער באַזיצט נישט קיין פֿעיקייטן אויף זיך אַרויסצוהייבן. אָבער אויב זיין לעבן הויבט זיך נישט אויף אין דער הויך, לאָזט זיך עס אַראָפּ אין דער טיף. די עטישע מענטשן פֿירן אַ טיף־אינערלעך לעבן. פֿון אויסנווייניק טיילט זיך זייער לעבן מיט גאָרנישט אָפּ פֿון דעם אַלגעמיינעם אופֿן. פֿון אינעווייניק, אָבער, איז זייער לעבן אַסאַך אַנדערש ווי דער פֿונעם דורכשניט־מענטשן.

דער עטישער מענטש איז נישט עגאָיסטיש. עס איז אים בטבע פֿרעמד דער געפֿיל פֿון זעלבסטזוכט און אייגננוץ. ער האָט נישט קיין חוש פֿאַר מיינס און דיינס. ער וואָלט מיט דער גרעסטער לייכטקייט זיך אָפּגעזאָגט פֿון זיין פֿאַרמעגן לטובת דעם געמיינזאַמען וואויל. אויב ער טוט דאָס נישט, איז עס אויס סאָציאַלער רוטין און דערפֿאַר וואָס עס עקזיסטירן נישט קיין קאָלעקטיווע געמיינשאַפֿטן, אָבער נישט אויס ווילן צו פּריוואַטן באַזיץ. טיף אין האַרצן האָט דער עטישער מענטש לחלוטין קיין באַציִונג נישט צו זיין פֿאַרמעגן. אויב מ'וועט דאָס ביי אים צונעמען, וועט ער נישט פֿילן קיין אָרגאַנישע ערגערניש; ער וועט יאָ פֿילן קאָנווענציאָנעלן פֿאַרדרוס. ער וועט צוליב דעם נישט פֿיינט קריגן זיינע באַרויבער, נאָר ער וועט זיי דערווידערן. דאָס דערפֿאַר, וואָס אים פֿעלט לחלוטין דער געפֿיל פֿאַר פּריוואַט־באַזיץ, און געלט האָט פֿאַר אים בלויז אויף אַזויפֿיל אַ ווערט, אויף וויפֿל ער פֿאַרשטייט דעם ווערט דערפֿון. פֿאַר יעדעס מאָל וואָס ער וועט באַמערקן עמיצן, וואָס איז מיט קאָפּ און לייב און לעבן אַריינגעטון אין געלט־געיעג, וועט ער דערפֿילן צו יענעם אַ ווידערווילן.

דאָס גלייכן איז דער ביאָעטישער מענטש דורכויס ערלעך און אמת. ער קען נישט זאָגן קיין ליגן. דער אמת איז אין אים אָרגאַניש פֿאַרוואָרצלט און ער מוז שטענדיק נאָר זאָגן דעם אמת. זיין מויל וויל קיין ליגן נישט אַרויסריידן. עס איז אים וועזנטלעך אוממעגלעך צו זאָגן ליגן, בפֿרט נאָך

ווען דער ליגן וואָס ער וועט זאָגן, וועט אים ברענגען מאַטעריעלע נוצן און אַנדערן מאַטעריעלן שאָדן. ער קען אַמאָל מגזם זיין, זיך צעפּאַנטאַזירן אויפן קול, אָבער קיינמאָל נישט זאָגן קיין ליגן, וואָס ער קען דערפון פּראָפּיטירן און אַן אַנדערן שאָדענען. דער ערלעכער מענטש וועט גרייט זיין אַליין צו שטאַרבן, אַבי נישט צו זאָגן קיין ליגן און לאָזן שטאַרבן אַן אַנדער אומשולדיקן מענטשן. אינקעגנטייל וועט דער דורכשניט־טיפּ יאָ זאָגן ליגן און לאָזן שטאַרבן אַן אומשולדיקן, ווען דאָס וועט אים קענען ראַטעווען דאָס לעבן אָדער אַריינברענגען גרויסע נוצן.

נשמה־ערלעכקייט איז איינער פון די הויפּטשטריכן וועלכע טיילן אָפּ דעם עטישן מענטשן פון דעם דורכשניטלעכן. דער דורכשניט־מענטש וועט מיט דער גרעסטער לייכטקייט האַלטן אין איין ליגן זאָגן און פאַלש שווערן, אַבי עס וועט זיך אים נאָר לוינען און ער וועט האָבן דערפון נוצן. נאָכדעם ווי ער וועט אָפּזאָגן אַזויפיל פאַלשקייטן אַ טאָג וויפל מינוטן אין אים איז פאַראַן, וועט אים אַפילו אויפן געדאַנק נישט קומען צו טראַכטן וועגן די אומצאָליקע ליגנס, וואָס ער האָט אָפּגעזאָגט און וועלכע האָבן אים אַריינגעבראַכט אַ פולע קעשענע מיט געלט. אינקעגנטייל וועט דער ערלעכער מענטש, ווען ער וועט שוין זיין געצוואונגען צו זאָגן ליגן, קודם אָנהויבן שטאַמלען און וועט זיך אָפּגיסן מיט רויטקייט און נאָכדעם ווי ער וועט שוין האָבן אָפּגעזאָגט דעם ליגן, וועט ער שעהן לאַנג זיין אומרויק און האָבן געוויסנביסן איבער דעם וואָס ער האָט אָפּגעטון; ער וועט זיך גוט אויסזידלען און וועט באַשליסן נאָכאַמאָל אַזעלכעס נישט איבערצוחזרן. די ערלעכקייט און דער אמת, איז ביים עטישן טיפּ מענטשן אַן אָרגאַנישע אייגנשאַפט, קעגן וועלכער ער קען נישט גיין. דער אמת און די ליבע צום אמת, איז אַ באַשטאַנדטייל פון זיין גייסט. ער איז ערלעך און אמת און ער קען נישט, איבער קאָנוועניענץ, זיין דער קעגנזאַץ פון דעם וואָס ער איז. דעריבער קען ער נישט חנפענען און מאַכן קיין קאָמפּלימענטן; זאָגן מיטן מויל איינס און מיינען מיטן האַרץ עפּעס אַנדערש. אַלץ וואָס זיין מויל זאָגט אַרויס, מיינט דאָס האַרץ; די מויל איז אַ געטרייע קאָפּיע פון האַרץ.

דער ביאָעטישער טיפּ מענטש איז אָפנהאַרציק און גרויסמוטיק. ער האָט פיינט אָנשטעלן. ער האָט פיינט גיין הינטאַרום, דורך כיטרעקייטן און הינטערוועגלעך. ער האָט ליב צו קומען צום אמת גלייך און אָפן. אָפנקייט און דירעקטקייט איז אַ בולטער שטריך פון עטישן מענטשן. כיטרעקייט און פאַרשטעלטקייט איז אַ שטריך פון דורכשניטס־מענטשן.

דער עטישער מענטש האָט פיינט זיך צו גריבלען אין יענעמס אָנגעלעגנהייטן. ער ווייכט אָפּ פון יענעמס פּריוואַטע ענינים. ער האָט פיינט

אונטערצוהערן סודות און אונטערצוקוקן טואונגען. ער פילט, אז יעדער האָט די גאַנצע פרייהייט צו זיין וואָס ער איז און צו טון וואָס ער וויל. ער האָט אויך שטאַרק פיינט צו זוכן אויף עמיצן חטאים און דערציילן יענעמס עוולות. ער פילט אַן אָרגאַנישן ווידערווילן צו מושב־לציטים און קלייזלעך, וואו מ'ען קומט זיך צונויף אָפּחוזקן און אָפּשפּאָטן פון דער גאַנצער וועלט, וואו לשון הרע און רכילות שטייען שטענדיק אויפן טאָג־סדר. ער איז געניוגט צו צוריקגעצויגנקייט און זוכט די חברשאַפט און די סביבה בלויז פון די צו אים ענלעכע מענטשן, וואו מ'קאָן געניסן פון אַן ערלעכן קלוג וואָרט, הנאה האָבן פון אַ שיינעם שמועס און בכלל פאַר־ברענגען אין דער נאָענטקייט פון ערלעכע מענטשן, אפילו אין די סאַמע לייכטסטע פאַרווײַלונגען און שטיפערייען. ביי דעם דאָזיקן מענטשן קומט אַלץ אַרויס ערלעך און שיין, מחמת זיי טראָגן די ערלעכקייט און די שייג־קייט אין זייער וועזן, און אַלץ וואָס זיי טוען און אַלץ וואָס זיי ריידן, איז אויסדרוק פון זייער איך, במילא איז אַלץ ערלעך און שיין...

דער עטישער מענטש איז נישט קוריאָז. ער האָט פיינט צו וויסן „היימישע נייעס" און פיקאַנטע געשיכטעס, וואָס ביים וואולגאַרן מענטשן איז דאָס די בעסטע גייסטיקע דערקוויקונג. ער, דער עטישער מענטש, זוכט נישט די נאָענטקייט פון אָנגעזעענע און חשובע לייט, פון מאַכט־האָבער און בעל טובה, נאָר ער האלט זיך פון זיי פון דערווייטנס און דערווידערט זיי. פאַרקערט, איז ער אַ ברודער צו שוואַכע און ליבט די וואָס דאָס לעבן האָט פאַרשטויסן. ער וועט קיינמאָל נישט שפּאָסן פון קיין געפאַלענעם און קיינמאָל נישט ווי טון קיין אומגליקלעכן. פאַרקערט וועט ער אַזעלכע יאָ טון צו דעם פוסטן פּראַנט און גאוהדיקן פיליסטער. ער איז מוחל עוולות וואָס ווערן קעגן אים באַגאַנגען און ער איז נישט נקמה־דיק. ער דאַנקט פאַר דער קלענסטער טובה און פאַרגעסט שנעל קריוודעס. דער געפיל פון נקמה איז אים דורכויס פרעמד. פאַרקערט, ער איז גרויסמו־טיק מיט זיין שונא און איז גרייט אין יעדן שווערן מאָמענט אים אַנטקעגנ־צוקומען. ער ווייזט בכלל אַרויס גרויסמוט אין אַלע באַציונגען מיט זיינע מיטמענטשן און אין עוולות וואָס ווערן קעגן אים באַגאַנגען. ער האָט פיינט מ'זאָל זיך אָננעמען פאַר אים און גייט נישט זוכן קיין יושר ביי קיינעם. ער רעדט ווייניק וועגן זיי. ער האָט פיינט דערנידערונג, דערפאַר איז רחמנות אים דערווידער, ווייל אויף דער צווייטער זייט פון רחמנות ליגט דערנידע־רונג צו דעם צו וועמען דער רחמנות איז געווענדט. ער האָט אויך פיינט סענסאַציעס און אויפגעבלאָזענע נייעסן. ער האָט פיינט אויפרעגנדיקע סר־

זשעטן און ביליקן סענטימענטאליזם. ער האט בטבע ליב עכטע נייסט־ווערטן און דערווידערט אלץ וואס איז ביליק, פראסט און שונדיש.

IV

די עטישע מענטשן לעבט זיך שווער. עס איז גוט באקאנט די אומצופרידנקייט מיטן לעבן, וואס עס פילן שטענדיק און אין אלע צייטן די אידעאליסטן, די טרוימער, די צארטע נשמות און איידעלע הערצער. שטענדיק האלטן זיי אין איין אויסדריקן אומצופרידנקייט מיטן לעבן און האלטן אין איין טענהן אז די מענטשן זיינען שלעכט און דאס לעבן באשטייט פון אומויפהערלעכע ליידן.

מיט וואס דערקלערט זיך עס? נישט שווין־זשע זאל מען זאגן, אז פעסימיזם איז אן אייגנשאפט פון דעם בעסערן מענטשן? ניין! וועלטשמערץ און פעסימיזם איז נישט קיין אייגנשאפט פון בעסערע מענטשן. וועלט־שמערץ און פעסימיזם נעמט זיך דערפון, וואס דאס לעבן פון אלע צייטן איז צוגעשניטן לויט דער מאס פון דעם דורכשניטס־מענטש. דער דורכשניטס־מענטש איז דער באלעבאס פון לעבן אין אלע צייטן. דאס לעבן איז געמאכט לויט זיין פסיכישער סטאטור. דער בעסערער מענטש פילט זיך אין לעבן א פרעמדער. ער לעבט נישט אויף זיין וועלט. אין דער געזעלשאפט פון דעם דורכשניטס־מענטש קען ער זיך נישט אויסלעבן.

דער דורכשניטס־מענטש אבי ער איז זאט און האט צו באפרידיקן אלע פיזישע באדערפענישן: האט קאמפאניע וואו אויסצולאדן זיינע ענגאטישע אימפולסן, האט פארנאגראפישע און שלעגערישע ספעקטאקלען, איז ער שוין צופרידן, זיינע לעבנס־באדערפענישן זיינען אויסגעשעפט און ער לעבט זיך אבסאלוט אוים. דער בעסערער מענטש בלייבט מיט דעם אלעמען אומצופרידן. אים באפרידיקן נישט קיין פיזישע פארגעניגנס; אים באפרידיקן נישט קיין ראציאנאלע ספעקטאקלען, ער בלייבט צו דעם אלעמען קאלט און גלייכגילטיק. עס ציט אים צו אן אנדער סארט לעבן, וואס אפט ווייס ער אליין נישט צו וואס. עס ציט אים גוטס צו טאן, עס ציט אים צו שיינקייט, עס ציט אים צו וויסן, עס ציט אים צו ערלעכקייט, עס ציט אים צו געזעלשאפט פון גוטע און קלוגע. ער לייזט זיך אויף אין גוטע און גערעכטע האנדלונגען; ער לייזט זיך אויף אין קונסט, אין פילאזאפיע און וויסנשאפט, אא"וו. היות ווי דער באלעבאס איבערן לעבן איז דער דורכשניטס־מענטש; לויט זיין שטייגער איז געמאכט דאס לעבן אויף אלע געביטן, איז דעריבער דער עטישער מענטש א פרעמדער אין לעבן. ס'איז נישט זיין וועלט און זיין געזעלשאפט, און פון דעם קומט

דער וועלט־שמערץ און דער פעסימיזם, פון דעם קומט די שטענדיקע אומ־צופרידנקייט און פארביטערטקייט, די שטענדיקע ליידן און אנטוישונג. יעדער פעסימיזם און גייסטיקע דעפרעסיע נעמט זיך פון נישט אויסלעבן זיך. ווען א ווען ווערט פון דרויסן נעגירט צו דעם וואס ער איז פון אינעווייניק, פאלט ער אריין אין טרויער און מרא־שחורה. פארקעט, ווען ער לעבט זיך אוים און לייזט זיך אויף אין אויסערלעבן לעבן, מוז ער זיין צופרידן און גליקלעך...

דער וועלט־שמערץ און דער פעסימיזם, וואס איז געווארן א כאראק־טער־שטריך פון דעם אידעאליסט און טרוימער, איז דער בעסטער באוויז, אז דער דאזיקער האט זיך קיינמאל נישט אויסגעלעבט און האט נישט באקומען קיין אויסדרוק. דאס זעלבע אויך איז דער שטענדיק גוטער הומאר פון דעם דורכשניטס־טיפ, דער בעסטער באוויז, אז ער לעבט זיך יא אוים און באקומט יא אן אויסדרוק אין לעבן. וואלט דער עטישער מענטש געפירט אן אינטרא־אוימענטיש לעבן, וואלט ער קיין פעסימיסט נישט געווען, וואלט ער אויך שטענדיק פול געווען מיט לעבנס־לוסט. נאר צוליב דעם, וואס דער עטישער מענטש איז פארמשפט זיין גאנץ לעבן אפגענארט צו ווערן; פון זיין פריסטער יוגנט ביז אין קבר איז זיין לעבנס־וועג איין לאנגע קייט פון אנטוישונגען, נאר צוליב דעם פילט ער וועלט־שמערץ. אלס יונגערמאן איז דער אידעאלער מענטש פול מיט גלויבן און צוטרויען צו אלעמען. אלע מענטשן זיינען פאר אים גוטע און שיינע. ער חלומט וועגן לעבן אין די העלסטע פארבן. ער איז צארט, ענטוזיאסטיש, אפנ־הארציק, גרויסמוטיק. ער מאכט זיינע ערשטע טריט אין לעבן אן איבער־געפולטער מיט ריינעם נשמה־ברען און וואלט געוואלט זען אלעמען גוט, ליבנדיק, גליקלעך און צופרידן. באלד מיט די ערשטע טריט הויבט זיך אן דער בארג־אראפ וועג. עס הויבט אן גיין א סדרה דורכפאלן און אנ־טוישונגען. אלס פועל יוצא פון דעם קומט פארביטערטקייט און אומצו־פרידנקייט. א טונקעלע פארב הויבט אן ארומהילן דאס לעבן. א מרא־שחורה און א טרויער הויבט זיך אן זאמלען אין דער נשמה, און אזוי גייט עס שוין אלץ ערגער. וואס ריינער די נשמה איז ביי איר אריינקומען אין לעבן, אלץ שווערער טרעפט איר די וואולגארעווירקלעכקייט, אלץ מער וואקסט נאכדעם דער שמערץ און דער טרויער און די ליידן. וואלט נישט געווען קיין אנטוישונג, וואלט דאס לעבן נישט אפגענארט, וואלטן די מענטשן טאקע געווען אזעלכע גוטע און פיינע און ערלעכע ווי עס שטעלן זיך עס פאר און ווי עס באגערן זיי די ריינע נשמות, וואלטן די זעלבע נישט אריינגעפאלן אין מעלאנכאליע, אפאטיע און טרויער, נאר זיי וואלטן געלעבט און געלויבטן, שטענדיק מונטערע, שטענדיק לוסטיקע און שטענדיק צופרידענע.

אין לעבן מישן זיך די עטישע מענטשן אוים מיט דעם וואולגארן כלל און מוזן דורכמאכן מיט אים אינײנעם אלע איבלען. זײ גײען אינעם לעבנס־שפאן ווי אויטאמאטן, געטריבן פון דער לעבנס־אינערציע און פון פליכטן, וועלכע זײ מוזן דערפילן. זײ טראגן אויף זיך דעם לעבנס־יאך מיט פארביטערטן גרויסמוט. זײ טוען אלדאס מעגלעכע צו פארטרייבן פון זיך די איבערפאלן פון זייער ליכטיק געמיט און באקעמפן זייערע העלע שטימונגען. זײ באמיען זיך צו זיין „פראקטישע מענטשן". זײ האבן מורא ארײנצוקוקן אין זייערע נשמות. זײ ווילן זיך ראטעווען פון זיך אליין און האלטן זיך אין איין פארלייקענען. זײ לעבן מיטן הינטערשלאג פון זייער גייסט און מיט דער שאלעכץ אין וועלכער זייערע איידעלע נשמות זיינען איינגעהילט. יעדער מענטש, אפילו דער בעסטער, קען זיך סימולירן א ביליק לעבן, וואס זאל זיין באזירט אויף דעם ביסל שלעכטס, וואס געפינט זיך אין אים.

V

אלע באוועגונגען אין דער געשיכטע וואס האבן געהאט אלס ציל יושר, שיינקייט און אמת, זיינען געווען אינספירירט און אויסגעטראגן פון עטישן מענטשן. אלדאס שיינע און גוטע וואס איז נאר אמאל געפרואווט געווארן איינצושטעלן, איז עס געווען די ארבעט פון עטישן מענטשן. זײ זיינען געווען די פאקטישע אויסטרעגער פון אלע עכטע קולטור־ווערטן. זײ האבן פארשפרייט אלע הויכע אידייען. זײ זיינען געווען די ליכט־ציני־דער, זײ זיינען געווען דער זויער־טוויג אינעם לעבן פון אלע צייטן. זײ האבן אנגעפירט א שטענדיקן קאמף אויף צו פארמענטשלעכן דאס לעבן.

מיטן אנקומען פון דער מאדערנער צייט, ווען עס האט זיך אנגעהויבן א באוועגונג פאר סאציאלער פרייהייט און גלייכהייט, איז דער עטישער סארט מענטשן געווען דער אוואנגארד פון דעם באוועגונג. אין משך פון א יארהונדערט האבן מיר געזען די אלערלײ אידעאליסטן און קעמפער, ליבהאבער פון אמת און גערעכטיקייט, אויפשטורעמען די מענטשלעכע געזעלשאפט. פון אלע קלאסן און שטאנדן זיינען זײ געקומען, פון אלע סאציאלע קאטעגאריעס, געבילדעטע און אומגעבילדעטע, פריצים און פויע־רים, בורזשואן און ארבעטער, מיליטערלייט און ביוראקראטן, זין און טעכ־טער פון אדל און זין און טעכטער פון דער ארימקייט — אלע זיינען גע־קומען. עס זיינען בטל געווארן סאציאלע מחיצות, אונטערשיידן אין טעמפעראמענט, באגאבטקייט און אינטעלעקטואליטעט, פון דערציונג און סביבה — אלע וואס זיינען געווען פארייניקט דורך זייער געמיינזאמען

גייסט, די אַלע האָבן זיך פאַרייניקט און פאַרנומען די פּאָרפּאָסטנס פון דער פרייהייטס־אַרמיי.

די עטישע מענטשן האָבן אין דער מאָדערנער באַוועגונג פאַר אַ גערעכטער וועלט זיך אָריינגעוואָרפן מיט אַזאַ ברען פון ענטוזיאַזם, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט אין דער געשיכטע. קיין שום קראַפט אין דער וועלט האָט זיי נישט געקענט ווידערשטיין. זיי האָבן אָפּגעגעבן אַלץ וואָס אַ מענטש קען נאָר אָפּגעבן, אין קאַמף פאַר זייער גערעכטן אידעאַל. זיי האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן, זייער יוגנט, זייער גליק, זייער פאַרמעגן, זייערע נאָענטע — אַלץ. עס האָבן זיי נישט אָפּגעשראָקן קיין תליות, קיין פּייניקונגען, קיין קאַטאָרגעס און תפיסות, קיין הונגער און נויט. מיט אַן אומווידערשטייליכן אימפּעט און קראַפט האָבן זיי געשטורעמט די יסודות פון דער שלעכטער וועלט. זיי האָבן מיט זייער ביישפּיללאָזער אַקטואַציע דערוויזן ווי ווייט עס דערגרייכט דער ווילן פון דעם עטישן מענטשן צו אַ גערעכט לעבן. קיינמאָל אין דער געשיכטע האָט דער בעסערער מענטש אַזוי בולט און קאָמפּאַקט זיך נישט באַוויזן אין לעבן. מעגלעך, אַז ענלעכעס האָט פּאַסירט מיט די ערשטע מאַרטירער־קריסטן...

קאפיטל 5

ביפסיכיזם

I

באָבאַכטענדיק די נאַטור פונעם מענטשן, איז דאָס ערשטע וואָס מיר באַמערקן אין איר — צווייאיקייט און טאָפּלטקייט. דער מענטש שטעלט מיט זיך פאָר אַ ביפּסיכיש וועזן. זיין נאַטור איז אָנגעפולט מיט סתירות און ווידערשפּרוכן. עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי יעדער מענטש וואָלט געווען צוויי. דער מענטש ווייסט נישט פון קיין זעלבסטאיינשטימיקייט און איינהייטלעכקייט מיט זיך אַליין, נאָר ער האַלט זיך שטענדיק אין איין ראַנגלען מיט זיך און קען זיך נישט בייקומען. ער ווייסט נישט פון קיין אינערלעכער רו און פרידן, נאָר פון קאָנפליקט און צעריסנקייט.

כסדר און דורכאַנאַנד, אומעטום און אין אַלע צייטן, זעען מיר אַ קאַמף און געראַנגל פון צוויי לעבנס, וואָס איינער איז דער הערשנדיקער און דער צווייטער וויל ווערן דער הערשנדיקער. צו וואָס פאַרא לעבנס־געביט מען זאָל זיך נישט צורירן, איז פאַראַן פּלאַץ פאַר דואַליזם און טאָפּלטקייט. איין סאָרט לעבן איז שלעכט, און אַ צווייטער סאָרט לעבן איז גוט. דאָס איז היינט, דאָס זעלבע איז געווען אַמאָל און דאָס זעלבע איז שטענדיק. וואָס פאַרא מענטש פון וואָס פאַרא צייט און פון וואָס פאַרא אָרט מיר זאָלן זיך נישט פּרואוון פאָרשטעלן, וועלן מיר אין אים אייסגעפינען פּלאַץ פאַר טאָפּלטקייט. עס וועט צווישן מענטשן פון פאַרשידענע ערטער און פאַרשידענע צייטן, זיין בלויז אַן אונטערשייד אין וואָס דאָס גוטס און שלעכטס וועט ביי זיי זיך אויסדריקן; גוטס און שלעכטס וועט ביי ביידע זיין.

וואָס מער מירן זיך פאַרטיפן, אַזוי גוט אינעם מענטשן דירעקט, ווי אינעם לעבן, וואָס שפּיגלט אָפּ דאָס מענטשלעכע זיין, אַלץ מער וועלן מיר

איינזען טאָפּלטקייט און צווייאיקייט. מירן איינזען, אַז די דאָזיקע טאָפּלט־קייט איז דאָס כּאַמע וועזנטלעכע אינעם מענטשן. נישטאָ קיין מענטש וואָס זאָל נישט וויסן פון געראַנגל מיט זיך אַליין. נישטאָ דער מענטש וואָס זאָל לעבן אינגאַנצן איינשטימיק מיט זיך. צי מער, צי ווייניקער, פון צווייאיקייט און טאָפּלטקייט מוז יעדערער ליידן. דערפאַר איז דער מענטש אַ טראַגיש באַשעפעניש, ער איז טראַגיש דערפאַר, וואָס ער איז נישט איינס, נאָר ער איז צוויי. און צווישן די דאָזיקע צוויי, הערשט קאָנפליקט.

וואָס מען זאָל אינעם מענטשן און אין דער געשיכטע קענען זען פאַר פאַרענדערלעך און רעלאַטיוו, איז דער ביפּסיכישער שטריך אַבסאָלוט און אוניווערסאַל פאַר דעם היסטאָרישן מענטשן אומעטום און אין אַלע צייטן.

דער מענטש וויל זיין בעסער פון זיך אַליין. דאָס וואָס שטויסט דעם מענטשן צו וועלן זיין בעסער ווי ער איז, איז נישט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר אַ צ ו ו י י ט ע ר ז י י ן. אונטער דעם זיין פון דער הויך, איז פאַראַן אַ זיין פון אונטן. דער מענטש איז צוויי אין איינס.

וואו איז דען פאַראַן אַ מענטש, וואָס זאָל נישט האָבן שעהן פון מיפער ליבשאַפט? וואו איז דען פאַראַן אַ מענטש, וואָס זאָל אין געוויסע מאָמענטן נישט פול ווערן מיט באַדויער אויף דער שלעכטקייט פון זיין לעבן און זאָל נישט פילן אַ באַדערפעניש צו טון אַ גוטע טאַט, וואָס זאָל אים טרייסטן, באַרויקן און מוטיקן? וואו איז דען פאַראַן אַ מענטשן־האַרץ, וואָס זאָל זיין אַבסאָלוט אויסגעליידיקט פון ליבע, אַזוי אַז קיין זאַך, וואָס איז ריין און אומשולדיק, זאָל עס נישט רירן און מאַכן אַ וויברירן טון אַ סטרונעלע פון גוטס? וואו איז צו געפינען אַ מענטשלעכע נשמה, וואָס זאָל זיין דורך און דורך פינצטער און עס זאָל אפילו קיין איין ליכטיק פעדימל נישט זיין פאַרוועבט אין איר? נישטאָ אַזעלכע!

ווען דער מענטש וואָלט געווען בלויז שלעכט, וואָס פאַרוואָס זינען וואָלטן געהאַט די אַלערליי מאָראַלישע נערעדערייען, מיט וועלכע אונדזער גע־שיכטלעך לעבן איז אָנגעפילט? זאָל זיין אַז עס גייט בלויז וועגן שטרע־בונגען צו גוטס, זיינען דאָך שטרעבונגען אויך אַ פאַקט, וואָס באַדייט עפּעס, און שטרעבונגען זיינען דאָך פאַראַן אַזויפיל! שוין בלויז דאָס, וואָס מיר האַלטן אין איין אָנווייזן אויפן פאַרלאָפענעם שלעכטס, איז אַ באַווייז, אַז מיר זיינען אויך גוט, מחמת ווען עס וואָלט קיין גוטס נישט געווען, וואָלט דאָס שלעכטס נישט שאָקירט; ווען עס וואָלט קיין גוטס נישט געווען, וואָלט קיין שלעכטס נישט געווען, וואָרום פון וואַנען וואָלטן מיר דען געוואוסט, אַז ס'איז שלעכט? ווייסן מיר, אַז ס'איז פאַראַן שלעכטס, איז אַ סימן, אַז ס'איז פאַראַן דער קעגנזאַץ דערפון — גוטס.

אויך איז דער פאַקט וואָס מ׳זוכט אַרויסצוציען אויף זיך אַ מאַסקע פון גוטסקייט און פרומקייט, אַ באַווייז, אַז גוטסקייט און פרומקייט האָבן אַ ווערט. קיינער וועט דאָך נישט זוכן זיך אַרונטערצושטעלן אונטער אַן אָפּשטויסנדער מאַסקע און נאָכמאַכן זאַכן, וואָס מען שאַצט גרינג און מ׳פאַראַכטעט.

וואָלט דער מענטש גאָרנישט געהאַט קיין גוטס אין זיך, וואָלט אויסגעקומען, אַז שוין בלויז זיין מאָראַליש שטרעבן איז אומנאַטירלעך. ווי קאָן אַ באַשעפעניש, דורך טויזנטער יאָרן זיך פאַרלייגן אויף זיך אַליין און וועלן דווקא לעבן קעגן דער אייגענער נאַטור? דאָס וואָלט געהייסן אַז די מענטשהייט פּלאָנטערט זיך אין אַן אייביקן אומזין!

ס׳איז נישט אַזוי מיט דעם אומויפהעלכערן שטרעבן צו גוטס, קעמפט דער מענטש נישט קעגן זיין נאַטור, נאָר פאַר זיין נאַטור; דאָס איז ביי אים אַן אומויפהערלעך רייסן זיך נישט פון זיך, נאָר צו זיך. דער מענטש איז אי צדיק, אי רשע. ער איז אַזעלכער נישט דורך געדאַנק און באַוואוסטזיין און אויך נישט דורך גוטע אָדער שלעכטע אומשטענדן. ער איז אַזעלכער מיט זיין וועזן. וואָלט דער מענטש געווען בלויז שלעכט, וואָלט אַפילו דער בלויזער געדאַנק פון אַ גוט לעבן אים נישט געקומען אין קאָפּ אַריין. אַזאַ געדאַנק וואָלט אים געווען אָרגאַניש פרעמד און זיין שכל וואָלט אים נישט דערפונדן. נאָר דערפאַר וואָס דער מענטש איז אויך גוט, נאָר דערפאַר קומען אים אין קאָפּ אַריין געדאַנקען וועגן אַ גוט לעבן.

אַן געדאַנק פון ביפּסיכיזם איז אַבסאָלוט אוממעגלעך זיך צוצורירן צו פאַרשטיין דעם מענטשן. די דואַליטעט, אַזוי אינעם לעבן פון מענטשלעבן יחיד ווי פון מענטשלעכן כלל, איז אַזוי בולט און עווידענט, אַז עס איז איבעראַשנדיק דער פאַקט, וואָס מ׳האָט נאָך ביז איצט דעם דאָזיקן מאָמענט נישט אויפגענומען און געצויגן פון אים די געהעריקע שלוסן.

די פראַגע פון גוטס און שלעכטס, איז די פונדאַמענטאַלסטע פראַגע פון מענטשלעכן לעבן. זי איז די פראַגע פון אַלע צייטן און אַלע דורות. אַלע מאָל דערשיינט זי אונטער אַן אַנדער צייטלעך־אָרטלעכן לבוש. זי איז אָבער שטענדיק פאַראַן. ווען איז דען נישט געשטאַנען אויפן סדר־היום פון דער מענטשהייט די שטרעבונג צו מאַכן דאָס לעבן גוט און גערעכט? ווען איז דען נישט געווען אַקטועל די פראַגע פון מאַכן שענער און בעסער די וועלט? ווען און וואו האָבן זיך דען די מענטשן נישט געקלאָגט אויף דער זינדיקייט פון זייער דור? שטענדיק האָבן מענטשן גערעדט און געטרוימט וועגן גוטס און טוגנט; שטענדיק האָבן מענטשן געוואוסט, אַז דאָס לעבן האָט העכערע צילן און אויפגאַבן. ביי דער גאַנצער זינדיקייט פון די מענטשן אין אַלע צייטן, איז דאָך שטענדיק געווען

א רייד און א שטרעבונג און א וואונטש צו גוטס און טוגנט און שיינקייט. עס זעט אויס ווי אין אומפּאַרמיידלעכקייט אין דער געשיכטע די טענדענץ בעסער צו מאַכן דאָס לעבן. וויפל מאָל עס זיינען אויפגעקומען באַוועגונ־גען, וואָס האָבן געהאַט אלס ציל צו פאַרבעסערן דעם מענטשן און דאָס לעבן און זיי זיינען דורכגעפאַלן, האָבן זיך באַלד אָנגעהויבן נייע אויף זייער אָרט. אזוי חזרט זיך עס איבער כסדר. דער געדאַנק וועגן א גוט לעבן ווערט קיינמאָל נישט באַזיגט און הויבט אָן אַלע מאָל פונדאַסניי זיין אָנגריף אונטער מער פולקאָמע און אויסקריסטאַליזירטע פאָרמען.

II

דער דורכשניטס־מענטש פאַרשטייט און באַנעמט אַלע עכט־מענטש־לעכע קולטור־ווערטן. ער פאַרשטייט די עטישע שטרעבונגען פון דער מענטשהייט. ער פאַרשטייט קונסט און ער פאַרשטייט די באַדערפעניש פון פילאָזאָפיע און וויסנשאַפט. ער פּראַקטיצירט זיי אָבער נישט. איין זאַך איז פאַרשטיין און א צווייטע זאַך איז טאָן. צווישן טאָן און פאַר־שטיין, ליגט א תהום. מיר זעען די מענטשהייט שטענדיק א פאַרשטייענ־דיקע און א באַגרייפנדיקע פון אַלדאָס גוטס. מיר זעען איר אָבער קיינמאָל נישט קיין פּראַקטיצירנדיקע דאָס גוטס. אין דער דאָזיקער טאָפּלטקייט: אין דעם פאַרשטיין, איינס, און כאָן עפּעס אַנדערש, דריקט זיך אויס דער גייסט־דואַליזם, דער ביפּסיכיזם, פון דורכשניטס־מענטש.

וואָס אַזעלכעס מיינט פאַרשטיין, און וואָס אַזעלכעס מיינט טאָן? ווי אַזוי פאַרשטייט מען און ווי אַזוי טוט מען? ווען פאַרשטייט מען בלויז און ווען הויבט מען אָן צו כּון אַזוי ווי מען פאַרשטייט?

כדי צו פאַרשטיין א גייסט־ווערט, מוז מען האָבן אין זיך אַן אָנ־ווייזונג אויף דעם. אויף וויפל עס איז אין אונדז אָנגעוויזן דאָס, וואָס מיר ווילן וועגן גייסט פאַרשטיין, אויף אַזויפיל פאַרשטייען מיר עס. פאַר־קערט, אויף וויפל עס איז אין אונדז נישט אָנגעוויזן דאָס וואָס מיר ווילן וועגן גייסט פאַרשטיין, אויף אַזוי ווייניקער פאַרשטייען מיר עס.

יעדער מענטש, אַפילו דער ערגסטער, איז בכּוח צו באַגרייפן דאָס לעצטע גוטס. עס קען נאָר זיין א פראַגע, מיט וואָס פאַרא אינטענסיווי־קייט ער וועט עס באַגרייפן. עס קען אַמאָל דערגיין צו אים בלויז א בלאַסער אָפּשיין דערפון, אָפּהענגיק פון דעם, אויף וויפל ער איז אין גייסט אידענטיש אָדער אומאידענטיש דערצו. פאַרשטיין וועט ער עס אָבער, ווייל אויף ווי ווייניק די עטישע פילבאַרקייט זאָל נישט זיין אין יעדן מענטשן פאַרטראָטן, איז זי אָבער פאָרט דאָ אין יעדן מענטשן. אַלע

מענטשן טראָגן אין זיך גוטס. זיי זיינען בלויז נישט אפעקטירט פון דעם אויף אַזאַ רעאַלן אופן, ווי זיי זענען דאָס פונעם שלעכטס. אַלע מענטשן פאַרשטייען דאָס גוטע און דאָס שיינע; עס אפעלירט צו זייערע הערצער און געווינט זיי דערפאַר. דאָס איז אַ באַוויז, אַז זיי טראָגן אין זייערע הערצער אָנווייזונגען אויף דעם, ווייל ווען זיי וואָלטן נישט געהאַט אין זיך קיין שום אָנווייזונג אויף דעם, וואָלטן זיי עס לחלוטין נישט באַגריפן. דעם וואָס ס'איז אָרגאַניש פרעמד אַ געוויסער געפיל, דעם איז אוממעגלעך צו געבן אַ באַגריף פון אים, פונקט ווי עס איז דעם בלינד־געבוירענעם אוממעגלעך צו געבן אַ באַגריף וועגן ליכט און פאַרב. ווען דער דורכשניטס־מענטש וואָלט געווען אבסאָלוט שלעכט, וואָלט ער בשום אופן נישט געקענט באַנעמען קיין שום עטישן ווערט, מחמת עס וואָלט דאַן געהייסן, אַז ער שטייט וועזנטלעך אויסער די גרעניצן פון דעם.

ווען אין דעם דורכשניטס־מענטש וואָלט נישט געווען פאַרטראָטן די עטישע נאַטור, וואָלט אוממעגלעך געווען יעדע פאַרשטענדעניש צווישן דעם ברייטן המון און דער עטישער פערזענלעכקייט. דער ברייטער המון וואָלט דעמאָלט דעם עטישן מענטשן אויסגעהערט, ווי מען הערט אויס איינעם וואָס רעדט אויף אַן אומפאַרשטענדלעכער שפּראַך, אים לאַזנדיק וואַרפן זיינע ווערטער אין דער לופטן. ווען דער ברייטער כלל הערט אָבער יאָ אויס דעם עטישן מענטשן און ער דערפילט ווי עס טליעט אין אים אויף אַ ווילן און עס דערוועקן זיך אין אים עמאָציעס; ווען עס קלינגט אָפּ אין אים דער קול, וואָס איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן פון אַן ערלעך מענטשן־הארץ, איז דאָס אַ באַוויז, אַז דער כלל־מענטש, איז אין זיין גייסט, געוויסערמאַסן, יאָ ענלעך צום עטישן מענטשן; אַז אין יעדן מענטשן איז פאַראַן אַ שטיקל עטישער מענטש, ווייל ווען נישט, וואָלט דער מאַסע־מענטש דעם גוטן מענטשן נישט פאַרשטאַנען און זיינע רייד וואָלטן אויף אים קיין איינדרוק נישט געמאַכט.

דער דורכשניטס־מענטש פילט פאַרערונג און יראת הכבוד צו דער עטישער פערזענלעכקייט. אין דער עטישער פערזענלעכקייט זעט דער פּראָסטער מענטש אַ איינעם, וואָס א י ז דאָס וואָס ער וואָלט געוואָלט זיין. ער דערפילט זיין אַנדערן „איך", דעם „איך" וואָס לעבט אין יעדן מענטשן באַהאַלטן בחדרי־חדרים פון זיין וועזן; ער פילט אָנגערירט די פאַרבאָרגנסטע סטרונעס פון זיין האַרץ און עס באַקומט זיך טיפע אַכטונג און ליבע, אויף אַזויפיל ביז זיך צו פאַרשעמען פאַר זיך אַליין און נישט זעלטן אויך ביז צו פאַרבעסערן דעם איינענעם לעבנס־פיר. מיט אַן אמת פילט מען נישט קיין יראת הכבוד צו קיין שום אַנדערן גרויסן מענטשן ווי נאָר צו דעם עטישן גרויסן מענטשן. דעם גרויסן קענער, דעם גרויסן

קאַפּ־מענטש, דעם גרויסן טאַלאַנט, שאַצט מען אָפּ און מען באַוואונדערט; דעם גרויסן העלד יובלט מען און מען ענטוזיאַזמירט זיך מיט אים. דעם גרויסן עטישן מענטשן, אָבער, דערפילט מען אין זיך. ער דערשיטערט און ציט־צו צו זיך. יענע שאַצט מען פון דרויסן; דעם, שאַצט מען פון אינעווייניק: מען פילט ווי עפּעס גיט אַ צאַפּל אין זיך, עפּעס רופט זיך אָפּ, און מען ווערט פול מיט טיפער פאַרערונג און אַכטונג, וואָס איז גלייכצייטיק אויך אַ מין חרטה און תשובה אויף דעם אייגענעם לעבנס־פיר.

דער „פּראָסטער" מענטש פילט, אַז דער עטישער מענטש איז דער אידעאַל, צו וועלכן אַלע דאַרפן שטרעבן צו דערגרייכן; אַז דער עטישער מענטש שטייט העכער פון אים, און זיין לעבנס־פיר דאַרף אים דינען אַלס אַ מוסטער; אַז זיינע פירונגען דאַרף ער נאָכטון און זיינע דרכים דאַרף ער זיך צווייגנען.

וועלכער מענטש וואָלט עס נישט געקענט ווערן אַ פריידיקער און הייסן יענעם טאָן גוטס? וועלכער מענטש איז עס נישט קיין מבין אויף יענעם און וויים אויסצורעכענען יענעמס עוולות, כאָטש ער אַליין איז גאַנץ ווייט פון אויסצומיידן די דאָזיקע עוולות? ווייסן וואָס גוט איז און וואָס שיין איז, ווייסן אַלע; לעבן אַ גוט און אַ שיין לעבן, לעבן ווייניק. פאַרשטיין דעם העכערן מענטשן און דאָס העכערע לעבן, פאַרשטייט יעדער איינער. נישט יעדער איינער א י ז אָבער אַ העכערער מענטש און נישט יעדער איינער פירט אַ העכער לעבן. פאַר דעם דורכשניטס־מענטש איז נישט אָרגאַניש פרעמד דער העכערער גייסט; ער קען אים און ער וויים אים, ער האָט אים טיף אין זיך, נישט מער, ער לעבט נישט מיט אים, זיין לעבן און זייןווירקלעכקייט ווערן קאָנטראָלירט און באַשטימט פון אַנדערע פּסיכישע קרעפטן.

עס באַקומט זיך, אַז עס איז דאָ אַ פּסיכיק אויף וועלכער עס באַזירן זיך אונדזערע אידייען און אַ פּסיכיק, אויף וועלכער עס באַזירן זיך אונדזערע מאַטן. דער ווילן וואָס באַשטימט אונדזערע טאַטן, דער איז אונדזער אויטענטישער ווילן, דאָס ז י י נ ע ן מיר; דער מענטש איז אין זיינע טאַטן, נישט אין זיינע אידייען. דאָס וואָס מאַכט אונדז האַנדלען, איז אונדזער רעאַלער זיין, אונדזער ווירקלעכער גייסט. עס איז פאַראַן נאָך אַ פּסיכיק, די וואָס דערנערט אונדזערע אידייען, מיט וועלכע מיר לעבן נישט, נאָר מיט וועלכע מיר וואָלטן בלויז „געוואָלט" לעבן. וואָלטן מיר נישט געווען דואַליסטיש, וואָלטן מיר נישט געקענט האָבן אידייען איין מאָל און לעבן, אַ צווייטן מאָל. וואָלטען מיר געווען איינהייטלעך, וואָלטן מיר נישט געקענט האָבן קיין וואָנטשן און אילוזיעס, איין מאָל, און לעבן אין דער ווירקלעכקייט, אַ צווייטן מאָל, מחמת מיר וואָלטן שטענדיק געלעבט

אזוי ווי מיר וואָלטן איינהייטלעך געווען. אונדזערע אידייען אלס קעגנ־זאַץ צו אונדזערע טאַטן, וואַקסן אַרויס פון אַ קעגנזאַץ אין אונדזער זיין. ווען עס וואָלט נישט געווען קיין קעגנזאַץ פונעם זיין, וואָלטן אינעם מענטשלעכן לעבן נישט געווען קיין פּלאַץ פאַר די אַלע צווייאיקייטן און טאָפּלטקייטן. מיר וואָלטן געווען אזוי איינהייטלעך אין אונדזער לעבן, ווי עס זיינען די חיות און פלאַנצן. עס וואָלט נישט געווען קיין פּלאַץ פאַר קיין קאָנפליקטן, נישט אין אונדזער יחידיש לעבן — מיר מיט זיך אַליין, נישט אין אונדזער געזעלשאַפטלעך לעבן — די אייביקע קולטור קאָנ־פליקטן. נאָר דערפאַר וואָס אונדזער נאַטור איז אַ צווייאיקע, נאָר דער־פאַר זיינען מעגלעך די אַלע אומצאָליקע מאָמענטן פון טאָפּלטקייט, וועלכע פילן אָן אונדזער אינדיווידועל און קאָלעקטיוו לעבן. דער גרעסטער טייל פון דער מענטשהייט, לעבט אין דער נשמה איין לעבן, און אינדעראמתן, אין מאַט, אַן אַנדער לעבן.

ווען מיר טרוימען וועגן דער צוקונפט, זעען מיר זי אין העלע פאַרבן, מיר זעען די צוקונפט אַ גוטע און אַ פרידלעכע, וואו עס וועט הערשן גערעכטיקייט און שלום. אפילו אזא, וואָס זיינע אַקטועלע אידייען, זיינע רעאַקציאָנערע, איז אויך, ווען ער שמעלט זיך פאַר די צוקונפט, זעט ער אין איר פרידן און יושר. פאַרוואָס איז עס אזוי? דאָס איז דערפאַר, וואָס טיף אין זיך האָט יעדע מענטש אַ שמץ גוטס. די עטישע פילבאַר־קייט איז אַן אַלגעמיין־גילטיקע פאַרן גאַנצן מענטשלעכן מין. עס איז נישטאָ דער מענטש, וואָס זאָל נישט פילן דאָס גוטע, אפילו דער ערגס־טער. און אויב ער פילט דאָס, איז אַ באַווייז, אַז עס איז דאָ אין אים גוטס, ווייל וואָלט קיין סימן פון קיין גוטס נישט געווען אין אים, וואָלט ער עס נישט געקענט פילן. די פראַגע איז נאָר, אויף וויפל דאָס גוטס, דאָס הייסט די עטישע פילבאַרקייט, איז ביי איינעם רעאַל, אַז זי זאָל מוזן קאָנטראָלירן זיין טאָגטעגלעך לעבן און אויף וויפל זי איז אומרעאַל און אילוזאָריש און דערנערט בלויז די טרוימען און וואונטשן אין אים.

דאָס צוקונפטס־לעבן זעט דער מענטש אזוי ווי ער וואָלט געוואָלט עס זאָל זיין, אזוי ווי ער פילט, אַז אזוי וואָלט באַדאַרפט זיין און אזוי וואָלט גוט געווען עס זאָל זיין. אין דער קעגנוואַרט מאַכן דאָס לעבן אזוי, אויף דעם איז ער נישט קיין בעלן, ווייל דער „איצט" ווערט באַשטימט פון אַנדערע כוחות ווי די אידעאַלע און עטישע. עס זיינען דאָ געוויס מענטשן, וואָס וואָלטן געוואָלט זיין אין דער ווירקלעכקייט, דאָס וואָס זיי זיינען טיף ביי זיך אין דער נשמה, נאָר זיי קענען נישט, עס קומט ביי זיי נישט אַרויס, זיי זיינען אַנדערע. וואָלטן די עטישע אימפּולסן געווען אזוי שטאַרק ווי די אַנימאַלע, איז דאָך זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די

מענטשן וואָלטן געוואָלט שוין און באַלד אַזוי ענדערן דאָס לעבן, אַז עס זאָל זיי וואָס מער אַנטשפּרעכן. נאָר דערפאַר, וואָס די עטישע נאַטור איז ביי זיי בלאָס און שוואַך, און די אַנימאַלע שטאַרק און קרעפטיק, לעבן זיי מיט דער לעצטער אין דער פּראַקטיק און מיט דער ערשטער האָבן זיי איללוזיעס. אין דער צוקונפט — יאָ; די צור־קונפטס־מענטשן, פילט מען, וועלן זיין גוטע; דאָס צוקונפטיקע לעבן, וועט זיין בלויז יושר און שלום, אָבער איצט קען עס נישט זיין. די איצטיקע מענטשן זיינען שלעכטע און דאָס איצטיקע לעבן איז אַ שלעכטס...

פאַרוואָס וועט די צוקונפט־געזעלשאַפט זיין יושרדיק און דער צור־קונפט־מענטש גוט, ווען מיר זעען, אַז די געזעלשאַפט און די מענטשן פון איצט און פון אַלע פאַרגאַנגענע צייטן זיינען געווען און זיינען שלעכט?

— דאָס ווייסט מען אַליין נישט. אַזוי פילט מען און מער גאָרנישט.

דער זעלבער פענאָמען שטעלט מיט זיך פאָר דער ווילן פון מענטשן צו האָבן אַ אידעאַל אין לעבן. האָבן אַ אידעאַל, אָדער הייסן אַנדערע לעבן לויט אַ אידעאַל, איז איין זאַך, און לעבן, און אַליין לעבן לויט אַ אידעאַל, איז אַ צווייטע זאַך. מעג מען אפילו זיין זיכער, אַז מ׳וועט דעם אידעאַל קיינמאָל נישט פאַרווירקלעכן און ער וועט שטענדיק זיין אַ ליגן, וויל מען פונדעסטוועגן דעם ליגן נישט אָפּלאָזן. ס׳איז גוט צו האָבן אַ אידעאַל און זיך אַליין אָפּצונאַרן. ווי אַזוי זאָל מען עס פאַרשטיין? דאָס קען מען נאָר פאַרשטיין מיט דעם געדאַנק פון ביפּסיכיזם. דער מענטש האָט צוויי נשמות. מיט איינער לעבט ער; מיט דער צווייטער האָט ער אידעאַלן.

ווען דער דורכשניטס־מענטש אידייאַיזירט וועגן לעבן, ווען ער לעבט אין דער מחשבה און אין דימיון, ווען ער לייענט אָדער הערט ריידן דעם עטישן מענטשן, ווען ער דענקט נאָך וועגן לעבן אין אַבסטראַקט, ווען ער פּריידיקט אַנדערע ווי אַזוי צו לעבן אַא״וו, ד״ה ווען ער לעבט אין דער איללוזיע, לעבט ער שטענדיק דאָס העכערע לעבן, ד״ה ער ווערט קאָנט־ראָלירט פון די עטישע געפילן. גלייך אָבער ווי ער נידערט אַראָפּ פון דער הויך פון דער איללוזיע און טרעט אַריין אין דער ווירקלעכקייט, בייט זיך באַלד זיין פּסיכיק און ער הויבט אָן קאָנטראָלירט צו ווערן פון עגאָיס־טישע געפילן.

מיט איין וואָרט: דער מענטש באַזיצט צוויי נשמות. אין אים שטראָ־מען צוויי פאַרשידענע געפיל־קוואַלן, וואָס יעדער איינער שטויסט אים אַנדערש זיך אויסצואווירקן. אָט האָט ער אויסגעהערט אַ פלאַם־פייער־דיקע רעדע פון אַ גרויסן מענטשן וואָס האָט געפּריידיקט גוטס און ער איז מיטגעריסן, באַגייסטערט. אויפן מאָמענט פילט ער זיך גרייט צו טון אַלץ

וואָס דער פריידיקער פון גוטס האָט געהייסן. באַלד אָבער ווערט ער אָפּ־געקילט, די באַגייסטערונג וועפּט זיך אום און ער איז צוריק דאָס וואָס אַ גאַנץ יאָר.

דער דורכשניטס־מענטש איז פון די עטישע געפילן אַפעקטירט אויף אַזאַ שוואַכן אופן, אַז זיי זיינען נישט בכוח צו קאָנטראָלירן זיינע מעשים און זיין טאָגטעגלעך לעבן. ער לעבט מיט זיי בלויז אין דער אילוזיע. די ווירקלעכקייט זיינע ווערט קאָנטראָלירט פון די אַנימאַל־עגאָיסטישע געפילן. די אַנימאַל־עגאָיסטישע געפילן זיינען אין דעם דורכשניטס־מענטש שטאַרקער פאַרטראָטן ווי די מענטשלעך־עטישע. כדי אונדזערער אַ געפיל זאָל אונדז ברענגען צו טאָט, מוז ער זיין אַזוי שטאַרק און אַזוי אָרגאַניש־רעאַל אין אונדז, אַז מיר זאָלן אים מוזן אויסדריקן אין לעבן און נישט קענען אַנדערש. ווען אַ געפיל איז שוואַך אין אונדז, בלייבט ער בלויז אין דער ספערע פון דימיון און קומט נישט ארויס אין דער ווירקלעכקייט. ווען עס קעמפן צוויי קעגנזעצלעכע געפילן אין אונדז, וועט דער וועלכער האָט אַ שטאַרקערע אחיזה אין אונדזער וועזנטלעכקייט גובר זיין דעם, וועלכער האָט אַ שוואַכערע אחיזה. די שלעכטע געפילן זיינען אין דורכ־שניטס־מענטש שטאַרקער ווי די גוטע. באַגרייפן און פאַרשטיין, קען דער דורכשניטס־מענטש אַלע „גוטע זאַכן", דאָס מיינט אַז די „גוטע זאַכן" זיינען אין אים אַנגעוויזן, ווייל ווען נישט וואָלט ער זיי נישט פאַרשטאַנען און באַגריפן. פאַרווירקלעכן זיי אָבער אין לעבן — דאָס נישט, ווייל די שלעכטע געפילן נעגירן עס און זיי זיינען שטאַרקער.

נאָר ווען מיר זעען אַזוי דעם מענטשן, פאַרשטייען מיר די אייביקע קאָנפליקטן וואָס קומען פאָר סיי אין אים גופא ווי אין דעם לעבן וואָס ער פירט. דער מענטש האַלט זיך שטענדיק אין איין פאַרלייקענען און אין איין קומען צוריק צו זיך. אָט זינדיקט ער און אָט טוט ער תשובה; אָט איז ער שלעכט און אָט וויל ער זיין גוט, אָט טוט ער עפּוואָס און אָט האָט ער שוין חרטה, אָט באַגייט ער אַן עוולה און אָט ווערט ער שוין געפּלאָגט פון זיין געוויסן. — דאָס גאַנצע לעבן האַלט ער זיך אין איין וואַקלען צווישן גוטס און שלעכטס.

איז עס ווידערשפּרוך פון סביבה און לעבנס־באַדינגונגען? ניין! איז עס ווידערשפּרוך צווישן גדאַנק און געפיל? ניין! געדאַנק און געפיל זיינען זיך נישט קיין ריוואַלן; געדאַנק און געפיל זיינען צוויי גאַנץ באַ־זונדערע פּסיכישע פונקציעס. וואָס דען איז עס יאָ? — דאָס זיינען צוויי גייסט־רעאַליטעטן, צוויי נשמות וואָס ריוואַליזירן צווישן זיך... דער מענטש איז אַ ביפּסיכיש באַשעפעניש, אַ טאָפּל־גייסטיק וועזן. פון דעם [illegible] זיך די צווייפּאַלטנקייט אין זיין לעבן. צוליב דעם ליידט דער מענטש

פון געוויסנביסן, צוליב דעם האָט ער חרטה, צוליב דעם ראַנגלט ער זיך מיט זיך אַליין. פון דעם שטאַמען די אייביקע קולטור־קאַמפן אין דער געשיכטע — ווייל זיין הארץ איז צעשפּאָלטן. דער מענטש איז צוויי אין איינס, אין אים ווירקן צוויי נאַטורן. צום שׂכל האָט דאָס גאָרנישט. דער שׂכל איז נישט קיין קעגנער דעם ווילן.

נאָר אַזוי זעענדיק דעם מענטשן פאַרשטייען מיר אַלע טאָפּלטקייטן אין דער געשיכטע. פון איין זייט, דע פאַקטאַ, איז די מענטשלעכע געשיכטע אָנגעפילט מיט אומרעכט, אונטערדריקונג, פאַרשקלאַפונג, רציחה און אומויפהערלעכע מלחמות. די שטאַרקע טרעטן אויף די שוואַכע און פאַרניכטן זיי. דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון דער מענטשהייט שטעלט מיט זיך פאָר איין גרויס בלוטיק שלאַכטפעלד, וואו מענטשן האַלטן זיך אין איין אויסקוילען און פאַרניכטן קעגנזייטיק צוליב רויב. ס'איז נישט איינצוזען אַז דאָס מאַטעריעלע לעבן פון די מענטשן זאָל זיך אונטערשיידן פונעם לעבן פון די חיות. די זעלבע אימפּולסן וואָס באַשטימען דאָס לעבן אין דער חיות־וועלט, די זעלבע אימפּולסן באַשטימען דאָס לעבן אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. דאָס פון איין זייט. פון דער צווייטער זייט, עקזיסטירן תורות, געזעצן און געבאָטן, וואָס האַלטן אין איין פריידיקן ליבע, ברידערלעכקייט, יושר און שלום. מיר פאַרשטייען די טאָפּלטקייט פון קונסט און שונד. פון איין זייט גייען די קונסטן, אין וועלכע עס קומען צום אויסדרוק אַלע עכט מענטשלעכע עמאָציעס, די שענסטע געפילן און איבערלעבונגען. פון דער צווייטער זייט גייט שונד, אין וועלכער עס קומען צום אויסדרוק אַלע ליידנשאַפטן און תאוות. פון איין זייט גייט דאָס ווירקלעכע לעבן, און פון דער צווייטער דאָס אילוזאָרישע לעבן. דאָס לעבן פון טאַט און פּראַקטיק איז איינע; דאָס לעבן פון וואָרט און אילוזיע איז אַ צווייטע.

III

דער מענטש איז אַ אָ ר ג אַ נ י ש ע ר ל י ג נ ע ר. ער לעבט מיטן ליגן פונעם אילוזאָרישן און גערעדטן וואָרט. דאָס וואָרט בינדט זיך ביי אים נישט מיט טאַט. זיין טאַט ווערט באַשטימט פון איין סאָרט פּסיכישע כוחות און זיין וואָרט פון אַן אַנדער סאָרט פּסיכישע כוחות. זיין ווירקלעכקייטס־ פּסיכיק איז איינע און זיין אילוזאָרישע אָדער אידעאַלע אין אַן אַנדערע. זיין לעבן איז נישט איינהייטלעך און גאַנץ, נאָר טאָפּלט און ווידערשפּרעכנדיק.

דער דאָזיקער דואַליזם פון מענטשנס גייסט, האָט דערמעגלעכט, אַז עס זאָלן זיך אויסבילדן אין דער געזעלשאַפט קאַסטעס פון אילוזאָרישע־

און וואָרט־ליגנער. אזעלכע וואָרט־ליגנער זיינען געווען אין רעליגיע — די אַלערליי גייסטלעכע און פריידיקער, וואָס זייער פּראָפעסיע איז געווען צו ריידן גוטע און פרומע רייד צום עולם, און דערפאַר האָבן זיי געקריגן גוט באַצאָלט. אזעלכע וואָרט־ליגנער זיינען געווען אין דער פּאָליטיק, און אזעלכע וואָרט־ליגנער זיינען געווען אין דער קונסט. די וואָס זיינען באַזעסן די פעיקייט אויף אַ געלונגענעם אופן צו באַנוצן דאָס וואָרט, דאָס גערעדטע און געשריבענע — די טאַלאַנטן, האָבן זיך אַרויסגערוקט אינעם אויבנאָן פון דער געזעלשאַפט און האָבן פּראַקטיצירט זייער גוט־באַלוינטע פּראָפעסיע פון פּראָדוצירן פרומע און שיינע ליגנס. דער ליגן פון גערעדטן וואָרט איז געוואָרן אַן איינגעפונדעוועטע אינסטיטוציע אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. אַלערליי פריידיקער, אָראַטאָרן, קינסטלער, פלינקע קעפּ, זיינען געוואָרן די פּראָדוצירער פון גייסט־ווערטן פאַר דער מענטשהייט. די דאָזיקע זיינען די טיפּישע פאַרקערפּערער פונעם אָרגאַנישן ליגן, וואָס איז פאַרוואָרצלט אין דער מענטשלעכער טבע. די אַלערליי פריסטער און כהנים, די אַלערליי גייסטלעכע און פריידיקער, די אַלערליי קונסט־מאַכער און געזעץ־מאַכער, די אַלערליי רעדנער און אויפקלערער — זיינען די אויסדריקער פונעם מענטשלעכן ביפּסיכיזם, פון דעם מענטשנס צוויי נשמות. דאָס ווירקלעכע לעבן פון די דאָזיקע אַלע טאַלאַנטן און וואָרט־ליגנער, איז שטענדיק געווען, און איז היינט מער ווי שטענדיק, אַ מוסטער פון אַלדאָס שלעכטס. דאָס אויסגעטראַכטע לעבן זייערס, דאָס וואָרט־לעבן, מאַכט דעם איינדרוק פון גוט און פרום און ערלעך. קענען אָט די טאַלאַנטן, געשליפענע צינגער, פרום־ און גוט־מאַכער פון אַלע סאָרטן, האָבן פון שטענדיק אָן פּראָטעסטירט אַלע ערלעכע מענטשן, וועלכע האָבן בחוש געפילט די אָרגאַנישע פאַלשקייט פון די דאָזיקע אייביקע קולטור פאַריסייער. (די שטאַרקסטע ווערטער קעגן די דאָזיקע מענטשן געפינען זיך אין דער עוואַנגעליע).

טאַלאַנט איז אַ פעיקייט פון קענען זיך אויסדריקן. טאַלאַנט איז אַ כלי־זין פון גייסט און נישט דער גייסט גופא. היות ווי אילוזיאָנירן וועגן גוטס און שיינקייט קען יעדער מענטש, אפילו דער ערגסטער, איז ווען אַזאַ איינער באַזיצט טאַלאַנט, ד"ה די פעיקייט פון אַרויסברענגען, ברענגט ער אַרויס פרומע און שיינע ליגנס. דער דורכשניטס־מענטש, וועלכער פירט אַ טאָפּל־לעבן, באַנוצט זיך מיט די דאָזיקע שיינע און פרומע ליגנס, אויף צו דערנערן זיין צוויי־פּנימדיקן גייסט. דער קאָנסומירער פון דעם שיינעם און פרומען שקר, ווי דער פאַבריצירער, לעבן ביידע אין דער ווירקלעכקייט איין סאָרט לעבן און אין בוך אַ צווייטן סאָרט לעבן. דער אונטערשייד צווישן די ביידע באַשטייט בלויז אין דעם, וואָס דער ערש־

טער באַזיצט נישט די פעיקייט פון אויסטראַכטן שיינע און פרומע רייד, און דער צווייטער באַזיצט עס יאָ.

דער טאַלאַנטירטער דורכשניטס־מענטש הערשט איבערן לעבן. ער הערשט איבערן לעבן דערפאַר, וואָס ער אַנטשפּעכט צומבעסטן די באַדערפעניש פון די צוויי נשמות, וואָס דער מענטש באַזיצט, איינע וואָס ווערט גענוצט פאַר דער טאָגטעגלעכער וואָכעדיקייט, פאַר דעם לעבן פון אַ גאַנץ יאָר און די צווייטע, וואָס ווערט גענוצט פאַר דער שבת־יום־טובֿדיקייט, פאַרן אויפהויבן זיך העכער איבער דער ווירקלעכקייט. דער ערלעכער מענטש מיט טאַלאַנט, דער ביי וועמען דאָס לעבן טיילט זיך נישט אויף ווירקלעכקייט און אילוזיע, אויף וואָכעדיקייט און יומטובדיקייט, נאָר וואָס גאַרט און מוז האָבן דאָס יומטובדיקע אינעם וואָכעדיקן; דער, ביי וועמען קונסט איז לעבן און נישט איבערן לעבן, ביי וועמען פּאָעזיע איז דאָס אַלטעגלעכע, נישט איבער דאָס אַלטעגלעכע; דער, ביי וועמען מאָראַל און פרומקייט איז זיין וועזן, זיין ווירקלעכקייט, זיין לעבן פון אַ גאַנץ יאָר און נישט קיין ליגן פון וואָרט און פרעדיקט; דער דאָזיקער אָרגאַנישער מענטש, רעאַל־ווירקלעכער מענטש, ער הערשט נישט איבערן לעבן. ער, אַז ער באַזיצט טאַלאַנט, ווערט ער אָדער אַ סאָציאַלער קעמפער, אָדער ער אַנטלויפט פון לעבן, אָדער ער איז אַן אַנאָנימער צדיק און פירט אַן אינערלעך און אויסערלעך ערלעך לעבן. בלייבט ער אין לעבן, מוז ער זיך צוזאַמענשטויסן מיט די אַלערליי וואָרט־ליגנער און קולטור־פאַרויסייער...

קאפיטל 6

דער מענטש אין ליכט פון רעליגיע

I

דער אומשאצבארער ווערט פון רעליגיע איז אין דעם פסיכאלאגישן מאטעריאל, וואס זי ליפערט אונז. גאט, און דאס זעלבע דער טייוול, זיינען די געטרייסטע רעפלעקטירונגען פון מענטשנס גייסט. אין גאט שפיגלט זיך אפ מיט דער גרעסטער גענויקייט אלץ וואס אין מענטשן טוט זיך. אלדאס גוטע און אלדאס שלעכטע, וואס האט זיך געפונען אין מענטשן, איז איבערגעליפערט געווארן אין גאט.

רעליגיע דארף מען נעמען נישט ווי עפעס אזעלכעס וואס האט א ווערט אנפארזיך, נאר ווי אזעלכעס וואס שפיגלט אפ ווערטן וואס געפינען זיך אין מענטשן. פאר די גלויביקע, איז גאט די רעאליטעט, און דעם מענטשנס גייסט דער רעפלעקס; דער מענטש האט אויף אזויפיל א ווערט, אויף וויפל גאט איז פאראן אין אים. פאר אונדז, פארקערט, איז דער מענטש די רעאליטעט און גאט איז דער רעפלעקס פון מענטשנס גייסט; גאט האט אויף אזויפיל א ווערט, אויף וויפל דעם מענטשנס גייסט איז פאראן אין אים. די גלויביקע זוכן גאט אין מענטשן; מיר, פארקערט, זוכן דעם מענטשן אין גאט. אויך מיר „גלויבן אין גאט", אויך מיר זאגן, אז גאט איז א ממשות. נישט מער, ער איז א ממשות א י ן מענטשן און ד ו ר כ ן מענטשן. מיר גלויבן נישט אז גאט אדער געטער עקזיסטירן ווי ווירקלעכע וועזנס. מיר גלויבן אבער יא, אז זיי עקזיסטירן ווי פסי־כישע דערשיינונגען; מיר גלויבן אין די מיסטישע פערסאנאזשן ווי אין אויסדרוקן און פערזאניפיצירונגען פון מענטשנס גייסט־אייגנשאפטן.

דער גאט פון העכסטער ליבע איז פארן פסיכאלאג נישט ווינציקער וויכטיק און חשוב ווי פארן טעאלאג. פונקט ווי דער טעאלאג זעט אין

דעם אל רחום די איינציקע באַזע פאַר דאָס מענטשלעכע לעבן; פונקט ווי דער טעאָלאָג זעט אין גאָט די איינציקע באַזע פאַר מענטשלעכער פאַרבעסערונג און פאַרשענערונג; פונקט ווי דער טעאָלאָג זעט אין עטישן גאָט דעם העכסטן זינען פון מענטש־ און וועלט־לעבן — אַזוי זעט דאָס אויך דער פּסיכאָלאָג. נישט מער, דער פּסיכאָלאָג שטייט אויף אַ פאַר־קערטן שטאַנדפּונקט וואָס דער טעאָלאָג. ער קומט נישט פון גאָט צום מענטשן, נאָר פון מענטשן צו גאָט. דער פּסיכאָלאָג זאָגט, אַז וויבאַלד מענטשן האָבן געגלויבט אין אַ דערהויבענעם, אין אַ סובלימען גאָט, וואָס איז אי די העכסטע פאַרקערפּערונג און אי דער העכסטער מקור פון יעדער שיינקייט, גוטסקייט און חכמה, איז דערפון געדרונגען, אַז מענטשן האָבן אַזוי געפילט. ווארום ווען נישט, ווען די מענטשן וואָלטן אַזוי נישט גע־פילט, וואָלט עס געווען אַן אוממעגלעכקייט, אַן אומזין, אפילו, אַז זיי זאָלן גלויבן אין אַזאַ גאָט. אונטער יעדן גלויבן, וויים דער פּסיכאָלאָג אויף זיכער, באַהאַלט זיך אויס אַ פּסיכישע רעאַליטעט. גלויבן איז פאַר אים אַן אומאָפּפרעגבאַרער צייכן, אַז דאָס אין וואָס איינער גלויבט, איז זיינע אַ נשמה־נויגונג. ווען עס וואָלט נישט געווען קיין נשמה־נויגונג וואָס זאָל אַנקליידן און אונטערהאַלטן אַ באַשטימטע גלויבונג, וואָלט קיין גלויבונג נישט געווען.

אויב אַ גוטער גאָט איז אויסגעטראַכט געוואָרן און אויב מענטשן האָבן געגלויבט אין אים, איז עס אַן אומאָפּפרעגבאַרער באַווייז, אַז דער דאָזיקער גאָט האָט געהאַט אין די מענטשן אַן אינערלעכע אחיזה און אָנשפּאַר. זיי האָבן אים געפילט, זיי האָבן אים באַגריפן מיט זייערע הער־צער, ער איז זייער גייסט נישט געווען אומבאַקאַנט.

דער אומענדלעך גוטער גאָט, איז געבוירן געוואָרן אין מענטשן. אין זיך האָט אים דער מענטש געפונען; אין זיך האָט אים דער מענטש דער־קענט און אַנטדעקט און פון דאָרט אַרויסגעבראַכט; אין זיך האָט דער מענטש דערבליקט דאָס אידעאַלע, שעמערירנדיק און בלענדנדיק גאָט־בילד, און פון זיך אַרויס האָט ער עס געמאָלט. קיין שום אַנדער שול, וואו צו לערנען עפּעס מכוח די עטישע אייגנשאַפטן פון גאָט, אויסער די שול פון זיין אייגענער נשמה, האָט דער מענטש נישט געהאַט. קיין שום אויסערלעכער כוח האָט דעם מענטשן נישט געקענט שטויסן און באַאיינ־פלוסן זיך אויסצומאָלן אַן אידעאַלן גאָט. דערצו האָט נאָר געקענט שטויסן אַן אינערלעכער כוח. וואָלט דער מענטש נישט דערפילט די עטישע אמרי־בוטן פון גאָט אין זיך, וואָלט ער קיין שום אַנדער מקור צו שעפּן דער־קענטעניש וועגן גאָטס נאַטור נישט געהאַט. אַלדאָס בעסטע און שענסטע וואָס דער מענטש האָט דערפילט אויפשטראַלן אין זיין אייגענעם גייסט,

האט ער עס איבערגעטראגן אין גאט. יעדער ליכטיקער געפיל וואס האט אויפגעבליצט אין מענטשן, יעדע שיינענדיקע עמאציע, וואס האט אויפגעלויכטן אין זיין וועזן, יעדע העלע שפירונג וואס האט אויפגעשפראצט אין זיין נשמה, האט ער עס אוועקגעגעבן גאט. גאט איז די פולקאמסטע פערזאניפיצירונג פון אלע לויטערע שטרעבונגען און בענקשאפטן, וואס לעבן אין מענטשן. אין גאט זיינען קאנצענטרירט אלע טוגנטן און איידעלע אספיראציעס צו וועלכע דער מענטש רייסט זיך. גאט איז די העכסטע פארקערפערונג פון דעם מענטשנס עטישער נאטור.

וואלט דער עטישער גאט נישט רייף געווארן אין מענטשן, וואלט די וועלט אויף אלע ציימן געבליבן באהערשט פון דעמאנען און בייזע בלוט־דורשטיקע געטער, און קיין גאט פון אומבאגרעניצטער ליבע וואלט קיינמאל נישט געבוירן געווארן. אויב אזעלכעס איז יא געשען, אויב בייזע געטער האבן געמאכט פלאץ פאר א גוטן גאט, איז די דאזיקע דערשיינונג נישט פארגעקומען אין די הימלען, נאר אין מענטשן.

די געשיכטע פון די געטער, איז די געשיכטע פון די מענטשן; די עוואלוציע פון רעליגיע איז די עוואלוציע פון דעם מענטשנס נאטור; דער פראגרעס פון גלויבן, איז דער פראגרעס פון דעם מענטשנס נשמה. גארנישט איז פאראן אין גאט, וואס איז נישט פאראן אין מענטשן. אלץ וואס געפעלט גאט, געפעלט עס, אינדעראמתן, דעם מענטשן. פארשן גאט, מיינט פארשן דעם מענטשן. פארשטיין און דערקענען גאט, מיינט פארשטיין און דערקענען אונדז אליין. גאט האט נישט קיין פיצל אייגענע רעאליטעט; גאטס רעאליטעט איז אינגאנצן אונדזער אייגענע רעאליטעט (אבער אונדזער אייגענע רעאליטעט איז זי יא). גאטס גייסט, איז אונדזער גייסט. ווען דער מענטש איז געווען דורכוים שלעכט, זיינען זיינע געטער געווען דורכוים שלעכט; ווען דער מענטש איז געווארן בעסער, זיינען זיינע געטער געווארן בעסער, און ווען עס זיינען שוין געווען מענטשן וואס זיינען געווען גאר גוט, איז זייער גאט אויך געווארן גאר גוט. דערפאר איז די עוואלוציע פון דער גאט־אידייע די בעסטע מאס צו מעסטן די עוואלוציע פון מענטשנס גייסט. ווארום דורך קיין שום אנדער אופן האט דער מענטש נישט אזוי גרינטלעך און אויסשעפנדיק, אזוי אינטים און אינטעגראל אויסגעדריקט זיך אליין, ווי דורך רעליגיע.

באוואוסטזיניק, צי אומבאוואוסטזיניק, האט דער מענטש אנטהילט אין רעליגיע זיין גייסט ביז לעצטער נאקעטקייט. ער האט זיך אראפגעלאזט ביזן דנא פון זיין נשמה, און פון דארט, פון יענעם טיפסטן ממעמקים, האט ער באגריפן און געשילדערט גאט. פאר גאט האט זיך דער מענטש נישט געקענט פארמאסקירן און פארשטעלן; פאר גאט האט ער נישט

געקענט סימולירן און ליגנערן, ווייל גאָט איז געווען דער בוחן לבבות. און אויב ער האָט זיך יאָ פאַרמאַסקירט און סימולירט און געליגנערט פאַר גאָט, איז עס געווען לחלוטין אומבאַוואוסטזיניק, דאָס הייסט ער האָט נישט געוואוסט, אַז ער נאַרט אָפּ גאָט און זיך אַליין. קיין בכיוונדיקע גענאַרעריי איז עס נישט געווען. פאַרן רעליגיע־פּסיכאָלאָג, איז די זעלבסט־ און גאָט־גענאַרעריי אַזוי אינטערעסאַנט און באַלערנדיק, ווי די נישט־גענאַרעריי. וואָרום אין דעם ספּאָנטאַנעם ליגן, זעט דער פּסיכאָלאָג צוויי פּסיכישע ווירקלעכקייטן: אי די וואָס ווערט פאַרלייקנט, אי די וואָס ווערט אויפגעדעקט. פאַרן פּסיכאָלאָג איז נישט פאַראַן קיין ליגן און קיין אויסטראַכטעכץ בכלל, און בפרט איז נישט פאַראַן קיין ליגן און קיין אויסטראַכטעכץ אין רעליגיע. פאַר אים איז די אויסטראַכטעכץ און דער ליגן אַזוי אמת — און נאָך אפשר אמתער — ווי דער אמת גופא. דער גאַנצער צוגאַנג פּסיכאָלאָגיש צו באַטראַכטן רעליגיע, שטיצט זיך דאָך אויף דעם פאָרויסיקן אורטייל, אַז אַלץ אין רעליגיע איז אויסגעדיכטעט און פאַרפאַסט פון מענטשן. אין פאַרקערטן פאַל, אויב רעליגיע וואָלט געווען אמת און ווירקלעך, וואָלט דער פּסיכאָלאָג דאָ גאָרנישט געהאַט וואָס צו טון. אַ פאַקט וואָס איז ווירקלעך פאָרלאָפן און וועלכן מענטשן האָבן מיט אַן אמת דערפאַרן, האָט נישט קיין פּסיכאָלאָגישן ווערט. ער האָט אַ ווערט פאַר די יעניקע וואָס זיינען פאַרינטערעסירט אין אַזעלכע פאַקטן. אַ פּסיכאָלאָגישן ווערט האָבן אויסגעטראַכטע פאַקטן, אין וועלכע מ'דאַרף אויסגעפינען דעם פּסיכישן מאָטיוו, וואָס האָט דעם אויסטראַכטער באַוועגט זיי אויסצוטראַכטן. אויב רעליגיע איז אמת, דאַן קומט דאָס וואָרט דעם גייסטלעכן און נישט דעם פּסיכאָלאָג. דער פּסיכאָלאָג האָט דעמאָלט צו זאָגן אין רעליגיע, ווען מ'גיט פון לכתחילה צו, אַז רעליגיע איז אמת בלויז פון דעם מענטשלעכן שטאַנדפּונקט. דעמאָלט זאָגט דער פּסיכאָלאָג, אַז וואָס מער אויסטראַכטעכץ, אַלץ מער פּסיכישע רעאַליטעט באַהאַלט זיך אויס אונטער דעם; וואָס מער ליגן דער אויסגעטראַכטער פאַקט איז, אַלץ מער אמת, דאָס הייסט, אַלץ שטאַרקער איז דער אינערלעכער, דער עמאָטיווער כוח, וואָס שטויסט דעם פאַקט אויסצוטראַכטן. לויטן פּסיכאָלאָג איז גאָט דאָס רעאַלסטע, דאָס ממשותדיקסטע וואָס קען נאָר זיין. וואָס מ'זאָל נישט געווען זאָגן אין גאָטס נאָמען און וויפל מען זאָל וועגן אים נישט געווען זאָגן, איז אַלץ גוט געזאָגט. וואָרום געזאָגט האָבן מענטשן, און אויפגענומען דאָס געזאָגטע האָבן אויך מענטשן, הייסט עס, אַז עס האָבן געמוזט זיין רעאַלע פּסיכישע סיבות וואָס האָבן באַוואויגן סיי די זאָגער צו זאָגן, און סיי די אויפנעמער אויפצונעמען. דערפון דרינגט אַרויס, אַז אַלץ וואָס איז וועגן גאָט געזאָגט געוואָרן, און אַלץ וואָס מענטשן האָבן וועגן גאָט געגלויבט, האָט געהאַט אַ פּסיכישן גרונט אין זיי.

אויב עס איז געווען אזא זאך ווי עטישע רעליגיע מיט וועלכער די מענטשהייט — אדער לפחות די פרומע מענטשן — האבן אפגעלעבט א גרויסן טייל פון איר היסטאריש לעבן, איז עס נישט געווען קיין אויס־טראכטעכץ, נאר שטרענגע ווירקלעכקייט. די שטרענגע ווירקלעכקייט איז באשטאנען אין רייכן און פרוכטבארן נשמה־לעבן, וואס די פרומע מענטשן האבן געפירט אונטער עטישער רעליגיע. די מעטאפיזיק, די אידייאישע פארעם, האט געקענט זיין טרוים, אבער דאס וואס די גוטע און די פרומע האבן געפילט אונטערן דאזיקן טרוים, איז געווען רעאליטעט. די העכסט־העכסטע אויפשוואונגען און דערהויבונגען פון מענטשלעכן גייסט, זיינען געווען אמת און ווירקלעך. ווען איינער גלויבט, טעותדיק, אין א גוטער אדער שלעכטער בשורה, וואס מ׳זאגט אים אן, לעבט ער איבער פרייד אדער צער. די בשורה קען זיין פאלש, אבער דאס איבערגעלעבטע דורך דער בשורה, איז שטענדיק אמת. די פראגע צי די רעליגיעזע בשורה איז אמת אדער נישט, דאס איז אן ענין פאר זיך. דער פאקט איז אבער אז די דאזיקע בשורה האט ארויסגערופן די געוואלדיקסטע איבערלעבונגען ביי די בעסערע מענטשן. איז דאס טאקע וויכטיק: עס איז וויכטיק אז אונטער עטישער רעליגיע האבן פרומע מענטשן געפירט דאס שענסטע און לויטערסטע נשמה־לעבן. דאס ווייזט אונדז, אז מענטשן זיינען בכוח צו פירן א שיין און לויטער נשמה־לעבן, זיי זיינען בארופן דערצו, זיי האבן עס אין זיך. און עס ווייזט אונדז אויך, אז די געטלעכע בשורה האבן די מענטשן זיך אליין אנגעזאגט. דערפאר וואס די מענטשן האבן געוואלט הערן די דאזיקע בשורה האבן זיי זי אויסגעחלומט און זי זיך אנגעזאגט.

זאל זיין אז רעליגיע איז נישט מער ווי א חלום. אבער א חלום האט אויך זיין אמת. אויב די מענטשהייט האט געהאט אזא שיינעם חלום, איז עס א באוייז אז עס זיינען פאראן אינערלעכע מאטיוון וואס האבן דעם שיינעם חלום ארויסגערופן און אונטערגעהאלטן; איז עס א באוייז, אז אין מענטשנס נשמה זיינען פאראן שטרעבונגען וואס האבן דעם דאזיקן דורות־לאנגן חלום פארורזאכט און גענערט.

זאל זיין אז עטישע רעליגיע איז נישט מער ווי דיכטונג, אבער דיכ־טונג איז אויך ווירקלעכקייט פון מענטשנס גייסט. וואס איז דען דיכטונג? — דיכטונג איז אויסדריקן די אייגענע נשמה אין שיינקייט־פארמען; פאראויסערן די פאעזיע וואס מ׳האט אין זיך, אין פאעטישע געשטאלטונ־גען. די פאעטישע געשטאלטן זיינען נישט רעאל; רעאל איז בלויז דער פאעטישער אינהאלט, וואס שטייט הינטער זיי. גאט איז געווען די העכס־טע פאעטיזאציע פון דעם מענטשנס אינערלעכער פאעזיע. ווען די מענטשן

וואָלטן נישט געהאַט דעם פּאַטישן תוך אין זיי, וואָלט די פּאַטישע פֿאָרעם נישט געקענט זיין אויסער זיי.

אויב מענטשן האָבן זיך אין עטישער רעליגיע געפילט הייליק, זיינען זיי געווען הייליק, איז עס אַ סימן, אַז אין מענטשן איז דאָ הייליקייט; אויב מענטשן האָבן זיך אין עטישער רעליגיע געפילט גוט און לויטער, זיינען זיי געווען גוט און לויטער, איז עס אַ סימן, אַז אין מענטשן איז דאָ גוטס און לויטערקייט; אויב מענטשן האָבן אונטער עטישער רעליגיע געפילט יום טוב אין זייער נשמה, איז עס אַ סימן, אַז יום טוב איז דאָ אין דער מענטשלעכער נשמה; אויב מענטשן האָבן, טרוימענדיק וועגן גאָט, געפילט התרוממות, עקסטאַז און פּאַטאָס עד כלות הנפש, איז עס אַ באַווייז, אַז די פעיקייט זיך צו באַגייסטערן ביז צו אַזאַ הויכן גראַד, איז פאַראַן אין מענטשן.

ס'איז נישט וויכטיק, צי ס'איז געווען אַ גאָט וואָס האָט אויסגעהערט די שענסטע האַרץ־אויסגוסן, וואָס די מענטשלעכע דורות האָבן פאַר אים געמאַכט, וויכטיק איז, אַז מענטשן האָבן אַזעלכעס געטון; ס'איז נישט וויכטיק צי ס'איז געווען אַ גאָט וואָס האָט פאַרנומען די ריינסטע מענטש־לעכע תפילות; וויכטיק איז, אַז מענטשן האָבן תפילה געטון. און אין די תפילות, וואָס זיי האָבן געשיקט צו גאָט, האָבן זיי אויסגעדריקט די שענס־טע, די איידלסטע געפילן, די צאַרטסטע, די פיינסטע שפּירונגען, וואָס זיינען אין זיי אויפגעקומען. די תפילות וואָס די פרומע לייט האָבן גע־שיקט צו גאָט, זיינען געווען אַ זיסע ליריק, אַ טיפע עלעגיע, אַ שטורעם און אויפברויז פון געמיט, אַ שטילע רויקע שטימונג, אַ פרייד און אַ טרויער, אַ וועלט־שמערץ און אַ לעבנס־ענטוזיאַזם.

אַזוי געזען שטעלט מיט זיך פאַר רעליגיע אַן אומדערשעפּלעכן קוואַל פון ביאָעטישער פאָרשונג. אין עטישער רעליגיע האָט דער בעסערער מענטש זיך צעשטראַלט מיט אַלע זיינע פּראַכטן. אין עטישער רעליגיע האָט דער בעסערער מענטש אַרויסגעבראַכט פון זיך גאָר זיין שיינקייט, וואָס איז געווען אין אים. אין עטישער רעליגיע שעמערירט דער גייסט פון מאָראַל־מענטשן מיט אַן אמת געטלעך ליכט. אַן אומויפהערלעכער און אומדערזעטלעכער דראַנג צו נשמה־ריינקייט און נשמה־דערהויבנקייט באַהערשט אים. וואָס ריינער ס'איז געווען אַ מענטשלעך האַרץ, וואָס איידעלער און פיינפילנדיקער, אַלץ מער האָט עס געגאַרט נאָך לייטערונג און דערהויבונג.

זעען מיר די גוואַלדיקע הויך צו וועלכער עס האָבן זיך אויפגעהויבן אין עטישער רעליגיע די שענערע און בעסערע מענטשן, דעמאָלט מוז מען באַטש אויף וויפל עס איז, אָנהויבן צו גלויבן אין דעם כוח און ווערט פון

דעם מענטשנס מאַראַלישער נאַטור. אַט גייען דורך פאַר אונדזערע אויגן די דורות און דורות הייליקע, צדיקים און אמת־גוטע און פרומע לייט. מיר זעען פאַר זיך מענטשן מיט בלאַנקע הערצער און קרישטאַל־ריינע נשמות, מענטשן מיט אַ טויבן־גוטסקייט און אַ טויבן־ליבשאַפט אין זיך; מענטשן פון אַ גרעניצלאָזער ערלעכקייט און תמימות. די דאָזיקע פילן מיט דעם צער פון יעדער לעבעדיקער באַשעפעניש. זיינען גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר דער טובה פון יעדן מינדסטן מענטשן. זיינען גרייט מיט לייב און זעלע צו העלפן יעדן ליידנדיקן און באַוועלטן; ווייסן נישט וואָס הייסט עמיצן וויי טון, וואָס הייסט עמיצן באַליידיקן, וואָס הייסט ליגן־זאָגן און אָפּנאַרן. קוואַלן פון ליבע צו מענטש און וועלט, שטראָמען פון זייערע הערצער. אַן אומשטילבאַרע בענקשאַפט און אומלעשבאַרער דורשט נאָך גוטסקייט און שיינקייט באַהערשט זיי. דעם גאַנצן אוניווערז האָבן זיי אָנגעפילט מיט זייער שטראַלנדיקער ליבע, די גאַנצע וועלט אָנגעגאָסן מיט זייער לויטערער שיינקייט.

אַט הערן מיר די דאָזיקע טויבן־נשמות, די צדיקים און צדקניותן פון אַלע צייטן, זינגען שירים ותשבחות צום אויבערשטן. מיר הערן ווי זיי גיסן אויס זייערע ריינע אומשולדיקע הערצער אין תפילות צו גאָט ברוך הוא. מיר זעען זיי פאַרטיפט אין זיסער דביקות. מיר זעען זיי צעשטראַלט אין ליידנשאַפטלעכן עקסטאַז און הייליקער התלהבות. יעדער אויפשוואונג פון געפיל, יעדער ציטער פון האַרץ, יעדע רעגונג פון געמיט, איז — „אַן אויפשטראַלונג פון געטלעכן גייסט אין זיי". זייער גאַנץ לעבן איז איין גרויסער יום טוב און די גאַנצע וועלט — איין גרויסער ליכטיקער שוי־פּלאַץ וואו עס אַנטפּלעקט זיך גאָטס חסד און גאָטס רצון.

וואָס איז דאָס אַלץ? ווער האָט אַריינגעטון אין די דאָזיקע מענטשן אַזאַ דערהויבנקייט פון פילן? ווער האָט אין זיי אַריינגעגעבן אַזאַ עמאָ־טיוון פּראַכט, וואָס אַפילו אונטער דער ווירקונג פון די העכסטע קונסטן האָבן מיר אַזעלכעס נישט געזען? — די דאָזיקע סובלימע פּסיכיק איז פאַראַן אין מענטשן. ווען זי וואָלט נישט געווען אין מענטשן, וואָלט מען זי דורך קיין שום מיטל אין דער וועלט אין אים נישט געקענט אַריינזעצן. דאָס וואָס דער מענטש איז נישט, דאָס קען קיין שום גלויבן, ווי שטאַרק ער זאָל נישט זיין, עס פון אים נישט מאַכן. דאָס וואָס דער מענטש קען נישט פילן, דאָס פילט ער נישט, וואָס מ'זאָל דערצו נישט טון. און דאָס וואָס דער מענטש קען נישט פילן, דאָס קען ער נישט דענקען, און דאָס דענקט ער נישט.

נישט גאָט האָט געמאַכט די דאָזיקע מענטשן אַזוי שיין און לויטער, נאָר די דאָזיקע שיינע און לויטערע מענטשן האָבן געמאַכט גאָט אַזוי.

דאָס געפיל איז דאָס רעאַלסטע און פונדאַמענטאַלסטע אינעם מענטשנס גייסט. אַלע שכלדיקע באַטראַכטונגען, אַלע קאָנצעפּטן און אידייען, אַלע וועלט־מענטש־ און געזעלשאַפט־אָנשויונגען, אַלץ וואָס דער שכל ברענגט אַרוים און פאַרפיקסירט, אַלץ האָט זיין לעצטן מקור אין געפיל. דער געפיל איז דער אַלערהעכסטער באַפעלער אינעם מענטשנס גייסט. און האָט זיך איין מאָל דעמאָנסטרירט אין לעבן אַ באַשטימטער קאָמפּלעקס געפילן, מעג מען זיין זיכער, אַז דער דאָזיקער קאָמפּלעקס געפילן איז אויף שטענדיק פאַראַן אין מענטשן, אַז ער איז אַ באַשטאַנדטייל פון זיין ביאָפּסיכישער קאָנסטיטוציע, און אַז ער וועט קומען צום אויסדרוק אין לעבן, פאַר יעדעס מאָל ווען עס וועלן זיין די געהעריקע אומשטענדן דערפאַר.

אונטער עטישער רעליגיע האָט דעם מענטשנס נאַטור דורכגעמאַכט אַ זייער ליכטיקע פאַזע. אונטער דער אידייע־קראַפט פון אַ אידעאַלן און סובלימען גאָט, האָט דער ביאָעטישער אַוואַנגאַרד פון אונדזער מין, קול־טיווירט אין זיך ביזן העכסטן גראַד זיין גרויסע ליבע. גאָט איז טאַקע געווען נישט מער ווי אַן אידעאַלער טרוים, אָבער דאָס אַלץ וואָס מענטשן האָבן איבערגעלעבט און דורכגעפילט אונטערן דאָזיקן אידעאַלן טרוים, איז געווען פסיכישע רעאַליטעט. אַ געדאַנק, אַן אידייע, קען זיין אַ טעותדיקע, אַ פאַלשע; קיין פאַלשע און טעותדיקע עמאָציעס קענען דאָך אָבער נישט זיין. ווען דער מענטש וואָלט נישט געהאַט ביכולת צו פילן און איבערצולעבן דאָס אַלץ וואָס ער האָט געפילט און איבערגעלעבט אונטערן צויבער און היפּנאָז פון דער סובלימער גאָט־אידייע, וואָלט ער עס נישט געפילט און נישט איבערגעלעבט. אַלדאָס שיינע און גוטע וואָס דער מענטש האָט פון זיך אַרויסגעבראַכט אין עטישער רעליגיע, האָט ער עס געהאַט — און ער האָט עס! — אין זיך. די עטישע גאָט־אידייע איז געווען נישט מער ווי אַ מיטל צו סטימולירן און אַקטיוויזירן די עטישע פּאָטענצן, וואָס האָבן געדרעמלט אין מענטשנס גייסט. דאָס אידעאַלע גאָט־בילד איז געווען אַ גוואַלדיקער טרייב־כוח צו קולטיווירן די בעסטע מענטשלעכע אייגנשאַפטן, אָבער ווען עס וואָלטן נישט געווען אַזעלכע אייגנשאַפטן, וואָלט נישט געווען וואָס צו קולטיווירן, און קיין שום גאָט וואָלט דאָ גאָרנישט געקענט אויפטון. — איז עס נישט קיין גענוגנדיקער באַווייז פאַר דעם עטישן אָדער „געטלעכן” טייל פון דעם מענטשנס נאַטור?! ווען עס וואָלט אַפילו נישט געווען קיין אַנדער געביט, נאָר בלויז עטישע רעליגיע וואָלט זי אַליין שוין געווען גענוגנדיק צו באַגרינדן און דערווייזן דעם עטישן טייל פון מענטשן.

עטישע רעליגיע — דער דאָזיקער גוואַלדיקער געביט איז נאָך לחלוטין

נישט באַגריפן געוואָרן פונעם שטאַנדפונקט פון פּסיכאָלאָגישער פאָרשונג. עס דאַרף געפאָרשט ווערן סיי דער פּסיכישער הינטערגרונט פון די רע־ליגיעז־עטישע וויזיעס, אידייען און קאָנצעפּטן, און סיי די עמאָציעס און געפילן וואָס זיינען אוממיטלבאַר געקומען צום אויסדרוק אין עטישער רע־ליגיע. עס אַנטפּלעקט זיך דאָ פאַר אונז אַ ים פון שיינקייט. מיר זעען דאָ די בעסערע מענטשן זיך באַוועגן אינערהאַלב אַזאַ ליכט־ספערע, אַז עס בלענדט ממש די אויגן. מענטשן זיינען דאָ פאַרוואַנדלט אין אמתע געט־לעכע וועזנס. אמת אַז אַלץ איז דאָ אַרומגעהילט מיט אַ מעטאַפיזישן שלייער, אַלץ איז דאָ דערקלערט און פאַרטייטשט אין מיסטישע טערמינען און קאָנצעפּטן. אָבער פאַרן פּסיכאָלאָג איז עס נישט קיין שטערונג. דער פּסיכאָלאָג וויים אַרויסצושיילן דעם פּסיכישן קערן פון דעם מיסטישן שאָלעכץ. די שאָלעכץ וואַרפט ער אַוועק, און די רעאַלע גייסט־ווערטן נעמט ער צו.

II

אונטער עטישע רעליגיע האָבן די מענטשן געהאַט יום טוב אין לעבן. צי ווייסט מען דען גאָר איצט וואָס עס הייסט יום טוב? דער רעליגיעזער מענטש האָט זיך אין זיין יום טוב טאָג געפילט העכער, שענער און בע־סער, ווי אין די וואָכעדיקע טעג. אַ ריינקייט, אַ זויבערקייט האָט זיך צעליינגט אין זיין נשמה. אַ זיסע מנוחה און אַ שטילע פרייד האָט אָנ־געפילט זיין האַרץ. ער האָט פאַרזוכט דעם טעם פון אַ טאָג גייסט־לעבן. דאָס פילן אונדזער גוטס אין אונדז, ברענגט אונדז תענוג און גליק. זיין אין אַ יום־טובדיקער שטימונג, מיינט, אי זיין בעסער און אי פריילעכער און מונטערער ווי אינדערוואָכן. די צוויי מאָמענטן זיינען צווישן זיך ענג פאַרבונדן, זיי זיינען איין מאָמענט, אונטער צוויי אַספּעקטן. שיין־לעבן מיינט צו גלייכער צייט אי טוגנטהאַפט לעבן, אי פריידפול לעבן. אין דעם באַגריף יום־טובדיקייט ווערן די דאָזיקע צוויי מאָמענטן אויס־געדריקט מיט אַ באַזונדערער קלאָרקייט. אָפטמאָל ווייסט מען אַליין נישט, וואָס עס כאַראַקטעריזירט מער דעם יום־טוב: צי די פריידיקע שטימונג, אָדער דאָס פילן זיך שענער און בעסער. דער אמת איז, אַז יום טוב איז צונויפגעשטעלט פון די ביידע געפילן אינאיינעם, זיי זיינען איין זאַך.

פונוואַנען האָט זיך צום רעליגיעזן מענטשן גענומען יום־טובדיקייט, און וואָס אַזעלכעס איז יום טוב? יום טוב איז דערפילן אונדזער אינער־לעכע פּאָעזיע, אונדזער אינערלעכע שיינקייט. יום טוב און וואָך זיינען פאַראַן אין מענטשן. פאַראַן מענטשן וואָס זיינען כולם יום טוב און פאַראַן

מענטשן וואָס זיינען כולם וואָך. דער געוויינלעכער מענטש דערהויבט זיך אין זיין יום טוב טאָג צו דער מדרגה פון גייסט־מענטשן, פון יום־טוב־מענטשן. און דער לעצטער איז אין די יום־טוב־טעג נאָך מער ער אַליין ווי אין די וואָכן־טעג.

וואָלט קיין יום־טוב נישט געווען אין מענטשן, וואָלט עס קיינער נישט געקענט אַריינטון אין אים, וואָלט ער קיין יום טוב נישט געהאַט, ער וואָלט נישט געוואוסט וואָס דאָס איז אַזעלכעס. זיין לעבן וואָלט געווען בלויז וואָך, בלויז גרויע מרה־שחורהדיקע וואָך. און אויך זיין גאָט און זיין גלויבן וואָלטן געווען בלויז וואָכעדיקע. אויב דער מענטש האָט אויסגעטרוימט אַ גאָט און אַ גלויבן וואָס זיינען געווען יום טוב, וואָס זיינען געווען דער העכסטער אויסדרוק און דער תמצית פון יום טובדיקייט, איז אַ סימן, אַז יום טובדיקייט איז געווען אין מענטשן, און פון זיך אַרויס האָט דער מענטש זיך אויסגעטרוימט זיין יום טובדיקן גאָט און זיין יום טובדיקן גלויבן. נישט גאָט איז געווען די סיבה פון מענטשנס יום טוב, נאָר דער רעזולטאַט זיינער. פאַרשטענדלעך, אַז נאָכדעם האָט די גאָט־אידייע צוריקגעווירקט אויפן מענטשן צו סטימולירן די יום טובדיקייט וואָס איז געווען אין אים. דאָך, אורשפּרנגלעך, איז די אידייע פון אַ יום טובדיקן גאָט געווען דער פּראָדוקט פון מענטשנס גייסט און נישט פאַרקערט.

וואָלט יום טוב געווען אַ דערשיינונג, וואָס איז פאַרורזאַכט פון רעליגיע, וואָלט עס דער נישט רעליגיעזער מענטש נישט פאַרשטאַנען. ער פאַרשטייט עס אָבער יאָ, ער פילט וואָס אַזעלכעס עס הייסט יום טוב און ער בענקט נאָך דעם. ווען ער פרוּווט איבערלעבן אין דער פאַרשטעלונג די יום טוב שטימונג פון רעליגיעזן מענטשן, פילט ער אויך, ביז אַ געוויסן גראַד, אָט יענעם עונג רוחני, יענעם זיסן תענוג, יענעם פרידן און פרייד פון דער נשמה, וואָס עס האָט געפילט דער גלויביקער אין זיינע יום טוב טעג. דאָס באַווייזט, אַז עס קען זיין יום טוב אָן מיסטישע פּרעטעקסטן. די מענטשן וואָלטן נאָר באַדאַרפט וועלן אַרויסברענגען זייער יום טוב פון זיך און עס וואָלט געווען יום טוב אין לעבן. זיי ווילן עס נישט. אונטערן דרוק פון דער גאָט־אידייע האָבן זיי עס יאָ געוואָלט און — געהאַט.

III

אויך דאָס מאַכן פון תפילה־טון אַ טעגלעכן חוב פאַרן מענטשן, קען הייסן, אַז פּאָעזיע, דיכטונג, איז געוואָרן אַ באַשטאַנדטייל פונעם אַלטעגלעכן גייסטיקן אויסלעבן זיך פון מענטשן. אינמיטן דעם רעש און

טומל און נעיעג פון לעבן, אינמיטן דער האַרטער, בימערער, פּראָזאַישער ווירקלעכקייט, האָט מען אַריינגעפּלאַכטן אַ מאָמענט פּאָעזיע. „אויף אַ ווײַלע בלייב שטיין מענטש" — האָט עס געהייסן — „און דערפיל דעם „געטלעכן" פונק וואָס טליעט אין דיר, דערפיל דעם פונק פּאָעזיע און שיינקייט פון דיין נשמה און זינג עס אויס אין אַ תפילה צו גאָט". די געבעט־הייזער זיינען ביז אַ געוויסן גראַד געווען קונסט־טעמפּלען. דאָ האָבן די מענטשלעכע דורות איבערגעלעבט דאָס שענסטע און בעסטע פון גאַר זייער לעבן. דאָ האָבן זיי איבערגעלעבט שעהן פון דערהויבונג, שעהן פון קדושה, שעהן פון ליבשאַפט, שעהן פון לויטערקייט. דאָ זיינען אַרויפגעקומען אויפן אויבערפלאַך פון מענטשלעכן פילן די ריינסטע עמאָציעס, וואָס זיינען פאַראַן אין אים. דאָ זיינען די מענטשן געווען צומייסטן מענטשלעך. דערפאַר האָט מען געזוכט די געבעט־הייזער אויך אויסערלעך צו מאַכן אימפּאָזאַנט, גרויס און מעכטיק. די הייזער פון מענטשנס גייסט האָבן באַדאַרפט איבערשטייגן אין פּראַכט און שיינקייט אַלע אַנדערע הייזער.

צי קען מען זיך דען איצט פאָרשטעלן וואָס תפילה האָט באַדייט אין לעבן פון די מענטשן? האָט איינעמס האַרץ געבלוטיקט פון ווייטיק און זיך געקראַמפּט פון צער, האָט ער זיין ווייטיק און זיין צער אויסגעגאָסן אין אַ תפילה. האָט איינער געליטן שווערע קלעפּ אין לעבן און זיין האַרץ איז צעריסן געוואָרן פון ליידן און פּיין, האָט ער זיין ליידן און פּיין אַרויסגעזאָגט אין אַ תפילה. האָט איינער זיך געראַנגלט מיט יאוש און פאַרצווייפלונג און זיך געפונען ביים ראַנד פון אונטערגאַנג, האָט ער זיין יאוש אויסגעזונגען אין אַ תפילה. און איז, פאַרקערט, איינעמס האַרץ פול געוואָרן מיט באַגייסטערונג און חדווה, מיט דער גרויסקייט, ברייטקייט און וואונדערלעכקייט פונעם וועלט־לעבן, האָט ער עס אויך אויסגעזונגען אין אַ שיר און אַ שבח צו גאָט. נישט געווען די איבערלעבונג, וואָס זאָל נישט געווען קומען צום אויסדרוק אין תפילה. די מינדסטע רעגונג פון נעמיט, דער קלענסטער ציטער פון האַרץ, איז אויסגעזונגען געוואָרן אין תפילות. אַזוי גלייך ווי ס'האָט נאָר אַ וויבריר געטון אַ סטרונע אין אַ מענטשנס האַרץ, איז דערפון באַלד געוואָרן אַ תפילה...

IV

וואָס ווייס דען דער איצטיקער מענטש וואָס עס הייסט גייסטיקע פרייד, וואָס עס הייסט גליקזעליקייט, וואָס עס הייסט יום טוב? אַ פרעמדע וועלט איז עס פאַר אים. יענע צוויבער־לעבן וואָס איז פול געווען

מיט בלערליי גייסטיקע תענוגים און זיסע נשמה־געגועים, איז אומבאַקאַנט פאַרן איצטיקן מענטשן. פונקט ווי דער פאַרצייטיקער מענטש האָט נישט געוואוסט וועגן די אוצרות און רייכטימער וואָס די ערד אַנטהאַלט אין זיך, און טויזנטער מאָל האָט ער געקענט פאַרבייגיין איבער די רייכסטע גרובן און נישט איינבויגן זיך צו נעמען פון זיי, אַזוי איז עס מיטן איצטיקן מענטשן — ווייסט ער נישט וועגן די אוצרות וואָס ליגן באַגראָבן אין זיין נשמה און באַמיט זיך נישט צו עקספּלואַטירן דאָס גאָלד פון זיין האַרץ. ער יאָגט זיך נאָך קערפּערלעכער באַקוועמלעכקייט און נאָך אויפרייצן און זעטיקן די זאָאָלאָגישע געפילן אין אים. די אמתע אוצרות פון זיין גייסט, לאָזט ער באַגראָבן און אומבאַרירט אין זיך. טויזנט מאָל גליקלעכער איז געווען די מענטשהייט פון די פריערדיקע צייטן, אָן אַלע אויפטוען פון דער מעכאַנישער ציוויליזאַציע, ווי דער איצטיקער מיט איר. דער מענטשנס גליק וואוינט נישט אין זיין קערפּער, נאָר אין זיין גייסט. האַלטן דעם קערפּער אויף בעסערע קעסט און אויף מער קאָמפאָרט, גיט נישט קיין בראָק גליק און פרייד. איינפאַך ברויט, אַ לייוונטענער בגד און אַ באַשיידן הויז צו וואוינען, ווען דאָס קומט צוזאַמען מיט אַ גייסט־רייך, אינהאַלטפול נשמה־לעבן, אַ לעבן מיט וויסן און שיינקייט, מיט חכמה און רעכט־טואונג, אָט דאָס גיט פרייד און צופרידנקייט, אַנגענעמ־לעכקייט און גליק. די פרומע לייט האָבן אונטער עטישער רעליגיע געהאַט אַזאַ לעבן. גאָט האָט זיי דאָס געגעבן. זייער לעבן איז פול געווען מיט לוסט און גליקזעליקייט, מיט שיינקייט און דערהויבנקייט. און האָבן זיי אַפילו געמעגט לעבן אין מאַטעריעלן צימצום, האָט עס זיי נישט קיין סאַך געאַרט. מאַטעריעלע באַשיידנקייט האָט קיינמאָל נישט קיין שלעכטע ווירקונג אויפן גייסט. ניכער איז עס מאַטעריעלער איבערפלוס וואָס שאַדט דעם גייסט. אַז מען געוואוינט נישט צו דעם קערפּער צו קיין איבערגע־טריבענעם לוקסוס, פאָדערט ער עס נישט, נאָר ער באַנוגנט זיך מיט דעם וואָס ער האָט און ער איז צופרידנגעשטעלט. אין אונדז זיינען נישט פאַראַן קיין מיטגעבוירענע פאָדערונגען צו לוקסוס. אונדזערע מיטגעבוי־רענע פאָדערונגען פון קערפּער זיינען זייער באַשיידענע. צי מיר שטילן אונדזער הונגער מיט איינפאַך ברויט, צי מיט דעליקאַט־ראַפינירטע שפּייזן; צי מיר שיצן אונדזער קערפּער פון קעלט מיט איינפאַכע בגדים און אין איינפאַכע הייזער, אָדער מיט קאָסטבאַרע שטאָפן און אין רייכע פּאַלאַצן — דאָס איז אַ פראַגע פון געוואוינהייט. ווען מיר באַפרידיקן קערפּער־לעכע באַדערפעענישן אויף אַן איינפאַכן אופן, קען מען נישט זאָגן, אַז מיר באַפרידיקן זיי שלעכט, מחמת עס איז גאָרנישט פאַראַן קיין באַ־דערפעניש פאַר בעסער. די באַדערפעניש אין דעם פאַל וואַקסט צוזאַמען

מיט דער באַפרידיקונג. דעריבער האָט נישט קיין באַשיידן מאַטעריעל לעבן קיין שלעכטע ווירקונג אויפן גייסט, ווייל מיט דעם דערווידערט מען זיך גאַרנישט. אַנדערש איז עס מיטן נישט אויסלעבן זיך גייסטיק. דעמאָלט דריקט מען אונטער די בעסטע נויגונגען אין אונדז וואָס דאַרפן אויסגעלעבט ווערן. מען לאָזט וועגעטירן די שענסטע פּלאַנצן פון אונדזער גייסט און מען קולטיווירט זיי נישט. דאָס מאַכט קראַנקהאַפט און טרויע־ריק. און דאָס געשעט אין אונדזער צייט; אַזעלכע איז אונדזער היינטיקע קולטור: דעם קערפּער האָט מען פּאַרוואוינט צו איבערגעטריבענע פאַר־געניגנס, וואָס ער האָט גאָר אויף אַזויפיל נישט געפאָדערט, און דעם גייסט לאָזט מען דאַרן, וועלקן, אַטראָפירן...

V

עס איז אָנגענומען צו ריידן וועגן רעליגיעס אַלס גאַנצע: אידישע רעליגיע, קריסטלעכע רעליגיע, מאַכמעדאַנישע רעליגיע אאַ"וו. מען רעדט וועגן רעליגיעס אַקוראַט אַזוי ווי זיי וואָלטן מיט אַן אמת געווען איין און די זעלבע זאַך פאַר אַלע מענטשן. עס איז אָבער נישט אַזוי. די ברייטע מאַסן האָבן אין דער ווירקלעכקייט נישט געהאַט קיין עטישע רעליגיע. לויטן גייסט, זיינען די מאַסן שטענדיק געווען מער געצנדינער, איידער דינער פון עטישן גאָט. די עטישע נביאים פון אַלע רעליגיעס איז קיינמאָל נישט ווי געהעריק געלונגען צו באַקערן די מאַסן צו עטישער רעליגיע. דאָס פאָלק האָט קיינמאָל נישט ווי געהעריק געגלויבט אין גוטן גאָט. אין בעסטן פאַל איז עס געווען אַ גלויבן מיט דער פאַנטאַזיע, אָבער נישט מיט דער נשמה. אויסער די הייפלעך נביאים־ענלעכע מענטשן, האָבן די מאַסן שטענדיק מער געדינט צו אַן אָפּגאָט, איידער צו גאָט. דער מכלומרשטער דערפאָלג פון די נביאים, איז געווען בלויז אַן אויסערלעכער און אַ פאַר־מעלער. די מאַסן האָבן מיטן מויל פאַרביטן די סך געטער אויף איין גאָט. זיי האָבן דעם איינציקן גאָט דערקלערט אַלס אַן אל רחום, האָבן אים באַזעצט אין הימל און אים געמאַכט פאַרן אַלמעכטיקן בורא עולם אאַ"וו. אָבער דאָס זיינען אַלץ געווען אויסערלעכע שינוים. לויטן גייסט איז אַלץ געבליבן ווי פריער. אונטער דעם מאַנטל פון איינציקן גוטן גאָט, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן די בייזע געטער פון פאַרצייטן. זייערע אָפּבילדער האָט מען צעשטערט, זייערע געצן פאַרניכטעט, זייערע טעמפּלען דעמאָלירט, זייער גייסט אָבער איז געבליבן לעבן און ווירקן; זייער גייסט איז אריינ־געדרונגען אין איינציקן גוטן גאָט, און די מאַסן האָבן צו אים, צום גייסט פון די אָפּגעטער, ווייטער געדינט.

זינט דעם דערשיינען פון די ערשטע עטישע נביאים, האָט זיך אָנ־געהויבן דער אייביקער טראַגישער קאַמף צווישן די נביאים מיט די מאַסן, וואָס האַלט נאָך אָן ביז היינטיקן טאָג און וואָס וועט נאָך אָנהאַלטן ווער ווייס ווי לאַנג. די נביאים האָבן גערופן די מאַסן צו אַ לעבן פון גוטס און גערעכטיקייט, און די מאַסן האָבן געענטפערט מיט אַ לעבן פון שלעכטס און אומגערעכטיקייט. די נביאים האָבן געפּריידיקט אַ לעבן פון ליבע און שלום, און די מאַסן האָבן געענטפערט מיט אַ לעבן פון שנאה און קריג. די נביאים האָבן גערופן צו אַ לעבן פון אמת און שיינקייט, און די מאַסן האָבן געענטפערט מיט אַ לעבן פון ליגן און מיאוסקייט. דער גאָט פון נביא איז געווען כולו אמת, כולו יושר און כולו שיינקייט, און דער גאָט פון די מאַסן איז געווען אַ גאָט וואָס שרעקט, וואָס שטראָפט, וואָס שיקט אומגליקן, וואָס פּייניקט און וואַרפט אין גיהנום.

פון דעם מאָמענטן אָן זינט ס'זיינען אויפגעשטאַנען נביאים און לערער פון גוטס אין מענטשלעכן לעבן, פון דעם מאָמענט אָן האָט זיך אָנגעהויבן דער לאַנגער אומענדלעכער דערנער־וועג פון אונדזער גייסטיקער קולטור־אַנטוויקלונג, פון דעם מאָמענט אָן האָט זיך אָנגעהויבן די עפּאָכע פון מאָראַלישן ליגן. עס האָט זיך אָנגעהויבן שאַפן אַ תהום צווישן לעבן און ווירקן פון די ביאָעטישע מענטשן און דעם לעבן און ווירקן פון די מאַסן. זינט דער ערשטער מאָראַל־מענטש איז דערשינען, האָט מען אָנ־געהויבן זען אַז עס קען זיין אַנדערש. מען האָט דעם דאָזיקן אַנדערש דערפילט אין זיך אַליין. מען האָט דערפילט אַז אַ רמז, אַ ניצוץ דערפון, וואָס דער מאָראַל־מענטש איז, איז פאַראַן אין יעדן, וואָרום ווען עס וואָלט אַזוי נישט געווען, ווען עס וואָלט נישט עקזיסטירט קיין שום אינערלעכע געמיינזאַמקייט, קיין שום אַפיניטעט, צווישן נביא און פאָלק, ווען דער נביא וואָלט נישט געלעבט אין דער נשמה פון פאָלק, ווען דאָס פאָלק וואָלט דעם נביא נישט מיטגעפילט — וואָלט דער נביא קיין נביא נישט געווען, נאָר אַן אומנאָרמאַלער אינדיווידו, אַ איינער וואָס איז אַנדערש ווי אַלע, אַנדערש ווי די גאַנצע וועלט, און ער וואָלט באַדאַרפט גיין אין אַ הויז פון אומנאָרמאַלע און נישט צעטרייסלען די מענטשלעכע געשיכטע און די מענטשלעכע קולטור. אויב עס האָט פּאַסירט דאָס לעצטע, איז עס אַ באַווייז, אַז דער נביא לעבט אין הארץ פון פאָלק, דאָס פאָלק פאַרערט דעם נביא און פאַרגעטערט אים, דאָס פאָלק בליקט אַרויף צו אים. בליקט אַרויף, אָבער אויפשטייגן צו זיין הויך קען עס נישט. דערין איז באַ־שטאַנען די וויכטיקייט פון דעם דערשיינען פון די ערשטע נביאים. זיי האָבן געמאַכט דערפילן דעם ניצוץ מענטש וואָס איז ביז דעמאָלט נאָך נישט געהאַט דערפילט געוואָרן. דער עטישער פונק האָט שוין געהאַט

געטליעט אין די מענטשלעכע הערצער, אָבער קיינער האָט אים נאָך נישט געהאַט אנטדעקט, קיינער האָט אים נאָך נישט געהאַט אויסגעפונען אין זיך. ערשט ווען די מענטשן האָבן דערזען פאַר זיך דעם ערשטן נביא, ערשט דעמאָלט האָבן זיי דערפילט אין זיך זייער עטישן פונק, ערשט דעמאָלט האָבן זיי דערפילט, אַז עס לעבט און צאַפּלט זיך אין זיי אַ מענטשלעך געוויסן, ערשט דעמאָלט האָבן זיי זיך געגעבן חשבון אַז עס שלאָגט אין זיי אַ מענטשלעכער אָדער. עס איז אָבער נישט געווען מער ווי איין אָדער. די נשמה אלס גאַנצע, די דאָמינירנדיקע כוחות אין איר, זיינען געווען פון חיהשן שניט. עס איז געווען אַ נשמה פון אַ חיה מיט אַ מענטשלעכן ניצוץ. פון דעם האָבן זיך גענומען און עס נעמט זיך דער אייביקער קאַמף פון דער מענטשהייט מיט זיך אַליין. דער מענטש איז שוין צופיל מענטש, אַז ער זאָל קענען פירן אַ חיהש לעבן און זיין געוויסן זאָל אים דערביי נישט פּלאָגן און מאַטערן, און ער איז נאָך צופיל חיה, אַז ער זאָל קענען פירן אַ מענטשלעך לעבן און זיינע חיהשע אימפּולסן זאָלן אים דערצו דערלאָזן. דער מענטש איז — ביאָלאָגיש איז ער עס — אַ פותח על שתי סעיפים. ער איז דאָמינירט פון אַ חיהשער נאַטור מיט אַ ביאָ־הומאַנער טענדענץ אין איר. אָט צווישן די דאָזיקע צוויי קעגנ־זעלצעכע נאַטורן קומט עס פאָר דער אייביקער געראַנגל פון דער מענטש־הייט מיט זיך אַליין.

אָנגעהויבן קומען צום אויסדרוק אין לעבן און קולטור האָט דער דאָזיקער גייסטיקער דואַליזם זינט עס האָבן אָנגעהויבן אויפטרעטן אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט מאָראַל־לערער. זיי זיינען עס געווען די יעניקע וואָס האָבן צעטרייסלט די מענטשלעכע נשמה און האָבן אַרויפגע־בראַכט אויף איר אויבערפלאַך די קליינע סכומען עטישע פילבאַרקייט, וואָס זיינען געלעגן אַפּגעזעצט אויף איר גרונט. ביז יענער צייט — און אַזאַ צייט האָט זיך דאָך אַמאָל געמוזט אָנהויבן, צי מיר ווייסן יאָ ווען דאָס איז געווען, צי נישט — האָבן די מענטשן געלעבט אין אינערלעכן שלום מיט זיך אַליין. די נביאים האָבן צעשטערט דעם אינערלעכן שלום.

אומזיסט איז געווען דעם פאָלק צו לערנען גלויבן אין דעם אין וואָס עס איז נישט געווען גענויגט צו גלויבן, און אומזיסט איז געווען צו לערנען דעם פאָלק נישט גלויבן אין דעם אין וואָס עס איז געווען גענויגט יאָ צו גלויבן. דאָס פאָלק, וויפל מ'האָט מיט אים נישט געלערנט און גע־קנעלט און וויפל מ'האָט אים נישט אַריינגעפּריידיקט, איז שטענדיק, סוף כל סוף, געבליבן ביי ז י י ן גלויבן. עס האָט געטון אַ טובה און געלאָזט בייטן די פאָרמען און די נעמען. דער אינהאַלט אָבער, אַפילו פון די שענסטע און בעסטע גלויבנס־פאָרמען, איז שטענדיק געבליבן דער זעלבער.

ווער האָט געלערנט דעם פאָלק גלויבן אין טייוול? — קיינער נישט. פאַרקערט, אָפיציעל איז עס געווען פאַרבאָטן. און דאָך האָבן די מאַנאָ־טעיסטישע מאַסן פאַקטיש מער געגלויבט אין טייוול און מער מורא גע־האַט פאַר אים, ווי זיי האָבן געגלויבט און מורא געהאַט פאַר גאָט. פאַר־וואָס? — ווייל גלויבן אין גאָט האָבן דעם פאָלק געלערנט נביאים, און גלויבן אין טייוול האָט דאָס פאָלק זיך אַליין געלערנט. דאָס פאָלק אַליין איז געווען דער פאַרפאַסער פון טייוולס אמונה, דאָס פאָלק אַליין איז געווען דער נביא פון שטנס רעליגיע. אַלץ וואָס האָט געשראָקן, פאַרפּאַלנט און פאַרפירט, פאַר דעם אַלעמען האָט דאָס פאָלק מורא געהאַט און אין דעם געגלויבט און צו דעם געדינט.

די געשיכטע פון עטישן גלויבן פון איין זייט, איז די געשיכטע פון אַבערגלויבן פון דער אַנדערער זייט. די געשיכטע פון דערהויבענע נביאים פון איין זייט, איז די געשיכטע פון שפּלע מאַסן פון דער אַנדערער זייט. די געשיכטע פון הויכע רעליגיעזע דאָקטרינעס, פּרינציפּן און אידעאַלן פון איין זייט, איז די געשיכטע פון נידעריקער לעבנס־פּראַקטיק, זינד און פאַרברעכנס פון דער צווייטער זייט. פון איין זייט גייט: גאָט, נביאים, הייליקע, צדיקים, אמתע רעליגיאָזיטעט און פרומקייט, און פון דער צוויי־טער זייט גייט: טייוול, שטן, שדים, יצר־הרע, סטרא אחרא, זינד, אויס־געלאַסנקייט, קאָרופּציע, רשעות, פאַרדאָרבנקייט אא"וו. און צווישן די דאָזיקע צוויי דאָמיניומס קומט פאָר אַן אומאויפהערלעכער קאַמף און געראַנגל. עס קעמפט און עס ראַנגלט זיך: גאָט מיטן טייוול, נביא מיט פאָלק, צדיק מיט רשע, געוויסן מיט געוויסנלאָזיקייט, פרומקייט מיט זינד, מצווה מיט עבירה, טוגנט מיט פאַרברעכן. סיי די בעסערע מענטשן מיט די ערגערע און סיי דאָס בעסערע אין מענטשן מיטן ערגערן אין זיי.

אין רעליגיע איז דער מענטשלעכער ביפּסיכיזם ארויסגעקומען בולטער ווי אין דער וועלטלעכער קולטור. רעליגיע האָט געהאַט די מעלה, וואָס זי האָט פּערזאָניפיצירט די גוטע און שלעכטע אייגנשאַפטן פון אונדזער נשמה אין ספּיריטועלע געשטאַלטן. גלויבן האָט אָנגעקליידט אונדזערע געפילן אין גייסטהאַפטע וועזנס. גלויבן האָט פאַרפיקסירט אין וויזיאָנע־רע פאָרמען די סאַמע וויכטיקסטע מאָמענטן פון אונדזער גייסטיקן זיין. די הויפּט־פּערסאָנאַזשן פונעם אוניווערסאַלן גלויבן, שטעלן מיט זיך פאָר די פונדאַמענטאַלע און דאָמינירנדיקע כוחות פון אונדזער גייסט. גאָט און דער טייוול, דאָס זיינען די צוויי העכסטע פאַרקערפּערונגען פון מענ־טשנס צוויי נשמות. דאָס פונאַנדערטיילן די ספּיריטועלע וועלט אין צוויי

מלכותן, אין אַ מלכות פון גוטס און שיינקייט, מיט גאָט אין דער שפּיץ, און אין אַ מלכות פון שלעכטס און בייזקייט מיטן טייוועל אין דער שפּיץ, דריקט פאָלקסטענדיק אויס אונדזער ביפּסיכיזם.

וואָס אוניווערסאַלער און פּאָפּולערער אַ מיסטישער פּערסאָנאַזש, אַלץ מער פאַרקערפּערט ער אַלגעמיין מענטשלעכע איינגנשאַפטן. וואָס שטאַרקער, טיפער און אינטענסיווער ס'איז דער גלויבן אין אַזאַ מיסטישן פּערסאָנאַזש, אַלץ טיפער זיינען די געפילן פון וועלכע ער איז דער אויסדרוק. פאַנטאַסטישע געשטאַלטן האָבן אויף אַזויפיל אַ האַפט און אַ ממש, אויף וויפל מיר דערנערן זיי מיט אונדזער אייגן בלוט. ווען מיר וואָלטן נישט אָנגעגאָסן די גלויבנס־פאַנטאָמען מיט אונדזער גייסט, וואָלטן זיי זיך צעשוואומען ווי שטיקלעך רויך.

און פּונקט ווי עס איז וויכטיק פעסטצושטעלן דעם פּסיכאָלאָגישן ווערט פון די מיסטישע וועזנס, פון גאָט אָדער טייוול, אַזוי איז אויך וויכטיק פעסטצושטעלן אויף וויפל האָבן מענטשן געגלויבט אין גאָט, און אויף וויפל אין טייוול און צי איז דער גאָט, וואָס זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי גלויבן אין אים, טאַקע מיט אַן אמת געווען גאָט.

קוקט מען זיך צו פון דער נאָענט צו דער רעליגיעזער ווירקלעכקייט פון די מאַסן, באַקומט מען דעם איינדרוק, אַז די מאַסן האָבן קיינמאָל נישט געגלויבט אין עטישן גאָט, אַז די מאַסן האָבן קיינמאָל קיין עטישע רעליגיע נישט געהאַט. עס איז נישט אויסצוגעפינען קיין שום געביט פון גלויבן, וואָס די מאַסן האָבן פּראַקטיצירט, וואָס זאָל איבערצייגן, אַז דאָס איז טאַקע מיט אַן אמת געווען עטישער גלויבן, און נישט אַבערגלויבן. סיי די צערעמאָניעס, סיי די תפילות, סיי די גלויבונגען, האָבן, לויט זייער תוך, זייער גוט געקענט זיין געצנדינסט צו איין גאָט. די ווירקלעכע רעליגיאָזיטעט פון די מאַסן איז באַשטאַנען אין אָפּהיטן קאָמפּלעקסן מעכאַנישע פירונגען און טאַטן. די מאַסן גלויביקע האָבן די רעליגיעזע טאַטן דורכגעפירט ווי אויטאָמאַטן: טרוקן, מעכאַניש, אָן גייסט. קיין סימן נישט פון געדאַנק, קיין שפּור נישט פון געפיל, וועלכער זאָל אינערלעך באַווערטיקן די טאַטן. עס זיינען געווען איינדרעסירטע האַנדלונגען. לאַנגע געוואוינהייט האָט אויסגעלאָשן און אָפּגעטעמפּט יעדער שפּור פון געפיל און כוונה אין די דאָזיקע טאַטן.

און אויף אַזאַ אופן ווי מ'האָט דורכגעפירט די טאַטן, אויף אַזאַ אופן האָט מען געזאָגט די תפילות. מען האָט געזאָגט די מענלעכע תפילות צו גאָט, נישט אָנהויבנדיק ווייסן וואָס מ'רעדט. דאָס דאַווענען און מתפלל זיין האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מעכאַנישן אַקט. די תפילות זיינען געווען אַ באַשטימטע צאָל איינגעחזרטע מויל־באַוועגונגען, וואָס פלעגן אַלע טאָג

געזאָגט ווערן מיט אַ גרעסערער אָדער קלענערער שנעלקייט. דאָס וואָס מ׳האָט גערופן תפילה־טון, איז אינדערהאמתן געווען אַ רייע וואָקאַלע אי־בונגען. אויב מיר האָבן אויבן גערעדט מכוח דער וויכטיקייט פון תפילה און אָנגעוויזן אויף דעם פּאָעטישן ווערט, אויף דעם האַרציקן געפילפולן אינהאַלט דערפון, איז דאָס נאָר געווען פאַר די באמת פרומע לייט. מיט דער תפילה־פּראַקטיק פון די מאַסן האָט עס נישט די מינדסטע שייכות. פאַר די מאַסן איז דאָס זאָגן די תפלות — די רעליגיעזע דיכטונגען — געווען נישט מער ווי מאַכן מעכאַנישע מויל־באַוועגונגען, אַ זאַך, וואָס זיי האָבן דורכגעפירט אין לויף פון זייער לעבן טויזנטער מאָל. דער אמתער זינען פון תפילה־טון: די געדאַנקען און געפילן וואָס ווערן דערוועקט בעת מ׳זאָגט די תפילה, דאָס האָט אינגאַנצן געפעלט אין דעם תפילה־אַקט פון די מאַסן. דאַוונען איז פאַר זיי געווען נישט קיין גייסטיקער אַקט, נאָר אַ פיזישער. די יעניקע אַקטן און תפילות, וואָס די מאַסן האָבן מקיים געווען מיט אויפמערקזאַמקייט, מיט געפיל און באַוואוסטזיין, זיינען געווען אַקטן און תפילות מיט אַ מיסטיש־שרעקעוודיקן אינהאַלט, דאָס הייסט פון אַ געצנדינערישן אינהאַלט.

וואו איז אָבער געווען די עכטע רעליגיאָזיטעט און פרומקייט פון די מאַסן — איז וואָס איז זי באַשטאַנען און אין וואָס האָט זי זיך אויסגעדריקט? שווער דאָס אָנצואווייזן. נישט אין לעבן פון גלויביקן מאַסן־מענטשן אינדיווידועל, און נישט אין לעבן פון דער גלויביקער מאַסע אינגאַנצן גענומען, איז צו געפינען דאָס, וואָס מ׳רופט עכטע רעליגיאָזיטעט. דער גייסט פון אמתער רעליגיאָזיטעט האָט זיך, אין דער ברייטער לעבנס־פּראַקטיק פון די מאַנאָטעיסטישע רעליגיעס, פאַרוואַנדלט אין זיין פולן קעגנזאַץ. דער גייסט פון ליבע, יושר און שלום, דער גייסט פון אויפריכטיקייט און אמת, דער גייסט פון חכמה און שיינקייט, איז אין דער פּראַקטיק פון די אַזוי גערופענע עטישע רעליגיעס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גייסט פון מלחמות און רציחות און בלוטפאַרגיסונגען; אין אַ גייסט פון האַרצלאָזער פאַרקנעכטונג, אונטערדריקונג און אויסזויגונג, אין אַ גייסט פון פאַנאַטיזם און פינצטערקייט, פון שרעקן און אומוויסן, אין אַ גייסט פון אויסגעלאַסנקייט, קאָרופּציע און אינטריגע, אין אַ גייסט פון שווינדל און גנאַרעריי, פון ליגן און בייזוויליקייט.

גענומען די מאָנאָטעיסטישע רעליגיעס ווי זיי זיינען געווען אין מאַסן־לעבן — און נישט אין די אידעאַליזירטע ליטעראַרישע ליגנס פון די ביכער און אויך נישט ווי זיי זיינען געווען ביי די אמתע פרומע־לייט — איז שווער אָנצואווייזן מיט וואָס זיי שיידן זיך אונטער פון געצנדינסט. דער תוך פון געצנדינסט איז געווען שרעק פאַר ספּיריטועלע

וועלט־וויזנס, און די המון־פרומקייט איז אויך געווען אזעלכע. גיט מען דערצו נאך צו די גרויסע ראָלע וואָס כישוף און אבערגלויבן האָבן געשפילט אין לעבן פון די מאַנאָטעיסטישע מאסן, באקומט זיך, אז דער גאנצער ענין עטיש־מאָנאָטעיסטישע רעליגיע פאר די מאסן דארף אוועקגעשטעלט ווערן אונטער א פראגעצייכן.

VII

און דאך האָבן די מאסן געהאט א טיפע באציונג צו עטישער רעליגיע. כאָטש זיי האָבן דעם עטישן גאָט נישט געדינט, כאָטש זיי האָבן די אמתע פרומקייט נישט אָפּגעהיט, כאָטש זיי האָבן קיין אמתע תפילות נישט געזאגט, כאָטש דער מאסעם רעליגיאָזיטעט איז אין די ברייטסטע שטריכן געווען אַבערגלויבעריש און סענסועל, דאך האָבן די מאסן געהאט א טיף־אינערלעכע באציונג צו אַלץ וואָס איז מיט אן אמת געווען גרויס, שיין און דערהויבן אין רעליגיע. ווארום וואָלט עטישע רעליגיע אפילו ווי אן א י דע א ל נישט אָפּעלירט צום מאסע־מענטש, וואָלט זי קיינמאָל נישט געוואָרן קיין היסטאָרישע באוועגונג, וואָס דויערט שוין אזוי פיל צייט. קיין מאסן־באוועגונג מאכט מען נישט אויף כוח. מאסן־באוועגונגען מוזן זיך האלטן ספּאָנטאַן, בפרט א מאסן־באוועגונג וואָס איז אזוי טיף פאַרוואָרצלט אין גייסט פון די מאסן און פון וועלכער די מאסן לאָזן זיך נישט אָפּשלאָגן און אָפּווענדן.

עטישע רעליגיע האָט צו פאַרדאַנקען איר גרויסן דערפאָלג נישט נאָר דעם פאַקט, וואָס אין דער פ ר א ק ט י ק א י ז ז י ג ע ו ו ע ן א נ י מ א ל י ש א ו ן מ י ס ט י ש, נאָר אויך, און נישט ווייניקער, דעם פאַקט וואָס ט ע א ר ע ט י ש, א ב ס ט ר א ק ט, א ל ס א י ד ע א ל ע א י ל ו ז י ע, א י ז ז י ג ע ו ו ע ן ד י ל ו י ט ע ר ס ט ע ש י י נ ק י י ט. די דאָזיקע ביידע, אין פלוג, זיך ווידערשפּרעכנדיקע מאָמענטן, זיינען געווען צוגלייך נויטיק פאַרן דערפאָלג פון עטישער רעליגיע. די דאָזיקע צוויי מאָמענטן האָבן זיך נישט אָפּנעלייקנט, נאָר, פאַרקערט, זיי האָבן זיך דערגאנצט איינער דעם צווייטן. פונקט ווי עטישע רעליגיע וואָלט נישט געקענט האָבן קיין קיום ווען זי וואָלט זיך נישט, אין דער ווירקלעכקייט, צוגעפּאסט צום מאסן־שטייגער, אזוי וואָלט זי אויך נישט געקענט האָבן קיין קיום, ווען זי וואָלט נישט טעאָרעטיש־אבסטראקט, געווען אולטרא־עטיש. די דאָזיקע צוויי תנאים: אין אידעאַל הויך־עטיש, און אין דער ווירקלעכקייט אַנימאַליש און אבערגלויבעריש, זיינען נישט קיין סתירה, נאָר הארמאָניע. דאָס איז די האַרמאָניע פון

דעם מענטשנס סתירהדיקער, אומהאַרמאָנישער נשמה. דער מענטש איז שוין אַזוי געמאַכט צו וועלן האָבן אידעאַלן לויטערע ווי די זון, און צו וועלן פירן אַ נידעריק לעבן. פונקט ווי עס איז נישט אין אַנקלאַנג מיט זיין גייסט צו פירן אַן אידעאַלן לעבן, פונקט אַזוי איז אויך נישט אין אַנ־קלאַנג מיט זיין גייסט צו זיין אידעאַללאָז. די דאַזיקע ביידע קעגנזאַצן מוז ער האָבן פאַראַמאַל כדי צו קענען זיך ווי געהעריק אויסלעבן. פונקט ווי ווען מ׳לאָזט אים נישט באַפרידיקן זיינע גלוסטן און שלעכטע געפילן, הייסט עס, אַז מ׳שטערט אים זיך פריי אויסצולעבן, מ׳פאַרגוואַלדיקט אים אין זיינע נאַטירלעכע רעכטן, מ׳צווינגט אים צו פירן אַ לעבן וואָס איז קעגן אים, אַזוי אויך, ווען מ׳לאָזט אים נישט האָבן קיין הויכע אידעאַלן, הייסט עס, אַז מ׳שטערט אים צו באַפרידיקן זיינע אַ נאַטירלעכע באַ־דערפעניש. די הויכע אידעאַלן זיינען ביי אים פונקט אַזאַ נאַטירלעכע באַדערפעניש, ווי די נידעריקע טאַטן. כדי צו זיין פולשטענדיק אַנט־שפּראָכן, כדי צו זיין פולשטענדיק אויסגעדריקט און באַפרידיקט, מוז ער האָבן אי גוטס, אי שלעכטס. ביידע, גוטס און שלעכטס, זיינען פאַרן מענטשן אַן אָרגאַנישע נויטווענדיקייט. ביידע איינינעם דינען זיי אויף צו קאָמפּלעטירן זיין אויסלעבן זיך, דאָס הייסט אים צו מאַכן צופרידן און גליקלעך. אַ לעבן אָן הויכע אידעאַלן האָט אַזוי פאַר אים קיין טעם נישט, איז פאַר אים אַזוי נישט צופרידנשטעלנדיק, ווי אַן אידעאַל לעבן. פונקט ווי עס האָט פאַרן דורכשניטס־מענטש קיין זינען נישט צו „פאַר־פליען אין הימל אַריין", אַזוי האָט פאַר אים אויך קיין זינען נישט, ווען עס איז אינגאַנצן קיין „הימל" נישטאָ. ער האָט ליב צו לעבן „אויף דר׳ערד" און אַ „הימל" זאָל דאָך זיין. לעבן ווי קיין הייליקער, וויל ער טאַקע נישט, אָבער אַז עס זאָלן זיין הייליקע, רעספּעקטירן די הייליקע און אַרויפקוקן צו זיי, דאָס וויל ער יאָ.

דערמיט, און נאָר דערמיט, דערקלערט זיך דער דערפאָלג פון עטי־שער רעליגיע בכלל און פון קריסטנטום בפרט: זיי האָבן אַנטשפּראָכן די דאַזיקע צוויי תנאים — זיי האָבן די מענטשן געגעבן אי די העכסטע אידעאַלן און אי אַ לעבן ווי עס האָט זיך גע־וואָלט. דאָס קריסטנטום האָט פאַרוויגט די מענטשן אין די זיסטע האָפענונגען און חלומות פון אַ אידעאַלער הימלישער וועלט. עס האָט גע־רעדט צו זיי רייד פון ליבע, פון באַרמהאַרציקייט, פון ברידערלעכקייט, פון האַרמאָניע, פון יושר און פון פרידן. פון קרייץ האָט צו די מענטשן אַראָפּגעקוקט דאָס ליבנדיקע און ליידנדיקע געשטאַלט פון דערלייזער, פון גאָט־גאָטס־זון, וואָס האָט זיך מקריב געווען פאַר די מענטשן, וואָס האָט זיי אויסגעקויפט פון זייערע זינד, וואָס איז די פאַרקערפּערונג פון גרע־

ביצלאָזער ליבע. קריסטוס איז אומענדלעך בארמהאַרציק. ער שיצט די מענטשן און וואַכט איבער זיי. ער ליידט זייערע ליידן און ווייטיקט זייערע ווייטיקן. ער ווערט קיינמאָל נישט בייז אויף זיי, נאָר ער איז זיי שטענדיק גרייט מוחל צו זיין. ער איז אומדערצאָרנבאַר, וואָרום ער איז די פאַרגעבונג גופא. וויפל די מענטשן זאָלן נישט זינדיקן און וויפל זיי זאָלן נישט שלעכטס טון, איז ער זיי כסדר און כסדר מוחל. ער פרייט זיך מיט יעדן גוטן טאַט און ליידט פון יעדן שלעכטן טאַט, וואָס די מענטשן טוען. בייז ווערט ער קיינמאָל נישט. נישטאָ קיין צו שפּעט פאַרן זינדיקן און נישטאָ קיין צופיל פאַרן רשע. גאָטס חסד איז אומענדלעך און זיין ליבע איז אָן א סוף און אָן א גרעניץ.

אזא אידעאַלער גאָט האָט געמוזט געפעלן ווערן די מענטשן. מענטשן ווילן האָבן א גאָט וואָס זאָל זיין כולו טוב, כולו פאַרגעבונג, כולו ליבע, וואָס זאָל זיין דער סאַמע עלעמענט פון ליבע און וועמען האָט זאָל זיין דורכויס און אבסאָלוט פרעמד און אומבאַקאַנט. מיט אזא גאָט איז גוט צו לעבן. אי מען קען לעבן מיט דער אַנימאַלער נשמה און אי מען האָט דאָך דעם העכסטן אידעאַל. אי מען קען הנאה האָבן פון די „זיסקייטן פון דער ערד" און אי מען קען טרוימען וועגן די שיינקייטן פון הימל; אי מען קען פילן די תענוגים פון גוף און אי מען קען פאַנטאַזירן וועגן די תענוגים פון דער נשמה. ביידע, אי אידעאַלער טרוים, אי אומאידעאַלע וואָר, זיינען גלייך זיס. פונקט ווי דאָס לעבן פאַרוואַנדלט זיך פאַרן דורכשניטס-מענטשן אין א טרויעריקער אַפּקומעניש, ווען ער ווערט געצוואונגען צו לעבן ווי א אידעאַליסט, ווי א הייליקער, אזוי באַקומט אים אויך נישט דאָס לעבן, ווען ער האָט נישט קיין הויכע אידעאַלן „אויפן לאַגער". דער מענטש מוז האָבן הויכע אידעאַלן, כדי ער זאָל מיט א רויק געוויסן קענען זיין א „פּראַקטישער מענטש". ער מוז האָבן פּאָעזיע, כדי צו קענען געניסן פון דער פּראָזע; ער מוז האָבן הומאַניסטישע טעאָריעס, כדי צו קענען האָבן עגאָיסטישע פּראַקטיק. ער מוז האָבן שיינע קונסט אין די מוזייען, ער מוז האָבן שיינע ביכער אין די ביבליאָטעקן, ער מוז האָבן הויכע ווינסשאַפט און פילאָזאָפיע אין די הויכשולן — ער מוז האָבן הויכע ווערטה, אָן הויכע ווערטן וואָס פאַר א טעם האָט דאָס לעבן! „צי קען דען א מענטש אויסקומען זיין גאַנץ לעבן אָן טון א גוטן טאַט, אָן געבן א גראָשן צדקה, למשל? ניין, דאָס קען נישט זיין". דער ווילן צו געבן „א גראָשן צדקה", איז אזוי אָרגאַניש, אזוי ביאָלאָגיש באַגרינדעט, ווי דער ווילן צו אַנזאַמלען פאַרמעגנס. די ביידע ווילנס זיינען נישט קיין סתירה, נאָר האַרמאָניע. זיי געפינען זיך ביידע אין אזא פּראָפּאָרץ אין דער נשמה פון דורכשניטס-מענטשן. סיי דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, סיי די פּי־

לאנטראָפּישע אינסטיטוציע, זיינען ביידע נאַטירלעך, ביידע באַרעכטיקט, ביידע אמת, ביידע ביאָפּסיכישע דערשיינונג. די מערהייט מענטשן וועלן זיך אַזוי אייפעריק און העפטיק ווערן און קעגנשטעלן זיך קעגן אָפּשאַפן פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, קעגן פאַרניכטן קונסט־ווערק אין מוזייען, קעגן פאַרניכטן די פּאָעטישע און פילאָזאָפישע ווערק פון זייערע ביבליאָ־טעקן, קעגן אָפּשאַפן די הויכע שולן פון וויסנשאַפט, ווי אייפעריק און העפטיק זיי ווערן זיך און שטעלן זיך קעגן דעם אָפּשאַפן קאַפּיטאַל און עקספּלואַטאַציע...

דער מענטש האָט צוויי נשמות. איינע צו ליבן און איינן צו האַסן; איינע צו פייניקן און איינע מיטצופילן, איינע פאַר רחמנות און איינע פאַר אכזריות, איינע צו מאַטערן און איינע צו צערטלען, איינע צו שלאָגן און איינע צו גלעטן, איינע פאַר גאָט און איינע פאַרן טייוול. באַפרידיקט ער בלויז איין נשמה, פראָטעסטירט די צווייטע. טוט ער בלויז גוטס, איז נישט צופרידן די נשמה פון שלעכטס. טוט ער בלויז שלעכטס, פּראָטעס־טירט די נשמה פון גוטס. מאַכט זיך דעריבער דער מענטש דאָקטרינעס, אידייען און רעליגיעס, וואָס זאָלן אנטהאַלטן אי גוטס, אי שלעכטס, און אַזוי באַפרידיקט ער ביידע נשמות פּאַראַמאָל. ערשט דעמאָלט, ווען ער טוט גוטס און שלעכטס אינאיינעם, איז ער פולשטענדיק באַפרידיקט...

די געשיכטע פון עטישע רעליגיעס און סאָציאַל עטישע באַוועגונגען בכלל און די געשיכטע פון קריסטנטום בפרט, איז די בעסטע באַשטעטי־קונג דערפאַר. נישט געווען די מיסווירדיקייטן, נישט געווען די גרויל־טאַטן, וואָס מ׳זאָל נישט געווען האָבן באַגאַנגען אין נאָמען פון גוטן גאָט און אין נאָמען פון הויכע אידעאַלן און וועלכע מ׳זאָל נישט געווען אָנ־קליידן אין מענטשלעך פון הייליקע אַקטן און וועלכע מ׳זאָל נישט געווען בשרן מיטן אויסרייד פון הויכע צילן וועלכע באַרעכטיקן אַלע מיטלען...

קאפיטל 7

מאַרקסיזם

I

דער מאַרקסיזם איז צוגעגאַנגען אויפפאַסן די מענטשלעכע געזעלשאַפט אינגאַנצן אָן מענטשן. פאַרן מאַרקסיזם עקזיסטירט נישט קיין מענטש. דער מענטש ווי ער איז, גייט דעם מאַרקסיזם לחלוטין נישט אָן. דער מענטש איז גאָרנישט. דער מענטש איז אַ שטיק עלאַסטיש טייג, וואָס ווערט געקנאָטן און איבערגעקנאָטן פון די עקאָנאָמישע אומשטענדן. דער פּראָדוקציע־אופן פון מאַטעריעלן לעבן איז דער אַלמעכטיקער באַשטימער אין געזעלשאַפטלעכן פּראָצעס. „דער פּראָדוקציע־אופן פון מאַטעריעלן לעבן, באַשטימט איבערהויפּט דעם סאָציאַלן, פּאָליטישן און גייסטיקן לעבנס־פּראָצעס. נישט דער מענטשלעכער באַוואוסטזיין באַשטימט דאָס דאַזיין, נאָר פאַרקערט, דאָס געזעלשאַפטלעכע זיין באַשטימט דעם מענטשלעכן באַוואוסטזיין" — איז דער יסוד פון אַלע יסודות פון דער מאַרקסיסטישער דאָקטרין.

פרעגט זיך: ווער מאַכט דעם פּראָדוקציע־אופן? אויב די סאָציאַל־היסטאָרישע אַנטוויקלונג האָט אַלס אויסשליסלעך באַשטימענדיקן פאַקטאָר דעם פּראָדוקציע־אופן; אויב דער פּראָגרעס פון די פּראָדוציר־מיטלען מיינט שוין גלייכצייטיק און בהכרח אויך דעם פּראָגרעס פון דער געזעלשאַפט אויף אַלע קולטור־געביטן, האָט די הויפּט־אויפמערקזאַמקייט באַדאַרפט געלייגט ווערן אויף די סיבות, וואָס זיינען גורם די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר־מיטלען, וועלכע זיינען שוין פון זיך אַליין כולל אויך דעם אַלגעמיינעם קולטור־פּראָגרעס פון דער געזעלשאַפט. דער מאַרקסיזם שענקט דער דאָזיקער פראַגע נישט נאָר נישט די הויפּט־אויפמערקזאַמקייט, נאָר בכלל קיין אויפמערקזאַמקייט נישט. סאַמע דאָס וואָס האָט

באדארפט קלאר ווערן, ווערט דורכגעלאזט און פארשוויגן. דאס איז אזוי דערפאר, ווייל ווען דער מארקסיזם וואלט גענומען נאכזוכן די סיבות, וואס זיינען גורם די אנטוויקלונג פון די פראדוציר־מיטלען, וואלט ער געמוזט קומען צום מענטשנס דענק־פעיקייט. ער וואלט געמוזט איינזען, אז אן דערפינדערישער אינטעליגענץ קען מען קיין דערפינדונגען נישט מאכן, און די פאראנענע דערפינדונגען קענען אויך נישט פערפעקציאנירט ווערן, אויב עס איז נישט פאראן קיין מוח וואס פערפעקציאנירט זיי. מאשינען דערפינדט דער מענטש, דער דערפינדער. די טעכנישע וויסנשאפט, פונקט ווי אלע וויסנשאפטן, עוואלוציאנירן, ווייל עס איז פאראן מענטשלעכער געדאנק. זאגן פארקערט, אז געדאנק עוואלוציאנירט, ווייל עס עוואלוציאנירן די וויסנשאפטן, וואלט געהייסן אלציינס ווי זאגן, אז די רעדער דרייען זיך, ווייל דער וואגן פארט.

(וויפל מ'זאל זיך נישט באמיען צו דערקלערן די עצם אנטשטייונג פון געדאנק מיט ווירקונג פון אויסערלעכע סיבות, וועט עס קיינמאל נישט געלינגען, מחמת דער מענטש האט נישט געלעבט אין קיין אפגעזונדערטער סביבה פון אלע אנדערע פרימאטן. דער מענטש האט געלעבט און זיך אנטוויקלט אייניגעם מיט אלע אנדערע ענלעכע מינים. איז אויב אזוי, פארוואס האט בלויז דער האמא אליין אנגעהויבן דענקען? אויב דער מענטש האט געהאט די זעלבע א י נ ע ר ל ע כ ע מעגלעכקייטן פאר געדאנק וואס אלע אנדערע פרימאטן, און געלעבט האט ער אויך אונטער די זעלבע נאטור־תנאים וואס זיי, איז פארוואס האט בלויז ער אנגעהויבן שטיינן אויפן לייטער פון באוואוסטזיין? פאר וואס האט אנגעהויבן אויפבליצן געדאנק בלויז אין מוח פון דער האמא־חיה און נישט אין מוח פון די אנדערע? אלע גלייך האבן געפירט א ביטערן קאמף פאר עקזיסטענץ, אלע גלייך האבן געטון אלדאס מעגלעכע, כדי צו קענען לעבן — און בלויז דער מענטש אליין האט אנגעהויבן דענקען אינמיטן זיין קאמף פאר לעבן. וואו זשע קען דא זיין די סיבה פון געדאנק? באדערפעניש פאר געדאנק האבן אסאך געהאט, ציל פון געדאנק וואלט אסאכן געלייסטעט, די אומגעבונג איז געווען די זעלבע פאר דער האמא־חיה ווי פאר די אנדערע. איז פארוואס האט בלויז ער זיך אויסגעטיילט? — אויב מ'קען נישט געפינען די סיבה פון אויסנווייניק דארף מען איר זוכן פון אינעווייניק. אויב דער מענטש אליין האט אנגעהויבן דענקען און נישט קיין שום אנדער חיה, איז עס מסתמא געווען דערפאר, וואס ער אליין איז געווען ב כ ו ח אנצוהויבן דענקען, בלויז ז י י ן מ ו ח האט ג ע־ ק ע נ ט אנהויבן פראדוצירן געדאנק און די מוחות פון אלע אנדערע האבן קיין געדאנק נישט געקענט פראדוצירן. אויב דער מענטש האט דורכגע־

מארשירט די פאזע פון חיה און געוואָרן מענטש, דאַרף מען, לאָגישערווייז, די סיבה דערפון נישט זוכן אין די אויסערלעכע באַדינגונגען, נאָר אין דער אינערלעכקייט פון דאָזיקן מין).

סאָציאַלע וויסנשאַפט מוז אָנהויבן מיטן פאַקט פון געדאַנק. דער מענטש איז אַ דענקער, ווייל ער איז עס. זייענדיק דענקער ברענגט דער מענטש אַרויס מיטלען ווי אַזוי צו באַפרידיקן זיין מאַטעריעל לעבן, און פערפעקציאָנירט זיי. פון דער כסדרדיקער פערפעקציאָנירונג פון די דאָזיקע מאַטעריעלע פראָדוקציאָנס־מיטלען, מיינט דער מאַרקסיזם, איז אָפּהענגיק דער אַלגעמיינער סאָציאַל־היסטאָרישער פראָגרעס, הייסט עס, אַז דער אַלגעמיינער סאָציאַל־היסטאָרישער פראָגרעס איז אָפּהענגיק פון דעם מענטשנס זיין אַלס דענקער. נישט דער געזעלשאַפטלעכער זיין באַשטימט דעם מענטשנס באַוואוסטזיין, נאָר פאַרקערט, דעם מענטשנס באַוואוסטזיין באַשטימט דעם געזעלשאַפטלעכן זיין. דאָס וואָס מ'זעט אַז דעם מענטשנס געדאַנקען און געפילן בייטן זיך שטענדיק צוגעפּאַסט צו צייט און אָרט, מיינט עס אַז די פאָרמען פון געדאַנק און געפיל זיינען אָפּהענגיק פון צייט און אָרט, אָבער נישט אַז די עצם דענק־פעיקייט ווי די עצם געפיל־פעיקייט זיינען אָפּהענגיק פון צייט און אָרט. די לעצטע זיינען איבער צייט און אָרט. קיינמאָל האָבן נאָך סאָציאַלע סביבה און דערציונג נישט געמאַכט קיין מענטשלעכע וועזנטלעכקייט, כאָטש סביבה און דער ציונג זיינען נויטיקע תנאים ביים אַנטוויקלען די וועזנטלעכע בוחות און אַרויסברענגען די פאַרשידענע אייגנשאַפטן פון מענטשנס גייסט.

צו וואָס האָט דער מאַרקסיזם באַדאַרפט האָבן די טעאָריע אַז די פּראָדוקציע־מיטלען זיינען דער אַלמעכטיקער באַשטימער פון מענטשן און זיין לעבן? — ער האָט איר באַדאַרפט האָבן, כדי צו מאַכן דעם אויספיר, אַז דער טעכנישער פראָגרעס וועט נויטווענדיקערווייז פירן די געזעלשאַפט צום סאָציאַליזם. דער סאָציאַליזם איז דאָ געווען דער גאַנצער נוגע־בדבר, צוליב וועלכן עס איז פאַרפאַסט געוואָרן דער אַזוי־גערופענער „היסטאָרישער מאַטעריאַליזם".

האַלטנדיק אין דער שיטה, אַז דער עקאָנאָמישער מאָמענט איז דער וויכטיקסטער און אַז פון אים זיינען אָפּהענגיק אַלע איבעריקע מאָמענטן פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, האָט מען די פּראָדוקציע־מיטלען געמוזט אָפּגעבן די אָנפירערשאַפט מיטן געזעלשאַפטלעכן עוואָלוציע־פּראָצעס. „ביים געזעלשאַפטלעכן פראָדוצירן זייער לעבן — ווערט ווייטער פאַרגעזעצט דער אויבנגעבראַכטער ציטאַט (אין דער הקדמה צום בוך „צו דער קריטיק פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע") — טרעטן די מענטשן אַריין צווישן זיך אין באַשטימטע נויטווענדיקע באַציונגען, וועלכע זיינען נישט

אָפּהענגיק פון זייער ווילן, פּראָדוקציאָנס־באַציונגען וועלכע זיינען אין יעדער צייט צוגעפּאַסט צו דעם שטאַנד, אין וועלכן עס געפינט זיך די אַנטוויקלונג פון זייערע פּראָדוציר־קרעפטן".

איז עס זייער ריכטיק, אַז די פּראָדוקציע־באַציונגען זיינען שטענדיק צוגעפּאַסט צו דעם קולטורעלן מצב פון די פּראָדוקציע־מיטלען. ביי די מאָדערנע פּראָדוקציע־מיטלען, למשל, מוזן די באַציונגען זיין צווישן אינדוסטריאַלן, מאָדערנע אַרבעטער, מאָדערנע פאַרמיטלער אא"וו. עס קען נישט געמאָלט זיין, אַז ביי דעם קולטורעלן מצב פון די קעגנוואַרטיקע פּראָדוציר־מיטלען זאָלן זיין די פּראָדוקציע־באַציונגען צווישן די קלאַסן, ווי זיי זיינען געווען אין אַלטערטום און מיטלאַלטער. דער קולטור־גראַד פון די עקאָנאָמישע באַציונגען, מוז שטענדיק זיין גלייך צו דעם קולטור־גראַד פון די פּראָדוציר־מיטלען. די זאַך איז אָבער די, וואָס איז די סאָציאַלע פּראָדוקציע־באַציונגען איז נישט אַזוי וויכטיק דער גראַד קולטור, ווי דער עצם אופן ווי אַזוי די באַציונגען קומען פאָר. ביי אַלע קולטור־גראַדן פון די פּראָדוציר־מיטלען, במילא פון די פּראָדוקציע־באַציונגען, זעען מיר, אַז דער עצם אופן פון די באַציונגען איז שטענדיק איינער און דערזעלבער: שטענדיק איז פאַראַן אַ טייל מענטשן וואָס זיינע באַציונגען אין געזעלשאַפטלעכן פּראָדוקציע־פּראָצעס דריקט זיך אויס אין צונעמען די פּראָפיטן פון דער פּראָדוקציע פאַר זיך, און עס איז פאַראַן אַ צווייטער טייל, וואָס זיינע באַציונגען אין געזעלשאַפטלעכן פּראָדוקציע־פּראָצעס דריקט זיך אויס די דאָזיגע פּראָפיטן צו באַשאַפן. דעם דאָזיקן פאַקט, פון אַ פּאָזיטיוון שטייפּונקט אין די פּראָדוקציע־באַציונגען און אַ נעגאַטיוון שטייפּונקט, מערקן מיר אַזוי גוט ווען די פּראָדוקציע־מיטלען האָבן זיך נאָך געפונען אין גאָר אַ פּרימיטיוון שטאַנד, ווי היינט, ווען די פּראָדוקציע־מיטלען האָבן שוין דערגרייכט צו אַזאַ גוואַלדיקער הויך. קענען מיר דענקען, אַז די פּראָדוקציע־מיטלען זאָלן זיין די סיבה פון דעם דאָזיקן אומגלייכן אופן אין די פּראָדוקציאָנס־באַציונגען? לויט ווי דער שכל הישר איז מחייב קענען עס די פּראָדוקציע־מיטלען נישט זיין, מחמת מיר זעען, אַז וויפל עס זאָלן זיך נישט בייטן די פאָרמען פון די פּראָדוקציע־מיטלען, בלייבט דער אופן פון די פּראָדוקציע־באַציונגען שטענדיק דער זעלבער. עס הייסט, אַז דער עצם אופן פון די באַציונגען איז נישט אָפּהענגיק פון דעם בייט פון די פּראָדוקציע־מיטלען. מעגן זיך די פּראָדוקציע־מיטלען בייטן וויפל זיי ווילן נאָר אַליין, בלייבט שטענדיק דער אופן פון די געזעלשאַפטלעכע עקאָנאָמישע באַציונגען דער זעלבער.

ווילט זיך וויסן: וואו קען דאָ שטעקן די סיבה פון דעם שטענדיק אומגלייכן אופן אין די פּראָדוקציע־באַציונגען. אַז די סיבה קען נישט

שטעקן אין די פּראָדוקציע־מיטלען איז דאָך דערוויזן שוין מיט דעם אַליין, וואָס ביי אַלע אומבייטן וואָס עס קומט פאָר אין די פּראָדוקציע־מיטלען און אויך אין די פאָרמען פון די פּראָדוקציע־באַציונגען, איז דאָך דער עצם אופן שטענדיק דער זעלבער. איז אויב אין די פּראָדוקציע־מיטלען נישט, וואו יאָ? דאַרף מען זיי זוכן אין דעם עלעמענט וואָס קומט אריין אין דעם פּראָצעס פון די סאָציאַלע פּראָדוקציאָנס־באַציונגען. דאָרט קען מען די סיבה פון דער שטענדיקער אומגלייכקייט יאָ געפינען. די מענטשן וואָס טרעטן אריין אין דעם געזעלשאַפטלעכן פּראָדוקציע־פּראָצעס זיינען פון דער נאַטור דיפערענצירט: עס זיינען דאָ שטאַרקערע און עס זיינען דאָ שוואַכערע. די דאַזיקע דיפערענצירטקייט איז אַן אַפּריאָרער פאַקטאָר אינעם פּראָצעס פון די געזעלשאַפטלעכע באַציונגען.

איין זאַך איז די פּאָזיציעס, וואָס ווערן פאַרנומען אַרום די פּראָדוקציע־מיטלען — אויבערשטע און אונטערשטע פּאָזיציעס — און אַ צווייטע זאַך איז דער קולטור־גראַד פון די דאָזיקע פּאָזיציעס. דער קולטור־גראַד בייט זיך, די פּאָזיציעס בלייבן שטענדיק די זעלבע. דער הויפּט־פּראָבלעם באַשטייט דערין: פאַרוואָס פאַרנעמט איין סאָציאַלער טייל אַן אויבערשטן שטייפּונקט אַרום די פּראָדוקציע־מיטלען און אַ צווייטער טייל אַן אונטערשטן שטייפּונקט? די פּראָדוקציע־מיטלען טוען דאָך גאָרנישט אוועקצושטעלן אַרום זיך איין טייל אין אַ פּאָזיטיווער לאַגע און אַ צווייטן טייל אין אַ נעגאַטיווער. די פּראָדוקציע־מיטלען זיינען צו אַט דעם דאָזיקן פאַקט לחלוטין גלייכגילטיק. פון זייערטוועגן האָבן אַלע מענטשן זיך געקענט געפינען אַרום זיי אין גלייכמעסיקע פּאָזיציעס. דער פאַקטאָר וואָס באַשטימט די פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע שטייפּונקטן אַרום די פּראָדוקציע־מיטלען, איז לחלוטין אומאָפּהענגיק פון די זעלבע. דעם דאָזיקן פאַקטאָר דאַרף מען זוכן אין דעם עלעמענט, וואָס דעראָבערט פּאָזיציעס אין דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס: איין טייל דעראָבערט פּאָזיטיווע שטייפּלעצער, און פאַרן צווייטן טייל בלייבט נעגאַטיווע שטייפּלעצער. היות ווי עס וועלן שטענדיק זיין בעסערע פאַרכאַפּערס און ערגערע, איז, בכן, געדרונגען, אַז די בעסערע פאַרכאַפּערס וועלן שטענדיק פאַר זיך פאַרכאַפּן די גוטע פּלעצער און די שלעכטע פאַכאַפּערס וועלן בלייבן ביי די שלעכטע פּלעצער.

אויך די דאָזיקע פראַגע האָט דער מאַרקסיזם אויסגעמיטן ווי געהעריק צו באַלייכטן. דער מאַרקסיזם זעט די געזעלשאַפט איינגעטיילט אין קלאַסן. פונוואַנען נעמען זיך די קלאַסן? וואָס פאַרא פאַקטאָרן האָבן געווירקט, אַז עס זאָלן זיין קלאַסן? אויף דעם גיט דער מאַרקסיזם נישט קיין ענטפער. פאַרוואָס? — אויך די זעלבע מעשה, ווען דער מאַרקסיזם וואָלט געגאַנגען אונטערזוכן די סיבה פון די קלאַסן, וואָלט ער געמוזט

איינזען, אז די קלאַסן קענען נישט זיין קיין רעזולטאַט פון קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר פון דער נאַטירלעכער דיפערענצירטקייט פון די מענטשן און פון זייער עגאָיסטישן ווילן. די סיבה הראשונה פון דער קלאַסן־צעטיילונג, זיינען די שטאַרקע און די שוואַכע, און דאָס וואָס די שטאַרקע ווילן פאַרקנעכטן די שוואַכע און זיי אויסנוצן פאַר זיך. אמת טאַקע, אַז עס האָט באַדאַרפט זיין מיט וואָס און צוליב וואָס צו פאַרקנעכטן. ווען דער מענטש איז נאָך געווען אבסאָלוט קולטורלאָז, האָבן די שטאַרקע נישט געהאַט מיט וואָס און צוליב וואָס אויסצונוצן די שוואַכע. דאָס איז אָבער נישט קיין סתירה דערצו, אַז דער פאַקטאָר וואָס האָט געטריבן צו פאַר־שקלאַפונג און אומגלייכקייט זאָל האָבן געווען דער מענטשלעכער עגאָיזם און די אינדיווידועלע דיפערענצירטקייט.

וואָלט די סאָציאַלע אומגלייכקייט געווען בלויז ביי געאָגראַפישע גרופּן, וואָלט מען זי געקענט תולה זיין אין נאַטור־תנאים. די יעניקע גרופּן וואָס האָבן געלעבט אונטער בעסערע נאַטור־תנאים האָבן זיך אַנט־וויקלט צו שטאַרקערע. די יעניקע וואָס האָבן געלעבט אונטער ערגערע נאַטור־תנאים, זיינען געבליבן אָפּגעשטאַנען און שוואַכער. דאָס אַלץ וואָלט געווען גערעדט, ווען די פאַרשידענע קבוצים וואָלטן אינערהאַלב זיך געווען עקאָנאָמיש גלייך, זיי וואָלטן נישט געווען איינגעטיילט אויף קיין עקס־פּלואַטירער און עקספּלואַטירטע. וויבאַלד אָבער די עקאָנאָמישע אומ־גלייכקייט איז אַ פאַקט אַפילו אינערהאַלב דעם ענגסטן קבוץ: זיינען שטענדיק פאַראַן אויסנוצער און אויסגענוצטע, קען מען שוין נישט זאָגן, אַז די סאָציאַלע אומגלייכקייט איז אַ פועל יוצא פון נאַטור־אומשטענדן.

דאָסזעלבע וואָלט אויך געווען, ווען מען וואָלט די עקאָנאָמישע אומ־גלייכקייט געקענט אַרויספירן פון געצייג־גרופּן. געוויסע גרופּן וואָס זיינען באַזעסן געצייג, זיינען צווישן זיך געווען עקאָנאָמיש גלייך. די זעלבע האָבן אָנגעהויבן צו עקספּלואַטירן אַנדערע געצייגלאָזע גרופּן. וואָלט מען דער־מאָלט דעם אורשפּרונג פון סאָציאַלער אומגלייכקייט געקענט אַרויספירן פון געצייג־באַזיץ. וויבאַלד אָבער אַזעלכעס איז אינערגעץ נישט איינצו־זען, נאָר אומעטום אין יעדער קבוץ, צי ער באַזיצט געצייג, צי נישט, איז אומעטום אינערהאַלב אים פאַראַן אומגלייכקייט און דיפערענציאַציע, קען מען די אומגלייכקייט און די דיפערענציאַציע נישט אַרויספירן פון דעם געצייג־פאַקטאָר.

דער מאַרקסיזם זעט אַז עס זיינען דאָ קלאַסן. פונוואַנען שטאַמען אָפּ די קלאַסן? — דאָס איז נישט זיין זאַך צו דערקלערן. אויב דער מאַרקסיזם האָט אַזוי שטאַרק געגאַרט די באַזייטיקונג פון די קלאַסן, האָט ער דאָך באַדאַרפט אַנווייזן די סיבה, וואָס האָט גורם געווען די קלאַסן

און ווייזן אז די סיבה וועט פארשווינדן, וועלן במילא די קלאסן פאר־שווינדן, אדער ער האט באדארפט אנווייזן, ווי אזוי צו באזייטיקן די סיבה וואס האט גורם געווען די קלאסן. דאס דערווייזט נישט דער מארק־סיזם. ווי־זשע קען ער ריידן וועגן דעם פארשווינדן פון דער פאלגע, ווען ער רעדט נישט וועגן פארשווינדן פון דער סיבה, וואס האט איר גורם געווען?

וואלט דער מארקסיזם איינגעזען די סיבה פון די קלאסן — ער וואלט איינגעזען, אז די געזעלשאפט איז דערפאר צעטיילט אין קלאסן, ווייל די מענטשן ווערן געבוירן שטארקע און שוואכע און אז די שטארקע זיינען באהערשט פון א עגאיסטישן ווילן נאר פאר זיך אליין און זוכן דעם דאזיקן ווילן צו באפרידיקן פאר יעדן פרייז, נישט אפשטעלנדיק זיך פאר די ווייטגייענדיקסטע גוואלדאקטן איבער די שוואכערע; וואלט דער מארק־סיזם בכלל גענומען אין אכט „דעם מענטשן ווי ער איז"; ער וואלט אריינ־געקוקט אינעווייניק אין דעם מענטשנס זיין און געזען די כוחות וואס שטורעמען דארט און ברויזן און וואס מוזן באקומען אויסדרוק אין לעבן; געזען אז דער מענטש מאכט דאס לעבן לויט ווי ער איז און נישט אז דער מענטש איז א ליידיקער מאנעקען, וואס ווערט אנגעגאסן מיט אינ־האלט פון אויסנווייניק; וואלט דער מארקסיזם איינגעזען אז די פאזיטיווע און נעגאטיווע שטייפונקטן אין דעם געזעלשאפטלעכן פראדוקציע־פראצעס, ווערן פארנומען פון די מענטשן לויט זייער דיפערענצירטער נאטור און אז די פראדוקציע־מיטלען טוען גארנישט, נישט צו שטיין אין א גלייכ־מעסיקער לאגע צו אלע געזעלשאפטלעכע מיטגלידער און נישט צו שטיין אין אן עקסטרעמער לאגע: צו איין טייל צו נאענט און צום צווייטן — צו ווייט, נאר אז די שטייפלעצער ארום די פראדוקציע־מיטלען ווערן פאר־כאפט פון די מענטשן לויט זייערע „עלנבויגנס": די שוואכערע מוזן דרייען דעם ראד פונעם עקאנאמישן פראצעס און די שטארקערע נעמען די רענד־לעך — וואלט דאס אלץ דער מארקסיזם איינגעזען, וואלט ער דאך נישט געקענט קומען צום אויספיר, אז דער טעכנישער פראגרעס וועט נויטווענ־דיקערווייז פירן צו דער ליקווידאציע פון דער עקאנאמישער אומגלייכקייט און צו דער ליקווידאציע פון די קלאסן. ער וואלט דאן איינגעזען, אז נישט די קלאסן זיינען א פועל יוצא פון דער טעכניק און נישט די טעכניק קען זיי אפשאפן; נישט די געזעלשאפטלעכע אומגלייכקייט וואקסט ארויס פון די פראדוקציע־מיטלען און נישט די פראדוקציע־מיטלען קענען מאכן אז קיין געזעלשאפטלעכע אומגלייכקייט זאל מער נישט זיין. דאס יא: אפהענגיק פון דעם אויף וויפל עס שטייגט דער קולטור־גראד פון די פרא־דוקציע־כוחות, אויף אזויפיל שטייגט דער קולטור־גראד פון דער אומ־

גלייכקייט. ער וואלט איינגעזען, אז אזוי לאנג ווי די שטארקע וועלן ווע לן עקספלואטירן די שוואכע, וועט זיי גארנישט קענען שטערן אין דעם. אזוי לאנג ווי מענטשן וועלן זיין שלעכט, יעדער וועט זארגן נאר פאר זיך און פארן צווייטן נישט — וועט קיין שום צוואנגס־מיטל נישט קענען מאכן, אז אלע זאלן זיין גלייך. דעמאלט ווען דער עגאיזם וועט שטויסן איין מענטשן צו זיין קעגן צווייטן, וועט אים קיין שום צוואנג אין דער וועלט נישט שטויסן צו זיין פארן צווייטן...

II

„די היסטאריע פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט, איז די היסטאריע פון קלאסנקאמף, פון קאמף צווישן די עקספלואטירנדיקע קלאסן און עקס־פלואטירטע. פון הערשנדיקע קלאסן און באהערשטע, אין פארשידענע שטאנדן פון איר היסטארישער אנטוויקלונג. אבער דער דאזיקער קאמף מאכט איצט דורך אן עטאפ אין וועלכן דער עקספלואטירטער און אונטער־דריקטער קלאס (דער פראלעטאריאט), קען זיך נישט באפרייען פון דעם קלאס וואס עקספלואטירט אים און דריקט אים אונטער, נאר באפרייענדיק גלייכצייטיק און אויף אייביק דער גאנצער געזעלשאפט פון דער עקספלוא־טאציע, פון דער אונטערדריקונג און פון קלאסנקאמף".

קלאסנקאמף איז געווארן דער לייטמאטיוו פון דער מארקסיסטישער טעאריע און פראקטיק.

דער מחבר מוז זיך מודה זיין, אז ער האט לאנג ארומגעזוכט אין דער געשיכטע דעם קלאסנקאמף און ביי זיין גאנצער אנשטרענגונג אזעלכן צו געפינען, האט זיך עס אים דאך נישט איינגעגעבן. אלץ וואס ער האט אין דער געשיכטע געפונען איז, פון צייט צו צייט, מרידות, בונטן, רע־וואלטן פון אונטערדריקטע קעגן זייערע אונטערדריקער, אבער בשום אופן נישט קיין אנהאלטנדיקן קאמף צווישן די סאציאלע שיכטן.

קאמף איז געמאלט נאר דעמאלט, ווען דער נאטירלעכער אופן פון צוויי צדדים וואס קעמפן, איז צו זיין גלייך, נאר איין צד וויל אריבער־טרעטן אט דעם נאטירלעכן אופן און וויל זיך איבערהויבן, דעמאלט רעא־גירט דער צווייטער צד און עס הויבט זיך אן א קאמף. ווען די אומגלייכ־קייט צווישן צוויי צדדים, איז א פועל יוצא פון געוויסע נאטירלעכע סיבות וואס דיפערענצירן זיי, קען נישט געמאלט זיין קיין קאמף פאר גלייכ־קייט. אזא קאמף וואלט געווען אן אומנאטירלעכער, אדער בעסער גע־זאגט, ער וואלט געווען קעגן די נאטירלעכע סיבות וואס זיינען די אומ־גלייכקייט גורם און ער וואלט במילא געווען פרוכטלאז, ווייל קעמפן קעגן דער נאטור איז פרוכטלאז.

די קלאַסן־צעטיילונג אין דער געזעלשאַפט איז אַ פּועל יוצא פון נאַטירלעכע סיבות. דער פאַקט פון סאָציאַלער אומגלייכקייט, וואָרצלט אין דער נאַטירלעכער אומגלייכקייט פון די מענטשן און אין זייער עגאָיזם. אַלץ וואָס מיר זעען אין דער געשיכטע איז — אין געוויסע עקסטרעמע מאָמענטן — רעוואָלט און מרידה. ווען די הערשער פלעגן אריבערכאַפּן די מאָס און די נויט פון די אונטערדריקטע פלעגט אריבערגיין אַלע גרענ־ניצן: עס אַזי שוין מער קיין כוח נישט געווען אויסצוהאַלטן, פלעגט אויפ־פליען דער פייער פון רעוואָלט אין די הערצער פון די פאַרפייניקטע און אַ שטורעם פון צאָרן פלעגט אויסברעכן. דאָס פלעגט אָבער פאַסירן נאָר דעמאָלט, ווען די הערשנדיקע קאַסטע פלעגט זיך שוין צו ווילד און צו פרעך צעפירן אירע הענט און דאָס לעבן פון אַ פאַרקנעכטעטן מענטש איז געווען אינגאַנצן ווערטלאָז. דעמאָלט פלעגט אויפטויכן דער צער און דער צאָרן פון די קנעכט און דער דורשט נאָך נקמה פלעגט זיך סטיכיש אי־בערגיסן איבער די ברעגן. צי קען מען דאָס אָבער אָנרופן קלאַסנקאַמף? וואָס האָט געוואָלט דערגרייכן דער עקספּלואַטירטער קלאַס? האָט ער מיט זיין רעוואָלט געוואָלט אָפּשאַפן קלאַסן, אָדער ער האָט געוואָלט דער־גרייכן פאַר זיך עטוואָס אַ פאַרבעסערונג?...

אויב קלאַסנקאַמף איז נישט קיין פוסטקלינגענדיק וואָרט, האָט קלאָר באַדאַרפט דערוויזן ווערן: ערשטנס, אַז עס איז בכלל אָנגעגאַנגען אין דער געזעלשאַפט אַ סיסטעמאַטישער און אָנהאַלטנדיקער קאַמף צווישן די קלאַסן; צווייטנס, וועלכע זיינען געווען די געמיינזאַמע צילן און אויפגאַבן פון אַזאַ קאַמף; דריטנס, פאַרוואָס האָט דער גרויסער עקספּלואַטירטער קלאַס קיינמאָל נישט מנצח געווען דעם עקספּלואַטירנדיקן קלאַס, וועלכער איז שטענדיק געווען רעדוצירט צו אַ נישטיקער מינדערהייט. אויב מען רעדט פון קלאַסנקאַמף, דאַרף מען זען קעמפן קלאַסן אַלס קלאַסן, צוליב אַזעלכע און אַזעלכע צילן פאַרן קלאַס. עס איז דאָך נישט קיין קונץ צו זען מרידות, בונטן, אויפשטאַנדן, וועלכע זיינען נישט מער ווי סטיכישע נקמה־אַקטן, אָן ציל און אָן צוועק, גרעסערע און קלענערע, מער און ווייניקער אָרגאַניזירטע און מאַכן דערפון אַ קאַמף פון קלאַסן. און אפילו דאָס דאָזיקע האָט אויך פאַסירט זייער זעלטן, איין מאָל אין טויזנט יאָר. אין גרויסן און גאַנצן גענומען האָבן די אונטערשטע קלאַסן קיינמאָל קיין טענות נישט געהאַט, האָבן זיך נישט רעבעלירט, נישט פּראָטעסטירט און נישט גערירט מיט קיין פינגער קעגן די אויבערשטע קלאַסן, נאָר האָבן געטראָגן דעם יאָך פון זייער גורל מיט דער גרעסטער נאַטירלעכקייט, ווי אַלץ וואָלט געווען אין בעסטער אָרדענונג. נישטאָ קיין איינציקער היסטאָרישער ביישפּיל, וואָס זאָל ווייזן, אַז עקספּלואַטירטע שיכטן זאָלן

זוען עס איז האָבן געפּרואווט פאַרכאַפּן די מאַכט, כדי איינצושטעלן א ל ג ע מ י י נ ע גלייכהייט. טאָמער האָבן אונטערדריקטע יאָ אַמאָל רעבעלירט, איז עס געווען כדי זייער אייגענע לאַגע עטוואָס צו פאַרבעסערן און זיי זיינען געווען קעגן אַז די געוואונענע פאַרבעסערונגען זאָלן גיין פאַרן נייעם אונטערשטן שיכט, וואָס האָט זיך מיט דער צייט געשאַפן אונטער זיי. דער נעכטיקער אונטערדריקטער קלאַס האָט זיך מאָרגן פאַרוואַנדלט אין אַן אונטערדריקער איבער דעם נאָך נידעריקערן קלאַס, וואָס האָט זיך אויסגעבילדעט אונטער אים. אַז דער אונטערדריקטער קלאַס זאָל געווען שטרעבן צו אַלגעמיינער פרייהייט און גלייכהייט, דאָס הייסט צו דער אָפּשאַפונג פון קלאַסן אין אַלגעמיין, ווענן דעם איז אַפילו נישט צו געפינען קיין שפּור אין דער געשיכטע. דער דאָזיקער געדאַנק איז דורכויס אַנטי־היסטאָריש. די קלאַסן־טעאָריע האָט היסטאָריש דערוויזן קלאַסן און האָט דערפון — דורך אַ פּשטל — אַרויסגעדרונגען אַ קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט; זי האָט דערוויזן און באַגרינדעט נאַכט און אויסגעפירט — טאָג. די טעאָרעמע איז אַרויסגעקומען אין פולן קעגנזאַץ צו דעם, וואָס עס דערווייזט דער עקספּערימענט...

בלעטערן מיר דורך די מענטשלעכע געשיכטע און מיר זעען, ווי אַזוי זי שטעלט מיט זיך פאָר איין לאַנג קאַפּיטל פון עקספּלואַטאַציע פון נישטיקע מינדערהייטן איבער מיליאָניקע מערהייטן; ווי אַזוי הייפלעך האָבן שטענדיק געהערשט איבער מיליאָנען; ווי אַזוי קאַלאָסאַלע מערהייטן, וואָס וואָלטן געקענט זייערע באַהערשער און באַצווינגער אַוועקבלאָזן מיט זייערע אָטעמס, האָבן זיך געלאָזט פאַרשקלאַפּן און פאַרוואַנדלען אין אַרבעטס־פי, ווענענס איינציקע לעבנס־אויפגאַבע איז געווען צו שאַפן רייכטום און לוקסוס פאַר די איינציקע הארן; ווען מיר זעען ווי אַזוי פעלקער גאַנצע פלעגן זיך איבער דעם מינדסטן חשק פון זייערע הערשער, אַוועקלאָזן אויסשעכטן איינע די אַנדערע, זייערע ווייבער און קינדער, און באַגיין איינע איבער די אַנדערע די גרויזאַמסטע אַכזריותן — ווען מיר זעען דאָס אַלץ, דור נאָך דור, יאָרהונדערט נאָך יאָרהונדערט, בלייבן מיר דערשטוינט און פרעגן: איז דאָס דער קלאַסנקאַמף? האָט אַזוי אַרום געקעמפט דער צאָללאָזער עקספּלואַטירטער קלאַס קעגן דעם נישטיקן עקספּלואַטירנדיקן קלאַס?!...

אַז מ'קוקט זיך צו צו די פאַקטן, זעט מען אין דער געשיכטע אומויפהערלעכע מאַסן־פאַרקנעכטונג, אומויפהערלעכע מאַסן־שחיטות, אָבער נישט קיין קלאַסנקאַמף. מען זעט ווי אַזוי דער אונטערדריקטער קלאַס פון איין גרופּע אָדער פאָלק, קוילעט אויס דעם אונטערדריקטן קלאַס פון אַן אַנדער גרופּע אָדער פאָלק; ווי אַזוי טיילן פון דעם זעלבן אונטערדריקטן קלאַס,

קוילען אוים, אויפן באפעל פון זייערע הערשער, אנדערע טיילן פון דעם זעלבן אונטערדריקטן קלאס, וואס זיינען נישט געהארכזאם. מ׳זעט, אמת, אויך, ווי אזוי גרופן פון דעם עקספלואטירטן קלאס רעבעלירן אמאל קעגן זייערע אונטערדריקער און נעמען נקמה פון זיי, אבער קיינמאל נישט אליין צו ווערן די הערשער און אוודאי נישט איינצושטעלן גלייכקייט צווישן זיך.

אין דער געשיכטע איז נישטא קיין קלאסנקאמף. די מענטשלעכע געזעלשאפט איז צוזאמענגעלייגט פון שיכטן. עס זיינען פאראן אונטערשטע שיכטן און אויבערשטע שיכטן. דער דאזיקער שיכטן־אפלייג איז א פועל יוצא פון דער נאטירלעכער דיפערענצירטקייט פון די מענטשן און פון זייער עגאיזם. די קלאסן קעמפן נישט; די קלאסן ליגן איינער אויפן אנדערן. די אויסגענוצטע קלאסן לאזן זיך אויסנוצן. זיי באטראכטן זייער אונטערשטע פאזיציע אין דער געזעלשאפט פאר נארמאל. זיי ווערן זיך נישט קעגן אויסנוצערישן קלאס. זיי טראגן גאנץ פאסיוו זייער ראל פון אן עקספלואטירטן שיכט. די געשיכטע פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט איז נישט קיין געשיכטע פון קיין קלאסן־ק א מ ף, נאר פון קלאסן־א ו נ ט ע ר ו א ר פ נ ק יי ט, פון קלאסן־הכנעה, פון לאזן זיך באהערשן, פון לאזן זיך אויסנוצן, פון לאזן זיך עקספלואטירן, פון מסכים־זיין אויפן שיכטן־באשטאנד פון דער געזעלשאפט. וואלטן די קלאסן געקעמפט, ד״ה, וואלט דער עקספלואטירטער קלאס אלס גאנצער געוועזן צווישן זיך אייניק און געוואלט איבערנעמען די געזעלשאפטלעכע ארדענונג אין זיינע הענט, וואלט קיין שום מניעה נישט געוועזן דערצו. וואלט דער ווילן צו גלייכהייט געוועזן אן ארגאנישע נויטווענדיקייט ביים מענטשן, וואלט זעלבסטפארשטענדלעך נישט געקומען דערצו, אז הייפלעך זאלן ווערן די באהערשער און באצווינגער פון מיליאנען. וואלט דער מענטש מיט זיך פארגעשטעלט א וועזן, וואס וויל זיין פריי און גלייך, וואלטן נישט געוועזן קיין הארן און קיין שקלאפן. נאר צוליב דעם וואס די מענטשן ווילן נישט קיין פרייהייט און קיין גלייכהייט, נאר צוליב דעם וואס די מאסן גופא זיינען צווישן זיך דיפערענצירט און צעריסן — די יחידים פון דעם עקספלואטירטן קלאס, זיינען נישט פארייניקט, נאר אדאנק דעם קען עס געמאלט זיין, אז הייפלעך זאלן זיך סוף כל סוף באמעכטיקן און זיך אויסנוצנדיק מיט דער נאטירלעכער צעריסנקייט און עגאיזם פון די מאסן ווערן זייערע באהערשער און באצווינגער.

כדי צו פארשטיין דעם פאקט פון קלאסן, דארף מען זען די מענטשן ווי א געזעמל פון עגאיסטישע וועזנס, וואו יעדער יחיד זארגט נאר פאר זיך און איז קעגן צווייטן. די אלע וואס ליידן פארייניקן זיך נישט, די־

אַלע וואָס ווערן עקספּלואַטירט און אונטערדריקט, גיבן זיך נישט די הענט, זיך צו באַפרייען פון געמיינזאַמען שונא און מער קיינמאָל קיינעם נישט אונטערדריקן. די עגאָיסטישע סטיכיע בושעוועט און שטראָמט אין די הערצער פון די מענטשן און שטעלט אַוועק מענטש קעגן מענטש אינער־האַלב דעם אונטערדריקטן קלאַס. ווי אַזוי קען דער עקספּלואַטירטער קלאַס קעמפן קעגן זיינטער עקספּלואַטירער, ווען ער אַליין איז צעשטויבט אויף אַזויפיל צווישן זיך קעמפנדיקע און ריוואַליזירנדיקע שטויבעלעך וויפל יחידים ער ציילט?...

דער מאַסע מענטש איז בטבע אַ גלייכגילטיק באַשעפעניש. ער איז נישט אָנגעגריפן פון קיין שטאַרקע אימפּולסן צו גרויסן באַזיץ, צו הויכע סאָציאַלע פּאָזיציעס. ער באַנוגנט זיך מיט דעם פּלאַץ אין לעבן, אין וועלכן ער איז געבוירן און דערצויגן. ער איז אינדיפערענט צו גרויסע דערגרייכונגען, אים מאַטערן נישט קיין אַמביציעס און אים שטויסט נישט קיין אומרו צו דערגרייכן עטוואָס גרויס. ער פירט זיך זיין פּאַסיוו לעבן אין די ראַמען פון זיין קלאַס און שטאַנד און היט אָפּ, מיט דער גרעסטער פּאַרזיכטיקייט, דאָס וואָס לויט די איינגעשטעלטע געזעצן געהער צו אים. כאָטש ער איז אַ פאַרביסענער עגאָיסט, דאָך אין זיין עגאָיזם נישט שטאַר־קער פון זיין פּסיכאָלאָגישער איינגעשטעלטקייט. כאָטשע ער וועט קיינעם נישט לאָזן אָנרירן זיינעם קיין גראָשן און וועט אָנמאַכן אַ שרעקלעכן רעש אויב מ׳וועט ביי אים עטוואָס צונעמען, ווייל זיין געלט איז ביי אים טייערער ווי זיין לעבן און ער וועט זיך לאָזן צעפּערטלען אבי נישט אָפּ־געבן זיין ביימעלע, ווי קליין אָדער גרויס עס זאָל נישט זיין, דאָך איז זיין סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע אויסגעפורעמטקייט נאָך שטאַרקער פאַר זיין עגאָיסטישן אימפּולס און ער וועל נישט קיין עקאָנאָמישע גלייכקייט, אַפילו עס זאָל אים אויסקומען פון דער דאָזיקער גלייכקייט צו געווינען, נישט צו פאַרלירן.

ביי דער זייט פון די, ווערן געבוירן מענטשן אַמביציעזע, געלט און מאַכט־גיריקע, מיט אומרו און געוואַגטקייט. די דאָזיקע בליקן־אַרויף צום שפּיץ באַרג פון געזעלשאַפטלעכן לעבן און פילן אַ תשוקה אהין זיך אַרויפ־צובאַקומען. זיי הויבן אָן פירן אַ לעבן וואָס איז פול מיט פאַרביסענעם קאַמף פאַר דערגרייכונגען. אַזוי קעמפן זיי פאַרן דערגרייכן רייכטום, אַזוי קעמפן זיי פאַר דערגרייכן פּאָליטישע פּאָזיציעס א״וו. די דאָזיקע פּאַסן זיך שטענדיק צו צו די באַדינגונגען און מעגלעכקייטן פון זייער צייט און אין אָנקלאַנג צו זיי קעמפן זיי זייער קאַמף פאַר אויפשטייג.

אָט איז, למשל, די אויסבילדונג פון דעם מאָדערנעם קאַפּיטאַליסטן־קלאַס. דער דאָזיקער קלאַס איז נישט קיין יורש פון דעם פריערדיקן הער־

שנדיקן קלאַס. די טיפּישע פֿאַרשטייער פֿון דער מאָדערנער בורזשואַזיע, זיינען אַלע קינדער פֿון דער אָרימקייט, אַזעלכע וועלכע האָבן אַליין דורכגעמאַכט דעם וועג פֿון עקסטרעם צו עקסטרעם — פֿון דער לעצטער מיזעריע צום גרעסטן באַזיץ. ווי אַזוי איז דאָס פֿאַרגעקומען? וואָס האָט געמאַכט אַז די דאָזיקע זאָלן אַרויסגעהויבן ווערן פֿונעם אָפּגרונט אויפֿן אויבערפֿלאַך און בילדן צווישן זיך די מאָדערנע געלט־קאַסטע? זייער אינעווייניקסטע ענערגיע האָט זיי געשטויסן און געטריבן דערצו. זיי זיינען געווען באַזונדערס געלט־גיריק. דער דאָזיקער ווילן האָט זיי געיאָגט און געטריבן צו דעראָבערן רייכטום און זיך נישט אָפּצושטעלן פֿאַר גאָרנישט. דער דאָזיקער ווילן האָט זיי געטריבן צו באַזיגן אַלע שטערונגען: שלאָגן קאָנקורענטן, אונטערקויפֿן, שווינדלען, פֿאַרראַטן, ביטרעווען, עקספּלואַטירן, קאָמבינירן, שפּאָרן, קאַרגן, זיין אומפֿאַרשעמט, געוואַגט, מיסטרויעריש. מיט איין וואָרט: אָנווענדן אַלע גוטע און שלעכטע מיטלען, נישט אינזינען האָבנדיק קיין שום אַנדער זאַך, נאָר ביי יעדער פּאַסיקער און אומפּאַסיקער געלעגנהייט, שטענדיק געטריבן צו ווערן פֿון דעם גאָלד־דראַנג, פֿון דער אומגעשטילטער גיריקייט אָנצופֿילן די קאַסע און צו פֿאַרגרעסערן דאָס פֿאַרמעגן. אָט די אינעווייניקסטע קראַפֿט איז עס געווען די סיבה, וואָס האָט גורם געווען, אַז מענטשן פֿון אונטערשטן שיכט זאָלן אַרויפֿשווימען אויפֿן סאָציאַלן אויבערפֿלאַך און ווערן די געלט־ און מאַכט־האָבער פֿון דער וועלט. די יעניקע מענטשן וואָס זיינען אַזאַ כאַראַקטער נישט באַזעסן, האָבן נישט אויסגענוצט די געלעגנהייטן וואָס די ערשטע און זיינען געבליבן אין זייער אָפּשטאַם־קלאַס.

די קלאַסן־צעטיילונג, אין אַלע אירע פֿאָרמען און קולטור־שטופֿן, נעמט זיך דערפֿון, וואָס די מענטשן זיינען לויט זייער נאַטור נישט גלייך, במילא קענען די וואָס זיינען מער געוואַגט און „טויגן זיך בעסער אויס", — אין פּאַסיקן מאָמענט — אַרויפֿשווימען אויפֿן אויבערפֿלאַך און זיך אימפּאָנירן איבער דעם פּאַסיון, צווישן זיך צעריסענעם און צעשטויבטן, ברייטן דורכשניט, און אים אָנהויבן דאָמינירן און עקספּלואַטירן...

III

אינעם אַרבעטער־קלאַס זעט דער מאַרקסיזם דעם משיח פֿון דער מענטשהייט. דער אַרבעטער־קלאַס „קען זיך נישט באַפֿרייען פֿון דעם קלאַס וואָס עקספּלואַטירט אים און דריקט אים אונטער, נאָר באַפֿרייענדיק גלייכצייטיק און אויף אייביק דער גאַנצער געזעלשאַפֿט פֿון דער עקספּלואַטאַציע, פֿון דער אונטערדריקונג און פֿון קלאַסנקאַמף".

וואו איז דורך דער גאַנצער געשיכטע געווען דער דאָזיקער קלאַס, וואָס האָט שטענדיק געציילט מיליאָנען? פאַרוואָס האָבן די אונטערדריקטע און פאַרשקלאַפטע פון אַלע צייטן, וואָס האָבן געלעבט אין אומענדלעכע מאסן, נישט גענומען באַפרייען זיך און דער גאַנצער געזעלשאַפט פון עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג?

דער אַרבעטער־קלאַס באַשטייט פון געוויינלעכע מענטשן. מיט דעם פאַקט, וואָס איינער אַרבעט, ענדערט זיך גאָרנישט אין זיין וועזן. די אַרבעט גיט דעם מענטשן גאָרנישט צו. זי זעצט אים נישט אַריין קיין ניי האַרץ און קיין נייע נשמה. דעם מענטשנס נשמה איז נישט אָפּהענגיק פון זיין באַשעפטיקונג. דער געוויינלעכער מענטש, פון אַלע קלאַסן און שטאַנדן, פון קליינבירגערטום, צי פון רייכן קלאַס, שטעלט מיט זיך פאַר אַ פּאַסיוו, עגאָיסטישן וועזן. אים זיינען פרעמד די אַלע הויכע אידעאַלן, וואָס מען וויל אים אויף כוח אַריינשלאָגן אין מוח און האַרצן. ער איז אַ באַגרעניצט זעלבסטזיכטיק באַשעפעניש, וואָס זיין גאַנצע אויפמערק־זאַמקייט גיט ער אָפּ אויף צו פאַרזיכערן זיך זיין אינדיווידועלע עקזיס־טענץ. ער איז גלייכגילטיק צום גליק פון דער מענטשהייט. ער הערט ריידן וועגן סאָציאַלן יושר, וועגן אַלמענטשלעכער גלייכקייט און איז כלומרשט איינפאַרשטאַנען. אָבער אָט קריכט ער צוריק אַריין אין זיין איי־גענער הויט און זאָרגט ווייטער נאָר בלויז פאַר זיך.

דער אַרבעטער־קלאַס האָט נישט געקעמפט פאַרן סאָציאַליזם. די קאַמפן, וואָס עס פירן די אַרבעטער, זיינען אינדיווידועלע קאַמפן. דאָס זיינען נישט קיין קאַמפן, וואָס האָבן אַלס ציל דער גאַנצער מענטשהייט, נאָר דעם אינטערעס פון די אינדיווידן וואָס קעמפן. אַזא קאַמף האָט גאָר קיין שייכות נישט מיטן סאָציאַליזם, וועמענס ציל איז דער גליק פון מיט־מענטש און פון דער מענטשהייט אין אַלגעמיין...

דער מאָדערנער אַרבעטער־קלאַס פּונקט ווי דער זעלבער קלאַס אין אַלע צייטן, וואָלט זיך קיינמאָל נישט דערטראַכט צו קיין סאָציאַליזם, ווען עס וואָלטן זיך נישט אַריינגעמישט די עטישע מענטשן. די עטישע מענטשן זיינען געווען די אינספּירירער פון דער מאָדערנער פרייהייט און גלייכ־הייטס־באַוועגונג. די עטישע מענטשן זיינען געווען דער לעבעדיקער אָטעם אין דער מאָדערנער אַרבעטער־באַוועגונג. זיי זיינען געווען איר באַלעבנדיק רויט־בלוט. די דורכשניטלעכע אַרבעטער האָבן זיך שווערפּיסיק נאָכגע־שלעפּט. מען האָט זיי געגעבן דורכצופירן אַ היסטאָרישע מיסיע, פאַר וועלכער זיי זיינען וועזנטלעך לחלוטין נישט צוגעפּאַסט.

דער מאַרקסיזם האָט דעם אַרבעטער געוואָלט אָנהענגען אַ היסטאָ־רישע שליחות; ער האָט פאַר אים אויסגעטראַכט אַן עפּיטעט „אַלוועלט־

לעבער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט", וועמען ער האָט געשיקט באַ־פרייען זיך אַליין און דער גאַנצער מענטשהייט, ווען אינדראַמאַתן זיינען גאָר די דאָזיקע „באַפרייער" פּיצעלעך מענטשעלעך, וועמען די אַלגעמיינע פרייהייט און אַלגעמיינער גליק אינטערעסירט גאַנץ ווייניק. דער מאַרק־סיזם האָט סובלימירט דעם אַרבעטנדיקן המון און אים געמאַכט פאַרן טרעגער פון די העכסטע אידעאַלן, ווען אינדראַמאַתן זיינען די דאָזיקע המון־מענטשן גאָר די אויפנעמער און פאַרשפּרייטער פון אַלע סאָציאַלע איבלען. דער אַרבעטער איז דער זעלבער מענטש וואָס די מענטשן פון אַנדערע קלאַסן. אים אינטערעסירט דאָס זעלבע וואָס עס אינטערעסירט אַלע. דער אונטערשייד פון די העכערע געלט־קלאַסן לגבי די נידעריקערע באַשטייט בלויז אין דעם, וואָס די ערשטע האָבן דאָס וואָס די לעצטע שטרעבן צו האָבן. עס וואָלט געווען פאַלש צו באַהויפּטן, אַז דער פּראָ־לעטאַריער־קלאַס איז אינספּירירט פון העכערע אידעאַלן, פירט אַ העכער גייסטיק לעבן, לעבט עטיש און עסטעטיש העכער פאַר דעם קאַפּיטאַליס־טישן קלאַס. די פּראָלעטאַריער האָבן די זעלבע שטרעבונגען און באַגערן, די זעלבע אידעאַלן און אַספּיראַציעס, וואָס די בורזשואַזן. נישט מער, וואָס די לעצטע האָבן די מעגלעכקייט זיי צו באַפרידיקן און די ערשטע נישט. וואָלט זיך דער קלאַסן־מצב איבערגעדרייט, וואָלטן די ציוויליזירטע פּראָלעטאַריער אויסגעצייכנט אויסגעפילט די פונקציע פון די ציוויליזיר־טע בורזשואַזן. עס גייט בלויז אין האָבן די מיטלען, נישט מער.

IV

די לערע, אַז דער גרעסטער און מער אויסגענוצטער קלאַס וועט, אין אַנקלאַנג צו זיינע עקאָנאָמישע אינטערעסן, אויף כוח איינשטעלן די גלייכ־הייטלעכע געזעלשאַפט, האָט זיך נישט באַשטעטיקט.

צוויי קעגנזעצלעכע הויפּט־שטריכן כאַראַקטעריזירן די געשיכטע פון דער מאָדערנער צייט. פון איין זייט גייט דער מעכטיקער אויפקום פון דער גרויס־בורזשואַזיע, וואָס האָט געשטרעבט צו באַהערשן די וועלט. פון דער צווייטער זייט גייט דער נישט־ווייניקער מעכטיקער קאַמף פון דעם אַרבעטער־קלאַס צו באַפרייען די וועלט. געשטויסן פון א י ר ע עקאָנאָ־מישע אינטערעסן, האָט די גרויס־בורזשואַזיע דערגרייכט איר ציל און געוואָרן די הערשערן איבערן לעבן. געשטויסן פון ז י י נ ע עקאָנאָמישע אינטערעסן, האָט דער אַרבעטער־קלאַס נישט דערגרייכט זיין ציל און נישט באַפרייט דאָס לעבן.

העכער הונדערט יאָר האָט מען זיך באַמיט מיטן כוח פון די עקאָנאָ־

מישע אינטערעסן צו שאפן א דורכברוך אין די שטאַלענע ווענט פון דער קאפיטאליסטישער אָרדענונג און עס איז נישט געלונגען. אַלץ צו וואָס עס האָט געדינט דער עקאָנאָמישער אינטערעס, איז געווען עטוואָס צו פארגרינגערן די לאַגע פון דעם ארבעטער־קלאַס אלס אזעלכן.

מען האָט געמאַכט דעם חשבון, אז נויט און הונגער וועלן צווינגען דעם ארבעטער־קלאַס איינצוברעכן די קאפיטאליסטישע אָרדענונג. אויס־געלאָזט האָט זיך, אז די קאפיטאליסטישע אָרדענונג איז שטארקער פארן ארבעטערס נויט און הונגער. געווען צייטן ווען מיליאָנען ארבעטער זיינען געווען אינגאנצן ארבעטסלאָז, מיליאָנען האלב ארבעטסלאָז. די וואָס האָבן געארבעט, האָבן באקומען הונגער־לוינען. דער ארבעטער־קלאַס האָט דער־גרייכט צום קולמינאציע־פונקט פון מיזעריע און נויט. לויט דער טעאָריע וואָלט באדארפט אויסקומען, אז דער ארבעטער־קלאַס פון דער גאָרער וועלט וועט אין אזא מאָמענט אוועקלייגן האמער און סערפ, אָפּשטעלן מאַשין און אקעראייזן און וועט זאָגן: גענוג! ווייטער אזוי גיין קען עס נישט! מיליאָנען פון אונדזערע ברידער, זייערע פרויען און קינדער ליידן הונגער. האָבן נישט קיין שוך און קיין קלייד און קיין דאך איבערן קאָפּ. מיר, די וואָס ארבעטן, האָבן נישט דאָס נויטיקסטע. אין דער זעלבער צייט ליגן לעגענדארישע אוצרות אומפּארווענדבאר אין הענט פון איינצעלנע; אין דער זעלבער צייט ווערן הייפלעך רייכע משוגע פון וואוילטיק און הולטייסטווע; אין דער זעלבער צייט פארניכטעט מען אָנגעזאמלטע סטאָקן ברויט און קליידער; אין דער זעלבער צייט גיבן די הערשער קליקעס אויס מיליארדן אויף באוואפענונג, כדי מיר זאָלן זיך נאָכדעם איינער דעם צווייטן אויסשעכטן. ניין! עס קען אזוי נישט גיין. מיר האָבן גאָרנישט וואָס צו פארלירן. פון הונגער שטאַרבן מיר אַלציינס. איז אַז עס זאָל עס נעמען!...

אזוי איז עס אויסגעקומען על פי טעאָריע. ווי איז אָבער געווען אין דער פּראקטיק? אין דער פּראקטיק האָבן זיך די מיליאָנען ארבעטער אוועקגעלאָזט צו דער מלוכה בעטן א גראָשן שטיצע און א ביסן ברויט. אין דער פּראַקטיק האָבן זיך די מאסן, וואָס האָבן באדארפט ארויסרופן די סאָציאלע רעוואָלוציע, צעזייט און צעשפּרייט איבער די ארבעטסלאָזע לאַגערן פון גאָר דער וועלט און האָבן זיך ארומגעוואלגערט ווי וואגאבונדן איבער די פּארקן און גערטנער פון די קרוינשטעט, איבער די וועגן און שטעגן פון די לענדער. נאָכמער: די טעאָרעטישע העלדן פון דער רע־וואָלוציע, די מאסן הונגעריקע און ליידנדיקע, זיינען אין דער פּראקטיק געוואָרן דער בעסטער עלעמענט פאר פאשיזם און רעאקציע. נויט און הונגער פון די ארבעטנדיקע, וואָס האָט, טעאָרעטיש, געזאָלט זיין דער

שטאַרקסטער אָנשטויס פאַרן איינברוך פון קאַפּיטאַליזם, האָט זיך, אין דער פּראַקטיק, פאַרוואַנדלט אין זיין קעגנזאַץ. „אַרבעטסלאָזיקייט דער־מאַראַליזירט" — איז געווען דער פּירוש. די נויט וואָס האָט געזאָלט זיין דער סטימול צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע און צו דער באַשאַפונג פון דער גערעכטער געזעלשאַפט, איז גאַר געוואָרן אַ פאַקטאָר פון קאָרופּציע, דעמאָראַליזאַציע און סאָציאַלער אַנטאַרטונג. די הונגעריקע מאַסן, די טעאָרעטישע באַפרייער פון דער מענטשהייט, האָבן זיך געלאָזט פאַנגען פון אולטראַ־נאַציאָנאַליסטישן טשאַד און ביטערסטער רשעות. ראַסיזם, נאַציזם און אידן־האַס האָבן, ביי דעם „מאַרקסיסטישן משיח", פאַרביטן די פריי־הייט און די גלייכהייט און די ברידערלעכקייט. און די אַרבעטער וואָס זיינען געווען זאַט, און די אַרבעטער וואָס זיינען געבליבן אויף זייערע אַרבעטס־פּאָסטנס, האָבן אַרויסגעוויזן די גרעסטע אינדיפערענץ צום גורל פון זייער קלאַס און פון דער מענטשהייט און האָבן גאָרנישט געוואָלט וויסן וועגן די מיליאָנען הונגעריקע ברידער.

פון דער גאַנצער לאַנגער אַרבעטער־באַוועגונג פאַר גלייכהייט און פרייהייט, פון אינטערנאַציאָנאַלער אחדות פון אַלע ליידנדיקע און אונ־טערדריקטע, האָט זיך אויסגעלאָזט גרויזאַמע וועלט־מלחמות, וואו מיליאָ־נען אַרבעטס־מענטשן פון פאַרשידענע פעלקער האָבן זיך קעגנזייטיק אויס־געקוילעט. אַנשטאָט דעם, וואָס די קאַטאַסטראָפאַלע לאַגע פון דער וועלט, זאָל געווען דערנענטערן אַלע אַרבעטס־מענטשן איינעם צום אַנדערן און מאַכן פון זיי אַן ענגע ברידערלעכע מחנה אין קאַמף פאַר אַלעמענס גוטס און דערלייזונג; אַנשטאָט דעם וואָס דער כוח פון ליבע און קעגנזייטיקן ווילן, זאָל פעסטער צוזאַמענבינדן די אַלע אויסגענוצטע און פאַרקנעכטעטע און זאָל מאַכן פון זיי מוטיקע קעמפער; אַנשטאָט דעם, וואָס די הערצער פון אַלע וואָס ליידן זאָלן זיך צונויפגיסן אינייינעם און בילדן איין גרויסע קעמפנדיקע משפחה; אַנשטאָט דעם, וואָס דער געמיינזאַמער שווערער גורל זאָל דערנענטערן, פאַרברידערן און צוזאַמענפלעכטן, זאָל מאַכן גוט דאָס האַרץ, ליבנדיק דעם געפיל און העלדיש און אומדערשראָקן דעם געמיט, און אַט אַזוי, מיטן דאָזיקן כוח פונעם פאַראייניקטן גוטן און שטאַרקן ווילן דערגרייכן דאָס געצילטע גוטס, אַנשטאָט דעם אַלעמען האָט זיך באַקומען פונקט דער קעגנזאַץ: עס האָט זיך באַקומען שאָוויניזם, פאַשיזם און רעאַקציע.

V

לויטן מאַרקסיזם איז אויסגעקומען, אַז די פּאָליטישע אָנשויונגען פון די בירגער, ווערן באַשטימט פון זייערע מאַטיריעלע אינטערעסן. דאָס איז

דער אזויגערופענער קלאַסן־קוק אויף דער פּאָליטיק. דאָס איז אָבער נישט אמת, וואָרום עס שטימט נישט מיט דערווירקלעכקייט. אין דער ווירק־לעכקייט הויבן די מאַטעריעלע אינטערעסן ערשט אָן צו ווירקן נאָך דער פּסיכאָלאָגישער אויסגעפורעמטקייט. אָט איז אַן אומווידערשטייללעכער באַ־וויז דערפאַר:

עס איז זיכער, אַז פאַר דער גרעסטער טייל פון דער געזעלשאַפט וואָלט זיך, פון ריין עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט, געלוינט איינצופירן סאָ־ציאַליזם. מיטן סאָציאַליזם וואָלטן זיי עקאָנאָמיש פּראָפיטירט. אויב ס'איז אמת די באַהויפּטונג, אַז די פּאָליטישע אָנשויונגען ווערן באַשטימט פון די מאַטעריעלע אינטערעסן, פאַרוואָס שטימט נישט די דאָזיקע באַ־זיצלאָזע קלאַסאַלע מערהייט פאַר דער איינפירונג פון סאָציאַליזם?... דער סאָציאַליזם וואָלט זיי זיכער געגעבן אַ בעסער מאַטעריעל לעבן. צו פאַרלירן האָבן זיי גאָרנישט, מחמת זיי פאַרמאָגן גאָרנישט. אַלץ וואָס זיי קענען מיטן קאַפּיטאַליזם פאַרלירן איז זייער דלות. איז פאַרוואָס זשע שטימען זיי נישט פאַר דער באַלדיקער איינפירונג פון דער סאָציאַליסטי־שער אָרדענונג? עס וואָלט באַדאַרפט אויסקומען — ווען עס וואָלט געווען ריכטיק, אַז דער עקאָנאָמישער אינטערעס באַשטימט די סאָציאַליסטישע אָנשויונג — אַז די איינשטעלונג פון דעמאָקראַטיע, זאָל צו גלייכער צייט אויך מיינען די איינשטעלונג פון סאָציאַליזם, מחמת דער ווייט גרעסטער טייל פון דער מענטשהייט איז עקאָנאָמיש פאַרינטערעסירט אין דעם!

ווי אַזוי מען זאָל נישט פּרוואָוון פאַרענטפערן די דאָזיקע פראַגע, וועט מען אַלץ מוזן קומען צו דער „פּ ס י כ אָ ל אָ ג י ע פון די מאַסן", וואָס שטייט דאָ אין וועג. הייסט עס, עווענטועל, אַז די פּסיכאָלאָגיע איז שטאַרקער פאַר די עקאָנאָמישע אינטערעסן און נישט פאַרקערט, אַז די עקאָנאָמישע אינטערעסן זיינען שטאַרקער פאַר דער פּסיכאָלאָגיע. דאָס יאָ, נאָך דער פּסיכאָלאָגיע, איז דאָס וואָס באַשטימט אַמייסטן — דער עקאָנאָמישער אינטערעס, דאָס הייסט, אַז דער אינטערעס ווירקט אין די ראַמען פון דער פּסיכאָלאָגישער איינגעשטעלטקייט. נישט דער אינטערעס איז שטאַרקער פאַר דער פּסיכיק, נאָר די פּסיכיק איז שטאַרקער פאַרן אינטערעס. די פּסיכאָלאָגישע איינגעשטעלטקייט איז שטאַרקער פון אַלץ. לאָזנדיק די סאָציאַלע שטייגערן ווי זיי זיינען, דאָס מיינט פון ד ע ר זייט פון דער סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער פאַרפיקסירטקייט, איז דער שלאָגנדיקס־טער אַרגומענט, אין פּאָליטישער אָריענטאַציע, דער פערזענלעכער אינ־טערעס. די שלאָגנדיקסטע אַרגומענטן וואָס עס שטעלן אַרויס די פּאָלי־טיקער איבערצוציייגן זייערע וויילער־מאַסן, זיינען עקאָנאָמישע צוזאָגעכצן. אָבער אַלץ אין די ראַמען פון דער איינגעשטעלטער „אָרדענונג". און די

„אָרדענונג" האַלט זיך אויפן פּסיכישן פאַקטאָר, קענען עקאָנאָמישן אינ־טערעס. ווען עס איז דאָ א דרוק פון דער פּסיכיק, גייט מען קעגן די עקאָנאָמישע אינטערעסן. וואו נעמען דען די פּאַרטייען פון די רייכע זייערע מיליאָנען וויילער, אויב נישט ביי די ברייטסטע גאַרנישט־פאַר־מאָגנדיקע מאַסן? אַזוי אויך פאַרקערט, זעען מיר צווישן די ליבעראַלע און אַרבעטער פּאַרטייען זייער אַסאַך פירנדיקע מענטשן, וואָס לויט זייער סאָציאַלן שטאַנד, וואָלטן זיי באַדאַרפט זיין צווישן די פּאַרטייען פון די רייכע.

פריער פון אַלץ ווירקט דאָס פּסיכישע. יעדער א י ז דאָס וואָס ער א י ז, אַפילו זיינע אינטערעסן זיינען קעגן. נאָר דאָרטען וואו עס איז נישט פאַראַן קיין שטאַרקער דרוק מצד דעם פּסיכישן — די וועזנטלעכע כוחות זיינען גלייכגילטיק, הויבט אָן ווירקן דער מאַטעריעלער אינטערעס.

VI

דער מאַרקסיזם האָט צו פאַרדאַנקען זיין דערפאָלג אָט וואָס: ער האָט אָנגעהויבן צו דערקלערן די אַרבעטער, אַז צו זיי געהערן אַלע רייכטימער פון דער וועלט. דאָס רייכטום פון די רייכע איז זייער ניט־באַצאָלטע אַר־בעט. זיי האָבן די רייכטימער באַשאַפן און זיי האָבן דאָס איינציקע רעכט אויף זיי. די אַרבעטער ווערן עקספּלואַטירט און אויסגענוצט און זיי דאַרפן זיך מער נישט לאָזן עקספּלואַטירן און אויסנוצן. זיי דאַרפן נעמען דאָס וואָס קומט זיי, און זיי קומט אַלץ, ווייל זיי האָבן אַלץ געמאַכט.

דאָס אַריינברענגען אינעם אַרבעטער דעם באַוואוסטזיין, אַז ער איז דער באַשאַפער פון אַלע רייכטימער און ווערטן, במילא, אַז ער דאַרף זיין זייער איינציקער באַלעבאָס, במילא, אַז די רייכע און עקספּלואַטירנדיקע זיינען די וואָס האָבן קיין רעכט נישט אויף זייער רייכטום און זייערע פאַרמעגנס, און אַז דאָס וואָס זיי באַזיצן, באַזיצן זיי דורך געוואַלט — איז רויב אין די הענט פון די רייכע — דאָס אַלץ איז דעם אַרבעטער זייער געפעלן געוואָרן. אים איז געפעלן געוואָרן די לערע וואָס האָט אים גע־זאָגט, אַז ער איז נישט קיין שקלאַף, נאָר א בויער און א שאַפער, אַז ער דאַרף אין לעבן גיין נישט מיט קיין אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, נאָר שטאָלץ און זיכער, ווייל אַלץ מיט וואָס דאָס לעבן איז רייך, געהערט צו אים.

דער מאַרקסיזם האָט אָנגעהויבן צו לערנען די אַרבעטער דעם ווע[ג] פון קאַמף. אַרבעטער דאַרפן נישט בעטן, נאָר נעמען מיט כוח. דער ביז דעמאָלטיקער אופן, וואָס איז געווען איינגעשטעלט אין דער באַציונג צווישן אָרים און רייך: דאָס אַפּעלירן צום רחמנות פון די רייכע, איז אויף שטענדיק אָפּגעשאַפט געוואָרן.

מיט פאַרגעניגן האָבן די אַרבעטער אָנגענומען אַזאַ לערע. מיט פאַר־געניגן האָבן זיי אויסגעהערט די רייד פון זייערע פירער; רייד, נישט פון הכנעה און אונטערטעניקייט, נאָר רייד שטאָלצע, מוטיקע; רייד פון מאַכט, פון רעכט און פון קאַמף. דער אונטערדריקטער מענטש האָט מיט פאַר־געניגן אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אויסגעגלייכט דעם שולטער. וואָס פאַרא בעסערע מיטל האָט מען געקענט באַנוצן אויף אַריינצוציען די פראָלעטאַ־ריער־מאַסן! שוין דער דאָזיקער מאָמענט אַליין איז געווען בכוח צו מאַכן פונעם מאַרקסיזם אַן אומגעהויער פאַרשפּרייטע מאַסן־באַוועגונג. ווען איז אָנגעגאַנגען די טעאָרעטישע אויפטוען פונעם היסטאָרישן מאַטעריאַ־ליזם? די שווערע, קאָמפּליצירטע פאָרמולן פון קאַפּיטאַל און אַרבעט? וואָס האָבן געוואוסט און וואָס ווייסן דער גרעסטער טייל פון די מאַרקסיסטישע פּראָלעטאַריער וועגן דער מאַרקסיסטישער פילאָזאָפיע און עקאָנאָמיק?

אויסער דעם האָט דער מאַרקסיזם גערופן זיך צו נעמען פאַרטיידיקן די באַלדיקע מעגלעכע אינטערעסן פון די פּראָלעטאַריער־מאַסן. דורך די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען זיינען אַרויסגערוקט געוואָרן די באַלדיקע פאַר־בעסערונגען פון די אַרבעטס־תנאים. די עקאָנאָמישע גלייכהייט פון דער געזעלשאַפט איז געוואָרן אַ צוקונפט־אידעאַל, וועלכער האָט כסדר אָנגע־הויבן אָפּגערוקט ווערן אין הינטערגרונט. אין פאָדערגרונט זיינען אַרויס־געטראָטן די באַלדיקע טאָגטעגלעכע אינטערעסן פון די אַרבעטער. דאָס, דער פּראָפעסיאָנעלער קאַמף, האָט געפונען דעם ברייטסטן אָפּקלאַנג אין די רייען פון די אַרבעטער. דאָ איז זיי פאַרגעשטאַנען אַריינצובאַקומען באַלדיקע נוצן. דער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין האָט געגעבן באַלדיקע פּראָ־פיטן. אינקעגנטייל, איז די אַלמענטשלעכע גלייכהייט געוואָרן אַן אילוזיע פאַרן ווייטן עתיד, אַ שיינער גלויבן.

נישט די מאַטעריאַליסטישע געשיכטע־אויפפאַסונג, נישט די מאַרק־סיסטישע עקאָנאָמישע לערע, נישט דער סאָציאַליסטישער אידעאַל פון אַלמענטשלעכער גלייכהייט און ברידערונג האָבן אַריינגעצויגן די דורכ־שניטלעכע אַרבעטער אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, נאָר פון איין זייט דאָס, וואָס דער מאַרקסיזם האָט אַפּעלירט צו זייער קאַמפּס־סענטי־מענט, און פון דער צווייטער זייט דאָס, וואָס ער האָט זיי גערופן צו פאַרטיידיקן זייערע באַלדיקע עקאָנאָמישע אינטערעסן. וואָלט דער מאַרק־סיזם זיך געגאַנגען דעראָבערן אָנהענגער בלויז מיטן דערווייזן די ריכ־טיקייט פון זיינע איינווענדונגען, ד"ה מיטן כוח פון דער לאָגיק, וואָלט ער אין די רייען פון די אַרבעטער געפונען גאַנץ ווייניק אָנהענגער. נאָר אַדאַנק דעם וואָס דער מאַרקסיזם האָט אַפּעלירט צו דעם „פּראַקטישן שכל" פון די מאַסן אַרבעטער; האָט זיי געהייסן אויסקעמפן באַלדיקע נוצן, האָט

זיי געהייסן זיך אימפּאָנירן מיט כוח און עס איז אויסגעקומען אַז די אַרבעטער האָבן געהאַט סיי פּסיכישן און סיי מאַטעריעלן אינטערעס אין דער דאָזיקער לערע, זיינען זיי צו איר צוגעשטאַנען און האָבן איר פּאָפּולער געמאַכט.

אינגאַנצן פאַרשידן פון דעם, איז געווען דער אַנטייל פון עטישן מענטשן אין דער מאַרקסיסטישער באַוועגונג. אים, דעם עטישן מענטשן, האָט איבערהויפּט אַריינגעצויגן אין דער מאַרקסיסטישער באַוועגונג איר ענדציל — דער סאָציאַליזם. סאָציאַליסטיש לעבן איז דאָס, וואָס עס לאָקט אַמייסטן דעם עטישן מענטשן. אַ געזעלשאַפט אין וועלכער עס וואָלט געהערשט גלייכהייט און ברידערונג, איז די געזעלשאַפט אין וועלכער ער וואָלט זיך נאַטירלעך און פריי אויסגעלעבט.

עס איז געווען געווען, אַז דער מאַרקסיזם זאָל זיך שטעלן אַלס ציל די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט און דער עטישער מענטש זאָל זיך מיט לייב און לעבן איבערצייגן אין דער ריכטיקייט פון דער דאָזיקער לערע. דאָס וואָס מיר ווילן אַמשטאַרקסטן, צייגן מיר זיך אין דעם איבער, אַפילו ווען עס קומט אונדז אויס זיך אַליין צו פאַרלייקענען.

די עטישע מענטשן זיינען געוואָרן די פייערדיקסטע פּאַרטיידיקער פון דעם געדאַנק, אַז דאָס מענטשלעכע לעבן, די מענטשלעכע געזעלשאַפט, ווערט דורכויס קאָנטראָלירט און באַשטימט פון עקאָנאָמישע כוחות, נישט לייגנדיק דעם מינדסטן אַכט דערויף, וואָס זיי גופא, זייער אייגענער לעבנס־וועג, איז קאָנטראָלירט און באַשטימט געוואָרן פון אַ כוח, וואָס איז געווען פונקט דער היפוך פון עקאָנאָמישן. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון זייערע הויכע קלאַסן־פּאָזיציעס, פון זייערע פאַרמעגנס און רייכטימער, פון זייערע פּריווילעגיעס און אַריסטאָקראַטישע טיטלען — פון דעם אַלעמען, וואָס איז עקאָנאָמישער כוח, און זיינען, באַזיגטע פון אַן אַנדערן שטאַרקן כוח, אַוועק קעמפן און אומברענגען די וועלט און דעם קלאַס פון וועלכן זיי האָבן אַליין אָפּגעשטאַמט.

די מאַכט וואָס אונדזער ווילן איבט אויס אויף אונדזער אינטעלעקט, איז אומבאַגרעניצט. עס איז גענוג, אַז אַ געוויסע טעאָריע זאָל, אין דער אונטערשטער שורה, זיין אַנטשפּרעכנד אונדזערן אָרגאַנישן ווילן, און אַלע אַרגומענטן און באַווייזן, וועלכע דינען אונדז אין דער באַגרינדונג פון אונדזער טעאָריע, זאָלן ווערן אַזוי קלאָר און בולט, אַז צווייפל און ווידערלייגונג זאָלן מער קיין פּלאַץ נישט האָבן. גענוג אָפט ווערן ווינטמילן פאַרוואַנדלט אין ריזן, ווען עס דריקט נאָר אויס אונדזער לעצטן ווילן. דאָס וואָס סאָציאַליזם, אַ דערשיינונג וועלכע באַזירט זיך אויסשליסלעך אויף אוממיטלבאַרן ווילן, איז אַרומגעוועבט געוואָרן מיט פאַרשידענע

לאגישע פארמולן, ניכטערע ארגומענטן און באווייזן, אין וועלכע מען האט זיך מיטן גאנצן חשק געפלייסט צו פארטיפן, צו חקירהן און פילפולן. איז אויך געווען נאר אדאנק דעם ווילן. עס פארשאפט פארגעניגן דאס ארומרײדן און ארומטראכטן, דאס אפפרעגן און פארענטפערן, די גאנצע שקלא־וטריא ארום א טעאריע, וועלכע מען וויל און וועלכע דריקט אויס אן אינערלעכע תשוקה. פאר דערחקירהן זיך צו סתירות און קעגן־באווייזן, דערפאר איז נישטא וואס מורא צו האבן, אזעלכעס וועט קיינמאל נישט פאסירן. און אויב עס פאסירט מיט איינעם יא אמאל אזעלכעס, איז עס א סימן, אז די שפעטערדיקע איבערצייגונגען זיינען מער אייגן, נאענט, אנטשפרעכנד ווי די פריערדיקע. דער וואס האט אויסגעפונען ז י י ן טעאריע, דעם וועלן קיין אנדערע נישט איבערצייגן, סיידן די „אנדערע" וועט זיין מער ז י י נ ע ווי די פאריקע. אונדזערע איבערצייגונגען קומען נישט פון אינטעלעקט, נאר פון אונדזער זיין, ווייל אונדזער אינטעלעקט וואקסט אויך ארויס פון אונדזער זיין און איז נישט מער ווי א טייל פון אים.

דאס וואס סאציאליזם האט געקענט דערוויזן ווערן מיט ניכטערע ארגומענטן און שטרענג־לאגישע באווייזן, איז געווען באזונדערס וויכטיק. דער עטישער מענטש האט נישט געקענט קיין רחמנות־האבעריי, אים געפעלט נישט דאס אפעלירן צו די רייכע, אז זיי זאלן זיין מיטפילנדיק צו די ארימע און זיך פירן גוט מיט זיי. דער מאמענט פון רחמנות־האבעריי, איז א ווידערשפרוך צו דער פסיכיק פון עטישע מענטשן. רחמנות האט מען אויף געפאלענע. פאר אים זיינען אלע מענטשן גלייך און עס זיינען נישטא קיין געפאלענע. דערפאר האט דער פאקט וואס דער מארקסיזם האט זיך אפגעזאגט פון מעטאד פון רחמנות־האבעריי און אנשטאט אים אנגענומען דעם מעטאד פון קאמף, רעכט און ווערדע; דעם דאזיקע מעטאד ארומגעהילט מיט א פראקטישער שיין; אים געמאכט פאר א היסטאריש־נויטווענדיקן געזעץ; אים באזירט אויף לאגיק, גענומען צו הילף דעם אינטעלעקט אין דער דערווייזונג פון זיין היסטארישערווירקזאמקייט — באזונדערס גינסטיק געווירקט אויפן עטישן מענטשן. א טעאריע וואס האט דערוויזן, אז סאציאליזם איז א היסטארישע אומפארמיידלעכקייט, סאציאליזם מוז קומען, די קאפיטאליסטישע געזעלשאפט מוז פון זיך אליין צעפאלן ווערן און אונטערגיין — האט געמוזט איבערצייגן דעם עטישן מענטשן, וואס גארט אזוי שטארק נאך סאציאליסטיש לעבן.

ווי אזוי האט דער עטישער מענטש געקענט איינזען, אז ער אליין, זיין אייגענער לעבנס־פיר, איז די שטארקסטע אפלייקענונג צו די גרונט־יסודות פון דער עקאנאמישער דאקטרין, ווען די זעלבע האט געמאכט פאר

א היסטאָרישער אומפאַרמיידלעכקייט דאָס וואָס ער האָט אזוי שטאַרק געגאַרט? יעדער זוכן לאָגישע סתירות אין א אידייען־וועלט וואָס אנט־שפּרעכט אונדז, איז אַן ארויסגעוואָרפענע ארבעט. אונדזערע אידייען זיינען — מיר. אונדזערע אידייען און אַנשויונגען וועלכע פאָרמירן זיך אויס אונטער באַשטימטע אָרט און צייט איינפלוסן, נעמען פון סביבה בלויז זייער אויסערלעכע סטרוקטור. זייער עצם וואַקסט שטענדיק ארויס פון אונדזער זיין.

דער עטישער מענטש איז געווען דער באַלעבנדיקער גייסט פון דער מאָדערנער אַרבעטער באַוועגונג. ער איז געווען איר האַרץ און איר נשמה. ער האָט נישט געקעמפט פאַר קיין לוין־העכערונג, קירצערער ארבעטס־צייט אָדער אַנדערע פּערזענלעכע נוצן. ער האָט נישט געקעמפט קעגן דעם קלאַס, וואָס האָט אים אונטערדריקט און פאַרקנעכטעט און וועלכן ער האָט דעריבער פיינט געהאַט, ווייל ער איז עס קיינמאָל נישט געווען. ער האָט יאָ געקעמפט פאַר דער געזעלשאַפט פון גלייכקייט און ברידערלעכקייט, פאַר א לעבן לויט ליבע און עטישן ווילן; ער האָט געקעמפט פאַר סאָציאַ־ליסטיש לעבן, ווייל זיין נאַטור איז א סאָציאַליסטישע.

אָן דער באַטייליקונג פון עטישן מענטשן, פון די קאָלערליי אידעאַ־ליסטן, קעמפער, ערלעכע נשמות, גערעכטיקייטס־זוכער אא"וו, וואָלט א באַוועגונג פון בלויז אַרבעטער געווען אוממעגלעך, אַזעלכעס וואָלט געווען א בונט פון א מאַסע, אָבער נישט קיין היסטאָרישע באַוועגונג פון אַזא פאַרנעם...

VII

דער גרונט־געדאַנק פון קאָמוניזם, אויסצונוצן יעדן מאָמענט, ווען די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט איז דערשיטערט און אָפּגעשוואַכט, ווען זי מאַכט דורך עקאָנאָמישע און פּאָליטישע קריזיסן, אויסצונוצן דעם דאָזיקן גינסטיקן מאָמענט, אויף איר צו געבן א דעפיניטיוון קלאַפּ און פאַר־כאַפּן די מאַכט, כדי אָנצוהויבן בויען דעם סאָציאַליזם, איז געווען א נויט־ווענדיקער פּועל יוצא פון דער אוממיטלבאַרער פּסיכיק, פון די יעניקע אידעאַליסטישע עלעמענטן אין אָנהויב פון דער מאַרקסיסטישער באַוועגונג, וואָס האָבן געפילט אַן אָרגאַנישע נויטווענדיקייט פאַר באַלדיקער סאָציאַ־ליסיטשער אַקציע, און וואָס האָבן נישט געקענט זיין סאָציאַליסטן פאַר דער צוקונפט און אין דער קעגנוואַרט אַנטיסאָציאַליסטן.

ווען איינער איז אַן אָרגאַנישער סאָציאַליסט, ד"ה, דער סאָציאַליס־טישער ווילן איז ביי אים אַזוי רעאַל און קאָנקרעט, וואָס פּליסט ארויס

פון זיין טיפסטער טיפעניש, דאָס איז ער אַליין — דאַן מוזן זיינע האַנד־לונגען זיין אין אַנקלאַנג מיטן דאָזיקן זיין. ער קען נישט אָפּקומען מיטן האָבן בלויז סאָציאַליסטישע אידייען פאַר דער צוקונפט און אין דערווירקלעכקייט לעבן אומסאָציאַליסטיש, נאָר ער מוז פירן אַ זיך אַנט־שפּרעכנדיק לעבן: ער מוז אין טאַט, אין דער ווירקלעכקייט האַנדלען לויט ווי ער איז. מיט זיין אַ סאָציאַליסט בלויז אין דער אידייע, בלייבט ער נישט באַפּרידיקט, ער מוז אַזעלכער זיין אין דער באַלדיקער אַקציע. עס העלפט נשט דאָס, וואָס לויט טעאָרעטישע קאַלקולאַציעס פעלט נאָך עוואָלוציע פון די סאָציאַלע פּראָצעסן, אויף וועלכע מען דאַרף וואַרטן ביז זיי וועלן זיך אויסשטיין און אַנטוויקלען און רייף ווערן און פון זיך אַליין ברענגען די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, און דערווייל, ביז יענער ווייטער לעתיד־לבוא־צייט לעבן אומסאָציאַליסטיש, אַנטיסאָציאַליסטיש, נאָר ער מוז באַלד האַנדלען. די טעאָרעטישע קאַלקולאַציעס הערן־אויף איבערצייגן, ווייל מען קען דאָך נישט זיין איבערצייגט אין דעם, וואָס איז דער קעגנזאַץ פון זיך אַליין. אין אַזאַ פאַל איז, פאַרקערט, הויבט מען אָן קאַלקולירן אַזוי, אַז עס זאָל שטימען מיטן זיין. מאַכן טעאָרעטישע באַ־גרינדונגען, איז איינע פון די לייכטסטע זאַכן, ווען ס'איז נאָר דאָ אַ דרוק פונעם ווילן דערפאַר. וואָס מער די פּראַקטישע צילן פון אַ טעאָריע, וועלן אַפּעלירן צו אייך, אַלץ מער אָנהענגער וועט איר ווערן פון דער דאָזיקער טעאָריע און אַלץ מער וועט איר זיין איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פון אירע באַגרינדונגען. מען קומט נישט פון קיין טעאָרעטישע איבערצייי־גונגען צו קיין פּראַקטישע צילן, נאָר פאַרקערט, מען קומט פון פּראַקטישע צילן צו טעאָריע. אויב די פּראַקטישע צילן זיינען נישט איינשטימיק מיט אייער זיין, וועלן די טעאָרעטישע איינווענדונגען בלייבן פאַר אייך פּוסטע, אומבאַגרינדעטע ווערטער. דאָס איז געווען די סיבה פון דער קאָמוניס־טישער אידייען־פאַרטראַכטונג.

ריין טעאָרעטיש גענומען, איז דער געדאַנק וועגן דער אָפּגעשוואַכט־קייט פונעם קאַפּיטאַליזם, אַלס מאָמענט פאַר סאָציאַלער רעוואָלוציע, אין גרונט אַ סתירה צו די פּרינציפּן פון מאַרקסיזם. מאַרקסיסטיש גענומען מוזן אַלע סאָציאַל־היסטאָרישע שינוים אַרויסוואַקסן פון דעם עקאָנאָמישן פּראָצעס און מיט דעם וואָס די פּאָליטישע מאַכט גייט איבער צו די אַר־בעטער, ענדערט דאָס מיט גאָרנישט דעם מצב פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. דער פּאָליטישער מאָמענט מוז צוריק אַראָפּנידערן צו דעם ניוואָ, אויף וועלכן ער דאַרף שטיין אין אַנקלאַנג צו די עקאָנאָמישע כוחות־פאַרהעלטענישן. קיין געקינצלטער שפּרונג קען קיין קיום נישט האָבן, און דער געשיכטע קען מען נישט פאַרגוואַלטיקן. יעדער איבער־

היפערן פון נויטווענדיקע סאציאל־עקאנאמישע עטאפן, מוזן זיין דערפאלגלאז. קיין בלויזן קען מען אין דער געשיכטע נישט לאזן. אלץ מוז גיין נאכפאלגנדיק און בהדרגה.

האט זיך דער קאמוניזם אפגעטרייסלט פון דעם דאזיקן מארקסיסטישן געדאנק און כדי עס זאל נישט אויסקומען צו זיצן מיט פארלייגטע הענט אוןווארטן אויף דער עקאנאמישער עוואלוציע, האט ער ארויסגערוקט אין פאדערגרונט דעם פאליטישן מאמענט און האט געזאגט, אז אבי מען וויל נאר און מען האט די מאכט אין די הענט, קען מען לאזן די עקאנאמישע עוואלוציע אין פולן דאמף און אניאגן. נישט דער עקאנאמישער פראצעס, הייסט עס, באשטימט דעם פאליטישן, נאר פארקערט, דער פאליטישער באשטימט דעם עקאנאמישן. מעג די ווירטשאפט זיין ווי צוריקגעשטאנען, מעג זי זיך געפינען אין אזא מצב, וואס אין אנקלאנג צו איר, איז אפילו א בורזשואזע דעמאקראטיע א צו פארגעשריטענע רעגירונגס־פארעם, דארף מען זיך מיט דעם נישט רעכענען, נאר מען קען זיך גלייך פארנעמען אויפן וועג צום סאציאליזם. די אלע פארעטאפן קען מען דורכשפרינגען און ריכטן די עקאנאמישע עוואלוציע אהין וואוהין מען וויל. דאס איז דאך פונקט דער היפוך צום מארקסיסטישן שטאנדפונקט.

אין אויב די טעאריע שטימט נישט, שטימט אבער די פראקטיק. די פראקטיק איז געווען אזעלכע, אז אויב מען זאל זיך אוועקזעצן ווארטן אויף דער עקאנאמישער עוואלוציע, וואלט אויסגעקומען זיך אפצוזאגן פון יעדער סאציאליסטישער אקציע, נאר ווערן א שותף צו דער בורזשואזיע, דאס הייסט, אז אין דער אידייע, אין דער אילוזיע, זאל מען זיין א סאציאליסט, נאר אין דער ווירקלעכקייט, אין טאט, א בורזשוא. אזעלכעס דארף מען קענען און עס זיינען אפנים געווען אזעלכע וואס האבן עס נישט געקענט. זיי האבן נישט געקענט גיין מיטארבעטן מיט דער בורזשואזיע און מיט זיי אינייגעם פראווען פארלאמענטאריזם און דעמאקראטיע. די דאזיקע שפיל איז געווען די שטארקסטע סתירה צו זייער זיין און האט ווידערגעשפראכן זייער גייסט ביז דער לעצטער טיפעניש. עס איז קיין אנדער ברירה נישט געווען, ווי נאר א דריק טון אויף דער טעאריע און זיך פריי מאכן א וועג צו דער פראקטיק. ווי אזוי האבן אמתע סאציאליסטן געקענט ווערן שותפים און מיטארבעטער פון דער בורזשואזיע און איר שטיצן, באשר בכן, די טעאריע פארלאנגט אזוי. נו, נעמט מען די טעאריע און מען דרייט איר איבער. דער מענטש איז דאך נישט באשאפן געווארן פאר דער טעאריע, נאר די טעאריע פארן מענטשן. מאכט מען די טעאריע אזוי, אז זי זאל שטימען מיטן מענטשן, נישט אז זי זאל אים ווידערשפרעכן.

ווי אזוי קענען אמתע סאָציאַליסטן מיטאַרבעטן מיט אַ פּאָליטישן רעזשים וואָס איז דורך און דורך אילוזיע און ליגן, אויפן סמך, וואָס טעאָרעטישע חשבונות דיקטירן אַזוי? טעאָריע קען דאָך אַמאָל זיין אַ טעות, און דער מענטש, ד"ה דעם מענטשנס ווילן און נשמה, קען קיינמאָל קיין טעות נישט זיין!...

איז אויב די קאָמוניסטישע אידעאָלאָגיע איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן אויס נויטווענדיקייט צו באַלדיקער סאָציאַליסטישער אַקציע, זיך אָפּזאָגנדיק פון עקאָנאָמישן עוואָלוציאָניזם, האָט מען דאָך געמוזט אויסגעפינען אַ וועג ווי אַזוי צוצוקומען צו דער באַלדיקער אַקציע. דער וועג איז געווען רעוואָלוציע און דיקטאַטור פון די פּראָלעטאַריער.

אָט דער דאָזיקער מאָמענט פון גוואַלט און צוואַנג, האָט אומגעשטאַלטיקט דעם עכטן מהות פונעם קאָמוניזם. באַלד האָבן זיך אינעם קאָמוניזם אָנגעהויבן אויסמישן צוויי הימל־ווייטע טיפּן מענטש: דער רינגאָר־עטישער מענטש און דער וויאָלענטער דורכשניטס־טיפּ, און דער לעצטער האָט גענומען די אויבערהאַנט. די קאָמוניסטישע רייען האָבן אָנגעהויבן פול ווערן מיטן עקסטרעמיסטישן טיפּ אַרבעטער, וועלכן עס איז נישט אַזוי געגאַנגען אין קאָמוניסטישן ציל — וואָס מענגלעך פריערדיק סאָציאַליסטיש לעבן, נאָר אין זיין מיטל — קאַמף, צוואַנג און באַהערשונג.

דער ערלעכער קאָמוניסט, מעג ער זיין שטרענג, האַרט, אומבויגזאַם, איז ער אָבער ערלעך, ערלעך ביזן דנאָ פון זיין נשמה. ער האָט נישט אינזינען קיין שום אַנדער זאַך ווי נאָר דורכצוזעצן זיין פאַרגענומענעם ציל. אויב ער זוכט צו פאַרטיידיקן זיין שטאַנדפּונקט פאַר יעדן פּרייז, איז דאָס דערפאַר, וואָס ער איז איבערצייגט, אַז דאָס איז דער בעסטער וועג. דער קעגנזאַץ פון אים, איז דער מאַסן־קאָמוניסט.

אין יעדער באַוועגונג מוזן זיך דיפערענצירן די דאָזיקע צוויי סאָרטן מענטש, ווייל זיי זיינען פון דער נאַטור דיפערענצירט. כאָטש דער „מאַרקסיסטישער באַוואוסטיין" האָט אַסאַך מיטגעהאָלפן צו פאַרפלאַכן דעם אונטערשייד און צו שאַפן אַ געוויסע ענלעכקייט צווישן די דאָזיקע צוויי טיפּן, פונדעסטוועגן איז די ענלעכקייט נישט מער ווי אַן אויבערפלעכלעכע. אין גייסט זיינען די דאָזיקע צוויי דאָך פאַרשידן.

פון דער צווייטער זייט האָט אויך די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אידעאָלאָגיע אַן אָנשפּאַר אין עטישן גייסט. נעמענדיק אין אַכט, אַז וויבאַלד נישט דעמאָקראַטיע איז גוואַלטזאַמע רעוואָלוציע און דיקטאַטור, שטעלט דאָס לעצטע מיט זיך פאָר אַ מעטאָד וואָס שפּרעכט ווידער דעם עטישן גייסט.

דער עכטער מענטש קען נישט — וועזנטלעך קען ער עס נישט —

נעמען און צעשיסן מענטשן דערפאר וואס זיי דענקען אנדערש ווי ער. ער קען נישט שיקן צו דער תליה זיינעם א מיטמענטשן איבער דעם חטא, וואס יענער זעט דאס לעבן און די זאכן אנדערש ווי ער. ער קען נישט, מיט זיין גאנץ ווען קען ער עס נישט, אנהענגען אנדערע א שלאס אויפן מויל, זיי נישט לאזן זאגן וואס זיי דענקען און טראכטן און נאר פאר זיך אליין לאזן דאס רעכט צו זאגן און צו באלעבאטעווען איבערן לעבן. מעג ער זיין ווי איבערצייט אז זיין שטאנדפונקט איז דער בעסטער, קען ער דאך נישט צונעמען ביי קיינעם די פרייהייט צו טראכטן און אויס־דריקן וואס ער וויל, אנהאלטנדיק, מיט מאכט, בלויז פאר זיך אליין דעם מאנאפאל אויף דער העכסטער לעבנס־חכמה און לעבנס־אמתן. מעג ער אפילו האבן דעם באוואוסטזיין וועגן דער פאלשקייט און צביעות פון דער דעמאקראטיע און אירע מיטלען, קען ער דאך נישט זיין פארן אפשאפן די פרייהייט פון אלע מענטשן צו זאגן און צו טון וואס זיי טראכטן און וואס זיי ווילן.

דער עטישער מענטש איז בטבע טאלעראנט און גרויסמוטיק. ער קען נישט מיטן כוח פון שווערד אימפאנירן זיינע אידייען אויף אנדערע. ער פילט אליין די גרעסטע נויטווענדיקייט צו קענען זאגן פריי זיין ווארט און צו האנדלען פריי, און ער פילט, אז אנדערע האבן אויך די זעלבע נויטווענדיקייט. אים, דעם אמתן מענטשן, איז ארגאניש אוממעגלעך צוצונעמען ביי אנדערע דאס עלעמענטארסטע רעכט וואס זיי האבן אלס מענטש, מעג ער אפילו וויסן, אז מיט דעם דאזיקן רעכט מיסברויכט דער הערשנדיקער קלאס. מעג ער אפילו הונדערט מאל זיין איבערצייגט אין דער פעלערהאפטיקייט פון דער דעמאקראטיע און אין אירע נעגאטיווע זייטן, קען ער זיך פארט נישט אפזאגן פון זיין טאלעראנטער נאטור און זיך פארוואנדלען אין א טיראן. ער קען נישט מיט שווערד און ביקס ארויפצווינגען אויף קיינעם זיינע אנשויונגען און זיין שטייגער לעבן. ער קען קיינעם נישט שמידן די צונג, צוליב דעם „פארברעכן" וואס יענער וויל זיין אזוי ווי ער איז. מעג דער עטישער מענטש אפילו איינזען, אז מיט אזא וועג וועלן זיינע אידייען קיינמאל נישט מקוים ווערן, קען ער פארט נישט זיין אנדערש ווי ער איז. דא גייט נישט אין לאגיק, נאר אין פסיכאלאגיע, אין ז י י ן, און קיינער קען נישט זיין אנדערש ווי ער איז, אפילו ווען ער האט דעם באוואוסטזיין, אז מיט אזא זיין ברענגט ער זיך אום. לאגיק איז איין זאך, און פסיכאלאגיע איז א צווייטע זאך. דא רעדט זיך וועגן דעם עטישן שטריך פון דער דעמאקראטיע. דעם טאלע־ראנטן מענטשן איז אוממעגלעך צו פראקטיצירן אקטן פון טיראניע און אומטאלעראנץ. די פרייהייט פון יעדן צו זאגן און צו דענקען לויט זיין

איינזען, איז ביי אים נישט קיין זאך וואָס דער שכל איז מחייב, נאָר דאָס איז אַ חיוב וואָס ווערט דיקטירט פון זיין נשמה. — אזוי, פילט ער, דאַרף זיין. דאָס וואָס די לאָגיק טוט דאָ יאָ אויף, איז, וואָס זי גיט די מאַכט דער מערהייט. אזוי ווי די מערהייט וויל, אזוי דאַרף די מינדערהייט אויך וועלן און זיך אונטערוואַרפן, אז ניט וואָלט מען זיך אויסגעשטעלט צו חרוב־מאַכנדיקן כאַאָס.

אַלזאָ, אויב פון איין זייט נעגירט די דעמאָקראַטיע די פסיכיק פון דעם אויטענטישן סאָציאַליסט מיט איר אָפּלייגן דעם סאָציאַליזם אויף „אחרית הימים" און אין דער קעגנוואַרט גיט זי אים אַנטיסאָציאַליזם און קאַפּיטאַליזם, איז זי אָבער פון דער צווייטער זייט אַנטשפּרעכנד זיין טאָלעראַנטע און גרוסמוטיקע נאַטור, מיט דעם, וואָס זי גיט פרייהייט אַלע מענטשן צו זיין וואָס זיי זיינען און אַליין צו באַשטימען זייער גורל, נישט ווערנדיק פאַרגוואַלטיקט פון קיין שום גרופּע אָדער קלאַס, מעג ער אַפילו זיין דער בעסטער.

אומגעקערט איז די פסיכאָלאָגיע פונעם קאָמוניזם. קאָמוניזם איז מקריב די טאָלעראַנץ פסיכיק פאַר דער שנעלער בויונג פונעם סאָציאַ־ליזם. עס איז געוועגדט וועלכע פסיכישע כוחות זיינען אין איינעם שטאַר־קער פאַרטראַטן, אהין גייט זיין לעבנס־וועג און זיין אידעאָלאָגישע אָריענ־טאַציע. שטענדיק אָבער דאַרפן מיר די סיבות זוכן אין מענטשן, נישט אויסער אים, והראיה, די אויסערלעכע אומשטענדן זיינען סיי פאַר די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, סיי פאַר די קאָמוניסטן איינע און די זעלבע.

קאַפּיטל 8

סאָציאַלע אָרדענונג

1

איז קאַפּיטאַליזם אַן אָרדענונג? האָט עמיצער ציל־באַוואוסט איינגע־אָרדנט די מענטשלעכע געזעלשאַפט לויטן קאַפּיטאַליסטישן שניט? איז דער קאַפּיטאַליזם אַמאָל־אַמאָל אויסגעטראַכט געוואָרן פון טעאָרעטיקער און איינגעשטעלט געוואָרן דורך אַ קאַפּיטאַליסטישער רעוואָלוציע? ניין! קאַפּיטאַליזם איז נישט קיין אָרדענונג. דער קאַפּיטאַליסטישער לעבנס־אופן, וואָס ווערט פּראַקטיצירט פון די מענטשן זינט זייער סאָציאַלן גע־נעזיס, איז פ ו ן ז י ך א ל י י ן אויפגעקומען. די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג איז ג ע װ אָ ר ן! צוזאַמען מיטן מענטשן האָט זי זיך אַרויס־קריסטאַליזירט און אַנטוויקלט פון דעם פּרימיטיוון חיה־צושטאַנד. סאָציאַלע אָרדענונג איז נ אַ ט ו ר ־ אָ ר ד ע נ ו נ ג; סאָציאַלע אָרדע־נונג מיינט פּונקט דאָס זעלבע וואָס באָטאַנישע אָרדענונג און זאָאָלאָגישע אָרדענונג. איך שייך דאָ צו ריידן וועגן אָרדענונג? ניין! „אָרדענונג" איז שייך צו זאָגן דעמאָלט, ווען זאַכן קענען אַזוי אָדער אַנדערש גע־אָרדנט ווערן, דאָס הייסט, אַז זיי מוזן נישט, לויט זייער אינערלעכער טבע, זיין אַזוי ווי זיי זיינען, נאָר זיי קאָנען זיין אי אַזוי, אי אַנדערש, לויט דעם, ווי מ'וועט זיי איינאָרדענען. אינערלעך זיינען זיי אינדיפע־רענט צו דער אויסערלעכער איינאָרדענונג. דעמאָלט קען זיין אַ רייד פון ציל־באַוואוסטער איינאָרדענונג. ווען זאַכן, אָבער, טראָגן אין זיך אַ גע־וויסע נויטווענדיקייט צו זיין ווי זיי זיינען, דאָס הייסט, אַז זייער אופן פון זיין איז די אויסנווייניקסטע דערשיינלעכע זייט פון זייער אינערלעכן מהות, דעמאָלט קען מער קיין רייד נישט זיין פון זייער ציל־באַוואוסטער איינאָרדענונג; דעמאָלט איז דער ז י י ן פון די זאַכן דאָס זעלבע, וואָס זייער א י י נ ג ע אָ ר ד נ ט ק י י ט.

די קאפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט האָט זיך אַנטוויקלט צוזאַמען מיטן מענטשן. ווען דער מענטש איז נאָך געווען אַן אומוואָגלענדיקע, נאַקעטע חיה, וואָס האָט קוים געקענט ארויסברענגען עטלעכע אַרטיקולירטע קלאַנגען; ווען זיין שפּייז־באַפרידיקונג איז נאָך געקומען דירעקט פון דער נאַטור, שוין דעמאָלט האָבן עקזיסטירט „עקספּלואַטירער" און „עקספּלואַטירטע", „האַרן" און „שקלאַפן" אין דער „מענטשלעכער געזעלשאַפט".

מען איז געגוויגט אויפצופאַסן די פּרימיטיווע געזעלשאַפט ווי אַ קאָמוניסטישע. דאָס דערפאַר, וואָס מען זעט נישט אין איר קיין אומגלייכקייט. דאָס איז אָבער נישט ריכטיק. אויב עס איז נישט איינצוזען אין דער פּרימיטיווער געזעלשאַפט קיין אומגלייכקייט, איז עס נישט אויס קאָמוניזם, נאָר אויס דעם, וואָס ביי די דעמאָלטיקע אומשטענדן איז נישט מעגלעך געווען קיין אומגלייכקייט. מער אָדער ווייניקער האָבן אַלע געמוזט עסן די זעלבע שפּייז, וואוינען אין די זעלבע היילן, גיין די זעלבע „הלבשה" אא"וו. עס האָבן דאָך דעמאָלט נישט געקענט זיין קיין גרויסע ערד־באַזיצער, אינדוסטריאַלן און פינאַנציסטן. אין וואָס, מ'שטיינס געזאָגט, האָט זיך אומגלייכקייט געקענט אויסדריקן אין דער שטיין־צייט? אָט איז, למשל, די וועלט פון חיות. ווער וועט זאָגן, אַז חיות לעבן אין אַ קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג? דאָך איז זי לויט איר מהות אַזעלכע.

וואָס ציוויליזירטער דער מענטש איז געוואָרן, וואָס זיין אינטעלעקט איז רייכער געוואָרן אין שאַפונגס־פּאָטענץ און אין דערפאַרונגען, און האָט אָנגעהויבן אַרויסברענגען דערפינדונגען, וואָס דאָס האָט אויסגעברייטערט דעם קרייז פון זיינע באַפרידיקונגען און באַדערפעניש, אַלץ מער האָט זיך געקענט אויסווירקן זיין עגאָיסטישע גיריקייט און אָננעמען אַלץ ברייטערע פּראָפּאָרציעס. פון אָנפאַנג ווען דאָס לעבן פונעם האָמאָ איז נאָך רעדוצירט געווען כמעט ביזן חיהשן שטאַנד, האָט דער עגאָיסטישער ווילן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך אויסצואווירקן. דער שטאַרקערער אינדיווידואום האָט פּשוט נישט געהאַט ביי וואָס און צוליב וואָס אויסצונוצן דעם שוואַכערן. ווען דער האָמאָ האָט אָבער אָנגעהויבן שטייגן אויפן לייטער פון קולטור־לעבן: ער האָט זיך איינגעשאַפט אַ באַשטימטן וואוינפּלאַץ, ער האָט אָנגעהויבן פּראָדוצירן איבערגעבליבענס, דעמאָלט איז עס מעגלעך געוואָרן, אַז די עגאָיסטישע ליידנשאַפט פון שטאַרקערן יחיד, זאָל אָנהויבן, אין די ברייטסטע מאַסשטאַבן, צו באַקומען אויסדרוק און ווערן ס אָ צ י אַ ל ע ר ש ט י י ג ע ר.

כדי אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט זאָל זיך געווען קענען אָנהויבן אַן עקספּלואַטאַציע פון שוואַכערע דורך שטאַרקערע און עס זאָל דערפון ווערן לעבנס־שטייגער, האָט פריער באַדאַרפט זיין אַ הויכע מדרגה

פון קולטור. כדי איין מענטש זאָל געווען קענען אָנהויבן זאָגן צו אַ צווייטן מענטש זיינסגלייכן און צו טויזנט אַזעלכע: דו געהערסט צו מיר, דו ביסט מיין אייגנטום, דו ביזט מיין שקלאַף, איך קען מיט דיר טאָן וואָס איך וויל און דו מוזט מיר זיין געהאָרכזאַם און פאַר מיר אַרבעטן, און דאָס זאָל ווערן אַן אַלגעמיין פאַרשפרייטער געזעלשאַפטלעכער שטייגער, האָבן גע־מוזט דורכגיין לאַנגע צייט־פעריאָדן אין וועלכע עס זאָל זיך אַרויסווייזן די גרויסע נוצלעכקייט פון מענטשנס אַרבעט. ווען מענטשן האָבן ביי גאַרנישט געקענט אַרבעטן, ד"ה גאָרנישט פּראָדוצירן, נאָר בלויז פאַר־ברויכן, און דער פאַרברויכס־אופן איז געווען פאַר אַלע גלייך, האָט דאָך נישט געקענט געמאָלט זיין, אַז דער שטאַרקערער זאָל זיך צווייגענען שוואַכערע און זיי באַזיצן. אויף וואָס האָט ער זיי באַדאַרפט! די זעלבע פּאַרציע שפּייז, וואָס דער „האַר" האָט באַדאַרפט עסן אום נישט צו שטאַרבן פון הונגער, וואָלטן אויך באַדאַרפט די קנעכט. טאָמער וואָלט דער ערשטער ביי די לעצטע צוגענומען זייער שפּייז און עס אַליין אויפ־געגעסן, וואָלטן די לעצטע געשטאָרבן פון הונגער און אוים מיט זיי.

שקלאַפעריי האָט געקענט אַנטשטיין ערשט נאָכדעם ווי די פּראָדוק־ציע איז פילפאַך איבערגעשטיגן דעם פאַרברויך און עס האָט געקענט גע־מאָלט זיין אַ פּראָדוצירונג פון איבערגעברויך און אויך אַ פּראָדוצירונג פון ווערטן, וואָס אָן זיי איז מען נישט געשטאָרבן און דאָך האָט מען זיי געוואָלט האָבן, ווייל זיי זיינען געווען באַקוועם. אָן קיין פּראָדוציר־מיט־לען האָט נישט געקענט זיין קיין עקספּלואַטאַציע. אָן פּראָדוציר־מיטלען האָט די „עקספּלואַטאַציע" געקענט זיין בלויז — גענומען און דערהרגעט דעם שוואַכערן און זיך צוגעייגנט זיין „פּריוואַט אייגנטום"", וואָס איז באַשטאַנען פון אַ פּרעהיסטאָרישן אָנבייסן, אַ פאַרשפּיצטן שטיין אדג"ל. דאָס אַלץ מיינט אָבער נישט צו זאָגן, אַז די געזעלשאַפטלעכע אומגלייכ־קייט איז אַ פּועל יוצא פון געצייג. דאָס געצייג, ד"ה די פּראָדוציר־מיט־לען, איז געווען נישט מער ווי אַ נויטיקער פאַר־תנאי פאַר דעם, אַז די עגאָיסטישע נאַטור פון מענטשן זאָל קענען באַקומען אויסדרוק. קיינער וועט דאָך נישט זאָגן, אַז דער מענטש איז אַלס חיה געווען בעסער ווי אַלס מענטש; אַז נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעהויבן צו שטייגן אויף דער מדרגה פון קולטור, האָט ער דעגראַדירט צוריק צום חיה־גייסט.

ווען די מענטשן האָבן דערגרייכט צו דער שטופע פון אַנטוויקלונג אַז זיי האָבן געקענט אָנהויבן אַ פּראָצעס פון פּראָדוצירן, דעמאָלט איז די אָביעקטיווע סאָציאַלע לאַגע רייף געוואָרן דערצו, אַז די נ א ט י ר ל ע כ ע א ו מ ג ל י י כ ק י י ט פון די מענטשן, זאָל זיך אָנהויבן פאַרוואַנדלען אין ס אָ צ י אַ ל ע ר א ו מ ג ל י י כ ק י י ט. ווען דער מענטש האָט

זיך נאָך געפונען אין דער סטאַדיע פון נאַקעטן יענער, האָט נישט גע־קענט עקזיסטירן קיין אומגליקלעכקייט אַלס ס אָ צ י אַ ל ע ר ש ט י י־ג ע ר. כדי אומגליקלעכקייט זאָל קענען ווערן שטייגער, האָט געמוזט זיין קולטור, ד״ה, עס האָט געמוזט זיין צוליב וואָס און מיט וואָס אונטערצו־דריקן די שוואַכערע. דערפאַר טאַקע זעען מיר, אַז וואָס העכער ס'איז געשטיגן די קולטור אַנטוויקלונג, אַלץ גרעסער איז געוואָרן די אומגליקלעכ־קייט. קולטור האָט ד ע ר מ ע ג ל ע כ ט אומגליקלעכקייט, אָבער נישט באַשאַפן איר. אומגליקלעכקייט איז אַן אוניווערסאַלער נאַטור־געזעץ. אַזוי איז עס אויך אין דער חיות־וועלט: ס'זיינען פאַראַן יעגער און געיאָגטע, פאַראַן פאַרצוקער און פאַרצוקטע. עס הייסט, אַז דאָס וואָס מיר זעען, אַז וואָס העכער עס האָט זיך דערהויבן דאָס קולטור־לעבן פון מענטשן, איז אַלץ טיפער געוואָרן דער תהום צווישן אַן עקספּלואַטירנדיקן שיכט און אַן עקספּלואַטירטן, דאַרף פאַרשטאַנען ווערן ווי אַ רעזולטאַט פון דעם עגאָיסטישן ווילן פון מענטשן, דערמעגלעכט דורכן פּראָגרעס. דער פּראָג־רעס האָט נישט מער ווי דערמעגלעכט, אַז דער ווילנס־פאַקטאָר זאָל וואָס אַמאָל באַקומען אַלץ אַ ברייטערן פעלד פאַר אויסווירקונג.

די אומגליקלעכקייט פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, אין אַלע אירע פאַזן פון אַנטוויקלונג, איז שטענדיק אַרויסגעקומען פון איינע און די זעלבע סיבות: פון דעם מענטשנס עגאָיזם און פון דעם וואָס די מענטשן זיינען אומענדלעך צעטיילט אויף שטאַרקע און שוואַכע, קלוגע און נאַ־רישע, געוואַגטע און אומגעוואַגטע, דערפינדערישע און טעמפּע, ענערגישע און אַפּאַטישע, מוטיקע און אַפּהענטיקע, אונטערנעמערישע און ווילנס־לאָזע, איניציאַטיוופולע און אָפּגעלאָזענע און אַזוי ווייטער און ווייטער, אָן אַ שיעור. — לעבן רייסט־אויף אויף אַן אומגליכן אופן: אין איין אָרט פאַלט אַ פונק און אין צווייטן אַ פלאַם... אין דער מענטשלעכער גע־זעלשאַפט קומט פאָר אַ כסדרדיקער איבערמיש פון פאַרשידנאַרטיקע אינ־דיווידן. די מענטשהייט איז דיפערענצירט און צעטיילט אויף אַזויפיל פאַרשידענע טיילעכלעך, פון וויפל יחידים זי איז צוזאַמענגעשטעלט. און די דאָזיקע טיילעכלעך זיינען קאָנטראַסטפול. נישטאָ קיין צוויי גלייכע. יעדעס טיילעכל איז אָדער אַביסל שטאַרקער אָדער אַביסל שוואַכער פאַרן צווייטן. און יעדעס שטאַרקערע טיילעכל איז באַהערשט פון אַ ווילן זיך צו אימפּאָנירן איבערן שוואַכערן. יעדעס שטאַרקערע און פעיקערע טיי־לעכל רייסט זיך אויף אַרויף און זוכט אַראָפּצושטופּן דעם שוואַכערן און ווייניקער פעיקערן טיילעכל אויף אַראָפּ...

דער סאָציאַלער פאַרשריט, וועלכער ער אַליין איז אַ פּועל יוצא פון דעם מענטשנס דענקערישע קאַפּאַציטעט, האָט נאָר געפירט דערצו, אַז

עס זאָלן זיך ענדערן און בייטן די פאָרמען פון דער ביאָלאָגישער אומ־גלייכקייט, צוגעפּאַסט צו דעם שטאַנד פונעם פּראָגרעס. וואָס העכער עס איז געשטיגן די טעכנישע אַנטוויקלונג, אַלץ גרעסער איז געוואָרן די אומגלייכקייט, ווייל אַלץ ברייטער זיינען געוואָרן די מעגלעכקייטן פאַר דער עגאָיסטישער טבע זי זאָל זיך קענען אויסווירקן. דער עצם פאַקט אָבער פון אומגלייכקייט, אויף אַלע זיינע קולטור־מדרגהס, ווי דער עצם פאַקט פון דער קולטור־אַנטוויקלונג, זיינען ביידע רעזולטאַטן פון דעם מענטשנס גייסט. וואָלט דער מענטש נישט געווען קיין ליידנשאַפטלעכער עגאָיסט, וואָלט אים קיינמאָל נישט איינגעפאַלן דער געדאַנק צו מאַכן פון אַ צווייטן מענטשן זיינס אַן אייגנטום און אַ שקלאַף; וואָלט אים קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו פאַרכאַפּן אומענדלעכע שטרעקעס לאַנד, וואָס וואָלטן געניגט פאַר טויזנטער און זאָגן אַז דאָס איז „מיינס" און קיינער טאָר זיך מער נישט באַנוצן מיט זיי. ער וואָלט, פאַרקערט, גע־פילט און פאַרשטאַנען, אַז אַלע מענטשן ווערן געבוירן גלייך, מיט די זעלבע רעכטן און מיטן זעלבן באַזיץ. די ערד קערט צו אַלע גלייך און דער וואָס איז פריער באַטראָטן אַ שטיק פריי לאַנד, האָט מיט דעם דאָך נישט מער רעכט אויף דעם, ווי די טויזנטער אַנדערע וואָס וועלן קומען נאָך אים. נאָר אַ באַשעפעניש וואָס איז געווען דורכגעדרונגען מיט עגאָיס־טישער גיריקייט ביזן עצם; האָט געזוכט אָנצוזשוויבן פאַר זיין מיזע־ראַבלען שטיקל איך אַלע ווערטן און רייכטימער פון דער וועלט; נאָר אַ באַשעפעניש וואָס איז געווען זשעדנע און גיריק און גייציק נאָר פאַר זיך, האָט געקענט קומען צו זיין ברודער און אים זאָגן: איך בין שטאַרקער, דערפאַר ביזטו מיין קנעכט. אַרבעט! און איך וועל דיין אַרבעט פאַר־ברויכן.

האָבן די שטאַרקע אַזוי איינגעשטעלט, אַז די שוואַכע זאָלן געהערן צו זיי און זיי זאָלן האָבן אַ רעכט אויף זייער לעבן און אַרבעט און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי צו פירן, — איז דאָס געוואָרן לעבנס־שטייגער. האָבן די שטאַרקע אַזוי איינגעשטעלט, אַז דאָס פאַרכאַפּן פון לענדערייען מאַכט זיי פאַר זייערס אַן אייגנטום און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי צו פירן, — איז דאָס געוואָרן לעבנס־שטייגער. אויסער דעם וואָס מען האָט אָנגעהויבן מאַכן אַזעלכע געזעצן וואָס האָבן באַרעכטיקט דעם רויב, האָט נאָך דאָס לעבן גופא, שטאַרקער פון געשריבענע געזעצן, אָנגעהויבן אַזוי איינצוגעוואוינען די מענטשן, אַז עס דאַרפן זיין הערן און קנעכט. דאָס לעבן איז אַ מעכטיקער כוח. נאָכדעם ווי מענטשן לעבן אַ צייט אונטער אַ געוויסן לעבנס־שטייגער, וואַקסט דאָס אַריין אין זיי און עס ווערט ביי זיי אַ נאַטירלעכע זאַך, קעגן וועלכער בלויז שטאַרקע קענען זיך קעגנ־שטעלן.

די סיבה הראשונה פון דער געזעלשאַפטלעכער אומגלייכקייט, דאַרף מען שטענדיק זוכן אין דער חיה, וואָס איז געבליבן וואוינען אין יעדן מענטשן (און אין מאָדערנעם „קולטור"־מענטש האָט די חיה זייער אַ באַקוועמע דירה). די דירעקטע סיבה פון דער געזעלשאַפטלעכער אומגלייכקייט איז אין דער אומגעצוימטער מענטשלעכער גיריקייט און אין דער מיטגעבוירענער אינדיווידועלער אומגלייכקייט. וואָלטן מענטשן געבוירן געוואָרן גלייכמעסיק אין אַלע הינזיכטן, וואָלט דער עגאָיסטישער ווילן נישט געקענט גורם זיין קיין דיפערענציאַציע. וואָלט דער מענטש געווען אַ גוט באַשעפעניש, וואָלט די אינדיווידועלע פאַרשידנקייט אים נישט געשטויסן אויסצונוצן די שוואַכערע און ווייניקער פעיקערע פון אים, נאָר אַלע וואָלטן גלייך געאַרבעט און זיך געטיילט מיט די פרוכטן פון דער אַרבעט. די פּראָדוציר־מיטלען פון רייכטום, פון וואָס פאַראַ גראַד אַנטוויקלונג זיי זאָלן נישט זיין, זיינען אָנפאַרזיך גלייכגילטיק צו די געזעלשאַפטלעכע איינשטעלונגען. זיי טוען גאָרנישט, נישט אַז מענטשן זאָלן לעבן אין גלייכקייט אָדער אין אומגלייכקייט. זיי דערמעגלעכן בלויז, אַז די לעבנס־אופנים זאָלן זיך אַזוי אָדער אַנדערש ענדערן. די אופנים, אין עצם, בלייבן שטענדיק אַזעלכע ווי זיי זיינען. אויב מען אָנערקענט, אַז דער מענטש איז דורכויס אַן עגאָיסטיש וועזן און זיין נאַטור איז צו זאָרגן נאָר פאַר זיך, אָנערקענט מען שוין גלייכצייטיק מיט דעם אויך, אַז עס מוז זיין אומגלייכקייט אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, ווערן עקספּלואַטירטע און אויסגענוצטע אַ סאָציאַלע נויטווענדיקייט.

II

דער אונטערשייד צווישן דעם קאַפּיטאַליסטישן לעבנס־אופן און דעם סאָציאַליסטישן איז אַזוי גרויס, ווי דער אונטערשייד צווישן דעם לעבן פון צוויי גאַנץ באַזונדערע מינים. דער מענטש וואָס לעבט אין קאַפּיטאַליזם און דער מענטש וואָס וואָלט געלעבט אין סאָציאַליזם, שטעלן מיט זיך פאָר צוויי פאַרשידנאַרטיקע וועזנס, וואָס יעדער איינער וואָלט באַדאַרפט באַזיצן אַן אַבסאָלוט פאַרשידענע נאַטור ווי דער צווייטער. ווי איז עס דענקבאַר, אַז אַזאַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין דעם מענטשנס וועזנטלעכקייט זאָל קענען געמאַכט ווערן דורך מלוכה־צוואַנג?...

מלוכה איז די אָ ר ד ע נ ע נ ד י ק ע אַ ג ע נ ט ו ר פון דער געזעלשאַפט. די סאָציאַלע פּראָצעסן מוזן פאָרקומען אויטאָנאָם. די מלוכה פאָלגט זיי, די אויטאָנאָמע סאָציאַלע פּראָצעסן, נאָך. נישט די מלוכה מאַכט, אַז די סאָציאַלע פּראָצעסן זאָלן פאָרקומען, נאָר די סאָציאַלע פּראָצעסן קריגן זייער אויסדרוק אין געאָרדנטער מלוכהשקייט. ווען דאָס לעבן

ווערט רייף צו געוויסע ענדערונגען, דערפילט דאָס די מלוכה און פירט אויס דעם מאַנדאַט פון לעבן. מלוכה קען נישט ליקווידירן געזעלשאַפט־לעכע שטייגערן, וואָס קומען אויף ספּאָנטאַן. מלוכה קען נישט צעשטערן קיין סאָציאַלע אינסטיטוציעס, וואָס זיינען באַזירט אויף איינגעשאַפטן פון דעם מענטשנס נאַטור, וואָס זיינען דער אָרגאַניזירטער אויסדרוק פון די דאָזיקע נאַטירלעכע איינגעשאַפטן. פונקט אַזוי קען מלוכה נישט באַשאַפן קיין אַנדערע אינסטיטוציעס, פאַר וועלכע עס איז נישט פאַראַן קיין נאַ־טירלעכע באַזע. מלוכה קען בלויז צעטרייסלען און אויפרודערן די נאַטיר־לעכע געזעלשאַפטלעכע שטייגערן, זיי לפּנים ליקווידירן און אויבערפלעכ־לעך באַשווערן זייער פונקציע. מיט דעם אָבער, זיינען זיי נאָכנישט אָפּגעשאַפט און אויסגעוואָרצלט. זייער סטיכיע איז פאַראַן. די קראַפט וואָס באַשאַפט זיי — לעבט, און זיי מוזן, פריער אָדער שפּעטער, צוריק אויסוואַקסן. אונטערדריקן כוחות, זיי אַרייניאָגן אין דער טיפעניש פון מענטשן, הייסט נישט זיי אָפּשאַפן. עס מוז קומען אַ מאָמענט, ווען אונ־טערדריקטע כוחות רייסן אויף. אַזוי אויך, קען מען נאָר לפּנים באַשאַפן אינסטיטוציעס, וואָס האָבן נישט אונטער זיך קיין ספּאָנטאַנע גייסט־באַזע. אַזעלכע זיינען קינסטלעכע פּלאַנצן, וואָס זיינען אינערלעך טויט. אָט, למשל, אייגנטום, אייגנטום איז ס אָ צ י אַ ל ע דערשיינונג; אומגלייכ־קייט איז נ אַ ט ו ר ־ דערשיינונג. אייגנטום איז די פאַרפּיקסירטע פאָרם; אומגלייכקייט איז דער אָריגינעלער אינהאַלט. מיט דעם וואָס עס איז אויפגעלייזט די סאָציאַלע פאָרמול, איז נאָך נישט אויפגעלייזט דער נאַ־טירלעכער אינהאַלט. מיט דעם וואָס עס איז אַראָפּגעריסן דער סאָציאַלער סטרופּ, הייסט עס נאָך נישט, אַז עס איז באַזייטיקט דער סטיכישער אָנוואַקסונגס־פּראָצעס פון דער מכה. די געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונג איז געגאַנגען פון אומגלייכקייט צו אייגנטום. פון אָנפאַנג איז געווען פּרימיטיווע אומגלייכקייט. מיט דער אָנרייפונג פון די קולטור־תנאים, האָט די פּרימיטיווע אומגלייכקייט זיך אָנגעהויבן אויסקריסטאַליזירן און אָננעמען באַשטימטע און סאָלידע סאָציאַלע פאָרמען. זי האָט אָנגעהויבן קריגן דעפיניטיווע לעגאַלע סאַנקציעס, און אַזוי איז זי געוואָרן פאַרשטיי־נערט אינעם קאַפּיטאַליסטישן געזעץ און רעכט. וואָס פאַר אַ ווערט האָט אין אָנבליק פון דער ביאָלאָגישער אומגלייכקייט, דער פאַקטאָר פון מלוכה־צוואַנג? די טענדענץ פון לעבן איז צו דיפערענציאַציע. ווי לאַנג קען אַ מלוכה אָנווענדן צוואַנג צו געמיינזאַמקייט?! פריער אָדער שפּעטער מוז עס קומען דערצו, אַז מלוכה זאָל ווערן אויסדרוק פון לעבן און נישט פאַר־קערט; פריער אָדער שפּעטער מוז עס קומען דערצו, אַז די געזעצן זאָלן זיך צופּאַסן צו דאָס ווערנטלעכע און נישט דאָס וועזנטלעכע זאָל זיך צו־

פּאַסן צו די געזעצן. פּריוואַט־אייגנטום קען מען דורך אַ מלוכה־געזעץ אָפּשאַפן, ווייל אין איינעם אַ טאָג איז פּריוואַט־אייגנטום דורך אַ געזעץ געשאַפן געוואָרן. דורך גוואַלטזאַמע מיטלען קען מען ביי די רייכע צונע־מען זייער פאַרמעגן. מען קען אָבער נישט דורך קיין גוואַלטזאַמע מיטלען און דורך קיין מלוכה־דעקרעטן אויסגלייכן די מענטשן און זיי מאַכן אַלע פאַר גוטע. נישט דורך דעם וואָס מ׳וועט פאַרשפאַרן אין תפיסה די יעניקע וואָס ווילן אַ גרעסערן חלק פאַר זיך, וועט מען באַקעמפן דעם עגאָיזם. נישט דורך דעם וואָס מ׳וועט אָננעמען פּאָליציייאישע מיטלען קעגן אייגננוציקע מענטשן, וועט מען אויסוואָרצלען דעם אייגננוץ. מיט קיין צוואַנגס־דעקרעטן קען מען קיין לעבן נישט בויען. לעבן מוז אויפ־קומען ספּאָנטאַן און פון זיך אַליין! לעבן וואָס ווערט דיקטירט פון מלוכה האָט קיין האַפט און קיין ממשות נישט. אָנהויבן ביי מלוכה, הייסט אָנ־הויבן ביים סוף. גיין פון מלוכה צו לעבן, הייסט גיין צוריקוועגס. און ווער איז דען מלוכה? מלוכה איז דאָך — דער אָרגאַניזירטער אויסדרוק פון אַלגעמיינעם ווילן. עס קען זיך מאַכן, אַז צוליב אַ גאַנצער ריי סיבות זאָל מלוכה אין אַ באַשטימטן היסטאָרישן מאָמענט זיין דער קעגנזאַץ פון פרייען נאַטירלעכן ווילן פון די מענטשן. אַזאַ מלוכה קען אָבער לאַנג נישט אָנהאַלטן. מלוכה וואָס איז געמאַכט פון מענטשן, מוז זיך פריער אָדער שפּעטער צופּאַסן צו זייער נאַטירלעכן זיין, און נישט זי זאָל צופּאַסן זייער זיין צו אירע צוואַנגס־באַשלוסן. אַ מלוכה וואָס איז דער פרייער אויסדרוק פון מענטשלעכן זיין, דאַרף אינגאַנצן צו קיין צוואַנג נישט אָנ־קומען, און אַ מלוכה וואָס נוצט יאָ צוואַנג, ווייזט מיט דעם אַליין, אַז זי דעקט נישט דעם פרייען ווילן, דאָס הייסט, דעם נאַטירלעכן, ביאָלאָגישן, זיין פון אירע בירגער און זי איז גוואַלדהאַפטיק און, במילא, צייטווייליק.

III

מען קען נישט מאַכן קיין לעבן אָן מענטשן. מען קען נישט ריידן וועגן אופנים פון מענטשלעכן האַנדלען, נישט ריידנדיק גאָרנישט וועגן די אופנים פון מענטשלעכן ו ו י ל ן ווי אַזוי צו האַנדלען. מען דאַרף קאָנ־סולטירן דעם מענטשנס אינערלעכקייט, כדי צו וויסן, ווי אַזוי צו מאַכן זיין אויסערלעכקייט. אַ לעבן, וואָס וויל זיין צוגעשניטן לויט געזעצן, פאַר־פאַסטע און אויסגעטראַכטע אין קאַבינעטן, קען קיין קיום נישט האָבן. קיין נאַטירלעכע געזעצן קען מען נישט פאַרגוואַלטיקן. מען קען עס אפשר יאָ טאָן אויף אַ ווײַלע, אָבער נישט אויף שטענדיק. פריער אָדער שפּעטער מוזן די זאַכן קומען אויף זייער אָרט...

לעבן מוז אויפקומען פריי און אומגעשטערט. לעבן מוז זיין דער אויסדרוק פון נאַטירלעכע גייסטיקע שטראָמען, וואָס פאַרקערפּערן זיך אין אינדיווידועלער און סאָציאַלער האַנדלונג. מענטשלעך לעבן מוז אויפקר־מען פריי און אומגעצווימט, ווי עס קומט אויף פריי און אומגעצווימט דאָס לעבן אין דער גאַנצער נאַטור.

עס האָט באַדאַרפט זיין אַ קלאָרער און אויבנאָויפיקער אמת, אַז סאָ־ציאַליזם, דאָס הייסט אַ געמיינשאַפטלעך צוזאַמענלעבן פון די מענטשן, מוז זיין אַן אויסדרוק נאָר פון זייער פרייען גוטן ווילן, פון זייער געמיינ־זאַמקייט־גייסט. די הויפט־אויפמערקזאַמקייט פון אַ סאָציאַליסטישער באַוועגונג וואָלט באַדאַרפט געשאָנקען ווערן דער גייסט־פראַגע. האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט פונקט פאַרקערט: די פראַגע פון סאָציאַליסטישן גייסט האָט מען אַראָפּגענומען פון טאָגאָרדענונג. עס זיינען בלויז געבליבן בלומרשטע סאָציאַליסטישע לעבנס־פאָרמען. דאָס אָרט פון סאָציאַליס־טישן פריי־גייסט, רעכנט מען צו קאָנען פאַרבייטן מיט מלוכה־צוואַנג. זאָגן מיר, אַז געצוואונגענע געמיינזאַמקייט — ווען מ׳זאָל שוין אפילו דער־לאָזן, אַז עס קען זיין אַ געצוואונגענע סאָציאַלע אָרדענונג — איז נישט קיין סאָציאַליזם.

נישט קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג צי סאָציאַליסטישע אָרדענונג, נאָר קאַפּיטאַליסטישער מין מענטש, צי סאָציאַליסטישער מין מענטש; נישט קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע, צי סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע, נאָר מענטשלעכע ק אַ פּ י ט אַ־ל י ס ט י ש ע ט ב ע, צי מענטשלעכע ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע טבע — אָט ווי אַזוי עס דאַרף אויפגעפאַסט ווערן דאָס סאָציאַלע פּראָבלעם.

די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט איז באַזירט אויף אַן עגאָיסטיש־אינדי־ווידואַליסטישן ווילן און די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט וואָלט באַדאַרפט זיין באַזירט אויף עטיש־קאָלעקטיוויסטישן ווילן. גייענדיק בויען סאָציאַ־ליסטיש לעבן, וואָלט מען פריער באַדאַרפט לאָזן אין גאַנג די סאָצאַליס־טישע כוחות אין מענטשן, וואָס זאָלן סטימולירן דאָס סאָציאַליסטישע לעבן. דער איצטיקער קאָמוניסטישער סיסטעם קאָנסטרואירט אַ סאָציאַ־ליסטישע געזעלשאַפטס־מאַשין, נאָר ער פאַרגעסט איר צוצוגעבן ב אַ־ז ו ע ג ־ ק ר אַ פ ט. ער מיינט, אַז די באַוועג־קראַפט קען זיין מלוכה־צוואַנג. פון איין זייט לייגט ער די גאַנצע אכט אויף צו באַגינסטיקן די אויסנווייניקסטע אומשטענדן פאַר די מענטשן. פון דער צווייטער זייט לייגט ער גאָר קיין אכט נישט אויף צו באַגינסטיקן די א י נ ע ו ו י ־נ י ק ס ט ע אומשטענדן פון די מענטשן. פון אינעווייניק איז אַלץ גע־צוואונגען און פאַרגוואַלדיקט. איז וואָס פאַר אַ ווערט האָט לעבן ווען

אונטער דעם שטראָמט נישט קיין פריי־שעפערישע ענערגיע?! עס איז ווייניק וואָס מען שטרעבט צו שאַפן גינסטיקע אָביעקטיווע לעבנס־תנאים, מען מוז אויך שאַפן סוביעקטיווע לעבנס־תנאים. פונקט ווי מען מאַכט אויסערלעכע בוי־פּלענער, אַזוי מוז מען אויך מאַכן אינערלעכע בוי־פּלע־נער. קאָלעקטיוו לעבן מוז זיין באַזירט אויף עטישע אימפּולסן, אויף ליבע פון מענטש צו מענטש.

דער קאָמוניסטישער סיסטעם איז פאַר געצוואונגענער קאָלעקטיווי־זאַציע. איז וואָס פאַר אַ זינען האָט עס צו צווינגען מענטשן צו לעבן אין קאָלעקטיוון? ווי קען מען אַריינקוועטשן מענטשן בגוואַלט אין אַ געמיינשאַפט און צו זיי זאָגן: איר מוזט לעבן איינעם און טאָמער נישט, וועט מען אייך פאַרשפּאַרן אין תפיסה? ווי קען דער שטאַט קומען צום יחיד און אים באַפעלן: דו מוזט לעבן אין חברשאַפט מיט דיין שכן, אַנדערש וועלן מיר דיך נישט לאָזן עקזיסטירן? איז דאָס סאָציאַליזם? בשום אופן נישט! סאָציאַליסטישע קאָלעקטיוון וואָלטן געמיינט: פרייע, ברידערלעכע פאַרבאַנדן, וואו די קאָלעקטיוו־מיטגלידער לעבן זיך אויס געמיינשאַפטלעך, ווייל דאָס דריקט אויס זייער געמיינזאַמקייט־גייסט.
סאָציאַליזם און צוואַנג, קאָלעקטיוויזאַציע און צוואַנג, זיינען צוויי דערשיינונגען, וואָס לייקענען זיך אָפּ און שליסן זיך אויס, אין תוך, איינע די צווייטע. צווינגען צו קאָלעקטיוויזאַציע איז דאָס זעלבע, וואָס צווינגען צו ליבע, צווינגען צו גלויבן, צווינגען צו פריינטשאַפט, צווינגען צו ברוד־דערשאַפט און אַזוי ווייטער. צוואַנג בלייבט צוואַנג, אַפילו ווען ער ווערט אָנגעווענדעט מיטן ציל צו שאַפן פאַר די באַצוואונגענע מער מאַטעריעלן וואוילשטאַנד. אַלץ וואָס מען קען זאָגן איז, אַז דער קאָמוניסטישער שטאַט זאָרגט, אַז זיינע אונטערטאַנען און באַשעפּטיקטע, איבער וועלכע ער האָט די גאַנצע דעה, זאָל לעבן אין בעסערע עקאָנאָמישע אומשטענדן.

אויב דער סיסטעם פון גוואַלט־סאָציאַליזם זאָל זיך פאַרוואָרצלען אין דער געזעלשאַפט, מוז עס קומען צו אַ פולשטענדיקער פאַרשקלאַפונג פונעם דורכשניטלעכן טיפּ מענטש צו דעם געשייטן און הערשערישן טיפּ. עס וועט אויפקומען אַ מעכטיקער קלאַס, אָדער קאַסטע, הערשער־באַאַמטע. די דאָזיקע וועלן מיט זיך פאַרשטעלן דעם אייביקן „עפנטלעכן מענטשן" — די אייביקע כלל־פאַרזאָרגער, רעדל־פירער, אויסטויגער, איניציאַטאָרן, רעדנער, שרייבער, אויפקלערער, פירער און אַזוי ווייטער און ווייטער. די דאָזיקע וועלן ווערן די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַלעבאַטים איבערן לעבן, און דער פּשוטער מענטש: דער אַרבעטער און דער פּויער — די מאַסע, די וועלן בלייבן פון אונטן. פון אָנהויב לויז, וועט וואָס ווייטער די ביוראָקראַטישע יעראַרכיע — וואָס וועט פאַקטיש זיין אי דער עקאָ־

נאָמישער באַזיצער און אי דער פּאָליטישער מאַכטהאָבער — ווערן אַלץ מער געוואַגט און עזותדיק. עס וועט זיך אַנטוויקלען אַ נאָך נישט־גע־הערטע קאָרופּציע צווישן דעם אַלמעכטיקן אַפּאַראַט — דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן באַלעבאָס איבערן לעבן — און אַ ביטערע עקספּלואַטאַציע איבערן פּשוטן פאָלק...

אָן אָרדענונג וואָס איז געבוירן דורך צוואַנג און וואָס איז באַזירט אויף צוואַנג, וועט מוזן צוואַנג שטענדיק אָנהאַלטן און פאַרזעצן. יעדעס מאָל וואָס דער צוואַנג וועט אויפהערן, וועט אָפּשפּאַנען די צוזאַמענגע־דריקטע דיפערענצירטע ענערגיע פון די פאַרשידענע פּסיכאָלאָגישע עלע־מענטן פון דער געזעלשאַפט און דער גאַנצער בנין וועט איינפאַלן. וועט מען וועלן אויפהאַלטן די דאָזיקע אָרדענונג, וועט מען מוזן אויפהאַלטן דעם צוואַנג, און דאָס מוז פירן דערצו, אַז דער אַפּאַראַט זאָל ווערן וואָס אַמאָל מעכטיקער און איינגעפונדעוועטער, ביז מיט דער צייט וועט זיך דער באַאַמטער־באַזיצער אָנהויבן באַטראַכטן אַלס דער זעלבסטפאַרשטענדלע־כער הערשער און וועט קוקן ווי אויף אַ פאַרברעכן אויפן בלויזן ווערן זיך אַריינמישן און זאָגן אַ דעה אין ז י י נ ע ענינים.

אויב די וועלט וועט מוזן איינשטעלן אומעטום דעם גוואַלט־„סאָציאַ־ליזם”, וועט מוזן אַוועקגיין אַ לענגערע צייט, ביז מ׳וועט זיך אַרומזען, אַז מיט קיין גוואַלט און צוואַנג קען מען קיין לעבן נישט בויען. עס וועט זיין בלויז אַ בייט פון פאָרמען. אָנשטאָט דער עקספּלואַטאַציע פונעם פּריוואַטן קאַפּיטאַליזם, וועט קומען די פיל ערגערע פונעם באַאַמטן־קאַ־פּיטאַליזם. די זשעדנעקייט און גיריקייט פונעם פּריוואַט־באַזיצער, וועט פאַרביטן ווערן דורך דער זשעדנעקייט און גיריקייט פון באַאַמטן. אָנשטאָט דעם וואָס אין פּריוואַטן קאַפּיטאַליזם האָבן א י י נ צ ל נ ע בורזשויען אויפגעגעסן די נישט־דערצאָלטע אַרבעט פון מיליאָנען, וועלן אין באַאַמטן־קאַפּיטאַליזם א ס א ך ב א א מ ט ע אויפעסן די נישט־דערצאָלטע אַרבעט פון מיליאָנען. צען גרויסע באַאַמטע וועלן פאַרצערן דעם מערווערט, וואָס איין גרויסער קאַפּיטאַליסט האָט פאַרצערט. דאָס פאָלק וועט ווידער־אַמאָל מוזן שווער און ביטער האָרעווען, כדי אָנצוזעטיקן די אומציייליקע מחנות באַלעבאַטים־באַאַמטע. אַ מלוכה־אַפּאַראַט, וואָס וועט אַליין זיין אי דער באַזיצער, אי דער פונקציאָנער, אי דער מיליטאַר, אי דער אויפּסלע־דער, אי דער שרייבער, אי דער רעדנער, אי דער גאַנצער כל־וּלך — קיין מער געפערלעכע סאָציאַלע אינסטיטוציע קען מען זיך נישט פאַרשטעלן. נאָר די יעניקע וואָס קענען דעם גאַנג פון די מענטשלעכע ענינים זינט טויזנטער יאָרן פון זיין געשיכטע, נאָר די קענען האָבן אַ באַגריף, וואָס אַזאַ מלוכה־מאַכט מוז מיט דער צייט ווערן...

IV

מען זאָגט: דער יונגער דור אונטערן קאָמוניסטישן סיסטעם וועט דערצויגן ווערן אין קאָלעקטיוויסטישן גייסט. פאַרשטייען מיר נישט, וואָס עס קען דאָ מיינען קאָלעקטיוויסטישער און סאָציאַליסטישער גייסט. פּסיכאָלאָגיש גענומען, לאָזן זיך אין מענטשן אָנמערקן צוויי גייסט־סאָרטן. איינעם איז פּאַסיק צו דעפינירן אַלס אינדיווידואַליסטישן אָדער עגאָאיסטישן. ווייל ער דריקט זיך אויס אין זאָרג פאַרן איך, אין ווילן פאַרן זעלבסט, און, דעם צווייטן, אַלס עטישן אָדער קאָלעקטיוויסטישן, ווייל ער דריקט זיך אויס אין ליבע צום חבר, אין זאָרג פאַרן מיטמענטש און אין ווילן פאַרן צווייטנס וואויל. קיין דריטער סאָרט גייסט, וואָס זאָל זיין נישט דער ערשטער און נישט דער צווייטער, לאָזט זיך אין מענטשן נישט באַמערקן. איז, אויב דער נייער גייסט, וואָלט געמיינט דעם עטישקאָלעקטיוויסטישן — וואָלט עס אודאי זייער גוט געווען. זיכער מוז מען, ווען מען וויל בויען סאָציאַליזם, קולטיווירן און מינטערן דעם גוטן ווילן צום חבר און כלל. זאָגן דאָך אָבער די אַדעפּטן פון דער דאָזיקער אידעאָלאָגיע, אַז ליבע און גוטער ווילן צום חבר איז גאָרנישט. איז וואָס מיינען זיי מיטן סאָציאַליסטישן און קאָלעקטיוויסטשן גייסט, אין וועלכע זיי וועלן דערציען דעם יונגן דור אונטערן קאָמוניסטישן סיסטעם? וואָס פאַר אַן אַנדער „קאָלעקטוויסטישער גייסט" קען זיין? נישט שוין־זשע דענקען זיי אַריינצוטון אין מענטשן עפּעס גאָר אינגאַנצן אַ נייעם, ביז איצט אומבאַקאַנטן, סאָרט גייסט?...

ענטוועדער אָדער: אָדער מען שטעלט זיך איין דערפאַר, אַז דער מענטש איז דורכויס אַן עגאָאיסט, ער האָט בלויז זיך ליב, ער זאָרגט נאָר און בלויז פאַר זיך און פאַרן צווייטן גאָרנישט, דאַרף מען אנערקענען, אַז קאַפּיטאַליזם איז דער העכסטער אידעאַל, אָדער, אויב מען שטעלט זיך יאָ איין פאַר אַ קאָלעקטיוויסטישן לעבנס־שטייגער, דאַרף מען אנערקענען, אַז דער מענטש קאָן אויך אין זינען האָבן די אינטערעסן פון כלל און זאָרגן פאַרן וואויל פון זיין חבר; דאַרף מען קולטיווירן און מונטערן דעם דאָזיקן גוטן ווילן און מען דאַרף בויען דאָס נייע לעבן נאָר אויף דער באַזע פון ליבע צום מיטמענטש, צו דער מענטשהייט!

אונטערן קאָמוניסטישן רעזשים וויל מען באַשאַפן אַ מאָדנעם סאָרט לעבן. פון איין זייט וויל מען, אַז דער מענטש, דער לעבעדיקער סוביעקט, זאָל נישט האָבן קיין אימפּולסן וואָס זאָלן אים שטויסן צו זאָרגן פאַרן וואויל פון חבר און, פון דער צווייטער זייט, וויל מען דאָך, אַז דאָס לעבן זאָל זיין אַ געמיינזאַמס. פון איין זייט איז די גאַנצע טעאָריע און פּראַק־

טיק באזירט אויפן פרינציפּ פון זעלבסט־אינטערעס, און פון דער צווייטער זייט שטרעבט מען צו א לעבן אויף קאָלעקטיווע יסודות!...

דער אזוי גערופענער „נייער מענטש" פון אונטערן קאָמוניסטישן סיסטעם, האַלט נישט אוים קיין פּסיכאָלאָגישע קריטיק. אזא מענטש קען קיינמאָל נישט עקזיסטירן. ער איז אומנאַרמאַל, אומנאַטירלעך — אומ־פּסיכאָלאָגיש. ער איז א פּראָדוקט פון אידייען וואָס האָבן נישט פאַר־שטאַנען דעם מענטשן, וואָס האָבן איגנאָרירט דאָס וועזנטלעכע פונעם מענטשן, וואָס האָבן צוגענומען ביים מענטשן זיין נאַטור, וואָס האָבן אים געמאַכט פאַר אוים ווען, נאָר פאַר א רויער שטיק טויג אין די הענט פונעם קאָמוניסטישן שטאַט, וועלכער קען אים פון דאָסניי באַשאַפן, לויט א באַשטעלטן מוסטער. דער קאָמוניסטישער שטאַט, הייסט עס, האָט זיך גענומען ביאָלאָגישע פונקציעס פון באַשאַפן מענטשן — די פונקציע פון „גאָט"...

קאַפּיטל 9

די מאָדערנע וועלט

I

שוין דער בלויזער פאַקטאָר פון דער מעכאַנישער ציוויליזאַציע גופא,
דאָס הייסט, די אומעטומיקייט פון דער טעכניק און מעכאַניק; דאָס אומ־
אומאויפהערלעכע רוישן פון מאַשינען, פאַבריקן און מעכאַנישע איינריכ־
טונגען; דאָס ארומלויפן פון באַנען, שיפן און עראָפּלאַנען, איבער די לענ־
דער און קאָנטינענטן; די ריזיקע וואָלקנקראַצער און טורעמס, וואָס דער־
לאַנגען ביז צום הימל; דער טעלעגראַף, טעלעפאָן און ראַדיאָ, דאַמף און
עלעקטריע; די מעכאַנישע געבויען, וואָס פילן אָן די מאָדערנע שטעט;
דאָס וואָס דער גאַנצער אויבערפלאַך פונעם קעגנוואַרטיקן לעבן ווערט
בסדר פאַרפלייצט פון מאַשינען און פון אַלץ נייע קעגנשטאַנדן, וואָס
קומען צו באַפרידיקן די ריין קערפּערלעכע באַדערפענישן פון מענטשן, צו
מאַכן אַלץ באַקוועמער און אָנגענעמער זיין פיזישע עקזיסטענץ; דאָס
וואָס די דאָזיקע קעגנשטאַנדן פילן אָן דאָס איצטיקע לעבן און פאַרפלייצן
עס — שוין דאָס גופא האָט געווירקט צו פאַרמאַטעריאַליזירן די מענטש־
לעכע פסיכיק, דאָס מיינט, ווירקן, אַז ביים איצטיקן מענטשן זאָל זיך
אויסאַרבעטן אַ באַוואוסטזיין, אַז לעבן הייסט בלויז געניסן פון פיזישע
תענוגים און פאַרגעניגנס.

דער גייסט פון דער מאַשין איז אַריינגעדרונגען אין מענטשן. אין
דער מאַשין זוכט דער איצטיקער מענטש זיין גליק און אין אירע פּרוכטן
די העכסטע באַפרידיקונג. איר, דער מאַשין איז ער אָפּגעגעבן מיט זיין
גאַנץ לייב און לעבן און דאָס וואָס זי ברענגט אַרויס, איז פאַר אים פון
העכסטן באַטייט. איר דינט ער מיט דער גרעסטער טרייהייט און איר
פּראָדוקציע, שעצט ער אַלס דאָס טייערסטע. איר טעמפּ זוכט ער נאָכצו־

מאכן און איר נעפלי זוכט ער זיך צווייגענען. איר שנעלקייט איז ער מקנא און אין איר רעש פילט ער זיך היימ׳ש.

די גאנצע איצטיקע ציוויליזאציע באשטייט אין דעם, וואס זי האט אויף א הונדערטפאכיקן אופן פארגרעסערט און פארבעסערט די באפרידיקונג פון די קערפערלעכע היצטרכותן פון מענטשן. מען האלט כסדר אין איין פערפעקציאנירן און אויסבעסערן די באפרידיקונג פון די קערפערלעכע אנגענעמלעכקייטן, וואס זיינען שוין פאראן, און אויסטראכטן נייע. מען האלט טאגטעגלעך און שטענדיק אין איין פאבריצירן פיזישע באקוועמלעכקייטן און מ׳פילט מיט זיי אן דאס לעבן. דאס שטענדיקע פארען זיך ארום דעם, סיי אלס פראדוצירער, פארמיטלער, אונטערנעמער און קאנסומירער; דאס האבן דאס גאנצע לעבן צו טון בלויז מיט קעגנשטאנדן פון קערפערלעכן ווערט, האט שטארק מגושם געמאכט דעם היינטיקן מענטשן און האט אנטוויקלט אין אים א חוש בלויז פאר דאס גופישע. דער היינטיקער מענטש איז אריינגעטון מיט קאפ און לייב און לעבן, בלויז אין ענינים פון מאטעריעלן ווערט. מיט דעם איז דורכגענומען זיין גייסט און דעם איז ער אינגאנצן אפגעגעבן. מאטעריעלע אייגנטימער פילט דער איצטיקער מענטש אלס די העכסטע לעבנס־ווערטן, און פיזישן פארגעניגן און געגוס, פאר דער העכסטער לעבנס־באפרידיקונג. אין די צוויי אטריבוטן: אין ראפינירטע קערפערלעכע באפרידיקונגען, איינס, און אין באהערשט־זיין פון אנימאלע לייזנשאפטן, צוויי, איז אבסאלוט פארגעשטעלט דאס וואס מיר רופן מאדערנע ציוויליזאציע. מיר קענען נישט אויסגעפינען אין קעגנווארטיקן לעבן קיין שום אנדערן כאראקטעריסטישן ווערט, וועלכער זאל ארויסגיין מחוץ פון די ראמען פון די צוויי געזאגטע אייגנשאפטן. די איצטיקע קולטור, איז די ראפינירטע קולטור פון גוף און פון אנימאלן אימפולס. די דאזיקע צוויי געביטן שמעלן איינדערמאכתן פאר איין ארגאנישע גאנצקייט. דעמאלט ווען לעבן באטייט אויסשליסלעך קערפערלעכע אנגענעמלעכקייט און פיזישער תענוג, איז, זעלבסטפארשטענדלעך, אז די פסיכישע כוחות וואס סטימולירן די מענטשלעכע פירונגען, זיינען אנימאלע.

דאס אנימאלע און פיזישע האבן אזוי אינגאנצן פארשלונגען דעם איצטיקן מענטשן, אז ער איז איבערצייגט, אז נאר אזוי דארף אויסזען מענטשלעך לעבן — זיין איבערפולט מיט מעבאנייזמען פאר קערפערלעכן גענוס און אנימאלע אימפולסן זאלן רעגולירן די סאציאלע און אינדיווידועלע האנדלונגען.

דאס, דער פאקט פון טעכנישן לעבן גופא, איז די ערשטע סיבה פון קעגנווארטיקן צייט־גייסט. די צווייטע סיבה איז די עקאנאמישע. די

טעכנישע ציוויליזאציע, מיט איר ראדיקאלער ענדערונג אין דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט, צווינגט דעם מענטשן צו קאָנצענטרירן זיין טאָטאַלע אויפמערקזאַמקייט אַרום דעם עקאָנאָמישן קאַמף. אויסער דעם פאַקטאָר גופא פון דער מאַטעריאַליסטישער ציוויליזאַציע, די דורכווייקייט און אומעטומיקייט פון דער טעכניק און טע־כאַניק, דער טעמפּ און רעש פון דער מאַשין, וואָס פילט אָן דאָס גאַנצע לעבן אונדזערס. דאָס זיין אין כסדרדיקער סביבה און נאָענטקייט פון דעם אייזערנעם געמאַך, דאָס געפינען זיך שטענדיק אַרומגערינגלט פון אייזן און שטאָל און דאַמף אא"וו, וואָס דאָס אַליין איז שוין אַ פאַקטאָר, וואָס ווירקט אויף אונדז אונדז צו מעכאַניזירן, דאָס הייסט, צו מאַכן, אַז אונדזער קוק אויפן לעבן און זיינע ווערטן זאָל רעדוצירט ווערן בלויז צו פיזישע באַדערפעניש. אויסער דער דאָזיקער ווירקונג, וואָס די טעכנישע ציוויליזאַציע וואָלט אויף אונדז אויסגעאיבט, אַפילו דעמאָלט ווען אירע פּרוכטן וואָלטן פאַרטיילט געוואָרן צווישן אַלע געזעלשאַפט־מיטגלידער אויף אַ גלייכבאַרטיקן אופן און זי זאָל נישט גורם זיין קיין בלוטיקע עקאָ־נאָמישע קאַמפן, האָט זי נאָך מיט זיך אַזעלכע קאַמפן יאָ מיטגעבראַכט. די סאָציאַל־עקאָנאָמישע סטרוקטור, וואָס די ציוויליזאַציע האָט מיט זיך מיטגעבראַכט, צווינגט דעם איצטיקן מענטשן צו קאָנצענטרירן זיין גאַנצע ענערגיע און ווילן אַרום דעם עקאָנאָמישן קאַמף. די מאַשין האָט דער־מעגלעכט אַן אומגעהויערע פּראָדוקציע־טעטיקייט. האָבן זיך די מענטשן מיט אומגעצוימטער גיריקייט אַ וואָרף געטון אויף איר אויסצונוצן איר פּרוכטבאַרקייט. יעדער וויל וואָס מער פאַר זיך. אַזוי אַרום האָט זיך אָנגעהויבן דאָס מאָדערנע עקאָנאָמישע לעבן וואָס האָט פאַרוואַנדלט די געזעלשאַפט אין אַ שלאַכטפעלד. אַ באַזונדערס פאַרשאַרפטן טאָן אין דעם גאַנג פון דער מאָדערנער עקאָנאָמיק האָט אַריינגעטראָגן דער געלט־קלאַס מיט זיין אומגעזעטיקטער תאווה צו גאָלד. דער דאָזיקער קלאַס האָט אַ מינוט נישט גערוט און רוט נישט, נאָר אויף אַלע מעגלעכע אופנים עקס־פּלואַטירט ער די געשאַפענע מעגלעכקייטן רייך צו ווערן. נישט אָפּשטעלנ־דיק זיך פאַר קיינע שטערונגען און הינדערנישן, כשרנדיק אַלע מיטלען, האָט זיך דער דאָזיקער קלאַס אַ לאָז געטון אויף דער מאַשין און איר אָנגעהויבן צו טרייבן מיט דעם גאַנצן אימפּעט און שנעלקייט. איינער שטאַרקער פאַרן אַנדערן, איינער מיט מער ליידנשאַפט און ברען פאַרן אַנדערן. יעדער וועלנדיק אַריינכאַפּן דאָס גאַנצע פאַר זיך און פאַרן צווייטן גאָרנישט לאָזן...

די רייכע מיט זייערע אומגעזעטיקטע אַפּעטיטן, איינצושלינגען די גאַנצע וועלט און איינער דעם אַנדערן, שטרענגען אָן אַלע זייערע כוחות

זיך איבערצושטייגן. צווישן דעם פארמיטלער־קלאס גייט אָן אַ פארבי־מערטע קאָנקורענץ־מלחמה. דער פּראָלעטאַריער־קלאס מוז נאָכהאלטן אויפן גאנצן פראָנט פון עקאָנאָמישן לעבן זוכט יעדער איינער צו פאר־כאפּן וואס מער פאר זיך. אָן איינזען און אָן באַדאַכטונג. אויב איינער בלייבט שטיין, ווערט ער אראָפּגעשווענקט פון שטראָם. קיינער טאָר אויף אַ מינוט נישט אָפּוואַנדן זיין אויפמערקזאַמקייט, ווייל עס דראָעט אים די געפאַר פון ארויסגעשטויסן צו ווערן. הינטער אים און פאר אים שטראָמען מחנות, וואס זוכן זיין פּלאַץ צו פארכאַפּן, אויב ער וועט אים נישט פאר־טיידיקן מיט זיין גאנצער וואַכזאַמקייט און כוח.

דער איצטיקער מענטש קען נישט, ביי זיין בעסטן ווילן אפילו, אויס־מיידן דעם אייגננוץ. אַלע זאָרגן נאָר פאר זיך, מוז ער אויך זאָרגן נאָר פאר זיך. אָנהויבנדיק פון די רייכע און מעכטיקע, וועלכע טרייבן דעם ראַד פון דער וועלט־עקאָנאָמיק, וועלכע זיינען באַהערשט פון די ווילדסטע ליידנשאַפטן צו מולטיפּליצירן זייערע מיליאָנען און ווענדן אָן אין דער דאָזיקער אָפּזיכט אַלע מיטלען, נישט אָפּשטעלנדיק זיך פאר גאָרנישט, דורך דעם פאַרמיטלער־קלאַס, וועלכער מוז אָנפירן צווישן זיך די פאַרביטערטע מלחמה, ביז אראָפּ־צו צו דעם ארבעטער־קלאַס, זיינען אַלע דורכגענומען נאָר מיט זעלבסטזאָרג און אייגננוץ. דאָס זיין געצוואונגען זיך ארומצו־יאָגן שטענדיק אין עקאָנאָמישן געיעג, דאָס זיין איבערגעלאָדן שטענדיק מיט מאַטעריעלע זאָרגן און דאגות, האָט אנטוויקלט און ארויסגעבראַכט פונעם איצטיקן מענטשן דאָס אַנימאַל־אינדיווידואַליסטישע ביז דער לעצ־טער מאָס. דאָס האָט אָפּגעפרעמדט די מענטשן איינעם פון אנדערן, דאָס האָט צעשטערט דעם צוטרוי פון איין מענטש צום צווייטן. „יעדער פאר זיך!” איז דער גרויזאַמער דעוויז פון אונדזער צייט. איין מענטש פילט נישט דעם צווייטנס ליידן, איין מענטש פילט נישט דעם צווייטנס צער. דעם צווייטנס לעבן איז אונדז אינדיפערענט און דעם צווייטנס אומגליק לאָזט אונדז גלייכגילטיק. מיר זיינען אריינגעטון אין זיך און נאָר אונדזער איינענער נוצן גייט אונדז אָן. מיר האָבן מער נישט קיין חוש פאר יע־נעמס לעבן, און דער גורל פון אונדזערע מיטמענטשן גייט אונדז נישט אָן. אונדזער מאַטעריעלער אייגננוץ איז אונדזער איינציקער ציל און צוועק אין לעבן. דאָס איז אונדזער גלויבן, אונדזער וועלט־אַנשויונג און אינערלעכע איבערצייגונג. דאָס איז דאָס איינציקע וואָס מיר נעמען ערנסט, אַלדאָס איבעריקע שפּאָטן מיר אויס. „זאָרג פאר זיך!” איז דער איינציקער גע־באָט וועלכן מיר פאָלגן מיט אונדזער גאנץ וועזן. „קוק נישט פארן צווייטן! אויב דו האָסט ביכולת שטופּ אים ארויס פון זיין פּאָזיציע און פארנעם זיין אָרט!”...

א דריטע סיבה וואָס האָט מיטגעווירקט צו דער אַנימאַליזירונג פון דער מענטשלעכער פּסיכיק, איז די אידעאָלאָגישע.

דער איצטיקער מענטש איז אַבסאָלוט פּעלבאַר פון יעדער אינערלע־כער איבערצייגונג, וואָס זאָל האָמעווען זיין לעבנס־פּיר. דער איצטיקער מענטש איז טיף אין זיין נשמה אומגלויביק און הפקרדיק. עס איז נישטאָ אין אים דער מינדסטער אידייאישער כוח, וועלכער זאָל אים צווינגען צו צוימען זיינע אַפּעטיטן און אים פאַרפליכטן צו האַנדלען גוט. יעדער באַגריף וועגן גוטס און שלעכטס, מוז אַרויסוואַקסן פון אַ גוט דעפינירטן זעלבסט און וועלט־באַוואוסטזיין. ווען עס הערשט אומגלויבן און הפקר־דיקייט פון דער נשמה, פאַלט דעמאָלט אַוועק יעדער געפיל פון אחריות און פליכט. עס ווערן אָפּגעמעקט די גרעניצן פון גוטס און שלעכטס און די דאָזיקע קעגנזאַצן מישן זיך צונויף, נישט דערלאָזנדיק קיין אָרענטלעכן לעבנס־פּיר.

גלויבן אין גאָט איז געווען אַ שטיצפּונקט פאַר דעם מענטשנס עטי־שער נאַטור. רעליגיע איז געווען אַ גייסטיקער אָנשפּאַר און אַ קוואַל פונוואַנען דער מענטש האָט געשעפּט גוטן ווילן און מאָראַלישן כוח אויף זיין לעבנס־וועג. מיט גלויבן זיינען פאַרבונדן געווען אַלע גוטע שטרע־בונגען אין מענטשנס גייסט. די גוטע פּילבאַרקייט וואָס איז געווען אין מענטשנס וועזן, האָט אין רעליגיע געקריגן אַ אידייאישע באַרעכטיקונג און טראַסצענדענטן זינען. דאָס האָט אויסגעיבט קאָנטראָל, האָט אָרגאַ־ניזירט און דיסציפּלינירט די צעפלאָסענע נשמה־כוחות און זיי אונטער־געוואָרפן אונטער דער פאַרבינדנדיקער און אָרדענענדיקער קראַפט, וואָס עס איז אַן אַבסאָלוט־איבערצייגטע וועלט־אָנשויונג.

מיטן אויפהערן גלויבן, איז איינגעבראָכן געוואָרן דער אידייאישער שטיצפּונקט פאַר דאָס אחריותפולע און פאַרפליכטנדיקע אין מענטשן. די וועלט איז געבליבן שטיין מיט אָפענע האָריזאָנטן, אָן דער מינדסטער שמירה און אויפזיכט. אָן אַ באַלעבאָס און אָן אַן אויפּקוקער — אַ הפקרע. אַלץ וואָס עקזיסטירט, איז געבליבן הפקר און אויך ער, דער מענטש, איז געבליבן הפקר. און דאָס איז דאָס ערגסטע. ווען אַלץ איז הפקר, ציללאָז און צוועקלאָז, איז מער נישטאָ קיין באַדן אויף וועלכן עס זאָל זיך אָנ־שפּאַרן אַ דיסציפּלינירטער לעבנס־באַוואוסטזיין; איז מער נישטאָ קיין זינען פאַר גוט און שלעכט, פאַר מ׳מעג און מ׳טאָר נישט, פאַר רעכט און אומרעכט, און די חיה אינעם מענטשן הויבט אויף דעם קאָפּ און צעפירט זיך פריי די הענט. אָט דער דאָזיקער איינברוך אין דעם מעטאַפיזישן וועלט־באַנעם, האָט באַקומען זיין רעאַלן אויסדרוק אין דער קעגנוואַרט, אונטערן דרוק פון דער טעכנישער ציוויליזאַציע.

ערשט איצט, ווען די מאטעריאליסטישע ציוויליזאציע האט טיף דערשיטערט און צעטרייסלט די יסודות פון דעם מענטשנס נשמה, ערשט איצט, איז די אפוועזנהייט פון א גלויבן, איינער פון די וויכטיקסטע פאקטארן, וואס העלפט־מיט צו אנימאליזירן דעם מענטשן. ערשט איצט ווען אונטער די רעדער פון די גיגאנטישע מאשינען, וואס פארטויבן מיט זייער רויש און רעש די גאנצע וועלט, איז דער מענטש געווארן ווילד און צעטומלט, איז די אפוועזנהייט פון א צוימענדיקער און האמעווענדיקער אידייע־קראפט, מיט וועלכער עס זאל פארבונדן ווערן דאס גוטס וואס איז דא אין מענטשן, איינע פון די וויכטיקסטע סיבות פון אונדזער גייסטיקער הינטערשטעליקייט. דער איצטיקער מענטש איז פול מיט שלעכטס, ווייל דאס גוטס אין אים האט נישט אויף וואס זיך אנצושפארן. דער איצטיקער מענטש איז אומגלויביק, אנטוישט און אידעאללאז. אנטוישונג און אומגלויבן איז טיף פארוואָרצלט אין יעדן איינעם פון אונדז. יעדער שטרעבונג צו גוטס, מוז זיין באזירט אויף גלויבן און דיסציפלינירטער לעבנס־אידייע. לעבן מוז האבן א זינען און א תכלית. ווען דאס אלץ איז נישטא, נאר מיר זיינען פול מיט פארלייקענונג און אומגלויבן, האט דאס גוטע קיין אחיזה נישט אין אונדז און די אויבערהאנט נעמט דאס בייזע און שלעכטע. עס קומט אחריותלאזיקייט און הפקרדיקייט, ציניזם און באדנלאזיקייט פון גייסט.

איצט, ווען די מאדערנע ציוויליזאציע מיט איר טעכנישער גראנדיעזקייט, מיט אירע מאשינען און מעכאנישע געבויען, מיט אירע לוקסוסן און רייכטימער, מיט אירע פארגעניגנס און תענוגים, מיט איר קאלאסאלקייט און אינטענסיווקייט, מיט איר פארנעם און אימפעט, מיט איר רעשיקער שטראמענדיקייט, וואס פארפלייצט די גאנצע וועלט און דרינגט אריין אין די פארבארגנסטע ווינקלען פון לעבן — האט פארוואנדלט די היינטיקע מענטשן אין עגאיסטיש־סענסועלע וועזנס, וואס לויפן ארום אין ווילדן געיעג נאך פיזישע ווערט; איצט, ווען די ריזיקייט מיט וועלכע עס באוועגט זיך דער ראד פון דעם קעגנווארטיקן מאטעריעלן לעבן, פארטויבט אין די מענטשן יעדן שפור פון אידעאל און מאכט פון זיי צעררייצטע געלט־יעגער; איצט, ווען די געזעלשאפט זעט אויס ווי א גרויס שלאכטפעלד, אויף וועלכן די מענטשן פירן אן א קאמף פאר רייכטום און באזיץ; איצט, ווען די מאדערנע מאשין־ציוויליזאציע, האט אזוי צעבלאזן די לײדנשאפטן צו לוקסוס, צו תענוג און גענוס, אז דאס איינשאפן זיך וואס מער דערפון, איז געווארן דער איינציקער לעבנס־זינען פון די היינטיקע מענטשן; איצט, ווען די תשוקה צו געלט און מאטעריעלן באזיץ איז זיך אזוי צעוואקסן אין די מענטשן, אז דאס האלט זיי איינגאנצן פאר־

שלונגען און לאָזט זיי אויף קיין מינוט נישט רוען — איצט איז דאָס פעלן פון א טיף־איבערצייגטער עטישער וועלט־אָנשויונג, איינער פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן, וואָס ווירקן צעשטערנדיק אויפן מענטשלעכן גייסט, געבנדיק אַלע מעגלעכקייטן דער חיה אין מענטשן, אים פולשטענדיק צו באַהערשן און אים מיט אַן אמת פאַרוואַנדלען אין אַ דענקנדיקן צווייפיסלער, מיט אַ הויך־ציוויליזירט מעכאַניש לעבן.

פון איין זייט די ווירקונג פון מעכנישן לעבן זעלבסט, דאָס וואָס אומעטום איז טעכניק און מעכאַניק, וועמענס ציל עס איז צו באַפרידיקן אונדזער קערפּער; דאָס וואָס מיר געפינען זיך פון אַלע זייטן ארומגערינגלט נאָר מיט אייזן און שטאָל; דער בסדרדיקער רויש און רעש פון מאַשינען און מאָטאָרן, וואָס דרינגט אריין אין אונדז; דאָס וואָס מיר זיינען אינגאַנצן פאַרזונקען אינעם מעכאַנישן געמאַך — דאָס אַליין ווירקט אָפּצוטויטן אין אונדז יעדן עטישן געפיל, נאָר ארויסצובערענגען בלויז דאָס קערפּערלעכע און זינלעכע און אַנימאַלע. פון דער צווייטער זייט, דער פאַרביטערטער קאַמף, וואָס מיר מוזן פירן פאַר עקזיסטענץ אין דער ציוויליזירטער געזעלשאַפט, דאָס וואָס מיר מוזן אָנווענדן אונדזער גאַנצן זעלבסטווילן און זעלבסטזאָרג, אונדזער גאַנצן עגאָאיסטישן פאַרזיכט, אונדזער גאַנצע ענערגיע, כדי צו דערהאַלטן אונדזער קיום. פון דער דריטער זייט, דער טיפער אומגלויבן, אידעאַלאָזיקייט, הפקרות פון דער נשמה און באַדנלאָזיקייט פון גייסט, וואָס האָט זיך פאַרנעסטיקט אין אונדז; די אָפּוועזנהייט פון אַ דיספּיצלינירנדיקער און קאָנטראָלירנדיקער וועלט־אָנשויונג, וועלכע זאָל זיין די אידייע־קראַפט פאַר דאָס גוטע אין אונדז — אָט דאָס אַלץ צוזאַמען האָט געווירקט צו פאַרוואַנדלען דעם איצטיקן מענטשן אין אַ ציוויליזירטער חיה...

II

איצט איז די וועלט פונעם דורכשניטס־מענטש, פונעם מענטשן פון דער מאַסע. אויף אַלע געביטן הערשט איצט די מאַסע און דער גייסט פון דער מאַסע. אירער איז דער געשמאַק פון דער צייט, אירע זיינען די השגות, אירע די געדאַנקען, אירע די ליידנשאַפטן, אירע דאָס וואָרט און אירע די דעצידירנדיקע מיינונג. דער מענטש פון דער גאַס איז דער פאַקטישער באַלעבאָס פון דער איצטיקער וועלט. פּאָפּולערער שטייגער, פּאָפּולערער געדאַנק, פּאָפּולערע מיינונג אאַ״וו — זיינען די כאַראַקטעריסטישע אויסדרוקן פון דער מאָדערנער וועלט. אַלץ זוכט זיך אַראָפּצולאָזן צום

שכל פון דער מאַסע און צו אירע געפילן, אַלץ ווערט ספּעציעל צוגעגרייט און צוגעפּראַוועט פון אירעטוועגן. פאַר איר מאַכט מען וויסנשאַפט און פאַר איר מאַכט מען קונסט; איר וויל מען געפעלן און ביי איר זוכט מען אָנערקענונג. זי איז די העכסטע אויטאָריטעט און דער העכסטער פוסק. ווער עס איז ביי איר נושא־חן, דער ווערט באַרימט און קריגט געזעלשאַפטלעכן אָנזען. דער, פאַרקערט, וואָס געפינט נישט קיין חן אין אירע אויגן, דער בלייבט אומבאַקאַנט און לעבט אין פאַרגעסנהייט. אַלץ וואָס איז עכט און טרעט אַראָפּ פון דער מאַסן־ליניע, איז פון פאַרויס פאַרמשפּט צו דורכפאַל און צו דערפאָלגלאָזיקייט. וואָס טיפער און עכטער אַ זאַך איז, און איז, אַזוי אַרום, דערווייטערט פון דער מאַסן־מאָס, אַלץ מער איז זי אויסגעשטעלט צו אומדערפאָלג.

אָנשטאָט דעם די מאַסע זאָל שטרעבן זיך אויפצוהייבן צו אַ העכערער גייסטיקער מדרגה, זאָל ווערן דורכגענומען מיטן באַוואוסטזיין, אַז עס קען געמאָלט זיין אַ בעסער און שענער מענטשלעך לעבן, ווי דאָס וואָס זי פירט, פּאַסירט גאָר פּונקט פאַרקערט: די מאַסע שלעפּט אַלץ אַראָפּ צו זיך. אַלץ וואָס וויל האָבן דערפאָלג, מוז זיך גיוועלירן מיט איר מאָס, מוז אַראָפּנידערן צו איר שטייגער דענקען און פילן, צו איר שטייגער אויפפאַסן און אורטיילן, צו איר טעמפּקייט און שמאָלקייט, צו איר שטומען און אומפּרוכטבאַרן גייסט, צו איר טונקעלן קריטעריום, צו איר סענטימענטאַלקייט און ביליקער פּילבאַרקייט, צו איר טריוויאַלן ענטוזיאַזם, צו אירע אַנטציקונגען, צו אירע לײדנשאַפטן און אַזוי ווייטער און ווייטער. קיין שטרעבונג צו אַ שענער מענטשלעך לעבן האָט נישט די מאַסע, ווייל זי האָט זאָגאָר קיין באַוואוסטזיין נישט דערפון. דער עכטער שעפערישער מענטש וואָס איז באַרופן צו זיין דער וועגווייזער און באַווירקער פון ברייטן כלל, אונטער וועמענס פּערמאַנענטער השפעה דער דורכשניטלעכער מענטש וואָלט זיך באַדאַרפט געפינען, אַ השפעה וואָס איז באַשטימט צו דערציען דעם געוויינלעכן מענטשן און אַרויסברענגען פון אים דאָס בעסערע און קליגערע וואָס איז פאַראַן אין אים — דער דאָזיקער בעסערער מענטש איז איצט באַזייטיקט פון לעבן.

די גרויסע מענטשן פון דער איצטיקער צייט זיינען די טאַלאַנטן, די געשליפענע צינגער, די פלינקע פעדערס, די פּראָפעסיאָנעלע פירער און וואָרט־זאָגער. די דאָזיקע זיינען, פון מאָראַלישן שטאַנדפּונקט גענומען, ערגער פאַרן מאַסע־מענטש. נישט מער זיי באַזיצן די פעיקייט פון אָפּעדירן מיטן געשריבענעם און גערעדטן וואָרט און די דאָזיקע פעיקייט העלפט זיי אַרויפשווימען אויפן אויבערפלאַך פון געזעלשאַפטלעכער באַוואוסטזיין

און ווערן די אַנפירער מיטן עפּנטלעכן געדאַנק און מיט דער עפּנטלעכער מיינונג.

עפּנטלעכע מיינונג. — די עפּנטלעכקייט האָט קיין מיינונג נישט. די עפּנטלעכקייט ווייסט נישט וואָס זי וויל. די עפּנטלעכקייט דענקט נישט, די עפּנטלעכקייט האָט קיין אינטעלעקט נישט, די עפּנטלעכקייט האָט קיין האַרץ נישט. די עפּנטלעכקייט אורטיילט לויט סענטימענטאַלקייטן און ליידנשאַפטן; די עפּנטלעכקייט איז אָדער בייזוויליק שלעכט, אָדער ווייבעריש־רחמנותדיק; אָדער זי איז נקמה־דורשטיק, אָדער ווייענדיג בארמהאַרציק; אָדער זי איז פול מיט האַס און שנאה אָדער מיט ביליקער מיטפילעכץ. די עפּנטלעכקייט ווערט געטראָגן דורך אַ שטראָם פון טונקעלע פּסיכישע כוחות: אַט איז זי גרויזאַם אכזריותדיק און אַט איז זי שווין לאַקריץ־זיס; אַט איז זי באַגייסטערט און ענטוזיאַסטיש און אַט איז זי שווין פול מיט נעגאַציע און דערווידערונג; אַט אַפּלאָדירט זי איינעם, וואָס האָט איר געקיצלט, און אַט רייסט זי אים שוין אַרונטער, ווען ער קיצלט איר מער נישט. מיט איין וואָרט: די מיינונג פון דער עפּנטלעכקייט, איז די סאַמע ערגסטע מיינונג, וואָס עס קען נאָר זיין, איז די סאַמע אוממיינונג. די עפּנטלעכקייט דאַרף שטיין אונטער דער השפעה פון דער קלוגער, דורכגעטראַכטער און באַרופענער מיינונג און פון קלאָרן פּאַרטיפּטן געדאַנק, און נישט אַז איר אימפּולסיווע מיינונג און איר אומבאַרופענער זיך־בייטנדיקער געדאַנק זאָל זיין די העכסטע אויטאָריטעט...

אַזאַ וועלט ווי די איצטיקע איז באַזונדערס מסוגל פאַר דער פּרובירונג און מערונג פון קאַלערליי טאַלאַנטן און באַגאַבטקייטן. וויסנדיק אַז אַלץ שטייט אין די הענט פון דורכשניטס־מענטש, פון דער מאַסע, טוען די דאָזיקע אַלץ, כדי געפעלן צו ווערן דעם מאַסע־מענטש, דאָס הייסט דער עפּנטלעכקייט און אַזוי אַרום ווערן די באַהערשער און באַצווינגער פון דער עפּנטלעכער מיינונג. מיט גרוים בריהשקייט קריגן זיי אַרונטער די עפּנטלעכקייט אונטער זייער מאַכט און טוען מיט איר וואָס זיי ווילן. דערביי האַלטן זיי זיך אין איין אַראָפּלאָזן און צופּאַסן צום עפּנטלעכן געשמאַק, צו דער „פּסיכאָלאָגיע פון ברייטן עולם": צוטרעפן זיינע געדאַנקען, באַנוצן זיין לאָגיק, ריידן צו זיינע סענטימענטן, רייצן זיינע ליידנשאַפטן, אַפּעלירן צו זיין אייגנליבע, וועקן זיינע אינסטינקטן — געבן דעם עולם אַלץ וואָס נאָר אים געפעלט, וואָס ער האָט ליב, וואָס ער פאַרשטייט און פילט, אַבי אים אריינצונאַרן און אים אויסצונוצן, ווערן פּאָפּולער, קריגן מאַכט, אַנזען און פאַרמעגן. און דאָס קומט זיי גאָרנישט אָן שווער. דער עפּנטלעכער מיינונג איז גאַנץ לייכט צו באַזיגן. מען דאַרף נאָר וויסן ווי אַזוי צוצוקומען צו איר... דער עיקר איז, איר נאָכגיין, זיך

אראפלאזן צו איר, איר צוטרעפן, געבן איר וואס זי וויל. נישט ווידער־שפרעכן איר, נישט שטעלן זיך איר קעגן. — נאכגעבן און אנציען; וואס מער אנציען און — דער דערפאלג איז א געזיכערטער, „די קאריערע איז א געמאכטע"...

III

דאס ווארט, וואס איז געגעבן געווארן דעם מענטשן ווי אן אינסט־רומענט פאר זיין גייסט, וועלכעס איז די בריק וואס ליגט צווישן הארץ און הארץ, מוח און מוח, האט איצט פארלוירן יעדע באדייטונג און האט זיך אויסגעליידיקט פון יעדן אינהאלט. דאס ווארט האט מער קיין באדיי־טונג נישט: אין הארץ און מוח פון דעם וואס ברענגט דאס ארויס, הערשט ליידיקייט. דאס ווארט איז א פאבריצירטס, א מעכאנישס, אן אויסגע־טראכטס. דאס איצטיקע געדרוקטע ווארט, איז בלויז טאלאנט, בלויז מענטאלע אקראבאטיק, בלויז פראפעסיאנאליזם. דערפאר איז דאס ווארט אזוי ווייניק ווירקזאם. קיינער גיט מעהר דאס ווארט קיין קרעדיט נישט, ווייל אלע ווייסן, אז דאס ווארט האט קיין אינערלעכן ווערט נישט. אז דער גופא וואס האט דאס ווארט געזאגט, גלויבט נישט אין דעם און נוצט דאס בלויז ווי א מיטל אפצונארן אנדערע. וואס פרימער דאס ווארט איז, אלץ מער ליגן איז עס און אלץ ווייניקער טרויט מען עס. וואלט דאס ווארט טאקע געווען אמת, וואלט דער מאדערנער זשורנאליסט באדארפט מיט זיך פארשטעלן א העכסט מאראלישע פערזענלעכקייט און וואלט בא־דארפט פירן א מוסטערהאפט לעבן און זיך אויסצייכענען מיט ביישפיל־פולע מעשים. ווייבאלד די זאך איז פונקט דער היפוך: דער מאדערנער זשורנאליסט איז דער פראקטיפ עגאיסט, ליגנער, ציניקער, טא ווי קען מען האבן דעם טינדסטן צוטרוי צום ווארט וואס ער זאגט, ווי זשע קען מען דערווארטן, אז זיין ווארט זאל האבן כאטש די מינדסטע ווירקונג אויף אנדערע! אזוינע ווערטער ווירקן נישט, ווייל מ׳פילט פון זיי דעם ליגן.

די פירער פונעם געדרוקטן ווארט, אנשטאט דעם זיי זאלן זיין פי־לאזאפן און דענקער, וועמענס ווארט עס זאל זיין טיף און אמת, באלערנ־דיק און דערהויבנדיק, זיינען עס גאר פוסטע קעפ און ליידיקע מוחות, וועלכע הילן זיך איין אין שלייער פון ווארט, כדי זיך צו דערלאכערן אנזען. זייערע רייד זיינען נישט קיין אויסדרוק פון זייערע אינערלעכע אמתן, וועלכע צווינגען זיי צו באנוצן דאס ווארט, כדי זיי, די אמתן, באקאנט צו מאכן פאר די מענטשן, זיי האבן גאר אזעלכע אמתן נישט. זייערע רייד

זיינען מעכאַנישע ווערטער־פֿלעכטונגען, וועלכע האָבן נישט דעם מינדסטן אָנשפּאַר אין זייער אינערלעכקייט. פאַרקערט, זייער אינערלעכקייט איז שטענדיק אַ סתירה צו זייער מעכאַנישן וואָרט. וואָרום ווי אַזוי איז עס געמאָלט, אַז מענטשן וועלכע דאַרפֿן צושטעלן אַלע טאָג אַזעלכע קאָלאָסאַלע סכומען ריידעניש, זאָלן קענען ריידן ערלעך? ווי אַזוי איז עס געמאָלט, אַז מענטשן וועלכע דאַרפֿן יאָרנלאַנג, אַלע טאָג און אַלע שעה געבן אַ באַשטימטע מאָס רייד, אַז די דאָזיקע רייד זאָלן קענען זיין כאָטש אויף וויפֿל עס איז אמת, כאָטש אויף וויפֿל עס איז דורכגעלעבט און דורכגעטראַכט? דאָס איז אוממעגלעך! אַזעלכע מוזן זיך פֿאַרוואַנדלען אין ווערטער־אויטאָמאַטן, אין אויסטראַכט־מאַשינען. מען פֿילט נישט וואָס מען רעדט. מען הערט נישט וואָס מען זאָגט. אָפּגערעדט אַז מען גלייבט אַליין נישט אין דעם וואָס מען זאָגט. מען ווייס אַז דאָס איז ליגן. ווי זשע וויל מען אַז אַנדערע זאָלן עס פֿילן און גלייבן אין דעם!

דער מאָדערנער זשורנאַליזם שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ ווערטער־אינדוסטריע. ער פֿאַבריצירט אַ מין „גייסטיק גראָז” פֿאַר דע ציוויליזירטע מענטשהייט. טאָג־טעגלעך לאָזן זיך אַראָפּ אויפֿן קאָפּ פֿונעם מאָדערנעם בירגער בערג מיט באַווערטערט פּאַפּיר, וואָס קומען צו זיין זיין גייסטיקע שפּייז. מבֿלען ווערטער, מבֿלען רייד, אָן אַן אויפֿהער און אָן אַ סוף. אַלע טאָג דאָס זעלבע און אַלע טאָג דאָס אייגענע. אָבער און ווידער די זעלבע מעכאַנישע פֿראַזן און די זעלבע ליידיקע רייד. טויזנטער, טעגלעכע, וועכנטלעכע, צוויי־וועכנטלעכע, חודשלעכע, „ערנסטע” אין „ביליקע” אויסגאַבן. פֿון אַלע ריכטונגען און אַלע שאַטירונגען. יעדער מיט זיינע באַזונדערע רייד און באַזונדערע ליגנס. קילאָמעטערס פּאַפּיר, אָן אַ שיעור מאַשינען און אַרמייען דרוק־אַרבעטער, שטייען אויפֿהערלעך צום דינסט דעם וואָרט־ליגן. אַ קאָלאָסאַלע אינדוסטריע גיט זיך אָפּ אויסשליסלעך מיטן פֿאַרשפּרייטן נארישקייט און ליגן צווישן די מענטשן. דאָס פֿאַרדאַרבט, טעמפּט־אָפּ, פֿאַרפּלאַכט! דאָס איבערפֿליסיקע מעכאַנישע וואָרט צווינגט נישט צו פֿאַרטיפֿן זיך, נאָכצודענקען. עס רופֿט נישט אַרויס קיין גלויבן און קיין צוטרוי און עס איבערצייגט נישט. מען נעמט דאָס נישט ערנסט און עס ווירקט נישט, ווייל דאָס איז מעכאַניש, ווייל דאָס איז טויט. דאָס וואָרט וואָס איז באַשטימט אַרויסצוּרופֿן נשמה־טעטיקייט, דאָס וואָרט וואָס איז באַשטימט צו באַפֿרוכפּערן דעם גייסט אין וועלכן דאָס פֿאַלט אַריין, אים אָפּצופֿרישן און אויפֿצולעבן, איבט מער נישט אויס די דאָזיקע ווירקונג, ווייל עס איז טויט און פּוסט. ס'איז טויט און פּוסט ביי דעם, וואָס ברענגט דאָס אַרויס און ס'איז טויט און פּוסט ביי דעם וואָס נעמט עס אויף.

דער איינציקער אינסטרומענט פונעם מענטשנס גייסט — דאָס וואָרט — איז צעשטערט. צו וואָס דאַרף מען די בערג באַוואָרטערט פּאַפּיר, וואָס פאַרפלייצן טאָג־איין טאָג־אויס די מאָדערנע שטעט? וואָס פאַרא נוצן ברענגען זיי דען?...

אחוצדעם וואָס די פּרעסע איז דער אָפּשפּיגלער פון לעבן און קאָנ־סערווירט אַזוי אַרום דאָס גאַנצע שלעכטס מיט וועלכעס דאָס קעגנוואַר־טיקע לעבן איז אָנגעפילט, העלפט זי נאָך צו דאָס דאָזיקע שלעכטס צו קולטיווירן. מיט דעם וואָס זי האַלט כּסדר אין איין אויפכאַפּן און צע־שרייען די אַלע אומרעכטן, וואָס ווערן טאָג־טעגלעך באַגאַנגען אַזוי גוט אין לעבן פון די געמיינשאַפטן, ווי אינעם לעבן פון די יחידים, העלפט זי מיט די דאָזיקע אומרעכטן צו פאַרשפּרייטן און פאַרוואָרצלען. אין דער פּרעסע קומט דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע שלעכטס אַרויס בולט און קאָנ־צענטרירט. די פּרעסע שטיצט זיך דורכויס אויף דעם שלעכטס. זי זוכט מיט ליכט יעדעם פּיצל שלעכטס, וואָס ווערט באַגאַנגען אין לעבן און ברענגט עס אַרויס. וואָלט קיין שלעכטס נישט געווען אין לעבן, וואָלט די פּרעסע נישט געהאַט קיין עקזיסטענץ באַרעכטיקונג. וועגן וואָס וואָלטן דאַן די „פרומע" צייטונגען געשריבן. די פּרעסע לעבט דורכויס פונעם שלעכטס וואָס מענטשן טוען. זי לאָזט נישט פאַרביי אינערגעץ קיין שום אומרעכט, קיין שום עולה און פאַרברעכן, וועלכעס זי זאָל נישט אויס־גראָבן פון די פאַרבאָרגענישן און עס צעשרייען פאַר דער וועלט. די אַר־בעט פון דער פּרעסע באַשטייט, מערסטנטייל, אין זיך־אונטערהערן; גיין אויף די שפּיץ־פינגער און אַריינקוקן דורכן שליסל־לאָך, זען וואָס טוט די מענטשהייט אונטער פאַרמאַכטע טירן, און דאָס געזעענע צעשרייען פאַר דער גאַנצער וועלט. און היות ווי מיט קיין גוטס באַהאַלט מען זיך נישט אויס, גוטס טוט מען אָפן און בפרהסיה, קומט שוין במילא אויס, אַז אויפדעקן דעקט מען אויף נאָר שלעכטס.

וואָס מער שלעכטס, אַלץ מער אָנהאַלט האָט די פּרעסע אין לעבן. עס דאַרף מכלומרשט הייסן, אַז די פּרעסע דאַרף דאָס שלעכטס כּדי עס צו באַקעמפן אינדעראמתן איז אָבער פּונקט פאַרקערט: די פּרעסע לעבט פונעם שלעכטס. זי דאַרף דאָס שלעכטס; דאָס איז איר מקור פון חיונה, מיט דעם שפּייזט זי זיך. די פּרעסע דערציילט נישט וועגן די אומגליקן און שלעכטסן פון לעבן מיט האַלבע ווערטער, מיט אַ פיינלעכן טאָן, ווי מען דערציילט וועגן זאַכן, וואָס מ'וויל נישט אַז זיי זאָלן זיין, צו וועלכע מען פילט ווידערווילן און באַדויער, נאָר די פּרעסע דערציילט וועגן שלעכטס און אומגליק מיט אַ פולן מויל זאַפט. זי לאָזט נישט דורך קיין שום פּרט, זי באַפּוצט עס און באַפיינט עס און פאַרגרעסערט עס. זי גיט

זיך אָפּ מיט דעם זוי מיט אַן אבן־טוב. וואָס וואָלט די פּרעסע געטון ווען אַלץ אין לעבן זאָל זיין נאָרמאַל? צו וואָס וואָלט מען דעמאָלט באַדאַרפט צייטונגען? די פּרעסע וואַקסט אויס אין צייטן פון אומרועז און קריזיסן, ווען פאַרברעכן און שלעכטס מערן זיך אין לעבן. דעמאָלט האָט די פּרעסע מיט וואָס צו שפּייזן דער מענטשהייט. די פּרעסע איז געמאַכט געוואָרן אויפצווזכן שלעכטס און דאָס אַלעמען אויסזאָגן. די פּרעסע איז דער שטן־מקטרג אינעם לעבן. מיט וואָס פאַר אַ הנאה דעקט מען אויף מיסהאַנד־לונגען פון באַרימטע לייט וואָס האָבן גענאָסן פון אַ גוטן נאָמען. מיט וואָס פאַר אַ הנאה דעקט מען אויף מיסברויכן וואָס ווערן באַגאַנגען פון פאַרשידענע חשובע מענער. מיט וואָס פאַר אַ הנאה כאַפּט מען ביי דער האַנט דעם אָדער יענעם הויכן באַאַמטן. מיט וואָס פאַר אַ הנאה דעקט מען אויף פאַרברעכנס אין דער הויכער געזעלשאַפט. די פּרעסע האַלט אין איין נאָכשפּיאָנירן, אין איין פאַרקוקן אין יעדעם ווינקעלע פון לעבן און זוכט דאָרט מיט ליכט עפּעס אַ פאַרברעכן, אַ פעלער, אַ מיסברויך, כדי צו קאָנען אויף מאָרגן אַרויסקומען מיט „נייעס״ פאַר דער עפנטלעכער מיינונג און דאָס צעשרייען פאַר דער גאַנצער וועלט.

די פּרעסע האָט פאַרוואַנדלט דעם מאָדערנעם מענטשן איז אַ ליידן־שאַפטלעכן אינטריגאַנט. היות ווי די „עפנטלעכע מיינונג״ איז די העכס־טע אויטאָריטעט און זי דאַרף, בכן, אַלץ וויסן, טראָגט מען אַלץ אין גאַס אַרויס: אַלע אומריינקייטן, אַלע קוויטיקייטן, אַלץ וואָס איז פינצטער און שלעכט אינעם מענטשלעכן לעבן און וואָלט באַדאַרפט בלייבן פאַרדעקט פאַרן אויג, שלעפּט דאָס די פּרעסע אין גאַס אַרויס און שלאָגט דערפון קאַפּיטאַל: — מאָרדן, רויבערייען, פאַרברעכנס, ווילדקייטן און אומגליקן.

אַ שווידערלעכע מאָרד־סענסאַציע. — עס ווערן צעפּראַלט די טירן פון אַ מענטשנס אַ הויז און עס ווערט באַוויזן פאַר דער גאַנצער וועלט אַ ספּעקטאַקל פון בלוט און שאַנד. טאָגטעגלעך ווערן, פון די פעיקע זשור־נאַליסטן, אויפגעריסן הונדערטער שלאָפצימערן, און די ציוויליזירטע בירגער לויפן, אויף בייז־וואונדער, אַנקוקן שוישפּילן פון פּיין, ווייטיק און עקל. מענטשן מאַטערן זיך אין גסיסה־יסורים, מענטשן וואַלגערן זיך אין טייכן פון זייער אייגן בלוט — ווילדקייט און אומגליק, פאַרברעכן און ווייטיק, עקל און שאַנד, און די מאָדערנע „קולטור״־מענטשהייט ווייזט זיך מיטן פּיין און ווייטיק, מיטן צער און אומגליק פון אירע מיטמענטשן. די פּרעסע לאָזט נישט דורך קיין איין דערמאָרדעטן, וועלכן זי זאָל לאָזן אין רו און אים נישט אַרויסשלעפּן אין גאַס אַרויס, מאַכן מסחר מיט אים. גאַנצע שטאָבן טאַלאַנטירטע מענטשן זיינען אָנגעשטעלט צו גיין זוכן הרוגים, פאַרברעכן און אומגליק, כדי די פּרעסע זאָל זיי קענען פאַרהאַנד־

לען. וואָס גרעסער דער פאַרברעכן, וואָס מער דער פּיין, וואָס מער יסורים, וואָס מער ווייטיק, אַלץ בעסערע געשעפטן מאַכט די פּרעסע דערמיט. די הענט פון דער פּרעסע זיינען איינגעטונקען אין בלוט, פּיין און עקל, וועלכעס זי גראָבט אויס פון אַלע באַהעלטענישן און שלעפּט עס אין גאַס אַרויס צו פאַרמסחרן. וויפל צער, וויפל אומענדלעכער צער און ווייטיק איז פאַרבאָרגן אין דעם מינדסטן אַפילו פון די פאַלן, וואָס די פּרעסע צעשרייט אַזוי ציניש — צער און ווייטיק, וועלכע וואָלטן שטיל באַדאַרפט מיטגעפילט און רעספּעקטירט ווערן און נישט שענדלעך פאַרהאַנדלט ווערן. צי וואָלטן דען די זעלבע פעיקע זשורנאַליסטן אויך אַזוי פאַרהאַנדלט דעם אומגליק פון זייערע נאָענטע; צי וואָלטן זיי אויך בכוח געווען אויפצושרייבן די זעלבע פאַלשע, אָנציענדיקע ווערטער, וואָס זיי שרייבן וועגן פאַרברעכנס און אומגליקן פון אַ צווייטן — וועגן זייערע אייגענע? וואָלטן די דאָזיקע פאַרמאָגט כאָטש אַ פונק ליבע און וואָלטן זיי כאָטש אויף וויפל עס איז בכוח געווען צו פילן דעם צער און ווייטיק פון זייערע מיטמענטשן, וואָלטן זיי נישט געקענט טרייבן דעם דאָזיקן פּיינלעכן מסחר מיט מענטשלעכן ווייטיק און צער. נאָר דערפאַר וואָס זיי אַליין זיינען אומווירדיק ביזן לעצטן, קענען זיי טרעטן איבער מענטשלעכע לעבנס, גראָבן אין בלוט און מסחרן מיט שאַנד און ווייטיק פון אַנדערע.

אָבער די דאָזיקע זיינען נאָר אויף אַ העלפט שולדיק. די צווייטע העלפט שולד פאַלט אויף די קאָנסומירער פון דער דאָזיקער שאַנד־ און ווייטיק־פּראָדוקציע. מען דאַרשט נאָך אומגליק און שלעכטס. דער איצטיקער מענטש איז הונגעריק נאָך שווידערלעכקייטן. ברענגט אים נישט די פּרעסע עפּעס אַ דערשיטערנדיקע גרויזאַמקייט, לאַנגווייליקט עס אים. געוויינלעכע אומגליקן רייצן מער נישט זיין ראַפינירטן געשמאַק. ער פאָדערט גרויזאַמקייטן, אויפטרייסלענדיקע גרויזאַמקייטן, עפּעס אַזעלכעס וואָס זאָל זיך אויסצייכענען מיט אומדערהערטער ווילדקייט און בעסטיאַליטעט און זאָל אים אַריינברענגען אין חיהשען ענטוזיאַזם, זאָל אים אַנטציקן, עס זאָל ביי אים פאַרכאַפּן דעם אָטעם און אָנצינדן אַ ווילדן פייער אין די אויגן...

צו דינסט דער פּרעסע שטייט די הויך־אַנטוויקלטע טעכניק און די ציוויליזאַציע: דער טעלעגראַף, טעלעפאָן און ראַדיאָ, די לופט־ יבשה־ און ים־קאָמוניקאַציעס. מחנות זשורנאַליסטן זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער גאָר דער וועלט און זייער איינציקע אויפגאַבע איז צו גראָבן, זוכן נישטערן, אונטערצוהערן און אונטערצוקוקן, כדי צו האָבן וואָס צו דערציילן דאָס „געערטע” פּובליקום און שטילן זיין נייגעריקייט־ליידנשאַפט.

די פרעסע שלעפט ארום דעם איצטיקן מענטשן איבער אלע טונקעלע ערטער און דערציילט אים אינטימע סודות. זי שלעפט אים ארום הינטער די קוליסן פונעם געזעלשאפטלעכן לעבן, הינטער די קוליסן פון דער פאליטיק, הינטער די קוליסן פון דער מלוכה, הינטער די קוליסן פון דער קינסט, הינטער די קוליסן פון פאמיליען־לעבן — רק הינטער די קוליסן. וואו נאר א אינטריגע, א רכילות, א מיסהאנדלונג, דארט וואקסט אויס דער פעיקער זשורנאליסט און דארט וועט שוין די גאנצע וועלט וויסן פון עפעס א געמיינהייט...

די פרעסע מונטערט־אויף די נארישע גרויסהאלטעריי פון די מאסן. זי קולטיווירט דעם שאוויניזם, וואס איז זיך אין דער קעגנווארט אזוי צעוואקסן. זי קולטיווירט די אנימאלע קאמפס־עמאציעס. די אלע געוועטשפילן: באקס, פוטבאל, פערד־געיעג און די איבעריקע, וואס זיינען איצט אזוי פאפולער, באזירן זיך אויף דער אנימאל־עגאלאטרישער באדערפעניש. די דאזיקע שפילן וואס גייען מכלומרשט אן אלס פיזישע קולטור, שטעלן, איגדעראמתן, מיט זיך פאר נישט קיין אנדער זאך, ווי נאר פסיכישע מאסן־שלאכטן, וואו שטארקערע מאסן ווארפן זיך אויף שוואכערע און ברענגען זיי אום. אין די פערזאנען פון די באקסערס, פוטבאליערן, פערדלויפער, קעמפן צווישן זיך מאסן, וואו יעדער צד זוכט אומצוברענגען דעם צווייטן.

די פרעסע האלט־אונטער די דאזיקע זאאישע קאמף־קולטור. זי האלט אין איין רייצן דעם אנימאלן ווילן פון די מאסן. מיט די מינדסטע פרטים ווערן באשריבן די דאזיקע פסיכישע מאסן־שלאכטן. די פעיקע זשורנאליסטן שפארן נישט קיין אויפרייצנדיקע און אנציענדיקע פארבן אויף צו שילדערן די ליידנשאפטלעכע סצענעס פון קאמף. מען באשרייבט מיט געשפאנטקייט די קריטישע מאמענטן פונעם געראנגל, די פארצווייפלטע אנשטרענגונגען פונעם שוואכן נישט צו פאלן און די פארביסענע רציחה פונעם שטארקערן נידערצושלאגן. און נישט נאר באשרייבט מען עס פון צייט צו צייט און אויפן לעצטן פלאץ, נאר טאגטעגלעך ווערן קילאמעטערס גאנצע פאפיר, פארדרוקט מיט באשרייבונגען וועגן די פארשידנסטע קאמף־שפילן. דאס לעצטע ווארט פון דער טעכניק, די רייפע פרוכט פון דער וויסנשאפט, מענטש און מאשין, האלטן שטענדיק, זייער גאנץ לעבן, אין איין ארבעטן אויף צוצוגרייטן פאר דער ציוויליזירטער געזעלשאפט אט די עקלהאפטע טפשות און אנימאליטעט. שלעגערישע גאסניונגען זיינען די העלדן פון דער עפנטלעכקייט. זייערע בילדער ווי די בילדער פון די לויפפערד, גייען קיינמאל נישט אראפ פון די שפאלטן פון די צייטונגען. די ציוויליזירטע מאסן לייענען מיט פארכאפטן אטעם יעדעס ווארט וועגן

די גרויסע מעשים פון די דאַזיקע באַליבטע העלדן זייערע. אינסטינקטן וואָס וואָלטן אין דער מאַסע געדאַרפט באַקעמפּט ווערן, דערוווייזנדיק וואָס אַזעלכעס זיי שטעלן מיט זיך פאָר און פון וואָס פאַרא ווערט עס איז די קולטור וואָס באַזירט זיך אויף די דאָזיקע אינסטינקטן; געפילן וואָס מען וואָלט באַדאַרפט אויסוואָרצלען פון האַרץ פון דער מאַסע — אָט אָ די דאָזיקע געפילן קולטיווירט די פּרעסע און מיט זיי טרייבט זי איר שענד־לעכן מסחר.

אַזוי אויך קולטיווירט די פּרעסע די אַנימאַליטעט וואָס איז פאַר־בונדן מיטן געשלעכטס־לעבן. אויך אויף דעם געביט טוט די פּרעסע אַ שענדלעכע אַרבעט, מיט דעם וואָס זי האַלט אין איין רייצן די געשלעכטס־געפילן פון דער מאַסע. עס גייען נישט אַראָפּ פון די שפּאַלטן פון די מאָדערנע צייטונגען און זשורנאַלן די נעמען און בילדער פון אַלערליי אַרטיסטנס, טענצערנס, זינגערנס און שפּילערנס. די דאָזיקע אָרימע באַ־שעפעניש — שפּילצייג פון דער מענלעכער עראָטיק — זיינען די העלדנס פון דער צייט. מען הערט וועגן זיי נישט אויף צו ריידן און צו שרייבן. זייער לעבן, זייערע „גרויסע מעשים" און אויפטוען, פּונקט ווי דאָס לעבן און די „גרויסע מעשים" פון זייערע קאָלעגן די באָקסערס, פוטבאָליסטן, זשאָקעס און לויפפערד, הערן נישט אויף צו זיין די טעמע פון די געוויינ־לעכע געשפּרעכן. זייערע נעמען טראָגן זיך טאָגטעגלעך פון קאָנטינענט צו קאָנטינענט, דורך די אונטערימישע קאַבלען און איבערימישע ראַדיאָ־כוואַליעס. וועגן זיי חלומט די מאַסע, זיי פאַרערט די מאַסע, צו זיי, צו די פליישענע פּופּעס, קוקן אַרויף די ציוויליזירטע מאַסן ווי צו אויס־דערוויילטע וועזנס.

און דאָס אַלץ נוצט די פּרעסע אויס פאַר איר גונסטן. די דאָזיקע דירעקטע און אומדירעקטע זנות־פּופּעס זיינען דער בעסטער קאָמערץ־אַרטיקל פאַר דער פּרעסע. זייערע פאָטאָגראַפירטע לייבער פאַרקויפן זיך גוט. זיי ווערן פאָטאָגראַפירט אין די פאַרשידנסטע פּאָזעס: גאַנץ און האַלב נאַקעטע. אָט באַטאָנט איין קערפּערטייל וואָס רייצט דעם מאַן און אָט אַ צווייטער קערפּערטייל. באַשרייבונגען וועגן זייערע אַקטואַציעס לייענט דער עולם מיטן גרעסטן אינטערעס, און וויבאַלד אַז דער עולם לייענט און האָט הנאה פאַרוואָס זאָל די פּראַקטישע פּרעסע אים זשאַ־לעווען...

אָט אַזוי גיט זי, די מאָדערנע פּרעסע, די „קולטור־פאַרשפּרייטערן", די „קולטור־טרעגערן", וואָס זייט „וויסן" און „ליכט" צווישן די מאַסן, די פירערן פונעם עפנטלעכן וואָרט, די פאָנטרעגערן פון דער עפנטלעכער מיינונג — אַזוי גיט זי דעם געערטן לייענער אַלץ וואָס זיין האַרץ גלוסט.

אַלע טאָג דעם זעלבן וואָרט־שקר, אַלע טאָג דעם זעלבן גייסטיקן גראָז, אַלע טאָג פּאַרפּלייצן ימען באַוועדערט פּאַפּיר די מאָדערנע שטעט. — ווערטער ליידיקע, פּוסטע, אויסגעהוילטע פון יעדן אמת און יעדן אינ־האַלט, ווערטער אויסגעטראַכטע, אויף כוח אַרויסגעזויגענע פונעם מוח, אין וועלכע קיינער גלויבט מער נישט, ווייל זיי זיינען ליגן, ווערטער ווי זייפנבלאָזן, וואָס פּלאַצן אונטער דער מינדסטער באַרירונג פון דער ווירק־לעכקייט.

די ראָל וואָס די פּרעסע שפּילט אין מאָדערנעם לעבן, איז אַ פּאַר־דאַרבערישע. אויף אַלע געביטן פון סאָציאַלן און יחידישן לעבן טוט זי אָן שאָדן. זי פאַרדאַרבט די נשמה און טעמפּט אָפּ דעם גייסט, פאַר־פלאַכט דעם געדאַנק און געפיל. אירע פאַרשטייער זיינען ליגנער און ציניקער. די פּרעסע איז אַ שענדלעכער מסחר, וואָס ווערט געטריבן מיטן לייכטזין פון די מאַסן. דער איצטיקער מענטש וועלכער איז דערצויגן אויף דער פּרעסע, קען מער קיין בוך אין האַנט נישט נעמען. די פּרעסע, מיט איר אומערנסט, פלאַכקייט, ליגן און מעכאַנישן וואָרט, האָט אַרויפ־געלייגט איר חותם אויף דער מאָדערנער צייט, אַט אַזאַ איז דער גייסט פון מאָדערנעם מענטשן: פלאַך, באַגרעניצט, מעכאַניש, פאַלש — די אויערן הערן נישט וואָס דאָס מויל רעדט. דער איצטיקער מענטש דענקט נישט, פאַרטיפט זיך נישט, טראַכט־נישט־נאָך, נאָר אַלץ איז מאָמענטאַל, רעפ־לעקסיוו, אויבנויפיק — צ ײ ט ו נ ג ס מ ע ס י ק ! . . .

IV

געוועט־שפּילן און קאַמף־ספּעקטאַקלען פאַרנעמען דעם אַנגעזעענסטן אָרט אויפן געביט פון גייסטיקן אויסלעבן זיך פון די מאַסן, אין אַלע לענדער פון דער וועלט. היפּאָדראָמס, רינגן און סטאַדיומס זיינען שטענ־דיק איבערפולט מיט טויזנטער און צענדליקער טויזנטער באַזוכער. אַהינצו גייט די ציוויליזירטע מאַסע שעפּן באַגייסטערונג און פאַרגעניגן, אַהינצו גייט זי זיך ענטוזיאַזמירן און באַפרידיקן אירע געפילן. ווערט זי נאָר פריי פון אירע טאָגטעגלעכע עקאָנאָמישע דאגות, איז דאָס איר גייסטיקער ענין, מיט וועלכן זי איז באַשעפטיקט, דאָס איז איר גזעלשאַפט־לעכער געשפּרעך און דאָס איז דער אינהאַלט פון אירע מחשבות. וועגן דעם דיסקוטירט זי און וועגן דעם דריקט זי אויס אירע מיינונגען. דער לויפפערד און דער פויסטהעלד איז איר קולטור און זייערע אויפטוען — די לעבנס־פּראָבלעמען וואָס באַשעפטיקן איר מוח.

די פּסיכישע באַזע אויף וועלכער עס זיינען געגרונטפעסטיקט די דאָזיקע אינסטיטוציעס פון קאַמף און געשלעג, איז דער זאַאישער ענטו־

זיאַזם פאַרן זעלבסט. דער מענטש — די זעלבסטבאַוואוסטע חיה, פילט אַ נויטווענדיקייט צו דעמאַנסטרירן איר זעלבסט קעגניבער אַנדערע זעלבסטן. דאָס קען זי טון נאָר דורך פאַרמעסטונג. אָרדנט זי זיך דעריבער איין פאַרשידענע געוועט־ספעקטאַקלען, וואו צווייַ אָדער מערערע „איכן" דאַרפן צווישן זיך קעמפן. מיט צוזען אַזאַ קאַמף־ספעקטאַקל, שטילט די מאַסע דעם פסיכישן הונגער וואָס זי פילט פאַר איר „איך". דורך די פאַקטישע קעמפער, קעמפט צווישן זיך די צושויערישע מאַסע, די מאַסע איז אין די פאַקטישע קעמפער פאַרטראָטן. די מאַסע מאַכט שטענדיק מיט דעם צונעזעענעם קאַמף און זיגט אָדער פאַרלירט דורך די אַקטיווע פאַרטרעטער פון איר זעלבסט. בעת מעשה, ווען דער קאַמף גייט פאָר, צעפּענען זיך די קוואַלן פון ווילדער עמאָציע. אַ פייער צינדט זיך אָן אין די אויגן, די געזיכטער ווערן בלאַס און די אָטעמס פאַרכאַפּט. די מאַסע ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ מחנה קעמפנדיקע חיות, וואו יעדער איינער קעמפט און ראַנגלט זיך פאַרצווייפלט מיט זיין ריוואַל און וויל אים נידערשלאָגן. דער גאַנצער אַנימאַלער ענטוזיאַזם, וואָס איז פּאַסיוו אין דורכשניטס־מענטש, ווערט אַקטיוויזירט און אָנגעצויגן ביז דער לעצטער מאָס. ווילדע אויסגעשרייען פון אַנטציקונג און אויפגערעגטקייט רייסן זיך ספּאָנטאַן ארויס פון די העלדזער און דערמוטיקן דעם יעניקן אין וועמען מען האָט דעפּאָזיטירט די אייגענע גאווה. מיט אירע פאַרשטיקטע אויסגעשרייען פון געשפּאַנטער עמאָציע, מיט אירע אויטאָמאַטישע זשעסטן פון אַפּאָפּלעקטישער צעטומלטקייט, זעט די צוקוקנדיקע מאַסע אויס, ווי אַ געווימל פון וואַנזיניקע חיות. — דאָס איז די מאַסן־קולטור פון דער ציוויליזירטער צייט, דאָס איז דער יום־טוב־מאָמענט אין לעבן פון ציוויליזירטן מענטשן. פריי ווערנדיק פון די וואָכנדיקע באַשעפטיקונגען, איז דאָס זיין גייסטיקער געניוס, זיין העכערע נשמה־באַפרידיקונג.

דער צווייטער געפיל, וועלכער איז דער באָדן פון גייסטיקן לעבן פון איצט, איז דער געשלעכטס־געפיל: פילם, טעאַטער, וואָדעווילן, קאַבאַרעטן, דאַנסינגס, געשלעכטס־ליטעראַטור, געשלעכטס־פרעסע, געשלעכטס־מוזיק, געשלעכטס־טענץ אאַ"וו א"וו. די דאָזיקע אַלע איינריכטונגען שפּרייטן זיך אויס איבערן גאַנצן אויבערפלאַך פונעם איצטיקן לעבן. דאָס איז די אויטענטישע קולטור פון די ברייטסטע מאַסן. אהינצו שטראָמען טאָגטעגלעך מיליאָנען באַזוכער צו געפינען גייסטיקן געניוס. אהינצו גייט דער ציוויליזירטער מענטש שעפן פראַגעניגן און גליק. די דאָזיקע אַלע געשלעכטס־לעבע איינריכטונגען זיינען איבעראַל פאַרשפּרייט. זיי נעמען אַרום אַלע געביטן פון דירעקטער און קאָמבינירטער אַקציע. זיי האָבן אונטער זיך פאַרשידנערליי וועגן און מיטלען ווי אַזוי צו רייצן דאָס געשלעכטלעכע.

די סיטואַציעס, געשטיצטע אויפֿן געשלעכטלעכן, קענען זיין פֿאַרשי־דענע. זיי קאָנען זיין נאַקעט און אָפֿן און קאָנען זיין פֿאַרקליידט און פֿאַרבאָרגן, זיי קאָנען זיין אוממיטלבאַר און אַליין און זיי קאָנען אויך זיין פֿאַרוועבט מיט סיוזשעטן און צוגעגרייט אויף דער באַזע פֿון אינט־ריגע און נייגיר. זיי קאָנען אַנטהאַלטן פּופּציק פּראַצענט געשלעכט און גאַנצע הונדערט פּראַצענט. זיי קאָנען קומען פֿאַרשלייערט אונטער די אומשולדיקסטע שלייערן, זיי קענען זיך אַרומהילן מיט אַלערליי סענטי־מענטן, אַז מען זאָל אַזש דאָס געשלעכטלעכע נישט אַרויסזען און דאָך זאָל דאָס געשלעכטלעכע זיין דער תוך. אַדאַנק אַט די אַלע מעגלעכקייטן פֿון פֿאַרשידנאַרטיקער מאַניפֿעסטאַציע, האָט דאָס געשלעכטלעכע זיך אַזוי ברייט צעלייגט איבער דעם אויבנאויף פֿון קעגנוואַרטיקן גייסט־לעבן. די אַלערליי געשלעכטלעכע פֿאַרווייַלונגס־פּלעצער, טיילן זיך אָפּ איינע פֿון צווייטן בלויז מיט דעם, וואָס יעדע איינע באַנוצט זיך מיט אַנדערע מיט־לען אין דער אויסנוצונג פֿון סעקסועלן געפֿיל. איינער גיט אים מער דירעקט און דער צווייטער מער אומדירעקט, איינער מער אָפֿן און דער צווייטער מער פֿאַרשטעלט.

די מער דערפֿאָלגרייכסטע פֿאָרעם אין וועלכער עס ווערט קולטיווירט דאָס געשלעכטלעכע, איז דער פֿילם. דער פֿילם האָט די מעלה, וואָס ער קען כּינטעמיזירן די פֿאַרשידנסטע אָנרעגנדיקע סיטואַציעס אין איין גאַנצקייט און באַקומען פֿון דעם אַזאַ סומע פֿון אַנימאַלע עמאָציעס, וואָס קיין שום איינריכטונג קען אַזעלכעס נישט נאָכטון. עס באַקומט זיך, אַז אויסער די „ליבע"־עמאָציעס, וואָס ווערן דעמאָנסטרירט אין גרעסטן טייל פֿון די פֿילם־דעמאָנסטראַציעס, ווערט אויך גערעגט די נייגיר־ליידנשאַפֿט. די פֿילם־קולטור שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ געמיש פֿון אַלע אַנימאַלע סענטי־מענטן, מיט דעם הויפּט־סענטימענט — דאָס געשלעכטלעכע. אַדאַנק די טעכנישע מעגלעכקייטן צונויפֿצופֿאָרן די וויטלופֿנדיקסטע אוממעגלעכע סיטואַציעס און אַקצידענטן, וואָס דאָס מיינט, האָבן־ביד צו עקספּלואַטירן די שטאַרקסטע און גלייכצייטיק נאַרישסטע אייגנשאַפֿט פֿון דעם דורכ־שניטס־מענטש — די נייגעריקייט, קען דער פֿילם איינשפּאַנען אַלע זיינע אינהאַלטן אינעם וואָגן פֿון דער אינטריגע און פֿריי און אומגעשטערט אַרומפֿאָרן אין דער מענטשלעכער פּסיכיק. אַזוי אַרום פֿאַרנאַרישט דער פֿילם דעם עולם און טעמפּט אים אָפּ. דער פֿילם פֿירט איבער דעם חוש פֿאַר דאָסווירקלעכע און רעאַלע און אַנטוויקלט אַ נייגונג צו אויפֿגעבלאָ־זענע סענסאַציעס. ער פֿאַרדאַרבט דעם נאָרמאַלן געפֿיל און אַנטוויקלט אַ נייגונג צו שפּאַנענדיקע און אויפֿרעגנדיקע סיוזשעטן. דער פֿילם אַנט־וויקלט אַ נייגונג צו רכילות, אינטריגע און פּוסטע זאַכן, וואָס נישט גע־

שטווינגן־נישט געפלויגן. און דאָס אַלץ ווערט צוגעגרייט אויפן גרונט פון סעקסועלן געפיל. דער סעקסועלער געפיל ווערט ארומגעפאַסט מיט אַנ־ציִענדיקע ארגומענטן, וועלכע האלטן צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון צושויער און גיבן אַזוי ארום אַ מעגלעכקייט די פילם־אינהאַלטן טיף אריינ־צודרינגען און אויסצואיבן אַ ווירקונג.

נאָכן געשלעכטלעכן קומט אין פילם גזלה און מאָרד... פאַרברעכן. אויפן מאַגישן לייוונט ווערן באַוויזן די אוממעגלעכסטע סיטואַציעס און טרע־פענישן, וועלכע דאַרפן מיט זיך פאַרשטעלן די העכסטע מאָמענטן פון גזלה.

פאַרברעכן איז איינע פון די באַליבטסטע טעמען וועלכע דער פילם עקספּלואַטירט. רויב, מאָרד, פאַרניכטונג און צעשטערונג — זיינען סצע־נעס וואָס פאַרשווינדן נישט פונעם עקראַן.

געשלעכט, גזלה און פאַרברעכן — איז די דרייענדיקע פאָרמול פון דער פילם־קולטור. און דאָס דאָזיקע איז דאָס גייסטיקע ברויט פון די מיליאָנען. דער פילם איז דער עוועגטועלער פאַרוויילונגס־פּלאַץ פון דעם איצטיקן מענטשן. דאָ גייט מען געפינען העכערן געגוס און פאַרגעניגן. אַהערצו גייט מען אויספילן די אינערלעכע פוסטקייט...

דער פילם איז די בעסטע מאָס צו מעסטן דעם אַקטועלן צייט־גייסט. ער איז גלייכצייטיק אי איינער פון די שטאַרקסטע גייסט־פאַקטאָרן פון דער קעגנוואַרט, אי דער בעסטער אָפּשפּיגלער פון דער קולטור־קוואַליטעט פון איצט. וויסנדיק די קוואַליטעט פונעם פילם, ווייסן מיר אויך דאָס גייסט־לעבן פון אונדזער דור. דאָס פילם־מעסיקע הערשט אויך אין לעבן. די מאָדערנע ווירקלעכקייט איז אידענטיש צום פילם־שטייגער. די פילם־געראַכטיקייט, די פילם־מאָראַל, די פילם־פילאַנטראָפּיע, דער פילם־סענ־טימענטאַליזם, צוזאַמענגעפלאָכטן מיט אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע, העכסט־שפּאַ־נענדיקע, אויסערגעוויינלעך־סענסאַציאָנעלע סצענעס פון עראָטיק, פאַר־ברעכן און גזלה, איז דער סאַמע קאָנצענטרירטסטער אויסדרוק פון דעם צייט־גייסט פון איצט.

*

אויף אַלע געביטן איז אונדזער איצטיק לעבן דערגאַנגען צום לעצטן גראַד פון אַבסורד. וואו דער איצטיקער מענטש זאָל זיך נישט קערן און ווענדן, טראָגט מען אים אונטער געמיינהייט, ליגן און טפשות. מיר טרינ־קען זיך ממש אין אַ ים פון אומגלויבלעכע שטותערייען און פּריוואַלי־טעטן. די ראַדיאָס פאַרגראַגערן דעם קאָפּ מיט זייערע ביז נישט־גוטקייט זיך איבערחזרנדיקע נאַרישקייטן און רעקלאַמעס: ווייבערישע זאַכן און

דזשאַז, טואַלעט־זייף און בעטהאָווען, קאָסמעטיק און פּאָליטישע דרשות, באַריכטן פון פּערדגעיעגן און סערמאָנען פון גייסטלעכע, מיטלען צו האַרט־לייביקייט און ליטורגישע נומערן און אַזוי ווייטער און ווידער, אָן אַן אויפהער און אָן אַן עק. טוסטו נאָר אַ קוועטש דאָס קנעפּל, איז שוין דער געלט־יעגערישער סוחר ביי דיר אין שטוב און פּאַרקלאַפּט דיר דעם קאָפּ און דאָס האַרץ מיט זיינע שמאַכטעס. נעמסטו אין האַנט די ציימונג, דעם זשורנאַל, האָסטו ווידער דאָס זעלבע: ווידער רעקלאַמע, ליגן און טפשות. גייסטו אין קינאָ, מאַכט מען דיר צו נאַר און מען צערייצט דיר מיט שפּאַנענדיקע נישט־געשטויגענע, נישט־געפלויגענע מעשיות און ווייבעריש לייב. גייסטו צו אַ קאַמף־ספּעקטאַקל, וועקט מען אויף דיינע שלעגערישע אינסטינקטן און דעם רוצח אין דיר... וואו מען זאָל נישט גיין און וואו מען זאָל נישט שטיין, איז אַלץ געמאַכט געוואָרן צו רייצן און אויפצוואַ־וועקן די בהמה און די חיה אין מענטשן. מיר האָבן אויפגעהערט צו דענקען און צו פילן. אונדזערע מוחות ווערן פאַרטעמפּט און פאַרנאַרישט און אונדזערע הערצער פאַרגרעבט און פאַרביליקט. נישטאָ קיין איינצי־קער געביט וואָס מען זאָל קענען אָנווייזן: אָט דאָ איז פאַראַן שיינקייט, דאָ איז פאַראַן איידלקייט, דאָ דענקט מען ווי מענטשן, דאָ פילט מען ווי מענטשן...

עס איז פאַראַן אַן אמתע געפאַר אַז די מענטשן זאָלן ווערן אידיאָ־טיזירט אין די בלעריי מאָדערנע לייענשטאָפן, פאַרווילעכצן און צייט־פאַרטרייבן. עס מוז קומען צו אַ פולשטענדיקער גייסטיקער פאַרטעמפּונג פון היינטיקן און מאָרגנדיקן מענטשן אין צייט־גייסט פון דער ציוויליזירטער וועלט...

V

וויסנשאַפט וואָס איז אַן אויסדרוק פון אונדזער ווילן צו דערקענען דאָס אוניווערסאַלע לעבן, צו דערקענען די וועלט און די פאַרבאָרגענע כוחות וואָס ווירקן אין איר, צו באַנעמען דעם גאַנג פון אוניווערסום און אַריינצודרינגען אין זיינע מיסטעריען און געהיימע קרעפטן, וואָס רעגו־לירן זיין אומענדלעכע, אַנסופיקע פונקציע; די וויסנשאַפט, די דאָזיקע העל־שיינענדיקע און העל־בלענדנדיקע טייערע ליכט, די איינציקע זיכערע פעסטונג פון מענטשלעכקייט קעגן די אַלע אָנגריפן פון דער חיה, וואָס האָט זיך כסדר אימפּאָנירט אין מענטשן און וועלכע, די וויסנשאַפט, האָט אונדז סוף כל סוף דורכגעפירט דורך דעם גאַנצן לאַנגן דערנער־וועג פון באַרבאַרנטום און מיטלאַלטער, דעם דערנער־וועג פון געצנדינעריי, מיס־

טישע פאַרפּירטקייטן און שגעונות; די וויסנשאַפט, וואָס איז אַ פּראָדוקט פון אונדזער אומגעשטילטער תשוקה צו דערקענען דעם אמת און צו לעבן מיט אים; די וויסנשאַפט און די אמת־דערקענטעניש, וועגן וועלכע מ'האָט געטרוימט, אַז אין די טעג פון זייער אויפשטייג און פאַרשפּרייטונג, וועלן זיי זיין דער לייכט־טורעם פאַרן גאַנצן לעבן; אַז דעמאָלט וועט וויסנשאַפט וועט בליען און זיין פאַרשפּרייט צווישן די מענטשן, וועט דאָס לעבן מיזן זיין גוט און גערעכט — אַט די דאָזיקע וויסנשאַפט איז היינט, אין די טעג פון דער ציוויליזאַציע, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קללה פאַר אונדז. די וויסנשאַפט האָט געבראַכט דערצו, אַז דער היינטיקער מענטש און דאָס היינטיקע לעבן זאָלן זיין איבערפולט מיט שלעכטס און אַנימאַליטעט.

וויסנשאַפט איז נישט קיין אויסדרוק בלויז פון אונדזער דענק־פעיקייט, נאָר וויסנשאַפט איז אַן אויסדרוק פון אונדזער נשמה. די תשוקה צו וויסן, וואַקסט אַרויס פון די טיפסטע טיפענישן פון אונדזער געפיל־לעבן. די דאָזיקע באַדערפעניש, וואָס מיר עמפּפינדן גאַנץ אוממיטלבאַר און וועלכע פליסט אין דער ריכטונג פון דערקענען דעם אמת, די דאָזיקע באַדערפעניש איז עס געווען דער כוח, וואָס האָט געטריבן די חכמים, פילאָזאָפן און געלערנטע פון אַלע צייטן אָפּצוגעבן זייער גאַנץ לעבן דער אמת־זוכעניש. דער דאָזיקער זוכן דעם אמת האָט זיך נישט אויסגעדריקט אין בלויזער ראַציאָנעלער אַקציע, נאָר אויך אין פירן אַ שיין און ערלעך נשמה־לעבן. פילאָזאָפיע און וויסנשאַפט זיינען נישט קיין זאַכן פון שכל — כאָטש דער שכל איז דער אינסטרומענט זייערער — נאָר זיי זיינען זאַכן פון האַרץ. דערפאַר רופט פּלאַטאָן אָן די חכמה און דאָס וויסן „טייערער פאַרגעניגן". „צו זיין אַ פילאָזאָף הייסט נישט בלויז צו האָבן פיינע געדאַנקען, נישט אַפילו צו האָבן געגרינדעט אַ שולע, נאָר אַזוי ליב צו האָבן חכמה אום צו לעבן לויט אירע פאַרשריפטן אַן איינפאַך, אומאָפּהענגיק, גרויסמוטיק און ערלעך לעבן" (טאָראָ). די וויסנשאַפט און די פילאָזאָפיע, כאָטש דאָס געצייג מיט וועלכעם זיי אָפּערירן, איז דער געדאַנק און דער לאָגישער כוח, דאָך, איז דער גאַנצער געפיל־קאָמפּלעקס, וואָס איז פאַרבונדן מיט זיי, סיי די תשוקה און די גלוסטונג צו פאַרשטיין און צו וויסן, און סיי די גליקזעליקייט, די ריינסטע נשמה־פרייד און באַגייסטערונג, וואָס דאָס רופט אַרויס, דער בעסטער באַווייז, אַז די חכמה און די וויסנשאַפט האָבן זייער מקור אין אונדזער געפיל־לעבן און נישט אין אונדזער שכל. דערפאַר אויך האָבן די ראַציאָנאַליסטן פון אַלע צייטן, זיך איינגעשטעלט דווקא דערפאַר, אַז דער בעסטער מיטל צו פאַרבעסערן דאָס לעבן איז דאָס פאַרשפּרייטן בילדונג און וויסן צווישן די מענטשן. בילדונג און וויסן האָט באַדייט פאַר די דאָזיקע אידעאַליסטן,

גישט בלויז ראַציאָנעלע אינסטרואירטקייט, נוצלעכע אינפאָרמאַציע וועגן די פאַרשידנסטע ענינים פון דער וועלט און פון לעבן, נאָר בילדונג און וויסנשאַפט האָט באַדייט עפּעס אַזעלכעס, וואָס מאַכט העראָיש און אומ־דערשראָקן די געפילן אין קאַמף פאַר גוטס, אַ זאַך וואָס די ווירקונג דער־פון גייט גלייך אין דער נשמה אַריין און וויקלט דאָרט אויף אַלע פאַר־וויקלטע גוטע כוחות, וואָס זיינען דאָרט פּאַסיוו און שווייגן.

וואָס זעען מיר פאַקטיש? — פאַקטיש זעען מיר אָט וואָס: די וויסנ־שאַפטן האָבן טאַקע דערגרייכט צו דער העכסטער שטופע פון אַנטוויקלונג, אָבער דאָס מאָראַלישע לעבן איז, נישט געקוקט דערויף, געגאַנגען אַ שנעלן באַרג־אַראָפּ־וועג. אין דער ווירקלעכקייט האָט זיך באַקומען, אַז וויסנ־שאַפט און לעבן זיינען זיך צעגאַנגען אין קעגנזעצלעכע ריכטונגען: איינס איז כסדר געשטיגן און דאָס צווייטע איז כסדר געפאַלן.

די וויסנשאַפט, די זון פון פאַרנונפט און שכל הישר, אויף וועמען מען האָט געלייגט די גאַנצע האָפענונג, אַז דעמאָלט ווען אירע שטראַלן וועלן זיך צעשפּרייטן איבערן געזעלשאַפטלעכן לעבן און וועלן אַריינדרינ־גען צווישן די ברייטסטע שיכטן פון די מענטשן, וועלן זיי צעשמעלצן דעם דיקן פלאַסט פון שלעכטס און אומגערעכטיקייט און וועלן גורם זיין, אַז די מענטשן, נאָכדעם ווי זיי וועלן ווערן קליגער און וויסנדיקער, וועלן זיי אויך ווערן בעסער און גערעכטער — האָט אָפּגענאַרט די האָפענונגען. מיר זעען פונקט דעם היפוך: פון איין זייט איז דאָס איצטיגע לעבן איבערפולט מיט בילדונג און קענטעניש, און פון דער צווייטער זייט, איז עס אָנגע־פילט מיט שלעכטס און מאָראַלישער ירידה. פון אויסנווייניק איז דאָס איצטיקע לעבן הויך־ציוויליזירט און הויך־געבילדעט. מאָדערנע שטעט מיט צום הימל־גרייכנדיקע טורעמס, מיט קאָמפאָרט און לוקסוס, מיט פּראַכט און גלאַנץ, מיט ליכט און געזאַנג; וואונדער פון דער טעכניק, שנעלשיפן, עראָפּלאַנען, ראַדיאָ אאַ"וו אַ"וו. מאָדערנע מעמאָדן צו באַאר־בעטן די ערד און אַרויסברענגען פון איר שפע און זאַטקייט; לייכטקייט פון פּראָדוצירן אַלץ וואָס דער מענטש האָט נויטיק פאַר זיין געברויך; מאָדערנע שטעט זיינען איבערפולט מיט שולן, אוניווערזיטעטן, לערנ־אַנשטאַלטן אאַ"וו. דאָס פון אויסנווייניק, וואָס וואָלט געקענט מאַכן גלויבן, אַז די מענטשן לעבן גוט און ערלעך, גליקלעך און צופרידן. פון אינעווי־ניק אָבער, אונטערן שיינעם שלייער פון די וויסנשאַפטן, איז דאָס איצ־טיקע לעבן אָנגעפילט מיט נאַרישקייט און אומרעכט.

וויסנשאַפט, וואָס דאַרף צעעפענען די קוואַלן פון ליבע צו אונדזערע מיטמענטשן און אונדז מאַכן פירן אַ גוט און גערעכט לעבן, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אייגננוציקן קאַריעריזם. וויסנשאַפט איז געוואָרן קאָפּ־

מלאכה, טרוקענע אינפאָרמאַציע פון סכום ידיעות, וואָס ווערט אויסגע־נוצט ווי אַ גוט מיטל אויף צו מאַכן געשעפט.

די וויסנשאַפט־מענטשן, וואָס האָבן באַדאַרפט מיט זיך פאָרשטעלן די ערלעכסטע און מוטיקסטע קעמפער פאַר גוטס, וואָס זייער לעבן האָט באַדאַרפט זיין אַ מוסטער פון עטישער שלמות, פון רעכט און וואוילטואונג, וואָס נאָר אין אַזאַ פאַל, וואָלטן זיי געווען אמתע מענטשן פון וויסן און חכמה — האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין פראָפעסיאָנאַלן, דאָס הייסט אין פריווילעגירטע בעל־מלאכות, וועמענס אַרבעט עס באַצאָלט זיך גוט. די אַקאַדעמיעס און הויכשולן וואָס האָבן באַדאַרפט זיין אַנשטאַלטן פון מאָ־ראַלישער פאַרפולקאָמונג און דערציונג פון דער נשמה, זיינען אינדער־אמתן וואַרשטאַטן פון אינסטרואירטע געלט־פאַרדינער. די אוניווערזיטעטן וועלכע האָבן דורך דער וויסנשאַפט, באַדאַרפט אַרויסגעבן יונגע מענטשן, וועמענס הערצער זאָלן זיין אָנגעפילט מיט ליבע און שטרעבונג צו גוטס, ניבן אַרויס פון זיך אינסטרוירטע סנאָבן, וועלכע העלפן קולטיווירן אַלדאָס שלעכטס.

אין סך הכל באַקומט זיך אויף אַלע פראָנטן אַ מאָראַלישער דורכפאַל פון דער וויסנשאַפט. די הויכע מדרגה פון אינטעלעקטועלער דערפאַרונג צו וועלכער דער הייגטיקער מענטש האָט דערגרייכט, האָט גאָרנישט געטון אויפצוהויבן אויף אַ העכערער שטופע זיין לעבן. וויסנשאַפט איז מער נישט קיין אידעאַל, וויסנשאַפט באַשיינט מער נישט, וויסנשאַפט מאַכט מער נישט ליכטיק דאָס האַרץ, וויסנשאַפט דערוואַרימט מער נישט צו גוטע מעשים, נאָר וויסנשאַפט איז אינסטרוקציע, וויסנשאַפט איז פּראַק־טישע און נוצלעכע אינפאָרמאַציע, וויסנשאַפט איז אַן אַרטיקל פון געלט פאַרדינען, וויסנשאַפט איז קאַריעריזם...

די וויסנשאַפט האָט געמאַכט געבוירן די קולטור פון קערפּער און אינסטינקטן, די קולטור פון ציוויליזירטן אַנימאַל. נישטאָ קיין שום גייס־טיקער אַנהאַלט אין היינטיקן לעבן, קיין שום העכערע ווערטן, אין וועלכע מענטשן זאָלן גלויבן און זיין איבערצייגט אין זיי, וואָס זאָלן אויספילן דעם גרויסן בלויז, וואָס אין אַנדערע צייטן איז עס געווען רעליגיע. וואָס מער קערפּערלעכע פאַרגעניגנס, וואָס מער פיזישער וואוילטיק, וואָס מער זינלעכער גענוס — אָט דאָס איז דער גלויבן פון דער צייט. די גלוסטן צו די פּרוכטן פון טעכנישן פּראָגרעס. זיינען גרויס. צו קריגן זיי איז אוממעגלעך. מוז מען פאַרביטערט קעמפן און זיך ראַנגלען. קיין אינער־לעכע איבערצייגונג, וואָס זאָל טאָרמאַזירן, איז נישטאָ. צעווילדעווען זיך די אַנימאַלע סענטימענטן און זיי ווערן דער לעבנס כוח. זיי זיינען דער לעבנס־כוח פון היינט.

איצט איז נישטאָ קיין קונסט. קונסט קען נישט זיין קיין באַשטאַנד־טייל פון אַזאַ לעבנס־אופן ווי דער איצטיקער. דאָס איצטיקע לעבן איז אין גרויסן און גאַנצן אַ סתירה צו דעם וואָס מיר פאַרשטייען אונטער קונסט.

אין יעדן מענטשן איז דאָ קונסט. יעדער מענטש איז אַ קינסטלער, אַ קינסטלער נישט אין זינען פון „מאַכן קונסט"; נאָר אין זינען פון האָבן קונסט אין זיך. עס איז דאָ אין אונדז פון דעם דאָזיקן לויטערן געפיל, וואָס אַז ער ווערט אַקטיוו אין אונדז, פילן מיר די ריינסטע פרייד און דאָס העכסטע גליק. אין וועמען מער, אין וועמער ווייניקער, אָבער אין יעדן מענטשן איז פאַראַן קונסט. די פאָרמען און די אויסדרוקן פון דער קונסט, זיינען נישט מער ווי מיטלען אויף אויסצודריקן דעם קונסט־פילן. דער אופן, די פאָרמען און די מיטלען פון דער קונסט, בייטן זיך, דאָס פילן אָבער איז שטענדיק דאָס זעלבע.

דאָס ארויסברענגען פון אונדזער קינסטלערישן זיין, האָט אייגנטלעך, באַדאַרפט זיין אַ סעקונדאַרע פראַגע. בעיקר האָט אונדז באַדאַרפט אינטערעסירן דאָס קינסטלערישע זיין, דאָס לעבן מיט קונסט, דאָס זיין אַ קונסט־מענטש, זיין איבערפולט מיט קונסט־אימפּולסן און מיט זיי אין לויט זיי, זיך אויפלייזן אין ווירקלעכן לעבן. די פראַגע פון זיין ביכולת צו רעאַליזירן אין וואָרט, בילד און קלאַנג דעם קונסט־זיין, וואָלט נישט באַדאַרפט האָבן קיין שייכות צום עצם ענין פון קינסטלערישער עקזיסמענץ. איין זאַך איז זיין און אַ צווייטע זאַך איז זיך־אויסדרוקן. דער עיקר וואָלט באַדאַרפט זיין דער „זיין" און נישט דער „זאָגן". האָט מען אָבער איבערגעטראָגן דעם הויפּטגעוויכט אויפן „זאָגן" און נישט אויפן „זיין". דער באַגריף קונסט און קינסטלער, איז רעדוצירט געוואָרן צו דער טעכנישער פאַרוויקלעכונג פון דאָס קינסטלערישע.

אַנשטאָט דעם, וואָס קונסט זאָל פאַר אונדז באַדייטן אַ באַשטימטער לעבנס אופן — אַ קונסט לעבן; אויף אַלע געביטן פון לעבן לאָזן אויסווירקן אונדזער עטישע נאַטור, קונסט זאָל זיין אין לעבן, דער עקוויוואַלענט פון לעבן, לעבן זאָל זיין געבויט אויף די יסודות פון קונסט, קונסט און לעבן זאָלן לויפן פּאַראַלעל, באַדייט נאָר קונסט — אַ פאַבריקאַט, אַ שאַפונג, אַ זאַך וואָס שטייט אויסהאַלב די תחומען פונעם ווירקלעכן לעבן, וואָס שטייט איבערן לעבן, אַזוי צו זאָגן. דאָס רעאַלע לעבן איז געבויט אויף שונד־יסודות, דער ווילן און די כוחות, וואָס קאָנטראָלירן דאָס טאָגטעגלעכע לעבן, זיינען פון אַן אַנדער סאָרט, ווי די וואָס ווערן אילו־

זאַריש אַרויסגעשטעלט אין דער קונסט. קונסט איז אַן אילוזיאַרישע, ליגנערישע פּראָדוקציע איבער דאָס רעאַלע לעבן. דאָס לעצטע אַנטהאַלט אין זיך גאָר אינגאַנצן אַנדערע מהותן ווי די קונסט. נאָכדעם ווי די מענטשן לעבן און ווירקן אַ גאַנץ־יאָר לויט זייערע אַנימאַלע עמאָציעס, איז קונסט אַ מין גייסטיקער קאָמפּאָט, אַ צוקערל פאַר דער נשמה, וועלכע מ׳נוצט נישט אינדערוואָכן.

דער צוגאַנג צו קונסט ווי צו אַ שיינער שאַפונג, וואָס דאַרף באַשיינען דאָס מיאוסע לעבן, האָט זיין מקור אין דואַליזם פון אונדזער נאַטור. לעבן אין דער ווירקלעכקייט, ווילן מיר לויט אונדזער „נידעריקער" נאַטור און לעבן אין דער מחשבה, ווילן מיר לויט אונדזער „העכערער" נאַטור. קונסט, ווען זי דרינגט נישט אַריין אין די ספערן פון רעאַלן זיין, נאָר זי בלייבט אין דער ספערע פון דער מחשבה, איז אַ שיינער אָרגאַנישער ליגן. און אָט פאַרוואָס: ווען מיר זיינען אָנגעגריפן פון קונסט־עמאָציעס, ווען אונדזער קונסט־ווילן איז אַקטיוויזירט אין אונדז, זיינען מיר דאַן אַנדערע באַשעפענישן: מיר ווילן אַנדערש האַנדלען, אַנדערש ווירקן, אַנדערש לעבן און אין אַנדערע אַקטיוויטעטן זיך אויפלייזן, קונסט פליכט דאַן פון לעבן און אין לעבן אַריין. דעמאָלט ווען עס צעשטראַלט זיך אין אונדז דאָס ליכט פון דער קונסט, דערפילן מיר זיך אינגאַנצן אַנדערע. — אַנדערע, וואָס וואָלטן באַדאַרפט איבערפאָרמירן זייער לעבנס־אופן און אים אַוועקשטעלן אויף אַנדערע יסודות, ווי די אויף וועלכע ער שטייט. מיר פילן אַנדערש אונדזערע מיטמענטשן, מיר פילן אַנדערש די נאַטור. עס פאַרשווינדט די גראָע שיין מיט וועלכער דאָס טאָגטעגלעכע איז אַרומגעהילט און אויף איר אָרט שטראַלט אויף אַ ליכטיקייט, וואָס צעלייגט זיך איבערן גאַנצן אויבערפלאַך פון אונדזער לעבן און נעמט דורך אונדזער מינדסטע טוּאונג. וואָס הייסט עס? עס הייסט, אַז קונסט איז נישט קיין אַבסטראַקטער פילן וואָס האָט נישט קיין שייכות מיט אונדזער ווירקלעכקייט, נאָר איז אַ קאָנקרעטער פילן, וואָס זיין אויסווירקונגס־געביט איז דאָס אַלטעגלעכע. מעג די אָנרעגונג קומען פון וואָס פאַר אַ קונסט געביט עס זאָל נישט זיין: פון נאַטור־שיינקייט, פון מוזיק, פון פּאָעזיע, אַבי עס ווערט אַקטיוויזירט אין אונדז דער קונסט־פילן, ווערן מיר בעסערע מענטשן אין אַלגעמיין און ווילן אַז אַלע אונדזערע האַנדלונגען זאָלן זיין אין אָנקלאַנג צו אונדזער אַקטיוויזירטן קונסט־פילן. הייסט עס, אַז קונסט איז נישט קיין איבערוווירקלעכער פילן, וואָס קען זיך נישט אויסווירקן אין לעבן, נאָר איז אַ ווירקלעכער פילן, וואָס גיט דירעקטיוון און ריכטעט דאָס ווירקלעכע לעבן אין אַ באַשטימטן וועג. אויב אַזוי, ווי קען עס געמאָלט זיין, אַז דער וועג פון לעבן זאָל לויפן אין אַ פונקט קעגנזעצלעכער ריכ־

טונג, ווי דער וועג פון דער קונסט? דאָס לעבן זאָל זיין שונד און דאָך זאָלן מיר באַנוצן קונסט? — קונסט ווי דאָס ווערט איצט באַגריפן און באַנוצט, שטעלט מיט זיך פאָר אַ שיינעם, אָרגאַנישן ליגן.

קונסט, פילן מיר, איז דער העכערער תוך אונדזערער, די קווינט עסענץ פון אונדזער מענטשלעכקייט. די קונסט פאַרענטפערט אין אונדז עפּעס אַ מין הארבע פראַגע, וואָס אָן דער דאָזיקער פאַרענטפערונג, וואָלט אונדזער לעבן אויסגעוויזן אינהאַלטלאָז און זינלאָז, פוסט און מינדער־ווערטיק. אַדאַנק דער קונסט, פילן מיר, האָט אונדזער לעבן עפּעס אַ ווערט. די קונסט באַשיינט, די קונסט גיט אינהאַלט און זינען, די קונסט האַלט־אונטער, די קונסט איז דער אָנשפּאַר, די קונסט איז די קרוין. פאַרוואָס פילן מיר אַזוי? ווייל קונסט איז דער אויסדרוק פון אונזער עטישער נשמה, פון אונדזער נשמה אַלס מענטשלעכע וועזנס, פון אונדזער מענטש־נשמה, און ווען מיר גאָרן נאָך קונסט־לעבן, גאָרן מיר נאָך אויטענטיש לעבן, גאָרן מיר זיך אויפצולייזן אַלס קונסט־וועזנס. דאָך לעבן מיר פּאַק־טיש מיט אַנדערע אַפּעטיטן און תשוקהס, נישט מיט די קינסטלערישע. די קינסטלערישע תשוקהס באַנוצן מיר ווי אַ מין תשובה־טון, מיר באַנוצן זי ווי אַ גייסטיקן געַנוס.

אָט אַזוי, נישט פאַרשטייענדיק די אייניקייט פון קונסט און לעבן, נאָר מאַכנדיק פון קונסט אַ דערשיינונג איבערן רעאַלן, ווירקלעכן לעבן, אַ „שיינעם מאָמענט" אין מיאוסן שטענדיק, איז קונסט רעדוצירט גע־וואָרן צום בלויזן באַגריף פון „שאַפן" דעם שיינעם מאָמענט, קונסט איז רעדוצירט געוואָרן צו שיינעם אויסדרוק. עס איז אין לעבן אויפגעקומען אַ קאַסטע פון קונסט־מאַכער, וואָס ווידמענען זיך אויסשליסלעך דער עובדה פון פאַבריצירן דער שיינער קינסטלערישער עקספּרעסיע, וועלכע ווערט גענוצט אַרויסצורופן „שיינע מאָמענטן" און „דערהויבענע שטימונ־גען". קונסט, ווי דאָס ווערט איצט פאַרשטאַנען, איז אַן ענין פון אַרויס־ברענגענדיקן מיטל, פון טעכנישער רעאַליזירונג. אַ קינסטלער איז דער, וואָס קען שאַפן שיינע פאָרמען. די מאָס פאַר קונסט, איז איבערגעטראָגן אויף דער אויסדרוקס־פעיקייט, אויף דער באַגאַבטקייט פון פאַרפאַסן. דאָס וואָרט „קונסט" איז געוואָרן דער עקוויוואַלענט פון וואָרט „טאַלאַנט", פון מייסטערשאַפט. אַ קינסטלער מיינט נישט, קודם־כל, אַ קונסט־מענטש, נאָר אַ קונסט־מייסטער. די מאָס פאַר קונסט און קינסטלער, איז נישט דאָס קינסטלערישע זיין, נאָר דאָס קינסטלערישע פאַרפאַסן. און פאַרפאַסן איז אַ זאַך פון באַגאַבטקייט און נישט פון גייסט. די גרויס־קייט פון קינסטלער מעסט מען נישט לויט זייער זיין, נאָר לויט זייער־מייסטערהאַפט אָפּגעאַרבעטע, אונדז באַאיינדרוקנדיקע שיין־ליגנס.

קונסט וואָס האָט אינדערראַמתן מיט זיך באַדאַרפט פאַרשטעלן אַן אידעאַלע לעבנס־באַוועגונג, מיט פּראַקטישע ענדצילן, איז באַגרעניצט געוואָרן צו אַן א י ב ע ר ל ע ב ן ־ דערשיינונג, וואָס איר אויסווירקונגס־נעביט איז אין דעם אילוזיאָרישן פאַלש־לעבן פון די מענטשן. די קינסטלער וואָס האָבן באַדאַרפט מיט זיך פאַרשטעלן דעם פּאָלקאָמסטן מאָראַלישן טיפּ מענטש, וועלכער ווירקט אינעם סאַמע אינגעווייד פון דער געזעלשאַפט און איבט דאָרט אויס זיין קינסטלערישע השפעה, אין דעם זינען אַז די קונסט זאָל ווערן לעבן, וואָס אין אַזאַ פאַל וואָלטן די קינסטלער באַדאַרפט זיין מוסטער־מענטשן, וועמענס גרויסקייט איז נישט אינעם זאָגן, נאָר אינעם טאָן, אין זייער עטישער עקזיסטענץ, נביאים־קינסטלער, נביאים דורך דער קונסט, אָנשטאָט דעם, שטעלן נאָר די קינסטלער מיט זיך פאַר קונסט־פּראָפעסיאָנאַלן, קונסט־מייסטערס און די קונסט א טואַלעט־אַרטיקל פאַר „שיינע מאָמענטן", פאַר „העכערן געגנוס" אין א זונטיקדיקן נאָכמיטיק.

און פונקט ווי די געניסער פון דער קונסט איז זי פאַר זיי נישט מער ווי א זיס מאכל פאַר זייער „שבתדיקער נשמה", אַזוי איז זי פאַר די קונסט־מאַכער. דאָס לעבן פון די קינסטלער איז איין זאַך און זייער קינסטלעריש שאַפן א צווייטע זאַך. דאָס זיין, דאָס וועזנטלעכע, הייסט עס, מעג זיין געמיין ביזן לעצטן, אַבי מען קען „דערציילן די מעשה"...

קיין שום וואָרט אין מענטשלעכן לשון איז נישט אַזויפיל צייכן פון אָרגאַנישער פאַלשקייט ווי דאָס וואָרט טאַלאַנט. דאָס דאָזיקע וואָרט סימבאָליזירט דעם גאַנצן שקר וואָס האָט זיך פון שטענדיק אָן איספּאָנירט אין מענטשלעכן לעבן. טאַלאַנט איז די שילד פון דער וועזנטלעכער דואַליטעט, פון וועזנטלעכן שקר. כאָטש אָנפאַרזיך מיינט טאַלאַנט באַגאַבטקייט, פעיקייט פון אויסדריקן זיך, דאַך איז דער פאַקטישער באַדייט דערפון צווייאיקייט און אָרגאַנישער ליגן. אין לעבן האָבן זיך שטענדיק אימפּאָנירט די טאַלאַנטן, די געשיקטע, די פלינקע קעפּ, די מייסטערס, — די מייסטערס פון דער אָראַטאָריע, די מייסטערס פון דער פּראָזע, די מייסטערס פון גערעדטן און געשריבענעם ליגן. אַזוי גוט אויפן געביט פון דער פּאָליטיק, ווי פון דער קונסט, האָבן שטענדיק דערגרייכט צו דער העכסטער שטופע פון מאַכט און איינפלוס די אַלערליי טאַלאַנטירטע, הויךבאַגאַבטע, וואָוילקענענדיקע מענער. ווייניק זיינען געווען אמתע מענטשן, צו וועלכע מען האָט זיך צוגעהערט און אַסאַך זיינען געווען די טאַלאַנטן, ווירטואָזן, מייסטערס, צו וועלכע מען האָט זיך צוגעהערט און וועלכע האָבן אַרויפגעלייגט זייער חותם אויף דער מענטשלעכער קולטור פון אַלע צייטן.

דער געוויינלעכער מענטש נעמט זיך איבער מיט מייסטערשאפט, באַטש דאָס אינערלעכע, דאָס אמתע פון מייסטער, איז פאַלש, שלעכט, פיצלדיק. אַט דאָס דאַזיקע זעט נישט דער פשוטער מענטש, דער המון־מענטש. דער המון פאַלט אַרונטער אונטערן היפנאָז פון וואָרט, פון עקס־פּרעסיע און צאַלט דערפאַר מיט אָנערקענונג. די מאַסע גייט־נאָך נאָך דעם ווירטואָז און ווערטער־אַקראַבאַט. די מאַסע ווערט פאַרכאַפּט פון דעם קונציקן ווערבאַלן זשאָנגליאַר און מאַכט אים פאַר איר גרויסן מאַן. ווער ווייסט ווי אַזוי דאָס מענטשלעכע לעבן וואָלט אויסגעזען, ווען אין דער געשיכטע וואָלט זיך אימפּאָנירט ווייניקער טאַלאַנט און מער מענטש־לעכקייט. וויפל מאָנומענטן וואָלט מען באַדאַרפט איינוואַלגערן און נייע אויפשטעלן, וויפל נעמען וואָלט מען באַדאַרפט אויסמעקן פון זכרון און וויפל נייע איינקריצן.

א באַזונדערס גינסטיקן באָדן האָט דער טאַלאַנט געפונען אויפן גע־ביט פון דער קינסטלערישער עקספּרעסיע — וואָרט, מוזיק, מאַלעריי און סקולפּטור. דער דאַזיקער געביט איז ספּעציעל מסוגל פאַר א קולטיוו פון פאָרמען און אויסדרוקס־מיטלען.

אונדזער אינערלעכע קונסט באַט־אָן אַן אומענדלעך ברייט פעלד פון קינסטלעריש־רעאַליזירנדיקער איניציאַטיוו: שיינע שפּראַך, דערפינדעריש־קייט און פלעקסיביליטעט פון פאַנטאַזיע, פעיקייט פון קאָמבינירן סיטואַ־ציעס און האַנדלונגען, צונויפפּאָרן פערזאָנען און פּאַסירונגען אאַ״וו. דאָס אַלץ סינטעטיזירט און פּאַרפיקסירט אין האַרמאָנישער גאַנצקייט, שטעלט מיט זיך פאָר קונסט־שאַפונג. אָפּגעזען דערפון צו וואָס פאַר א קונסט־געביט אַן עפּאָכע איז, צוליב די אָדער יענע סיבות, צוגענייגט: צי צו נאַטור־שיינ־קייט, ראָמאַנטישע און עסטעטישע אינהאַלטן, אָדער צו סאָציאַל־עטישע אינהאַלטן, איז אָבער שטענדיק אָפן און פריי דאָס פעלד פון טעכניש־קינסטלערישער רעאַליזאַציע. די נויטווענדיקייט פון פאָרעם־זוכעניש פאַר שטענדיק די זעלבע קונסט־אינהאַלטן, האָט געפירט דערצו, אַז די הויפּט־אויפמערקזאַמקייט זאָל אָנהויבן געלייגט ווערן אויף דעם מאָמענט פון אויסדרוק און פאָרעם. קונסט, וואָס האָט באַדאַרפט זיין א מאַראַליזירנ־דיקער פאַקטאָר און שטיין אין צענטער פון לעבן, איז אַרויסגעשטופּט געוואָרן פון דער דאַזיקער צענטראַלער פּאָזיציע און איז פאַרשטופּט גע־וואָרן ערגעץ אויף אַן אָלימפּ, וואוהין די מענטשן קומען אין יום־טוב־טעג נהנה־זיין פון די שיינקייטן פון דער אָלימפּישער קונסט און קערן זיך דערנאָך אום צו זייער לעבן פון א גאַנץ יאָר. די „קונסט־געניסער״ טוען באַוואונדערן די וואונדערלעכע שיין־שאַפעכצן, די פיינע, ראַפינירטע קאָנסטרוקציעס, די קונציקע אויסאַרבעטונגען, נעמען אָן א פּול מויל מיט

„העברער‟ הנאה און זיינען זיך נאכדעם ווידער פראקטישע מענטשן.
זעען מיר פון איין זייט די גרויסע צאל פארפאסער אויפן געביט פון דער שיינער ליטעראטור און אנדערע קונסט־פארמען, וואס האבן ביז היינט גערעדט און געקינסטלט אין אלע לשונות און אלע שפראכן; מיר זעען די אומצאליקע קונסט־ווערק אין ווארט, בילד און קלאנג. דאס, פון איין זייט. פון דער צווייטער זייט זעען מיר דאס גאנצע אומגעהויערע שלעכטס, מיט וועלכעס דאס לעבן פון אלע צייטן איז געווען איבערפולט און מיר פרעגן זיך: צו וואס האבן גענוצט די אלע קונסט־ווערק? צו וואס האט מען באדארפט דעם שיינעם שלייער אויפן מיאוסן, עקלהאפטן סאציאלן ארגאניזם?! וואס האט דער שיינער שקר פון די דורות אויפגעטון פארן ווירקלעכן וואוילזיין פון די מענטשן? וואס פאר א זינען האט קונסט ביי דער זייט פון אזויפיל אומגליק און אומרעכט? די שיינע קונסטן פון איין זייט, און דאס מיאוסע לעבן פון דער צווייטער זייט, זיינען דער בעסטער אויסדרוק פון אונדזער וועזנטלעכער פאלשקייט. וואלטן מיר געווען וועזנטלעך אמת, וואלט אזא מין דואליזם פון קונסט און לעבן נישט געקענט געמאלט זיין. אדער מיר וואלטן געווען אינגאנצן דאס ערשטע: אונדזער לעבן וואלט געווען קונסט; קונסט און לעבן וואלטן געווען דאס זעלבע, אדער מיר וואלטן געווען אינגאנצן דאס צווייטע — אונזער לעבן וואלט געווען דורכויס שונדיש און עס וואלט מער נישט געווען קיין פלאץ פאר קיין שיינע ליגנס. דערפאר וואס קונסט איז געווען „א וועלט פאר זיך‟, — אן איבער־וועלט, דערפאר איז זי רעדוצירט געווען צו טאלאנט־פראדוקציע, דערפאר האט זי זיך אפגעשלאסן אין אן ענגן קרייז און האט דארט געפירט איר אנטוויקלונגס־גאנג אפגעזונדערט פון לעבן. די קונסט־מאכער, די קונסט־מייסטער, האבן געוואוסט נאר איין זאך: מאכן קונסט. זייער גאנצע זארג איז באשטאנען בלויז אין צונויפשטעלן, צונויפקאמבינירן און פארפאסן שיינע און הארמאנישע קונסט־שטיקער; זייער לעבנס־עובדה איז געווען די טעכנישע רעאליזירונג פון דאס קינסטלערישע. אנשטאט דעם זיי זאלן זיין סאציאלע מיליבאנטן מיטן געוועזר — די קונסט, און שטרעבן צו אידענטיפיצירן דעם גייסט פון דער קונסט מיטן גייסט פון לעבן, פילנדיק, אז וויבאלד דאס פאקטישע לעבן פון די מענטשן איז שלעכט, איז די קונסט נישט מער ווי א פייגנבלאט אויף דעם, זיינען גאר קינסטלער געווען משפחות „אויסדערוויילטע‟ פראפעסיאנאלן, מייסטערס, פארפאסערס, פלעכטער פון דעם שיינעם פייגנבלאט אויף דעם מיאוסן סאציאלן ארגאניזם. די גאנצע אויפמערקזאמקייט האט מען געשאנקען דער „מלאכה‟, דעם שיינעם שאפן און דעם הארמאנישן פארפאסן. אין אט־די ראמען האט די קונסט־זאך עוואלוציאנירט און זיך אנטוויקלט — אין די

ראמען פון פארפולקאמען און פערפעקציאנירן די פארעם, צו ראפינירן דעם אויסדרוקס־מיטל.

דער קינסטלער וואס האט מיט זיך באדארפט פארשטעלן דעם פולקאמען טיפ מענטש, וועלכער שטייט אומגעווענדט מיטן פנים צו דער מענטשהייט, מיט וועלכער ער וויל זיך פארפלעכטן און, דורך איר דורכדרינגענדיג, באאיינפלוסן איר מיט זיין אינדיווידועלער קראפט און ארויסברענגען פון איר דאס גוטע און דאס עכט־מענטשלעכע, וואס איז אין איר פאראן; דער קינסטלער וואס האט מיט זיך באדארפט פארשטעלן א סאציאל־קעמפנדיקן אידעאלן יחיד, וועלכער האט די אויפגאבע מיטן כח פון זיין קינסטלעריש־דורכנעמענדיקן ווארט אויפצוהויבן דער מענטשהייט צו א העכער לעבן; דער קינסטלער וואס וואלט באדארפט דינען אלס מוסטער־מענטש, ווייל זיין ארבעט איז דאך געמאכט צו דערהויבן — שטעלט מיט זיך אינדערמתן פאר פונקט דעם היפוך פון דעם אלעמען. דאס איז דערפאר וואס קונסט איז אן אויסדרוק נישט פון זיין, נאר פון א פעיקייט. וואלט קונסט געווען אן אויסדרוק פון דער וועזנטלעכקייט פון די קינסטלער, וואלטן זיי דאך נישט געקענט זיין אין לעבן, אויגס, און אין שאפן עפעס אנדערש. נאר דערפאר וואס זייער קונסט איז בלויז טאלאנט־ארבעט, קען עס געמאלט זיין, אז אלס מענטשן זאלן זיי זיין שפלדיק און קליין, און דאך זאלן זיי מאכן קונסט.

אונטערן דראנג פון מעכאניזירטן צייט־גייסט, האט זיך ביי אונדז אויסגעארבעט א פאלשער באגריף וועגן קונסט. אין אלע צייטן האט מען אונטער קונסט פארשטאנען דאס וואס דריקט אויס אונדזערע העכערע עמאציעס. קונסט האט באדייט ליבע צו אונדזערע מיטמענטשן, באגייסטערונג מיט נאטור־שיינקייט, אידעאלע פרויען־ליבע, הערואישע געפילן, לירישע, רעליגיעזע, פרייד־ און טרויער־געפילן, געפילן פון באגייסטערונג מיטן אוניווערסאלן געשען אא״וו. דאס אלץ אויסגעדריקט דורך ווארט, בילד און קלאנג, האבן מיר זינט מענטשן זיינען מענטשן און זינט מיר האבן געשיכטלעכע גערעכענישן, פארשטאנען אונטער קונסט. עס זיינען, אמת, געווען פארשידענע צייטן, וואס אמאל איז מער אונטערגעשטראכן געווארן דער מאטיוו פון הערואיזם און גבורה, אמאל מער דער מאטיוו פון רעליגיעזער באגייסטערונג, ד״ה פון דערהויבונג, התרוממות, אמאל מער דער מאטיוו פון ליריזם, ראמאנטיציזם, אמאל מער דער מאטיוו פון פעסימיזם און וועלט־שמערץ. וועלכער, אבער, עס זאל נישט האבן געווען דער באזונדערער מאטיוו פון אן עפאכע, וואס איז געקומען אין צוזאמענהאנג מיט די אלגעמיינע לעבנס־תנאים, האט קונסט שטענדיק מיט זיך פארגעשטעלט דעם אויסדרוק פון אונדזער העכער נשמה־לעבן. איצט, אין

דער עפּאָכע פון דעם מעכאַניזירטן מענטשן, אין דער עפּאָכע פון קער־פּערלעכער און סענסועלער קולטור, איז דער אידעאַל־עטישער קאָנצעפּט פון קונסט בטל געוואָרן, נאָר קונסט איז געבליבן רעדוצירט צו עסטעטישן פאָרמאַליזם. אזא קאָנצעפּט פון קונסט איז אַ פאַלשער. אונטער קונסט קען מען נישט פאַרשטיין בלויז שיינע פאָרעם און גוט־איינגעשטעלטע אויס־דרוקס־טעכניק, נאָר קונסט מוז רעפּרעזענטירן אידעאַלן גייסט, אידעאַלע עמאָציעס, וואָס אויב די דאָזיקע עמאָציעס זיינען דאָ, איז דאָ קונסט, און אויב נישט — איז נישטאָ קיין קונסט. אמת טאַקע, אַז בלויז שיינע פאָרעם, פון וועלכן עס זאָל נישט זיין אינהאַלט, באַפרידיקט אונדזער נאַטירלעכן פיין־געשמאַק, דאָס איז אָבער נישט דער פולער באַגריף פון קונסט. קונסט איז מער ווי פיין־געשמאַק.

אויך איז קונסט נישט בלויז פּסיכאָלאָגישער שטודיום און שילדע־רונג פון פּערזאָנען און סאָציאַלע אומגעבונגען. קונסט איז יאָ: — שיל־דערונג פון אזא סאָציאַלער אומגעבונג און אזא פּסיכיק וואָס רעגט און סטימולירט אונדזער העכער געפיל־לעבן. נעמענדיק אַלס באזע אויף צו דעפינירן דעם באַגריף קונסט — מוזיק, מאַלעריי, סקולפּטור און פּאָעזיע, זעען מיר, אַז די דאָזיקע אַלע רעגן אין אונדז די אידעאַל־עטישע פילעוודיקייט. מאַלעריי, מוזיק, פּאָעזיע, וועקן אין אונדז יענע גוטע, שיי־נע, העכערע, הייליקע געפילן, וועלכע זיינען אונדזער מענטש. דאָס זעלבע האָט אויך באַדאַרפט זיין מיטן קינסטלערישן פּראָזע־בוך. דאָס פּראָזע־בוך קען הייסן קונסט נאָר דאַן, ווען דאָס ווילט אוים פאַר זיך נאָר אזעלכע פּערסאָנאַזשן, אומגעבונגען, מאָמענטן און סיטואַציעס, וואָס באַ־שרייבנדיק זיי, זאָל זיך אויך באַקומען יענע גוטע, העכערע, דערהויבענע ווירקונג, וואָס ביי מוזיק, מאַלעריי און פּאָעזיע. נישט אַז קונסט זאָל הייסן מייסטעריש באַשרייבן לעבנסשטייגערן און אומגעבונגען גלאַט־סתם, נאָר באַשרייבן אזעלכע שטייגערן און אומגעבונגען, וואָס האָבן אַ עטישן ווערט. די זאַך פון קונסט איז נישט בלויז אין באַשרייבן, נאָר אויך אין באַשריבענעם. קונסט מוז אויך האָבן אינהאַלט און נישט בלויז מייסטער־פאָרעם. דאָס שיינע האָט פאַר אונדז אויף אזויפיל אַ ווערט, אויף וויפל דאָס רעגט אין אונדז אונדזער גוטע פילבאַרקייט, וואָס איז אי גוט, אי שיין און אי אמת איינינעם. נאַטור־שיינקייט, למשל, איז נישט פאַר אונדז קיין פיינשמעקערישע עסטעטיק־געניסעריי, נאָר, נאַטור־שיינקייט איז פאַר אונדז אזעלכעס וואָס מאַכט אונדז גוט, מאַכט אונדז ערלעך, מאַכט אונדז לעבן מיטן אמת. די ווירקונג פון קונסט, איז אזוי גוט אַ עטישע ווי אַן עסטעטישע. קונסט — אויב זי וויל נישט זיין קיין אָרגאַנישער שיין־ליגן — דאַרף מיינען: וועלט־אַנשויונג, סאָציאַל־פּאָלי־

טישער פראַגראַם, לעבנסוועג, קונסט־זיין, קונסט־עקזיסטענץ; דאַרף מיי־נען: קונסט־גייסט און לעבנס־גייסט — איינס. קונסט איז נישט אינדי־פערענט צו אַלע איבעריקע לעבנס־געביטן, נאָר קונסט מיינט, אַ באַשטימ־טער לעבנס־אופן, דאָס קינסטלערישע בוך דאַרף מיינען — עוואַנגעליע, תורה. נישט דורך געזעץ און רעגל, נאָר דורך נשמה־קולטיוו, דורך באַ־שיינונג פון ווילן און פון גייסט און אימפּולס. אַט וואָס עס דאַרף מיינען קונסט־שאַפונג. איז גאָר פון קונסט געוואָרן פּסיכאָלאָגישע און סאָציאַלע שיין־באַשרייבונג. פון קונסט, וואָס איז לעבנס־באַנעם, האָט זיך אויס־געלאָזט שיין־שרייבעריי, שיין־שאַפעריי. קונסט־אינהאַלט איז פאַרביטן געוואָרן אויף שיין־געפּאַסטער פאָרעם. די עובדה פון דער קונסט — זאָגט מען — איז אָפּצושפּיגלען דעם לעבנס־אופן פון דער צייט, איבערקאָפּירן דאָס פּסיכאָלאָגישע און סאָציאַלע פּונעם הוה און דאָס לאָזן אַ זכרון לדורות. וואָר־זשע איז דאָ די קונסט? פאַרוואָס איז אַ בוך פון דעם אַרט, זאָל זיין אַ פּינקטלעך און מייסטעריש איבערקאָפּירט בוך — קונסט? אַזאַ טעכנישער צוגאַנג צו קונסט, איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער מאָדערנער צייט. אין דער מאָדערנער צייט איז בכלל קיין קונסט נישטאָ. איצט איז דאָ אָדער שונד, אָדער עסטעטיזם. קונסט, אינעם עכטן זינען פון וואָרט, איז נישטאָ, ווייל עס איז נישטאָ דער אידעאַל־עטישער גייסט.

אין דער מאָדערנער וועלט זיינען פּאָעזיע און פּאָעטן אַנאַכראָנישע דערשיינונגען, גייסט־רודימענטן. נישט מען דאַרף זיי און נישט מען נוצט זיי. זיי זיינען אַ פאַרבליבענער עבר פון אַ קול וואָס האָט זיך אַמאָל געטראָגן אין לעבן. זיי זיינען אַ בלאַסער אָפּשיין פון אַן אויסגייענדיק ליכט וואָס האָט אַמאָל געלויכטן. זייער שאַפן האָט נישט דעם מינדסטן אָפּ־קלאַנג אין לעבן. זיי ווילן זיך געקינצלט דערהאַלטן אויפן אויבערפלאַך, ווען דער מאָדערנער לעבנס־שטראָם שמייסט זיי פון אַלע זייטע און טרייבט זיי צום אָפּגרונט. זיי האָבן נישט אין וואָס זיך אָנצוהאַלטן, זיי האָבן נישט קיין באָדן אונטער זייערע פיס. זיי מאַכן דעם איינדרוק פון די לעצטע רעשטן פון אַן אויסשטאַרבנדיקער ראַסע, וועלכע ווילן זיך נישט אונטערגעבן דעם אומקום. אָבער עס העלפט נישט. דאָס איצטיקע לעבן דאַרף קיין לידלעך נישט. היינט איז די עפּאָכע פון זשורנאַליזם. דער גייסט פון דער פּרעסע באַהערשט אַלץ און אַלעמען. קונסט־ווערק האָבן פאַרלוירן זייער השפעה און זייער אָנהאַלט. זיי דרינגען נישט אַריין אין לעבן און איבן דאָרט קיין שום ווירקונג נישט אויס. מען דאַרף איצט נישט קיין קתסט. נישטאָ קיין שום נויטווענדיקייט דערפאַר. עס האָט נישט די מינדסטע ווירקונג און נישט די מינדסטע אחיזה אין לעבן.

עס איז פאַרבליבן אַ קונסט־טראַדיציע פון אַמאָל, וועלכע מען באַ־

מיט זיך אויף א נעקינצלטן אופן אויפהאלטן. טיף אין זיך האט דער איצטיקער מענטש נישט די מינדסטע באציונג צו קונסט. טיף אין זיך איז דער איצטיקער מענטש אנטוישט, אומגלויביק, אידעאללאז. ווי אזוי קען זיך אזא געמיט־צושטאנד פארן מיט קונסט? קונסט דארף דערהויבן, קונסט דארף פארבעסערן און פארשענערן. ווי אזוי גראמט זיך אזעלכעס מיטן היינטיקן מענטשן? דער מאדערנער מעכאניזירטער גייסט, וועלכער איז ארייננעוואקסן אין אונדז און האט דארט אפגעטויט יעדן שפור פון אידעאלן זיין, האט גלייכצייטיק צעשטערט יעדן ערלעכן און ארגאנישן אנהאלט פאר קונסט. קונסט ווען זי איז אמת איז א באשטאנדטייל פון לעבן, אן ערלעכע און אינערלעכע באציונג צו קונסט מיינט, זיך אינגאנצן איבערגעבן צו איר און מאכן פאר א לעבנס־וועג.

די סיבה פונעם קונסט־קריזיס דארף מען נישט זוכן אין דרויסנדיקע דערשיינונגען, נאר אינעווייניק אין מענטשן. די מאדערנע צייט שטעלט מיט זיך פאר אן אינטעגראלע סתירה צום מהות פון קונסט. קונסט מוז האבן גלויבן. קונסט, אמתע, מוז ארויסשפראצן פון דער טיפקייט פון אונדזער נשמה, און — מיר האבן קיין נשמה נישט. מיר האבן אנימאלע ליידנשאפטן, און אנימאלן, מעגן עס זיין אפילו ציוויליזירטע, דארפן קיין קונסט נישט און קענען קיין קונסט נישט האבן.

אויף וויפל די איצטיקע צייט איז אנדערש ווי די פריערדיקע מיט דעם אויסערלעכן אויסזען פון לעבן, איז זי נאך פיל מער אנדערש מיטן אינערלעכן אויסזען פון איצטיקן לעבן, מיט די ענדערונגען וואס זיינען פארגעקומען אין מענטשן. דער איצטיקער מענטש איז אראפ פון דער ליניע אויף וועלכער ער איז געגאנגען דורך דער גאנצער געשיכטע. ער האט זיך פארלוירן אין דעם לאבירינט פון זיינע אייגענע פלאנטערנישן און ווייס נישט וואו־איין און וואו־אויס. די יעניקע ווערטן וועלכע ער האט שטענדיק געשאצט אלס די העכסטע, האט ער איצט ארויסגעלאזט פון זיינע הענט און ער דערקענט זיי מער נישט. ער דערקענט מער נישט זיך אליין. די קערפערלעכע ציוויליזאציע און די קולטור פון די תאוות האבן זיך מיט איינמאל געטון אזא האסטיקן לאז־אראפ אויף אים, אז זיי האבן אים אינגאנצן צעטומלט. צוזאמען מיט׳ן איבערברוך פון זיין מאטעריעלן לעבנס־אופן, איז אויך פארגעקומען אן איבערברוך אין זיין אינדייען־וועלט און ער האט נאך ביז איצט נישט אויפגעכאפט דעם איבערגעריסענעם פאדים...

VII

האט די ציוויליזאציע גליקלעך געמאכט דעם מענטשן? דאס הייסט, ווען אפילו אלע זאלן האבן צו באפרידיקן זייערע מאטעריעלע הצטרכותן,

וואָלט דעמאָלט די מעכאַנישע ציוויליזאַציע פאַרשאַפט דעם מענטשן גליק און פרייד? צי אנטהאַלט אין זיך גופא די מאָדערנע ציוויליזאַציע עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל קענען פאַרשאַפן דעם מענטשן גליק און פרייד? — ניין! די מאָדערנע ציוויליזאַציע אַנטהאַלט אין זיך גאָרנישט אַזעלכעס, וואָס זאָל קענען פאַרשאַפן דעם מענטשן אמתע גליק און אמתע פרייד. דער קאָמפאָרט און קערפּערלעכע רחבות, מאַכן בלויז באַקוועם דאָס לעבן. צו זיין אינערלעכער צופרידנקייט האָבן זיי גאָר קיין שייכות נישט. מען קען זיך באָדן אין לוקסוס און וואוילטיק און דאָך זאָל מען זיין טרויעריק. מען קען זיין אַרומגערינגלט מיט אַלע גוטסקייטן פון דער ציוויליזאַציע און דאָך זאָל מען זיין טיף אומצופרידן און אומגליקלעך.

מ'רעדט וועגן דעם טרויער און אומעט, וואָס באַהערשט אונדזער דור. ס'איז נישטאָ קיין פרייד אין אונדזער לעבן. דער היינטיקער מענטש איז טיף אין זיך פאַרטרויעריק און נידערגעשלאָגן. פאַרוואָס איז עס? האָט ער דען נישט קיין מיטלען, מיט וואָס זיך פרייליך צו מאַכן און אויפ־מונטערן זיין געמיט? האָט ער דען נישט קיין ראַדיאָ־קאָנצערטן וואָס פאַרהילכן כסדר און דורכאַנאַנד די מאָדערנע שטעט? האָט ער דען נישט קיין קינאָס וואו ער קען גיין זען די פאַרשידנסטן ליבעס־געשיכטעס און געוואַגטע אַוואַנטורעס? האָט ער דען נישט קיין טאַנץ־לאָקאַל מיט פריי־לעכע דזשאַז־אָרקעסטערס? האָט ער דען נישט קיין קאַבאַרעטן, וואָדעווילן און דאַנסינגס? האָט ער דען נישט קיין זשאָקע־ספּעקטאַקלען און באָקס־מאַטשן א״וו? טאָ פאַרוואָס איז דער היינטיקער מענטש טרויעריק? פאַרוואָס באַהערשט אַזאַ טיפער אומעט אונדזער דור? דער ענטפער איז: ווייל דער איצטיקער מענטש לעבט נישט מיט זיין נשמה. אונדזער נשמה, דאָס הייסט, אונדזער אמת־מענטשלעכע נאַטור, איז אין אונדז טויט. מיר לעבן מיט זינלעכע רעגונגען און אויפטרייסלונגען פון די געבליטן. אונדזער מענטשלעכער גייסט איז אין אונדז פאַראַליזירט. אַלדאָס מענטשלעכע וואַלגערט זיך ווי צעבראָכענע שערבלעך אונטער אונדזערע פיס און מיר טרעטן איבער דעם. אַלץ וואָס די דורות ביז אונדז האָבן געשאַצט אַלס די העכסטע לעבנס־ווערטן, איז היינט אַנטווערטיקט. דער קעגנוואַרטיקער גייסט שליסט אויס פון זיך יעדן מאָמענט, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן אין אונדז ריינע נשמה־באַדערפעניש. דאָס איצטיקע לעבן איז אינגאַנצן און דורכויס אָוועקגעשטעלט אויף קערפּערלעכע און סענסועלע גענוסן. דאָס איז די פּינקטלעכע דעפיניציע פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע. אין דער הינזיכט איז פאָרגעקומען אַן אמתע רעוואָלוציע לגבי די פאַרגאַנגענע צייטן. אַמאָל האָט מען כאָטש געשטרעבט צו אַ העכער גייסט־לעבן. איצט איז דאָס אויך נישט. רעליגיע, למשל, איז געווען אַ סטימול פאַרן מענטשנס ביאָעטיש?

גייסט. זי האָט צעעפנט אין אים די קוואַלן פון זיין נוטס און האָט אים געצוואונגען צו אָפּנהאַרציקע מינוטן פון ווידוי און חרטה, האָט אים גע־צוואונגען צו אַ ריינער תפילה און האַרץ־אויסגוס, האָט, לכל הפחות אים געמאַכט שטרעבן צו וואוילטואונג און רעכטפאַרטיק לעבן, האָט אים גע־געבן הייליקייטן, שבתים און יום טובים, היינט איז דאָס אַלץ נישטאָ.

דאָס איז די סיבה פון דעם איצטיקן טרויער. דער איצטיקער טרויער איז אַ טיפער און פיינלעכער. דער איצטיקער טרויער נעמט זיך פון אונד־זער פּראָסט לעבן. אונדזער לעבן איז זינלאָז און אינהאַלטסלאָז. יעדער פון אונדז פילט זיך געפייניקט פון אַ טיפן אומדעפינירטן געפיל וואָס מאָנט פאַרענטפערונג און מיר ווייסן נישט וואָס און ווי אַזוי. דאָס איז דערפאַר וואָס מיר לעבן ערגער ווי מיר זיינען. דאָס נישט אויסגעלעבטע נוטס מאַכט אונדז טרויעריק.

אינעם לעצטן זאַץ פון זיין „עטיק" שרייבט שפּינאָזאַ: „די גליקזעל־ליקייט איז נישט דער שכר פון טוגנט, נאָר די טוגנט גופא, און מיר פרייען זיך מיט איר, נישט דערפאַר וואָס מיר קאָנטראָלירן אונדזערע תאוות, נאָר פאַרקעט, ווייל מיר פרייען זיך מיט איר זיינען מיר ביכולת צו קאָנטראָלירן אונדזערע תאוות".

אונדזער עטישער פילן איז צו גלייכער צייט אי פרייד, אי תשוקה צו גוטסטטואונג, אי ווילן צו שיינקייט און אי ווילן צו חכמה. ווען מיר זיינען פון אים אַפעקטירט, זעען מיר די אויסערלעכע וועלט אינגאַנצן אין אַן אַנדער שיין, ווי מיר זעען זי, זייענדיק אָנגעגריפן פון אַנימאַלע עמאָציעס. ווען מיר זיינען אָנגעגריפן פון אונדזער עטישער פילבאַרקייט, באַנעמען מיר אַלע לעבנס־דערשיינונגען און אַלץ מיט וואָס מיר קומען נאָר אין באַ־רירונג, מיט מער פרייד און מיט מער קראַפט, ווי מיר באַנעמען זיי, ווען מיר שטייען אויפן באָדן פון אַנימאַלן געפיל. מיר זיינען דעמאָלט אַנדערע וועזנס. מיר לעבן און פילן אינטענסיווער, קרעפטיקער. שוין די בלויזע פונקציע פון זיין און עקזיסטירן, קומט ביי אונדז אַרויס מיט מער קראַפט און פרייד. מיר פילן זיך דאַן פריי און גוט. אַ גליקזעליקייט וואָס דרינגט אַרויס פון יעדער צעל, איז צעגאָסן איבער אונדז. אַזאַ געמיט־צושטאַנד האָט נישט קיין אַנדער דערקלערונג, ווי נאָר אַז מיר לעבן זיך אויס אין דער פרייהייט פון אונדזער אמתער נאַטור. — „גליקזעליקייט איז נישט דער שכר פון טוגנט, נאָר די טוגנט גופא". נשמה־פרייד און וואוילטואונג זיינען איין און די זעלבע זאַך. אונטער טוגנט דאַרף מען נישט פאַרשטיין בלויז אַ מאָראַלישן אַקט, דאָס הייסט בלויז דאָס וואָס איז נוגע די באַציונג פון מענטש מיט מענטש, נאָר אונטער טוגנט דאַרף מען פאַרשטיין דאָס אַלץ, וואָס איז אידעאַל־עטיש.

און פונקט ווי פרייד און טוגנט איז איינס, אזוי איז טרויער און שלעכטקייט איינס. אונדזער עטישע נאַטור מיינט די נאַטור פון פרייד און פרייהייט; אונדזער אַנימאַלע נאַטור, מיינט די נאַטור פון טרויער און אינערלעכע פאַרקנעכטונג. דאָס באַפרידיקן די זאַאישע אימפּולסן, ברענגט מאָמענטאַלע הנאה און געגוס; דאָס באַפרידיקן די העכערע געפילן, ברענגט אַנהאַלטנדיקע גליקזעליקייט. געוויינלעך איז אָנגענומען צו באַנוצן דאָס וואָרט „גליק" אַנשטאָט „הנאה" און „געגוס". אויף איינעם וואָס האָט אַסאַך געלט און דורכן געלט אַלע באַפרידיקונגען פאַרן גוף און די תאוות, זאָגט מען אַז ער איז אַ „גליקלעכער" מענטש. דער דאָזיקער איז נישט גליקלעך, נאָר זאַט. איינער קען גאַרנישט פאַרמאָגן און דאָך זיין גליקלעך. דאָס איז דער וואָס לעבט אין אָנקלאַנג מיט זיך אַליין. צוליב דעם וואָס מען באַגרייפט אַנשטאָט הנאה און זאַטקייט — גליק, האָט זיך עס אויסגעאַרבעט די אַלגעמיינע מיינונג, אַז קיין גליק איז אינגאַנצן נישטאָ. גליק, זאָגט מען, איז אַן אילוזיע, גליק איז אַ חלום, וואָס ווען דאָס ווערט ווירקלעכקייט צערינט זיך עס און עס ווערט אויס גליק. דאָס איז נישט אמת. ס'איז יאָ דאָ גליק און אַנהאַלטנדיק גליק. דאָס איז דעמאָלט ווען מ'לעבט אַ רייך גייסטיק לעבן. דער קוואַל פון גליק, איז אונדזער ריכטיק נשמה־לעבן. פונקט אַזוי איז דער קוואַל פון טרויער, אומרו און לאַנג־ווייליקייט, אונדזער פוסט לעבן.

דאָס איז דער שליסל צום טרויער פון דער היינטיקער צייט. אינעם היינטיקן צייטגייסט, קומט נישט צום אויסדרוק קיין איין ריינע נשמה־איינגנשאַפט. דאָס איצטיקע לעבן איז אַוועקגעשטעלט דורכויס אויף די ראַפינירטע באַפרידיקונגען פון גוף און אַנימאַלע געגוסן.

ווען מיר זאָגן אַז היינט איז נישטאָ קיין אידעאַליזם, היינט איז נישטאָ קיין גלויבן, היינט איז נישטאָ קיין פריינטשאַפט, קיין צוטרוי, קיין אָפנהאַרציקייט; היינט איז נישטאָ קיין פּאָעזיע, קיין קונסט, קיין ליבע, קיין ענטוזיאַזם; היינט זיינען נישטאָ קיין חכמים, פילאָזאָפן און דיכטער, ווען מיר זאָגן דאָס אַלץ, מיינט עס איינינעם, אַז דער היינטיקער מענטש לעבט אָן זיין מענטשלעכער נשמה, אַז דאָס היינטיקע לעבן איז נישט באַזירט אויפן מענטשנס עטישע נאַטור. ווען מיר זאָגן, ווידער, אַז היינט איז דאָ ברוטאַלער עגאָאיזם און זעלבסטזוכט, היינט איז דאָ געיעג נאָך מאַטעריעלע דערגרייכונגען, היינט איז דאָ קאַריעריזם, היינט איז דאָ פאַלשקייט, היינט איז דאָ קולטור פון קאַמף, עראָטיק, פאַרברעכן און סענסאַציעס, מיינט דאָס אַלץ איינינעם, אַז דער היינטיקער מענטש לעבט מיט זיין חיהשער נאַטור.

קוקן מיר זיך צו צום לעבן פון בעסערן מענטשן, כאַפּט ארום אַ גרויל

צוצוזען אין וואָס פאַר אַ מצב ער געפינט זיך. אין אים איז איינגעזאַמלט ביטערקייט און טרויער. יאָ, ער לעבט, ער אַרבעט, ער דערפילט פליכטן, ער באַוועגט זיך, אָבער דאָס אַלץ ווערט געטון אויטאָמאַטיש, מיטן כוח פון געוואוינהייט און לעבנס-אינערציע. אינדערזאַמתן איז ער מיד, פּלעג־מאַטיש און אָפּגעלאָזן. אַט לעבט ער, ווייל ער לעבט. עס וואָלט געווען אַ קליינער אומגליק ווען ער לעבט נישט. קיין שטאַרקן ווילן צום לעבן, פילט ער נישט. עפּעס אַזעלכעס וואָל זאָל אים באַגייסטערן, ענטוזיאַזמירן, אָנפילן מיט ווילן, פרייד און לוסט, אַזעלכעס איז גאָר בכלל נישטאָ. דער מאַטעריעלער קאַמף פאַרשלינגט אינגאַנצן און גיט נישט קיין מעגלעכקייט זיך צו פאַרטראַכטן און זיך צו דערפילן. קומט אָבער אַ מאָמענט פון רו און ער הויבט אָן אַריינצובליקן אין זיך, ער פירט אונטער דעם חשבון און עס לאָזט זיך אַראָפּ אַן אומעט און אַן אומרויקייט. ער דערפילט מיטאַמאָל די גאַנצע פוסטקייט, די גאַנצע זינלאָזיקייט פון זיין לעבן.

נישטאָ היינט קיין פריינטשאַפט צווישן מענטשן, קיין אָפּנהאַרציקע, ערלעכע פריינטשאַפט, געשטיצט אויף צוטרוי און ריינע געפילן, איינער זאָל אינגאַנצן אַנטפּלעקן זיין נשמה פאַרן צווייטן און זיך פאַרברידערן מיט אים. היינט איז מען פרעמד איינער צום אַנדערן. מען האָט שייכותן: פאַמיליע־שייכותן, קאָלעגיאַלע שייכותן, אינטערעסן־שייכותן או"וו, אָבער־נישט קיין שייכות פון הארץ, וואָס דאָס מיינט פריינטשאַפט. פריינטשאַפט פאָדערט נשמה, פריינטשאַפט פאָדערט ערלעכקייט און איבערגעגעבנקייט און דאָס אַלץ איז פרעמד דעם געמיט פון איצטיקן מענטשן. פון דער צווייטער זייט דער שכר פון פריינטשאַפט: פריינטשאַפט ברענגט פרייד. האָבן פריינט, גוטע, ערלעכע, איבערגעגעבענע פריינט, איז אַ פרייד און אַ גליק אין לעבן. וואו־זשע זיינען היינט דאָ אַזעלכע? עס איז נישטאָ! דאָס וואָלט געווען אַ סתירה צום גייסט פון דער צייט. היינט האָט מען „גוטע ברידער", היימישע, באַקאַנטע, אָבער נישט קיין פריינט. דער ערשטער באַדינג פאַר אידעאַלער פריינטשאַפט איז אָפּנהאַרציקייט און דער היינטיקער מענטש איז פאַרשלאָסן אין זיך. אפילו מיט זיך אַליין האָט ער מורא צו זיין אָפּנהאַרציק. ער האָט מורא אַריינצוקוקן אין זיין געמיט פונקט ווי דאָרט וואָלט געווען אַ גרויער תהום.

נישטאָ קיין יומטובדיקייט אין היינטיקן לעבן. יומטובדיקייט פאָדערט נשמה, יומטובדיקייט מיינט נשמה־פרייד, יומטובדיקייט פליסט אַרויס פון אונדזער עטישן פילן. מיר הויבן זיך אויף איבער אונדזער וואָכעדיקייט און גייען איבער אין אַ לויטערן געמיט־צושטאַנד. דער מעכאַניסטישער צייטגייסט איז פונקט דער קעגנזאַץ דערפון. דאָס היינטיקע לעבן איז איין לאַנגער פאַס פון גרויער וואָכעדיקייט. דער פיינלעכס־

מער טאָג פון דער וואָך היינט, איז דער רו־טאָג. דעמאָלט ווען דער בע־סערער מענטש ווערט אויף אַ ווײַלע פריי פון זיין טאָגטעגלעכן עול, ערשט דעמאָלט דערפילט ער די ליידיקייט, מיט וועלכער ער איז ארומגערינגלט. וואו זאָל ער גיין זוכן אביסל פרייד פאר זיין הארץ — אין קינאָ? ביים באָקס־קאמף? ביים ראַדיאָ־קעסטל? דאָס אַלץ איז אים דערווידער. ער פילט זיך דערפון מער באַלעסטיקט ווי פארוויילט.

טיפער אומעט, פוסטקייט און ליידיקייט אַרום און ארום. די גאַנצע ציוויליזאַציע, מיט אַלע אירע פארוויילונגען און צעשטרייונגען, האָט נישט געבראַכט דעם מענטשן קיין בראָק פרייד, נאָר פארקערט, האָבן אים גע־מאַכט אומעטיק. פילם, וואָדעוויל, דאַנסינג, קאַבאַרעט, זשאַז, קאַמף־שפּילן, סענסאַציעס אאַ"וו אַ"וו, דאָס אַלץ וואָס איז קולטור פון דער ציוויליזאַ־ציע, איז געמאַכט געוואָרן צו רייצן און צו בארוישן; נישט צו פארשאַפן קיין פרייד און קיין גליק, נאָר צו בארוישן און צו פארטויבן, צו צערייצן די ליידנשאַפטן און אויפצוקאָכן דאָס בלוט. דער מקור פון פרייד און גליק איז אינגאַנצן אין אַן אַנדער אָרט, נישט אין די בארויש־מיטלען. דאָס אַלץ וואָס פארשאַפט באמת פרייד און גליק, האָט די ציוויליזאַציע צעשטערט. ווען דער בעסערער מענטש קומט אויף די איצטיקע פארוויי־לונגען, דערפילט ער אַן אומעט. ער בלייבט פונדערווייטנס און נעמט נישט קיין אנטייל. עס איז אים דערווידער און שטויסט אים אָפּ. די דאָזיקע אַלע בארויש און באַטויב־מיטלען זיינען געמאַכט פאַר די־יעניקע פאַר וועלכע זייערע ליידנשאַפטן זיינען זייער נשמה און זייערע זינלעכע באַדערפעניש זייער גייסט. לויט זייער מאָס איז געמאַכט די איצטיקע ציוויליזאַציע, זיי זיינען די באַלעבאַטים פון דער איצטיקער וועלט און אַלץ איז געמאַכט פון זייערטוועגן.

קאפיטל 10

דער טעות פון מאָדערנעם סאָציאַלן געדאַנק

(אילוזיאָרישער אידעאַליזם)

I

וואָס האָט גורם געווען צום דורכפאַל פון די עטישע אידייען אין דער געשיכטע פון דער מאָדערנער צייט? — די סיבה דאַרף געזוכט ווערן אין מענטשנס ביפסיכיזם און אילוזיאָרישן אידעאַליזם.

ווען עס קומען אויף נייע גערעכטיקייטס־אידייען, רייסן זיי מיט דעם דורכשניטס־מענטש. זיי אַפּעלירן צו זיין אידעאַלער נשמה; עס ווערט אָנגעגריפן זיין עטישע פאָרשטעלונגס־קראַפט; ער הויבט זיך אָן פאָרצושטעלן דאָס לעבן און די מענטשלעכע באַציונגען אין שיין פון די נייע אידייען, וואָס זיינען אַריין אין זיין באַוואוסטזיין און ער ווערט באַגייסטערט און מיטגעריסן; ער ווערט אַן אָנהענגער פון די נייע גערעכטיקייטס־אידייען און שליסט זיך אָן אין דער באַוועגונג, וואָס זיי באַשאַפן מיט זיך. דאָס אַלץ איז אָבער טעטיקייט פון דער „מאָראַלישער פאַנטאַזיע". צו דער לעבנס־ווירקלעכקייט פון די „מאָראַלישע פאַנטאַזיאָרן" אָדער „אילוזיאָרישע אידעאַליסטן", קומט עס נאָך נישט. מ'רעדט, מ'ראַציאָנירט, מ'דיסקוטירט, דאָס הייסט: מען באַוועגט זיך אויפן שטח פון דער **פאָרגעשטעלטער** פסיכיק. צו דער **קאָנקרעטער** פסיכיק פעלט נאָך אַסאַך. אמת, אונטער דער ווירקונג פון דעם אָפטן ראַציאָנירן ווערט מען באַוועגט צו קליינע טאַטן. איז עס אָבער מינדערוויכטיק און פאַרבייגייענדיק און קאָן נישט באַטראַכט ווערן ווי אַן אויסדרוק פון **אָרגאַנישן ווילן**. דער אָרגאַנישער ווילן, פון די פאַנטאַזיע־אידעאַליסטן, לויפט אין אַ קעגנזעצלעכער ריכטונג צו זייערע **אידעאַלע ראַציאָנירונגען**. ווי נאָר עס קומט צום פאַרווירקלעכן יענע

נאַרמען, אין וועלכע די מאַסן האָבן זיך אילוזיאָריש אָנגעשלאָסן, אַזוי גלייך ווייזט זיך אַרויס, אַז עס פעלט וועזנטלעכע קאַפּאַציטעט.

ס'איז דאָך זיכער, אַז ווען די אַלע — און די דאָזיקע זיינען דאָך אַזויפיל! — וואָס האָבן זיך אילוזיאָריש אָנגעשלאָסן אָן דער באַוועגונג פון גלייכהייט און ברידערלעכקייט וואָלטן טאַקע געפילט אַן אָרגאַנישע נויטווענדיקייט דערפאַר, וואָלט די געזעלשאַפט פון ברידער און גלייכע שוין לאַנג געווען איינגעשטעלט. אויב דער פאַקט איז, אַז די ברידער־לעכע און גלייכהייטלעכע געזעלשאַפט איז אַזוי שווער, אומגעהייער שווער צו דערגרייכן, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט מאָראַלישער פאַנטאַסטיק און נישט מיט קיין רעאַלן לעבנס־ווילן.

ווען די גערעכטיקייט־אידייען זיינען אויפגעקומען, זיינען אַלע פול געווען מיט ענטוזיאַזם און גלויבן, אַז זיי וועלן באַלד פאַרווירקלעכט ווערן. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מען דאַרף נאָר נעמען די נייע אידייען און זיי אָנווענדן אין דער פּראַקטיק און זיי וועלן באַלד ווערן לעבן. שפּעטער, ווען מען האָט געפּרוואווט אָנווענדן די דאָזיקע אידייען, האָט מען אָנגע־הויבן איינזען, ווי שווער עס איז צו מאַכן אַפילו דעם מינדסטן שריט פאַרויס.

אויב אין דער „קינדהייט־צייט" פון סאָציאַל־עטישע אידייען האָלט מען אַז א ו י ס ד ע נ ק ע ן און פ אָ ר מ ו ל י ר ן אַ אידייע איז כמעט דאָס זעלבע וואָס איר א י י נ פ י ר ן אין לעבן; דאָס וואָס ס'איז איצט אין פּ ר אָ ג ר אַ ם, וועט שפּעטער אַ ווייליע זיין אין דער ו ו י ר ק־ ל ע כ ק י י ט, ווייסט מען, אין דער רייפקייט־צייט, פון סאָציאַל־עטישע אידייען, אַז צווישן פּראָגראַם און פאַרווירקלעכונג ליגט אַ גוואַלדיקער מהלך.

— פאַרוואָס? פאַרוואָס גלויבט מען פון אָנהויב אַזוי שטאַרק אין דער לייכטער דורכפירבאַרקייט פון סאָציאַל־עטישע אידייען? וואָס פאַרור־זאַכט די אורשפּרינגלעכע נאַיווקייט אין סאָציאַל־עטישע באַוועגונגען? פאַרוואָס זעט־מען־נישט־איין גלייך, דאָס וואָס מען וועט אַזוי קלאָר איינ־זען אין אַ דור אָדער אין צוויי אַרום? זיינען דען די מענטשן אין עפּאָכן ווען נייע סאָציאַל־עטישע אידייען קומען־אויף, נאַרישער פאַר די מענטשן אין די נאָכפאָלגנדיקע ניכטערקייט־עפּאָכן?

דאָ, ווי געזאָגט, קומט פאָר זייער אַ מערקווירדיקע שפּיל פונעם בי־פּסיכיזם און זיין באַאיינפלוסן דעם מענטשלעכן געדאַנק. אין דער קינד־הייט־פאַזע פון סאָציאַל־עטישע אידייען, לאָזן זיך די מענטשן פולשטענדיק באַהערשן פון די עטישע שטימונגען, וואָס דערוואַכן אין זיי אונטערן דרוק פון די נייע אידייען. דאָס אידעאַלע לעבן וועגן וועלכע די מאַסן הויבן אָן

טרוימען, פארשטעלט פאר זיי דאס רעאלע לעבן וואס זיין פירן די מענטשן מיינען דאן, אז זיי זענען אזוי גוט ווי זיי פילן זיך, טראכטנדיק פון אבסטראקטן אידעאל־לעבן, און אינדעראמתן זיינען זיי גאר אנדערע. די עמישע פילבארקייט פון זייער זעלבסט אין צושטאנד פון אידייאישער אילוזיע, פארשטעלט דעם רעאלן זעלבסט פון דער ווירקלעכקייט. היות ווי לעבנדיק מיט דער פאנטאזיע אין דער אידעאלער וועלט פילט מען זיך דערהויבן, מיינט מען, אז מען איז טאקע אזוי אין דער ווירקלעכקייט. די עמישע עמפינדונג פונעם איך אין אידעאל־אילוזיארישן צושטאנד, פארשטעלט דעם רעאלן איך. מען ווערט געשטרויכלט איבער זיך אליין; דאס אבסטראקטע סובלימע לעבן פון דער טעאריע, פארדעקט דאס קאנקרעטעגאיסטישע לעבן פון דער פראקטיק. ווארום אין דער זעלבער צייט וואס מען איז א אנהענגער פון א „נייער אידייע”, לעבט מען דאך דאס „אלטע” לעבן. דאס הייסט, אז אין דער אידייע איז מען איינס, און אין דער ווירקלעכקייט עפעס אנדערש. ווען די אנהענגער פון דער נייער אידייע וואלטן געלעבט באוואוסטזיניק זייער ווירקלעך לעבן, — וואלטן עס אויסגעפארשט, באטראכט און דערקענט, וואלטן זיי גלייך געקענט איינזען דעם גרויסן קאנטראסט, וואס דאס שטעלט מיט זיך פאר צום אידעאלן לעבן פון דער אידייע. אבער זיי האבן עס נישט געטון. אויפן אידייען־לעבן האבן זיי געהאלטן קאנצענטרירט די גאנצע אויפמערקזאמקייט און האבן עס געטרוימט אין דער פולער מאס באוואוסטזיניק; דאס ווירקלעכע לעבן, אינקעגנטייל, האבן זיי געלעבט ספאנטאן און אומבאוואוסטזיניק, — זיי האבן עס נישט גענומען אין אכט און האבן זיך נישט אומגעקוקט דערויף. און ווען אפילו זיי זיינען אויף א מאמענט דערויף יא אויפמערקזאם געווארן און האבן דערפילט די סתירה צווישן „הויכן” לעבן פון דער אידייע און דעם „נידעריקן” לעבן פון דער ווירקלעכקייט, האט עס אויך נישט אויסגעמאכט, ווארום „נאכדעם” האט עס געהייסן — נאכדעם ווי „עס וועט איינגעשטעלט ווערן” דאס נייע לעבן, וועלן אלע אנהויבן לעבן גוט. דאס ווירקלעכע שלעכטע לעבן פון איצט, איז א מינדערוויכטיקס, א פארבייגייענדיקס, האט נישט קיין שום באדייטונג און וועט „נאכדעם” זיך צעגיין ווי רויך...

דער אידעאל־טעארעטישער מענטש האט גענומען די אויבערהאנט איבערן ווירקלעכן מענטש. דער סובלימער לעבנס־סדר פון דער פאנטאזיע, האט פארדרענגט דעם ספאנטאנעם לעבנס־סדר פון דער ווירקלעכקייט. מען האט זיך געזען איינגעהילט אין העלן שלייער פון טרוים און מען האט נישט געזען דאס איינענע גרויע וואכעדיקע געשטאלט

פון דער וואָר. מען האָט זיך געלאָזט פאַרטראָגן אויף די פליגלען פון דער פאַנטאַזיע אין פרייליכע הימלען און מען האָט נישט געזען, אַז מען געפינט זיך פ א ק ט י ש אויף דער גרויעריקער ערד. דער אַקטיוויזירטער אַבסטראַקטער אַלטרויזם, האָט בלינד־געמאַכט אויף דעם פאַקטישן עגאָיזם און מען האָט געמיינט אַז שוין, אַז אויס מיטן עגאָיזם.

ווען מ'געפינט זיך אין דער ספערע פון אַבסטראַקטן דענקען זעט מען נישט און מ'פילט נישט די אייגענע עגאָיסטישע נשמה, נאָר מ'זעט בלויז די אייגענע אידעאַלע נשמה. דערפאַר שאַפט זיך דער פאַלשער פאַרפירערישער איינדרוק, אַז מ'איז אַזוי גוט — און אַלע זיינען אַזוי גוט — ווי מ'פילט זיך אין טרוים. ערשט ווען מ'הויבט אָן אַריבערברענגען אידעאַלן פון דער ספערע פון דענקען אין דער ספערע פון טאָטן און מ'הויבט זיך אָן אָנצושטויסן אין די שווערקייטן וואָס עס פאַראורזאַכט די אייגענע עגאָיסטישע נשמה, הויבט מען זיך אָן אָפּגעבן ח ש ב ו ן, מ'הויבט אָן ווערן א ו י פ מ ע ר ק ז א ם, אַז מען איז גאָרנישט אַזאַ צדיק ווי עס האָט זיך אויסגעוויזן אין דער „טעאָריע", ווי עס האָט זיך אויסגעוויזן אין צושטאַנד פון אַבסטראַקטן דענקען. אין צושטאַנד פון טעאָרעטישן אידעאַליזם האָט מען גאָר דעם אייגענעם עגאָיסט לחלוטין נישט געפילט און נישט באַמערקט. ווען עס קומט צו פ ר א ק ט י ש ן אידעאַליזם, הויבט מען אים יאָ אָן פילן און באַמערקן, און מען הויבט אָן איינזען, אַז מען האָט זיך געטעותט אין זיך אַליין; מען האָט זיך שלעכט געקענט און שלעכט פאַרשטאַנען. דורך די ברילן פון דער אידייע האָט מען זיך אַליין — און אַלע מענטשן צוזאַמען גענומען — געזען העל אין ראָזעווע, און אָן די ברילן פון דער אידייע, נאָר מיט די הוילע אויגן פון דער ווירקלעכקייט, זעט מען זיך גאָר — און אַלעמען — גרוי און וואָכעדיק און קליינלעך. עס הויבט אָן קומען א ו י ס נ י כ ט ע ר ו נ ג דאָס הייסט: בעסערע ז ע ל ב ס ט ד ע ר ק ע נ ו נ ג; מ'הויבט אָן בעסער צו פאַרשטיין זיך אַליין און מ'הויבט אָן בעסער צו פאַרשטיין אַלעמען. — מ'הויבט אָן באַקומען דערפאַרונג, דערפאַרונג פון זיך און פון אַנדערע. באַקומען דערפאַרונג מיינט נישט עפּעס אַנדערש, ווי נאָר באַקומען ריכטיקע דערקענטעניש פון זיך אַליין און פון אַנדערע, — דערקענען די צ ו ו י י ט ע ז י י ט פ ו ן ד ע ר א י י ג ע נ ע ר נ ש מ ה; באַוואוסט ווערן אויף די אייגענע עגאָיסטישע כוחות, אויף וועלכע דער טעאָרעטישער אידעאַליזם האָט פאַרבלענדט די אויגן. און דאָס קען מען צום בעסטן טון, ווען מען הויבט אָן אויספּרוּוון אידעאַלן אין לעבן. פונקט ווי דער יחיד קען זיך אַמבעסטן דערקענען דעמאָלט ווען ער פּרוּווט זיך אַליין אויס, אַזוי איז דאָס אויך מיט דער מענטשהייט. ווען מען הויבט

אַן מאַכן פון אידעאַלער טעאָריע אידעאַלע פּראַקטיק און מען האַלט זיך כסדר אין איין אָנשטויסן אין שטערונגען און שוועריקייטן, ערשט דעמאָלט הויבט מען אָן ד ע ר פ י ל ן דעם כוח פון דעם מענטשלעכן עגאָיזם, וואָס מען האָט פריער, אין צושטאַנד פון אידעאַל־טעאָרעטישן ענטוזיאַזם, פאַר־זען, מינדערגעשאַצט און איגנאָרירט. אַזוי לאַנג ווי אידעאַלן געפינען זיך אין דער טעאָריע און מען פּרוּווט זיי נישט אויס אין לעבן, אַזוי לאַנג קען מען וועגן זיי זיך מאַכן די ווייטגייענדיקסטע אילוזיעס, וואָרום אויפן באָדן פון דער טעאָריע זעט מען בלויז די העלע זייט פון אונדזער נשמה; די טונקעלע זייט אירע, איז נישט זעעבאַר; די טונקעלע זייט פון אונדזער נשמה ווערט זעעבאַר ערשט ווען עס קומט צו טאַט און פאַרווירקלעכונג פון אידעאַלן. ווען עס קומט צו דער פאַרוויריקלעכונג פון אידעאַלן נעמען די פאַרזעענע עגאָיסטישע כוחות קעגנווירקן דעם בלויז־באַמערקטן אידעאַ־ליזם פון דער טעאָריע און לאָזן נישט די אידעאַלן זיך רעאַליזירן אין לעבן.

אין מאָמענט פון זייער טעאָרעטישער אַנטשטייונג האָבן די אי־דייען פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט אומגעהויער באַגייס־טערט די מענטשן. אַלע מענטשן זיינען געווען ענטוזיאַסטישע אָנהענגער פון די דאָזיגע הויכע, דערהויבענע אידעאַלן; אומבאַדינגטע אָנהענגער. אָבער דאָס אַלץ איז געווען בלויז טעאָרעטיש, אַבסטראַקט, אין דער אי־דייע. ווען עס איז געקומען צו דער פאַרווירקלעכונג פון די דאָזיקע אי־דעאַלן, האָט זיך כסדר, און אַלעמאָל מער, געהאַלטן אין איין ארויסווייזן, אַז די מענטשן ווילן נישט זיין פריי, ווילן נישט זיין גלייך און ווילן נישט זיין קיין ברידער. די פרייהייט, די גלייכהייט און די ברידערלעכקייט האָבן זיי געהאַט בלויז אין דער פאַנטאַזיע, אָבער נישט אין „בלוט"; ס'איז געווען ביי זיי בלויז אַן אידעאַלע וויזיע, וואָס זיי האָבן געמיינט, אַז זי איז ווירקלעכקייט. האָבן זיי זיך אַרומגעזען אַז נישט. וואָרום ווען די מענטשן וואָלטן טאַקע אין דער ווירקלעכקייט געוואָלט זיין פרייע, גלייכע און ברידער, וואָלט אויף מאָרגן נאָכן פּראָקלאַמירן די דאָזיקע אידעאַלן דאָס לעבן געוואָרן אַזעלכעס; וואָרום ווען די מענטשן וואָלטן מיט אַן אמת געוואָלט פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט, דאָס הייסט, זיי וואָלטן אָרגאַניש, ספּאָנטאַן, וועזנטלעך געווען פרייע, גלייכע און ברידער — ווער און וואָס וואָלט זיי דען געקענט שטערן צו זיין דאָס וואָס זיי זיינען און צו לעבן אין אָנקלאַנג מיט זיך אַליין?!... נאָר דערפאַר וואָס זיי זיינען עס נישט, נאָר דערפאַר האָבן זיי עס נישט; און דאָס וואָס זיי זיינען יאָ, דאָס האָבן זיי יאָ: זיי האָבן אַזאַ לעבן, סאָרא מענטשן זיי זיינען! און דער־קענען ווער די מענטשן זיינען, קען מען נאָר דורך דעם לעבן וואָס זיי

פירן. דאָס וואָס עס וויזט זיך אויס אַז מ'וויל, דאָס וואָס מ'וויל אַבסטראַקט, אין דער פאָרשטעלונג, דאָס הייסט נאָך נישט געוואָלט. ווען מען מיינט, אַז דאָס וואָס מען וויל אין דער אידייע, וויל מען אויך אין דער פּראַקטיק; ווען מען מיינט, אַז מען איז אַזוי ווי מען פילט זיך אין אידעאַלן טרוים, מאַכט מען אַ טעות! פריער אָדער שפּעטער מוז קומען די אויסניכטערונג און מ'הויבט אָן דערקענען זיך אַליין!

איצט מאַכט די מענטשהייט דורך אַ פּאַזע פון אויסניכטערונג פון אירע פריערדיקע אילוזיאָרישע אידעאַלן.

II

אויך דעם איצטיקע קריזיס פון דער דעמאָקראַטיע, קען מען פאַרשטיין נאָר אין ליכט פון ביפּסיכיזם.

ווען דער מענטש לעבט נישט אין דער ווירקלעכקייט, נאָר אין דער מחשבה, שווימט דאַן אַרויף אויפן אויבערפלאַך פון זיין באַוואוסטזיין דער עטישער גייסט און ער לעבט אַ גוט לעבן. לעבנדיק אין דער אילוזיע, הייבט ער אָן באַהערשט צו זיין פון עמאָציעס, אין שיין פון וועלכע זיין מיטמענטש ווערט אים אַ ברודער און אַ פריינט, אַ נאָענטער און אַ חבר, מיט וועלכן ער טיילט זיין מאַטעריעל און גייסטיק לעבן. דאָס לעבן דערשיינט פאַר אים אין אַ אידעאַלער פאָרעם, וואו עס הערשט בלויז יושר, שלום און ברידערלעכקייט; עס פאַרשווינדן אַלע געזעלשאַפטלעכע איבלען און אומרעכטן, נאָר אַלץ ווערט געפירט לויט גערעכטיקייט און אַלמענטשלעכער האַרמאָניע. עס זיינען מער נישטאָ קיין אונטערדריקער און אונטערדריקטע, קיין אויסנוצער און אויסגענוצטע, קיין הארן און קנעכט, נאָר אַלע מענטשן זיינען גלייך; אַלע שטייערן גלייך מיט צום אַלגעמיינעם וואוילזיין און אַלע געניסן גלייך פון דעם. עס הערן אויף דער האַס און די שנאה פון מענטש צו מענטש. עס פאַרשווינדט עגאָיזם און אייגננוץ און אויף זייער אָרט טרעט אַריין גוטער ווילן און ליבע צום צווייטן. עס זיינען מער נישטאָ קיין טיראַנען און דעספּאָטן, קיין אַליינהערשער און מאָנאַרכן, וועלכע האַלטן די פעלקער אין מורא, נאָר די פעלקער הערשן איבער זיך אַליין; די בירגער באַשטימען זייערע פאַרוואַלטער און באַזייטיקן זיי, ווען דיזעלבע זיינען אומפּאַסיק; ווילן אויס די אַדמיניסטראַטאָרן פון לאַנד און פאָלק און לאָזן זיי אומדערווילט, ווען זיי דערפילן נישט אָרנטלעך זייערע אויפגאַבן. יעדער הערשט איבער זיך אַליין, אַלע הערשן איבער אַלע, קיינער הערשט איבער קיינעם נישט. די העכסטע מאַכט איז דער פרייער ווילן פון דער מערהייט.

עס איז נישטאָ דער מענטש, וואָס אַזאַ אידעאַל לעבן זאָל נישט אַפּעלירן צו אים. יעדער צו וועמען אַזאַ לעבן וואָלט נישט אַפּעלירט, וואָלט צום מין מענטש נישט געהערט.

דאָס, אַלזאָ, איז די פּסיכישע באַזע, אויף וועלכער עס שפּאַרט זיך אָן אונדזער ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ש ע א י ל ו ז י ע. מיר, מיט אונדזער שוואַכקייט צו פאַרפולקאָמען און אויפהויבן, דערהויבן דאָ דעם מענטשן צו דער העכסטער מדרגה פון שלמות און מיר זעען אין אים אַן אינדיווידואַליסטישן מיט דער סאַמע ברייטסטער אָריענטאַציע וועגן מלוכה־פירונג, וועגן אַלע געזעלשאַפטלעכע ענינים, וועגן די פאַרשידנסטע שטאַטס־אָנגעלעגנהייטן; אַן אינדיווידואַליסט, וואָס האַנדלט שטענדיק אין אָנקלאַנג צו זיינע אמתע איבערצייגונגען און אָנשוויונגען, לאָזט זיך נישט אָראָפּפירן פון זיין אידעאָלאָגישן שטאַנדפּונקט, וועלכער ווערט באַשטימט פון זיינע אינערלעכע געפילן און איז אין אָנקלאַנג צו זיין אַלגעמיינעם וועלטבאַנעם. מיר האָבן פאַר זיך אַ בירגער, אַ פילאָזאָף, אַזוי צו זאָגן, וואָס איז ערלעך, אויפריכטיק, אָן אַמביציעס און פניות און אויך קען ער די וועלט, קען די מענטשן, פאַרשטייט גוט דאָס לעבן און ער איז איבערצייגט, אַז זיינע פּאָליטישע אידייען זיינען, סיי פאַר דעם שטאַט בכלל און סיי פאַר יעדן בירגער בפרט, די סאַמע בעסטע פון אַלע מעגלעכע פּאָליטישע אידייען. אַזוי אַרום ווילט דער אידעאַלער בירגער אויס אַ באַשטימטע צאָל פון צו אים גלייכע מיטבירגער, וועלכע ער טרויט אָן די מלוכה־פירונג, נאָך דער באַשטימטער צייט זיי פאַרבייטנדיק מיט אַנדערע, פון וועלכע ער, דער בירגער־ווייִלער, איז אויך נישט אויסגעשלאָסן איבערצונעמען די מלוכה־פירונג, ווען דער גורל וועט פאַלן אויף אים. איבערטראָגנדיק דאַן דעם איינצלנעם באַגריף פון בירגער אויף די בירגער אין אַלגעמיין, זעט אונדזער אילוזיע גאַנצע קולטור־פעלקער, גאַנצע פעלקער פילאָזאָפן, וואו יעדער איינער, דער ערשטער בעסטער, קען ווען געזעצגעבער און מלוכה־פירער, מאַכנדיק די בעסטע פון אַלע מעגלעך גוטע געזעצן פאַרן שטאַט און פירנדיק אויף דעם בעסטן פון אַלע מעגלעך גוטע אופנים די מלוכה. אין ליכט פון דעם דאָזיקן פאַראידעאַליזירנדיקן ליגן, רעדן מיר וועגן „זעלבסטבאַשטימונגס־רעכט פון פעלקער", „רעכט פונעם בירגער", „סואווערעניטעט פון די מאַסן אא"וו".

אינדעראמתן איז דאָס אַלץ נישט מער ווי אַן אילוזיאָרישע פאַרפירונג, וועלכע שטימט אַבסאָלוט נישט מיט דער ווירקלעכקייט. אין דער ווירקלעכקייט שטעלט די דעמאָקראַטיע פאַר מיט זיך אַ גאַנץ אַנדער בילד: דער דורכשניטס־מענטש איז וועזנטלעך קליין. ער איז אָרגאַניש נישט ביכולת צו מאַכן קיין איין זעלבסטשטענדיקן שריט. אַלע זיינע געדאַנקען און מחשבות זיינען אויסגעלערנט פון פרעמדע, וועלכע ער־

רעדט אויטאָמאַטיש נאָך. זיין גייסט איז פאַרשטאַרט און סטאַטיש, אומ־דערפינדעריש און טעמפּ. זיין מענטאַלער סיסטעם פּראָדוצירט לחלוטין נישט קיין איין אייגענעם געדאַנק און קיין איין אייגענע אידייע. אַלץ איז נאָכאַמונג און אימיטאַציע. ער געפינט זיך שטענדיק אונטערן איינ־פלוס פון אַזעלכע אָדער אַנדערע אידייען און געוואוינהייטן, וועלכע מען האָט מיט אים איינגעקנעלט. ער באַזיצט נישט קיין אייגענעם קריטעריום און אין בכלל אומפעיק צו דענקען וועגן זאַכן קריטיש, ווייל ער איז אומ־דערפינדעריש. דער פרייער אינדיווידועלער אויסוואַל פון אידייען, איז אַ דירעקטע סתירה צו זיין שטומען גייסט, וועלכער זאָגט אים קיינמאָל גאָרנישט אונטער, נאָר ער לעבט בלויז פון פרעמדע טישן. ווילן ער זיך עפּעס דערוויסן אַ נייעם געדאַנק, מוז ער עס הערן פון אַ פרעמד מויל, ניט פון זיין אייגענעם גייסט און מוח, און אַפילו דאָס געהערטע און אויסגעלערנטע, באַנעמט ער אויך גאַנץ אויבערפלעכלעך, ווייל ער איז ניט ביכולת זיך צו פאַרטיפן אין קיין ענין.

אום כדי צו האָבן אַן אייגענע ערלעבע לעבנס־אַנשויאונג, מוז עס זיין אַן אויס־דרוק פון דער אייגענער גייסטיקער אַקטיוויטעט, מוז עס אונדזער נשמה שטענדיק אין אונדז דערפינדן. וויבאַלד אונדזער גייסט איז פּאַ־סיוו און שטום, ברענגט נישט אַרויס אין אונז קיין שום געדאַנקען און אָנרעגונגען, בלייבט אונז דעמאָלט נאָר איבער זיך צוצונויגן צו אַזאַ אָדער אַן אַנדער אידעאָלאָגיע, דורך געוויסע פּערזענלעכע פּניות און אינטערעסן. און אַזוי פּאַסירט עס טאַקע מיט דעם ברייטן דורכשניט. דער ברייטער דורכשניט פאַרמאָגט נישט קיין טיף־אינערלעכע, אָרגאַנישע איבערצייגונ־גען און אמתן, נאָר סימפּאַטיעס און צוגעוואוינטקייטן. עס איז גענוג אַז דער מאַסע זאָל געפעלן אַ שיינער ווערטער־עקספּאָנענט און זי זאָל דורך דעם איבערגיין אויף זיין זייט. עס איז גענוג, אַז איינער זאָל זיך אומפּאַ־נירן מיט זיין פאַרנעמען אויסערלעכן אויסזען און דאָס זאָל אים, ביי דער מאַסע, געבן פאַרצוג לגבי אַ צווייטן, וואָס צייכנט זיך דערמיט נישט אויס. דעם ערשטנס ווערטער, וועלן, צוליב זיין שיינער באָרד, זיין „אמתער" און „איבערצייגנדיקער", ווי דעם צווייטנס, מעג אינדעראמתן דער פאַל זיין פונקט פאַרקערט.

דאָס אַלץ שטעלט מיט זיך פאָר די אָרגאַנישע אומקאַפּאַציטעט פון דעם מאַסן־מענטשן צו דענקען זעלבסטשטענדיק און ערלעך, ד"ה, אַז ער זאָל נאָכגיין בלויז נאָך זיינע אינערלעכע, טיפע איבערצייגונגען; אַז אין דער באַשטימונג פון זיינע לעבנס־אַנשויונגען זאָלן נישט שפּילן קיין ראָלע קיין פּערזענלעכעס, נאָר בלויז דער עמעס גופא, די אידייע גופא, וואָס זאָל אַפּעלירן צו זיין פאַרשטאַנד און האַרץ און זי זאָל אים אַריבערנעמען

אויף איר זייט. דאָס איז דער וואולגאַרער מענטש וועזנטלעך נישט ביכולת, מחמת דאָס ווייניקע וואָס ער באַנעמט אין די ענינים, לאָזט אים פון אויבנאויף און ער פאַרשווימט אהין, וואוהין עס פאַרטראָגן אים מוטנע פּסיכישע שטראָמען.

אָט וואָס פאַרא בילד עס שטעלט מיט זיך פאָר די דעמאָקראַטיע אין דער ציוויליזירטער געזעלשאַפט: פון איין זייט, מחנות שיינרעדנדיקע ליגנער. טאַלאַנטירטע וואָרט־זשאָנגלאָרן, פעיקע וואָרט־אַקראָבאַטן, טרייבן מיטן כוח פון זייער שיינעם היפּנאָטישן וואָרט אַ מיאוסן עגאָיסטישן האַנדל מיט די אינטערעסן פון די בירגער. מיט זייער געשיקטער ווערבאַלער קונצנמאַכעריי, געווינען זיי מאַכט איבער דעם גייסטיק־אָפּהענטיקן מענטשן, אַדאַנק ווּעמענס פאַרפירונג און אָפּנאַרונג, זיי דערשלאָגן זיך צו די קאַריערעס פון געזעצן־פּראָדוצירער און רעגירער. די בירגער־מאַסע ווערט אויף דעם צינישסטן אופן באַשווינדלט און פאַראַרטן. מען נוצט זיך אויס מיט איר לייכטזיניקייט, מיט איר באַראַקטער שוואַכקייט, מיט אירע סענטימענטן און מיט אירע אינטערעסן. די טאַלאַנטירטע וואָרט־אַקראָבאַטן אין זייער העסלעכן קאַריעריסטישן האַנדל, האַלטן אין איין אויסנוצן די לייכטגלויביקייט, דעם פאַרטרויען פון די פּשוטע בירגער, פון וועלכע זיי שפּאָטן ביי זיך אין האַרצן אָפּ, נישט שאַצנדיק זייער ווערט העכער ווי פון אַ סטאַדע שאָף, וועלכע זיי שערן מיט פיל געשיקטקייט און ביטערקייט אַרום. די דעמאָקראַטיע ווי זי איז אין דער ווירקלעכקייט, ניט אין דעם פאַראידעאַליזירטן ליגן — איז אַ באַטרוג, וואָס ווערט באַגאַנגען פון אַ סאָרט פעיקע חברה־לייט, קעגנאיבער די דורכשניטלעכע מאַסן. דעמאָקראַטיע מיינט — פּסיכישע פאַרגוואַלדיקונג פון די מאַסן, פּסיכישע פאַרפירונג, היפּנאָז פון גערעדטן וואָרט; מיינט אַז אויסנוצן זיך, מצד באַגאַנבע גענאַרער, מיט די שוואַכקייטן פונעם המון, וואָס שטייט צו זייער דינסט; אַ מיסברויכן מיט דעם פאַרטרויען, וואָס זיי רופן אַרויס מיט זייערע פאַרשפּרעכונגען און צוזאָגן; דעמאָקראַטיע מיינט פאַררעדן די ציין כאַראַקטער־שוואַכע און אָפּהענטיקע מענטשן און זיי אויסנוצן צוליב אייגענע עגאָיסטישע צוועקן.

ס'איז אמת, אַז די מאַסע מאַכט־מיט מיט איר גוטן ווילן די שפּיל פון דעמאָקראַטיע. זי פילט זאָגאַר אַ געוויסע סאַטיספאַקציע, וואָס אין אירע הענט ליגט דער גורל פון „גרויסע לייט”, וועלכע קומען זיך צו איר שמייכלען, אין מאָמענט, ווען זיי דאַרפן צו איר אָנקומען; זי איז צופרידן, וואָס זי האָט אויך צו זאָגן אַ דעה אין דער פּאָליטיק, וואָס צו איר מוז מען אָנקומען, צו איר מוז מען זיך אַראָפּלאָזן, איר מוז מען בעטן און איינרעדן; זי איז אַ גלאַווּנער מחותן אויף דער פּאָליטישער חתונה. די

דאַזיקע שפּיל באַפרידיקט דעם עגאָיזם פון דער מאַסע; זי האָט אַרום וואָס צו פּאַרען און טומלען זיך; זי האַלט מלחמה מיט אַנדערע צדדים, מאַכט פּראָפּאַגאַנדע, העלפט פירן די „אויפקלערונגס"־אַרבעט אאַ"וו — טעטי־קייטן, וואָס אַנטשפּרעכן איר קאַמפּס־לוסט און גאווה; איר ווילן זיך אַרויס־צוזען און זאָגן אַ דעה. דאָס אַלץ, אָבער, איז נישט מעהר ווי אַ שפּיל, דאָרטן וואו עס פאָדערט זיך ערנסטקייט און ניכטערקייט פון גייסט; זעלבסטשטענדיקייט און באַהאַוונטקייט פון געדאַנק; ריינער באַוואוסטזיין און ערלעכע איבערצייגונג, וואָס זאָל באַשטימען דעם טאַט.

די וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט דעם פּרינציפּ, אַז די בירגער האָבן דאָס רעכט צו באַשטימען די פירונג פון זייער שטאַט, האָבן געמאַכט צוויי טעותן. ערשטנס האָבן זיי פאַרזען די פאַרשידנקייט פון די מענטשלעכע פעיקייטן, וועלכע מוזן קומען אין באַטראַכט ווען מען רעדט פון געזעל־שאַפטלעכער אָנפירונג, און צווייטנס האָבן זיי געמאַכט אַן עגאָ־אויטענ־טישן טעות: זיי האָבן פאַראידעאַליזירט דעם בירגער און האָבן אים געזען, לויט זיך נאָך, ווי אַן אידעאַלן מענטשן.

אין דערווירקלעכקייט איז נישט אַזוי. אין דער ווירקלעכקייט זיינען די בירגער קליינינקע מענטשעלעך, וועמענס וועזנטלעכע קאַפּאַציטעט גרייכט נישט, ערלעך און זעלבסטשטענדיק צו פירן זייערע שטאַטן; זיי זיינען גייסטיק אומבאַהאָלפן, לייכטזיניק און כאַראַקטער־שוואַך; האָבן קליינלעכע השגות און באַגריפן, זיינען באַהערשט פון קליינלעכע אַמבי־ציעס און קאַפּריזן; האַנדלען נישט אויס טיפער איבערצייגונג און ערנסט־ניכטערער הכרה, נאָר לאָזן זיך פירן פון סענטימענטאַלקייטן, סימפּאַ־טיעס און אַנטיפּאַטיעס, פּניות און צוגענייגטקייטן; וועמענס מעשים ווערן נישט קאָנטראָלירט פון סאָלידע געדאַנקען או אידייען, נאָר פון אינס־טינקטן און אינטערעסן, אייגננוץ און עגאָיזם.

ווען מיר זעען אַזוי די בירגער, פאַרשטייען מיר דאָן, אַז דעמאָקראַ־טיע מיינט, געבן אַ געלעגנהייט געלט־ און מאַכט־גייציקע אינדיווידן, פעיקע און כיטרע, שיינע ווערטער־אויסטראַכטער און שיינע פּראַזן־פּאַר־פאַסער — געבן דידאָזיקע אַ מעגלעכקייט אַריינצוקריגן די מלוכה־פירונג אין זייערע הענט און־ טאָן מיט איר וואָס זייער האַרץ גלוסט; פאַרשטייען מיר דאָן אַז דעמאָקראַטיע מיינט, אינדערעמתן, פאַרשקלאָפן דער מאַסע דורך איר אַליין, דורך אירע אייגענע שוואַכקייטן.

צווישן דער טעאָריע און דער ווירקלעכקייט פון דער דעמאָקראַטיע איז געלעגן אַ תהום. לויט דער טעאָריע האָט עס געהייסן, אַז יעדער איי־נער קען אויסגעוויילט ווערן צו זיין רעגירער. פאַקטיש האָט דער דורכ־שניטס־מענטש קיינמאָל נישט געקאָנט אויסגעוויילט ווערן אַלס אַזעלכער,

מחמת עס האָבן אים געפעלט די „נויטיקע באַגאַבונגען" דערצו. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אין דער קאָנסטיטוציע איז געשטאַנען, אַז יעדער קען ווערן דער העכסטער אָנפירער פון דער מלוכה, האָבן עס פאַקטיש געקענט ווערן נאָר די, וואָס האָבן געהאַט פלינקע קעפּ, געשליפענע צינ־גער און זיינען געווען „פעיקע פּערזאָנען". די מכלומרשטע גלייכקייט פון דער ביז־איצטיקער דעמאָקראַטיע, איז געווען אַ פיקציע. אינדעראמתן איז אָנגעגאַנגען אַ סעלעקציע פון אַן אַמביציעזן טיפּ מענטש וואָס איז כסדר דערהויבן געוואָרן צו דער מאַכט. עס איז פאַראַן אַ מערקווירדיקע ענלעכ־קייט צווישן אַלע פּאָליטיקער, דאָס הייסט, אַלע דעמאָקראַטישע מושלים, פון אַלע צייטן און אַלע פעלקער. פּסיכאָלאָגיש קלאַסיפיצירט, איז די גרעסטע מערהייט פון דער „דעמאָקראַטישער הערשער־קאַסטע", נישט קוקנדיק וואָס פאַר אַן אידעאָלאָגיע יעדער פאַרטרעט, ענלעך צווישן זיך, ווי צוויי טראָפּן וואַסער.

פאַראַן אַ פּראָפעסיאָנעלער טיפּ „פירער", וואָס רוקט זיך אַרויס פון אויבנאָן, אַזוי גלייך ווי עס קומט נאָר אויף ערגעץ אַ נייע אידייע אָדער באַוועגונג: דאָס זיינען די „מענער מיט טאַלאַנט", די „באַגאַבטע פּער־זענלעכקייטן". מאָראַליש שטייען די דאָזיקע אונטערן ניוואָ פונעם דורכ־שניטס־מענטש. נישט מער, זיי באַזיצן די פעיקייט צו עקספּלואַטירן זייער אידעאַל־אילוזאָרישע פּסיכיק און מאַכן דערפון אַ געברויך. די דאָזיקע אייביקע פּראָפעסיאָנעלע פירער האָבן צעשטערט און אַנטווערטיקט אַלע עכט־עטישע באַוועגונגען אין דער געשיכטע. די טאַלאַנטירטע רבנים האָבן צעשטערט דעם עכט־עטישן גייסט פון יידנטום; די טאַלאַנ־טירטע גלחים האָבן צעשטערט דעם עכט־עטישן גייסט פון קריסטנטום; די טאַלאַנטירטע פּאַרלאַמענטאַריער האָבן צעשטערט דעם עכט־עטישן גייסט פון דעמאָקראַטיע; די טאַלאַנטירטע „סאָ־ציאַליסטישע פירער" האָבן צעשטערט דעם עכט־עטישן גייסט פון סאָציאַ־ליזם. לויט זייער וועזנטלעכן און אָרגאַנישן גייסט זיינען די אַלערליי טאַלאַנטן נישט ביכולת צו פאַרווירקלעכן דאָס גוטע. דאָס גוטע זיינען זיי בלויז תופס מיט דער פאַנטאַזיע. און היות ווי זיי האָבן די פעיקייט אויס־צודריקן זייערע פאַנטאַזיעס, ווערן זיי מאָראַל־פּריידיקער, שרייבן ביכער און האַלטן דרשות. זיי זיינען אָבער, אין בעסטן פאַל, נישט מער ווי מאָ־ראַל־אימיטאַטאָרס און פאַלסיפיצירער פון אמת. דער ברייטער עולם, ווען די דאָזיקע קומען מאַכן גוט און פרום, ווייס און פילט בחוש, אַז דאָס איז ביי זיי נאָר שיינע מליצה און אָראַטאָרישע (אָדער שרייבערישע) קונץ. זייערע שיינע דרשות און שיינע ביכער שטעלן מיט זיך פאָר אַ מין מאָראַלישע (אָדער עסטעטישע) פאַרווײַלונג. דער עולם קומט צו זיי

רייצן די מאָראַלישע עמאָציעס און נישט מער. מיט זייער לעבן און טאָן האָט עס קיין שייכות נישט...

לויט דעם, ווי די ביז־איצטיקע דעמאָקראַטיע איז געווען אין דער ווירקלעכקייט, האָט מען איר טעאָריע באַדאַרפט אַזוי פאָרמולירן: „אַלס רעגירער קענען געוויילט ווערן נאָר פּערזאָנען, וואָס קענען זיין רעדל־פירער, קענען האַלטן רעדעס, גלוסטן צו הערשן, זיינען גוטע פּאָליטיקער, קלוגע דיפּ־לאָמאַטן אאַ"וו". ווען מ'האָט אָבער געזאָגט, אַז „אַ ל ע קענען געוויילט ווערן", איז עס געווען אַ ליגן.

III

מיטן ביפּסיכיזם און אילוזיאָרישן אידעאַליזם דאַרף מען אויך דער־קלערן דעם דורכפאַל פון דער בילדונג און אויפקלערונג.

ווען מיר אילוזיאָנירן און טרומען וועגן בילדן און דערציען די מאַסן, וועגן אויפקלערן זיי און מאַכן זיי באַוואוסטזיניק, זעען מיר דעמאָלט די בילדונג און די דערציונג אין געשטאַלט פון העלע ליכט־שטראַלן, וועלכע באַשיינען די הערצער און די מוחות פון די דורכשניטלעכע מענטשן און מאַכן זיי וויסנדיק און גוט. מיר זעען ווי דאָס נייע וויסן, די נייע דער־קענטעניש, וואָס פליסן אריין אין זייער באַוואוסטזיין, די נייע לעבנס און וועלט־אמתן, מיט וועלכע זיי ווערן באַרייכערט, ווירקט אויף זיי אַזוי דערהויבנדיק, אַז דאָס פאַרוואַנדלט זיי באַלד פון אומוויסנדיקע שלעכטע מענטשן אין וויסנדיקע גוטע און ערלעכע מענטשן. דאָס וואָרט „וויסן" איז דעמאָלט פאַר אונדז דער עקוויוואַלענט פון וואָרט „גוטס". דאָס וואָרט „אומוויסן" — דער עקוויוואַלענט פון „שלעכטס". בילדונג מיינט דאָן נישט אַ סכום ידיעות וואָס ווערן מעכאַניש איינגעקנעלט און אויס־געלערנט, נאָר בילדונג מיינט אַ פאַקטאָר גייסטיק צו דערהויבן די מענטשן און זיי אַוועקשטעלן אויף אַ העכער מדרגה פון גייסט־לעבן; בילדונג מיינט אַ כוח וואָס ווירקט אויפן מענטשן אים צו מאַכן שענער און בעסער, ווירקט, צו וועקן דאָס גוטע וואָס דרעמלט אין זיין וועזן און דאָס ארויס־ברענגען. אַ וויסנדער מענטש מיינט דאַן פאַר אונדז אַזאַ, וואָס שטייט וועזנטלעך אויף אַ העכערער שטופע. פונקט אַזוי מיינט אַן אומוויסנדיקער מענטש אַזאַ וואָס שטייט וועזנטלעך אויף אַ נידעריקערער שטופע. די באַגריפן בילדונג און וויסן, זעען מיר, נישט ווי פּשוטע אינפאָרמאַציעס, וואָס לאָזן אינדיפערענט די נשמה, נאָר, בילדונג און וויסן, דרינגען אריין אין אַלע קעמערלעך פון דעם מענטשנס נשמה, אין אַלע ווינקעלעך פון גייסט און איבן דאָרט אויס אַ פּאָזיטיווע ווירקונג, באַלעבן און מאַכן אַקטיוו דאָס גוטע. מעג דאָס וויסן זיין פון אַזאַ סאָרט, וואָס האָט נישט

קיין דירעקטע שייכות מיטן מאַראַלישן, דאַרף אָבער ווירקן די אומדירעקטע שייכות, וואָס עס הערשט צווישן וויסן אַנפאַרזיך מיטן מאַראַלישן גנעפיל.

אַזוי דערשיינט פאַר אונדז בילדונג און דערציונג, ווען מיר זעען עס אין אַן אילוזיאָריש־פאַראידעאַליזירנדיקער שיין, און אין דער שיין האָבן עס געזען אַלע אידעאַליסטן בכלל און די ראַציאָנאַליסטן בפרט. זיי האָבן אין דער הינזיכט, פּונקט ווי אין אַסאַך אַנדערע הינזיכטן, געמאַכט אַן ענגאַ־אויטענטישן טעות, ד"ה, זיי האָבן געמשפּט נאָך זיך נאָך. פאַר זיי האָט טאַקע בילדונג געמיינט אַ פאַקטאָר, וואָס דערהויבט צו אַ העכערער מדרגה פון גייסט. האָבן זיי געמיינט, אַז דאָס זעלבע באַדייט בילדונג און וויסן אויך פאַר דעם דורכשניטס־מענטש. אַרויסגעוויזן האָט זיך אָבער, אַז די זאַך איז נישט אַזוי. דאָס וואָס בילדונג מיינט פאַר דעם העכערן טיפּ מענטש, מיינט דאָס נישט פאַרן דורכשניטלעכן. דער עטישער מענטש שאַצט אָפּ וויסן און בילדונג, ווייל ער פילט דערצו אַ נשמה־דראַנג. דער וועג גייט פון זיין האַרץ צום וויסן. דעריבער מיינט ער, אַז די וויסנשאַפטן האָבן דעם זעלבן ווערט אויך פאַר דעם דורכשניט. שוין דער בלויזער זיין איבערצייגט אין בילדונג אַלס מאַראַליזירנדיקן פאַקטאָר, קומט פון ג ע פ י ל און נישט פון שכל. אַזעלכע איבערצייגונגען האָבן נאָר עטישע מענטשן, וואָס פאַר זיי איז בילדונג אַ געפיל־זאַך. דערפאַר איז עס געווען, אַז מען האָט אינעם פאַריקן יאָרהונדערט געטרוימט וועגן אונדזערע הייניטיקע טעג, האָט מען זיי געזען נישט אַנדערש נאָר באַגאָסן מיט אַ העלער שיין. מען האָט געזען אַ לעבן וואו עס הערשט שלום, ברידערלעכקייט און גערעכטיקייט, וואו עס זיינען מער נישטאָ קיין באַעולהער און באַעולהטע, קיין אונטערדריקער און אונטערדריקטע, נאָר אַלע מענטשן זיינען פאַרוואַנדלט אין איין ברידערלעכער משפחה, איבער וועלכער עס שיינט די זון פון פאַרנונפט, בילדונג און וויסן. דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט האָט דאָס געזאָלט זיין דער יאָרהונדערט פון בילדונג און וויסנשאַפט און אַלס פּועל יוצא דערפון — דער יאָרהונדערט פון גערעכטיקייט, גלייכקייט און ליבע. מענטשן אידעאַליסטן האָבן זיך נישט געקענט אַנדערש פאַרשטעלן דעם טעכנישן פּראָגרעס און די ציוויליזאַציע, סיידן אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ גערעכטער געזעלשאַפט. האָט מען געטרוימט וועגן לופטשיפן וואָס וועלן דורכקרייצן די רוימען, וועגן באַנען באַלאַדענע מיט שפע, וועגן ראַדיאָ, וואָס וועט זיך כוואַליען אין עטער און וועט פאַרבינדן אַלע וועלט־טיילן, וועגן ריזיקע מאַשינען וואָס וועלן פּראָדוצירן רייכטום און באַקוועמלעכקייט פאַר די מענטשן אא"וו, האָט מען וועגן דעם אַלעמען נישט אַנדערש געקענט טרוימען, נאָר אַז די מענטשלעכע געזעלשאַפט,

וועט שוין דאַן שטיין אויף דער העכסטער מדרגה פון עטישן לעבן. עס וועלן שוין לאַנג זיין פאַרשוואונדן אומרעכט און אונטערדריקונג. עס וועט נאָר הערשן פרידן, ברידערונג און קעגנזייטיקער ווילן צווישן מענטשן.

דער נויטווענדיקער צוזאַמענהאַנג וואָס עס ווערט, אין דער אילוזיע, געמאַכט, צווישן וויסנשאַפט, טעכנישן פּראָגרעס און מאָראַליש לעבן, באַווייזט אַז טיף אין אונדז איז וויסנשאַפט פאַרבונדן מיט אונדזער אידעאַלער נאַטור. וויסנשאַפט, פילן מיר, איז נישט קיין בלויזער ענין פון אינטעלעקט, נאָר אַ מאָראַלישער כוח. במילא קומט אויס, אַז ווען מ'שטעלט זיך פאָר וויסנשאַפט, אַזוי אויך טעכנישן פּראָגרעס, קענען מיר זיך עס נישט אַנדערש פאָרשטעלן, נאָר אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ גערעכט לעבן.

אַזוי קומט עס אויס אין דער אידעאַלער אילוזיע. אין דער ווירקלעכקייט האָט זיך עס אַרויסגעוויזן צו זיין אַנדערש. אין דער ווירקלעכקייט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בילדן דעם דורכשניטס-מענטש, מיינט, מעכאַניש אַריינלייגן אין זיין מוח אַ גרעסערע אָדער קלענערע צאָל ידיעות. דער אונטערשיד צווישן געבילדעטן און אומגעבילדעטן דורכשניטס-מענטש, באַשטייט אין דעם, וואָס דער ערשטער האָט דורכגעמאַכט אַ באַשטימטע מעכאַנישע קאָפּ-אַרבייט און דער צווייטער האָט דאָס נישט דורכגעמאַכט, דער ערשטער ווייס צו ריידן וועגן געוויסע ענינים און דער צווייטער ווייסט דאָס נישט. וואָס שייך זייער מאָראַלישער הויך, גלייכן זיי זיך ביידע אויף אַ האָר. דער ערשטער שטייגט אין דער הינזיכט נישט איבער דעם צווייטן אויף קיין מילימעטער. עס איז אין דער הינזיכט גענוג אַ קוק צו טאָן אויפן גרעסטן טייל פון די איצטיקע געבילדעטע לייט און זען זייער מאָראַלישע שטופע, כדי זיך איבערצוצייגן; אין דעם פולשטענדיקן באַנקראָט פון דער בילדונג אַלס מיטל בעסער צו מאַכן די מענטשן. די בילדונג האָט אויף קיין האָר נישט בעסער געמאַכט!

דער ראַציאָנאַליזם, ד"ה, דער שטאַנדפּונקט, אַז דאָס אַריינברענגען אינעם מענטשנס באַוואוסטזיין דעם אמת וועגן וועלט און זיך, וועט זיין אַ מיטל צו פאַרבעסערן זיין לעבנספּיר, האָט זיך נישט באַשטעטיקט.

און דאָס וואָס מיר האָבן געזען אויפן געביט פון דער וויסנשאַפט און דער בילדונג, האָבן מיר אויך געזען אויפן געביט פון דער פּאָפּולערער אויפקלערונג.

אַנדערהאַלבן יאָרהונדערטן האָט מען געהאַלטן אין איין מבלען אויף דער מענטשהייט מיט צייטונגען, זשורנאַלן, בראָשורען, ביכער, פאָלקס-אַקאַדעמיעס, קורסן, מיטינגען, רעדעס, לעקציעס, טעאַטער, אאַ"וו, און דאָך איז די מענטשהייט איצט ווייניקער „אויפגעקלערט" ווי ווען עס איז פריער.

קיין שום מענטש מיט אביסל שכל, וועט איצט מער נישט באניצן קיין איין איינציק ווארט פון דער ראצ-אנאליסטישער טערמינאלאגיע. אזעלכע אויסדריקן, ווי „מאכן באוואוסטזיניק די מאסן", „אויפקלערן די מאסן", זיינען פוסטע ווערטער. קיינער לאזט זיך נישט אויפקלערן און מאכן באוואוסטזיניק. יעדער בלייבט זיך ביי זיינס. דאס מיין „געבן צו פארשטיין" האט זיך ארויסגעוויזן אלס אבסאלוט אומווירקזאם. עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז די וואס האבן געמיינט, אז די מאסן ווייסן נישט און פארשטייען נישט; אז מ'נארט אפ די מאסן, ווייסן און פארשטייען גאר אליין נישט און נארן גאר זיך אליין אפ; נישט די מאסן האבן זיי, די „קלוגע", נישט פארשטאנען, נאר זיי, די „קלוגע", האבן די מאסן נישט פארשטאנען, מחמת עס איז גארנישט געגאנגען אין פארשטיין, נאר עס איז געגאנגען אין פילן און אין ווילן. ווען די מאסן וואלטן ג ע װ ו א ל ט זיין פרייע און גלייכע, דאס הייסט, זיי וואלטן אינערלעך געוועזן פרייע און גלייכע, וואלטן זיי עס אויסערלעך געקענט זיין ביי אלע אומשטענדן און ביי יעדער מאס אויפקלערונג. פון שטאנדפונקט פון שכל, איז דאס סאציאלע פראבלעם אזא איינפאכס, אז מען קען עס אין א האלבער שעה געבן צו פארשטיין. דאס זעלבע איז אויך מיט די אומשטענדן: ווען עס וואלט געוועזן א ר ג א נ י ש ע ר ו ו י ל ן צו לעבן אין גלייכהייט, הארמאניע און אחדות, וואלט מען עס געקענט טון ביים פרימיטיוון אקער און שפינדל, אזוי גוט ווי ביים טראקטאר און מאדערנער מאשין. אלא, איז פאראן ארגאנישער ווילן, וואס שטויסט צו עגאיזם און אייגננוץ, קענען טראקטארן און מאשינען אויך גארנישט העלפן דערצו.

מען האט געהאלטן אין איין טענהן, אז „מען פארנארט די מאסן", „מען פארפירט די מאסן", „מען פארבלענדט די מאסן" אא"וו. — ווי אזוי דארף מען קוקן אויף מענטשן וואס לאזן זיך כסדר פארנארן און פארפירן?... און עס קען גאר זיין, אז דער מאסע נארט מען קיינמאל נישט, אז די „שטענדיק-פארפירטע" מאסע איז גארנישט אזוי אומשולדיק, ווי מען מיינט. דארט וואו זי וויל טאקע מיט אן אמת עפעס, פארשטייט זי איינס און צוויי וואס מען מיינט. נישט פארשטיין, פארשטייט זי נאר דארט נישט, וואו זי ו ו י ל נ י ש ט פארשטיין. דעמאלט קריגט די מאסע אזא „גראבן קאפ", אז כאטש רעדט צו איר הונדערט יאר נאכאנאנד און זי הויבט נישט אן צו וויסן וואס מען רעדט...

וואלטן די מאסן באמת געוואלט זיין פריי און גלייך וואלטן זיי עס איבערנאכט געקענט ווערן. אן בלוט-פארגיסונג, נאר דורך זיצן מיט פארלייגטע הענט און גארנישט טאן — נישט שטיצן די וועלט פון שלעכטס און זי וואלט פון זיך אליין געפאלן.

עס זיינען נישט שולדיק די טיראַנען, נאָר די אויף וועלכע זיי שפּאַרן זיך אָן, די וועלכע האַלטן זיי אונטער; עס זיינען נישט שולדיק די הער־שער, נאָר די וואָס לאָזן הערשן איבער זיך; עס זיינען נישט שולדיק די האַרן, נאָר די וואָס לאָזן זיך פּאַרקנעכטן! וויפל מ'האָט שוין די מאַסן נישט אָנגערעדט צו טון גוטס און עס איז געוועזן ווי געוואָרפן די רייד אויפן ווינט, נאָר ווי עס קומט צו טון שלעכטס, לאָזט זיך די מאַסע מאָ־מענטאַל „אָנרעדן"!...

IV

דער דורכפאַל פון די מאָדערנע סאָציאַלע אידייען דאַרף פאַר־טייטשט ווערן אָט ווי: א הויכער מאָראַלישער חלום פון אַן אומבאַרופע־נער מענטשהייט איז צערונען. עס האָט אויפגעריסן דער ווידערשפּרוך פון דעם מענטשנס צוויי נשמות. פון אויבן איז באַשאַפן געוואָרן אַ קול־טור פון הויכע לאָזונגען און פרייהייט־גלייכהייט־פּרינציפּן. אַזוי האָט מען פאַרפאַכט קאָנסטיטוציעס, געשריבן געזעצן און געהאַלטן שיינע רעדעס; אַזוי האָט געזשומעט די פּרעסע, אַזוי האָבן גערעדט דעפּוטאַטן, דיפּלאָ־מאַטן און ליטעראַטן און פּאַרטיי־פירער און אַזוי האָט די מאַסע געהערט און גגלייבט און איר מאָראַלישער כוח־הדימיון איז געוואָרן טעטיק. די אידעאַלע נשמה פונעם דורכשניטס־מענטש, די וואָס דינט אים צו האָבן שטענדיק אין רעזערוו „הויכע אידעאַלן" און „שענערע לעבנס־ווערטן", מיט וועלכע ער פאַרנעמט זיך „נאָכדעם ווי די געשעפטן דער־לויבן עס" — האָט באַקומען איר גלענצנדן תיקון. עס האָט ממש געשוויבלט און געגריבלט מיט אַלערליי „קולטור־איניציאַטיוועס". רעדנער, אויפקלערער און דרשנים האָבן געהאַלטן אין איין געבן צו פאַרשטיין און „באַוואוסט־זיניק מאַכן" די מאַסן. מ'קען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז פאַר די לעצטע עטלעכע דורות זיינען אויסגערעדט געוואָרן מער שיינע רייד, ווי זינט די צייטן פון אדם הראשון. קיינמאָל פאַר דעם אין דער געשיכטע האָט די אינדוסטריע פון „הויכע רייד" נישט געהאַט אַזאַ פאַרשפּרייטע אינטער־נאַציאָנאַלע קליענטור און אַזאַ ברייטן אָפּזאַץ־מאַרק, ווי אין די לעצטע הונדערט יאָר.

דער ליגן פון שיינעם און קלוגן וואָרט איז געגאַנגען פון אויבן. דער רעאַלער, דער וואָכעדיקער, דער עגאָיסטישער אמת איז געגאַנגען פון אונטן. אין לעבן האָט יעדער געזאָרגט פאַר זיך, געזוכט וואָס מער געלט צו פאַר־דינען, געזוכט זיך איינצואָרדענען וואָס באַקוועמער, געזוכט צו שטייגן וואָס העכער אויפן סאָציאַלן לייטער אאַ"וו. פון איין זייט קען מען די

דאָזיקע צייט אָנרופן „די עפּאָכע פון הויכע אידעאַלן און הויכע פּרינציפּן אין אַבסטראַקט", און פון דער צווייטער זייט, איז קאָנקרעט: „די עפּאָכע פון אַרויפאַרבעטן זיך, די עפּאָכע פון גרויסן געשעפטן, די עפּאָכע פון אימפּעריאַליסטישע דעראָבערונגען, די עפּאָכע פון גרויס־קאַפּיטאַל, די עפּאָכע פון עגאָיזם און געלטיענגעריי, מיט איין וואָרט — די עפּאָכע אין וועלכער עס איז צום בולטסטן געקומען צום אויסדרוק דער פּסיכישער דואַליזם: געזעדט האָט מען פון גלייכהייט און באַפעסטיקט האָט זיך אומגלייכהייט; געזעדט האָט מען פון קאָלעקטיוויזם און באַפעסטיקט האָט זיך אינדיווידואַליזם; גערעדט האָט מען פון אינטערנאַציאָנאַליזם און באַפעסטיקט האָט זיך נאַציאָנאַליזם; גערעדט האָט מען פון אַנטוואָפענונג און קעגן מלחמה און באַפעסטיקט האָט זיך סיי באַוואָפענונג און סיי מלחמה. עס האָט זיך באַקומען אַ שפּיל פון אידעאַלן חלום און „וואָכעדיקע" וואָר; עס האָט זיך באַקומען אַ קולטור געבויט אויף אַ ווידערשפּרעכלעכן יסוד — אַ קולטור געבויט אויף אָ ר ג אַ נ י ש ן ליגן. ווי לאַנג קען אַזעלכעס אָנהאַלטן, ווי לאַנג קען מען זיך האַלטן אין איין אָפּנאַרן מיט שיינע פראַזן און שיינע ווערטלעך! עס מוז קומען אַ מאָמענט ווען די שפּיל הויבט אָן ווערן נמאס. מען הערט אויף גלויבן אין דעם וואָס מ'רעדט. מ'הויבט אָן ווערן באַוואוסטזיניק ד"ה מ'דערפילט דעם אייגענעם ליגן און מ'וויל זיך פון אים באַפרייען; מ'פאַרלירט דעם טעם און דעם זינען אין די פוסטע רייד און מ'וויל פון זיי לויז ווערן. דער שקר הויבט אָן שלאָגן אין פּנים און מ'קען אים מער נישט פאַרטראָגן. אָט דאָס איז געווען די באַזע פאַר דעם אויפשטייג פון פאַשיזם: די פאַלשקייט פון דער דעמאָקראַטישער קולטור. ס'איז געווען אַ קולטור פון בלויז ווערטער, בלויז רייד: בלויז דעקלאַראַציעס, טראַקטאַטן, אָפּמאַכן, פאַרשפּרעכנס, פּראָגראַמען — פּאַפּיר און ווערטער. די ווירקלעכקייט, דאָס לעבן, די האַנדלונגען, אַזוי פון די איינצל־מענטשן, ווי פון די פעלקער איז געווען הימל־ווייט פון די „פּאַפּירענע אידעאַלן". איז געקומען דער פאַשיזם און האָט אַראָפּגעריסן די פּאַפּירענע מאַסקע.

*

פון דער לעקציע, וואָס דער פאַשיזם האָט אונדז געגעבן, קען מען אָפּלערנען אַסאַך זאַכן, אָבער די הויפּטזאַך וואָס מ'קען אָפּלערנען איז אָט וועלכע: הויכע סאָציאַלע פאָרמען זיינען פון אַ קנאַפּן ווערט פאַר אַמתער געזעלשאַפטלעכער פאַרבעסערונג, דעמאָלט ווען אונטער זיי איז נישטאָ קיין נ אַ ט י ר ל ע כ ע, ס פּ אָ נ ט אַ נ ע ג ײ ס ט - ב אַ ז ע.

והראיה: דוקא דאָס לאַנד וואָס איז געשטאַנען אויף דער העכסטער מדרגה פון סאָציאַלע פאָרמען, האָט פאַרמאָגט די גרעסטע צאָל שולן און לערנ־אַנשטאַלטן, האָט פאַרמאָגט די העכסט־אַנטוויקלטע עקאָנאָמיק, די צום־בעסטן אַוועקגעשטעלטע אַרבעטער־אינסטיטוציעס, דעם בעסט־אָרגאַניזירטן און מאַרקסיסטיש־אויפגעקלערטן פּראָלעטאַריאַט — דוקא דאָס דאָזיקע לאַנד האָט זיך אַזוי לייכט געלאָזט אַריינשליידערן אין גרעסטן תהום פון רשעות און שטותעריי, וואָס די מענטשלעכע געשיכטע האָט ווען געזען; דייטשלאַנד, דאָס ציוויליזירטסטע לאַנד פון דער וועלט, דאָס לאַנד פון וויסנשאַפטלער, פילאָזאָפן, ליטעראַטן, אוניווערזיטעטן, טעכניק, ציוויליזאַציע, פאַבריקן, אאַ״וו — איז אין איין היסטאָרישן אויגנבליק פאַרזונ־קען געוואָרן אין אַזאַ אָפּגרונט פון ווילדקייט און שגעון, וואָס עס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט אין דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע. אַ האָר האָט געפעלט אַז די גאַנצע מאָדערנע ציוויליזאַציע, אַ ציוויליזאַציע פון בלויז הויכע פאָרמען, אָן אַ סימן פון גייסט און נשמה, זאָל צעבלאָזן און צעווייעט ווערן ווי אַ באַרג שטויב.

די לעקציע פון פאַשיזם לערנט אונדז, אַז אין מאָראַלישער הינזיכט שטייט די מענטשהייט נאָך גאָר אויף אַ נידעריקער שטופע און עס איז דאָ נאָך גאָר אַ סך צו אַרבעטן איבער איר ביז מ'וועט זי אויפהויבן צו אַ העכערן מאָראַלישן ניוואָ. אין זייער יאָגעריי נאָך פאַרגעשריטענע סאָציאַ־לע פאָרמען, בלאָנדזשען די מענטשן און זיי זיינען נישט אויפן ריכטיקן וועג צו פאַרשטיין און צו לייזן דאָס סאָציאַלע פּראָבלעם. די אידייען פון 19טן יאָרהונדערט וועגן דער געזעלשאַפט און איר פּראָגרעס זיינען געווען נישט קיין ריכטיקע און דאָס סאָציאַלע פּראָבלעם דאַרף ווידעראַמאָל אַוועק־געשטעלט ווערן אויפן טאָגאָרדענונג פון דער דענקנדיקער מענטשהייט...

קאפיטל 11

די סאָציאַלע ראָל פון ביאָטישן מענטשן

(ווי אַזוי ער דאַרף לעבן און וואָס ער דאַרף פּרעדיקן)

I

דער גרויסער פעלער פון סאָציאַלן געדאַנק פון דער פריערדיקער צייט, איז געווען אין זיין אומפּסיכאָלאָגישקייט. די מענטש־דערקענטעניש האָט אין אים קיין שום אָרט נישט פאַרנומען. ריידנדיק וועגן סאָציאַלע ענדערונגען, האָט מען נישט געפונען פאַר נויטיק אפילו איין־איינציקן בליק צו טון אויפן מענטשן: — וואָס איז דער מענטש? וואָס פאַראַ אינערלעכע כוחות זיינען אין אים פאַרבאָרגן? שפּילן זיי אַ ראָלע ביים איינשטעלן זיין לעבן אָדער נישט? מען האָט זיך דאָס אַלץ נישט געפרעגט, ווייל מען האָט געהאַלטן, אַז דער מענטש איז גאָרנישט; ער האָט גאָרנישט אין זיך מיט וואָס די וויסנשאַפט פון דער געזעלשאַפט זאָל זיך דאַרפן רעכענען. אָט די דאָזיקע באַציונג צום סאַמע עיקר פון סאָציאַלן פּראָבלעם, האָט געפירט צו צוויי אַנדערע גרונט־טעותן. דער ערשטער טעות איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מ'האָט געהאַלטן, אַז אַלע מענטשן שטייען וועזנטלעך אויף דער זעלבער מאָראַלישער הויך. לויט זייער מיטגעבוירנקייט, האָט מען געהאַלטן, שטעלן אַלע מענטשן פאַר מיט זיך איין און דעם דעם זעלבן מאָראַלישן טיפּ. האָט מען גערעדט וועגן סאָציאַלע רעפאָרמען, זיינען זיי געגאַנגען פאַר דער מענטשהייט, פאַר דער גאַנצער איינהייטלעכער מענטשהייט, וואָס א ל ע אירע יחידים זיינען אין דער זעלבער מאָס גוט און באַרופן אויפצונעמען די פאָרגעשלאָגענע פאַרבעסערונגען. מען האָט נישט געטראַכט אַז אין דער אמתן איז גאָר נישטאָ קיין איינהייטלעכער טיפּ מענטש, נאָר מענטשן פון פאַרשידענער מאָראַלישער הויך.

דער צווייטער פעלער איז געווען דער אינסטיטוציאנאליזם. די גאנצע דענקערישע אויפמערקזאמקייט פון דער פאריקער עפאכע איז גע־ווען געווענדט נאר אין איין פונקט: ווי אזוי בעסערט מען אוים די ס א־ צ י א ל ע א י נ ס ט י ט ו צ י ע ס. סיי די וואס האבן געהאלטן, אז סאציאליזם איז אוממעגלעך און אלץ וואס מען דארף טון, איז — פאר־מילדערן און פארגערעכטיקן די קאפיטאליסטישע אינסטיטוציעס, סיי יע־נע וואס האבן געהאלטן, אז סאציאליזם איז מעגלעך און מען קען דורך שטופנווייזע רעפארמען איבערבויען די קאפיטאליסטישע אינסטיטוציעס אויף סאציאליסטישע, און סיי די, וואס האבן געהאלטן, אז אט דער אי־בערבוי קען נישט קומען דורך שטופנווייזע רעפארמען און דעמאקראטיע, נאר מוז קומען דורך א סאציאלער רעוואלוציע — אלע האבן געהאלטן, אז דער עיקר זיינען די געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס. וויבאלד מען וועט אויף דעם אדער יענעם אופן, איבערבויען די געזעלשאפטלעכע אינס־טיטוציעס, וועלן זיי שוין גוט מאכן דעם מענטשן, און אונדזער וועלט וועט ווערן א גן־עדן.

אט דער גרויסער פעלער, וועלכער איז א דירעקטער פועל־יוצא פון דער אומפסיכאלאגישקייט פון דעם ביז־איצטיקן סאציאלן גע־אנק, איז אלס צווייטער שולדיק אין דעם באנקראט פון דער פארגאנגענער עפאכע. די עפאכע וואלט געווען צום פאסיקסטן צו באצייכענען אלס די עפאכע פון אינסטיטוציאנעלן דענקען. אנשטאט איינצוזען דעם אזוי קלארן און איינפאכן אמת, אז אין לעצטן תוך שאפט דער מענטש די סאציאלע אינסטיטוציעס לויט זיין מהות, האט מען גאר איינגעזען פונקט פארקערט: אז די אינסטיטוציעס שאפן דעם מענטשן.

די כיבות וואס האבן גורם געווען צו די געמאכטע פעלערן ליגן — ווידעראמאל — אין דער מענטשלעכער פסיכאלאגיע. די־יעניקע פערזענ־לעכקייטן, וואס זיינען געווען די אידעאלאגישע מאנגעבער פון דער עפא־כע, האבן געמאכט דעם פעלער פון זעלבסטפארענלעכן. זיי האבן פארענ־לעכט די גאנצע מענטשהייט מיט זייער אייגענעם איך. עס איז א פסי־כאלאגישע נויטווענדיקייט, מען זאל זען אונדזערע מיטמענטשן און די גאנצע מענטשהייט צוזאמענגענומען אין אונדזער אייגן ליכט. מיר האבן דאך, סוף כל סוף, נישט קיין אנדער וועג צו וויסן, וואס עס טוט זיך אין אנדערע מענטשן, ווי נאר פארגלייכנדיק זיי מיט אונדז, אויספילנדיק זיי מיט אונדזער א נהאלט. אט די דאזיקע פסיכאלאגישע נויטווענדיקייט איז געווען א גרויסער אבן־נגף ביים אויסארבעטן סאציאלע אידייען שטענ־דיק און בפרט ביים אויסארבעטן די אידעאליסטישע געדאנקען פון דער פאריקער עפאכע.

די אידעאַליסטישע דענקער פון אַלע שולן האָבן זיך אויסגעטרוימט א מענטשהייט, וואָס איז געווען ווי צוויי טראָפּן וואַסער ענלעך צו זיי. אַלע וואָס זיי אַליין האָבן געוואָלט, צו וואָס זיי אַליין האָבן געשטרעבט, האָבן זיי געזען אין דער גאַנצער מענטשהייט (אָדער לכל הפחות אין דעם גאַנצן אַרבעטנדיקן טייל אירן); די גאַנצע אומענדלעכע ליבע און קרבנות־גרייטשאַפט, וואָס זיי האָבן געפילט פולסירן אין זייערע הערצער, האָבן זיי אַריינגעגאָסן אין די הערצער פון אַלע מענטשן; דערפאַר וואָס פרייהייט און גלייכהייט איז געווען אַ פּאָסטולאַט פון זייער אייגענעם גייסטיקן זיין, האָבן זיי עס געמאַכט פאַר אַ פּאָסטולאַט פון דעם גייסטיקן זיין פון דער גאַנצער מענטשהייט. אין דער ווירקלעכקייט איז אַזוי נישט געווען. ביי די אידעאַליסטישע דענקער, איז אַלדאָס שענסטע און בעסטע געווען רעאַליטעט, אָרגאַנישער אמת. ביי די מאַסן, ביים דורכשניט, איז עס געווען אילוזיע. אַזוי לאַנג ווי די אילוזיע איז געווען ניי און פריש, אַזוי לאַנג ווי זי האָט זיך געהאַלטן אין די ראַמען פון וואָרט, איז די מאַסע נאָכגעגאַנגען. ווען ס'איז געקומען די שיינע אילוזיע צו פאַרווירקלעכן, איז די מאַסע געבליבן הינטערשטעליק. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די מאַסע און דאָס פאָלק איז ווייט נישט אַזוי אידעאַליסטיש, ווי עס האָבן וועגן זיי געטרוימט די אידעאַליסטישע טעאָרעטיקער.

די זעלבע פּסיכאָלאָגישע שוואַכקייט פון פאַרענלעכן אַנדערע מיט אונדזער אייגענעם איך, איז אויך שולדיק אין צווייטן פעלער: אין אינסטיטוציאָנאַליזם. פאַר די טעאָרעטיקער פון דער פאַרגאַנגענער עפּאָכע, וואָס האָבן געזען אַלע מענטשן אַזוי שיין ווי זיי אַליין זיינען געווען, האָט באמת נישט געקענט שטיין קיין אַנדער אויפגאַבע ווי נאָר אומצוענדערן די סאָציאַלע אינסטיטוציעס. אַז די שלעכטע מענטשן זאָלן ווידעראַמאָל קאַליע מאַכן די גוט־געמאַכטע סאָציאַלע אינסטיטוציעס, פאַר דעם איז נישט געווען וואָס מורא צו האָבן, ווייל, ווי די אידעאָלאָגן פון אינסטיטוציאָנאַליזם האָבן דאָס געוואוסט פון זיך אַליין — איז דער מענטש גוט. האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די זאַך איז נישט אַזוי. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז הויכע אינסטיטוציאָנעלע פאָרמען, וועלכע האָבן נישט קיין אָנשפּאַר אין מענטשנס גייסט, האָבן קיין ווערט נישט. סאָציאַלע רעזשימען וואָס שטייגן איבער דעם מענטשנס מאָראַלישע קאַפּאַציטעט, פאַרוואַנדלען זיך אָדער אין ליגן אָדער אין צוואַנג־רעזשימען. דערפון דרינגט אַרויס, אַז מ'דאַרף אויפהערן צו לייגן די גאַנצע אַכט אויף די סאָציאַלע אינסטיטוציעס; מ'דאַרף זיך אויפהערן יאָגן נאָך הויכע לעבנס־פאָרמען, וואָס שטייגן איבער דעם מענטשנס מאָראַ־

לישע כוחות. אין פאָדערגרונט פון סאָציאַלן געדאַנק דאַרף אַרויסגערוקט ווערן דער מענטש ווי ער איז, ווי ער איז ביאָ־פּסיכיש. און לויט דעם דאַרף מען זוכן צו פאַרבעסערן סיי אים אַליין און סיי זיין לעבן. דאָס ערשטע וואָס מ׳דאַרף קלאָר מאַכן איז, אויף ווי ווייט און אויף וואָס פאַרא אופן איז מעגלעך — אַרויסגייענדיק פון מענטשנס זיין — צו פאַרבע־סערן סיי אים און סיי די געזעלשאַפטלעכע שטייגערן.

ביז איצט האָט מען אויף כוח געוואָלט אַרויפצווינגען אידעאַלן אויף די מענטשן. אָבער, ניין, אויף כוח קען מען קיין אידעאַלן נישט אַרויפ־צווינגען. מען קען מענטשן אויף כוח נישט צווינגען צו זיין בעסער ווי זיי זיינען. אַ געצוואונגען לעבן, ווי גוט דאָס זאָל נישט זיין, טויג עס שוין נישט, מחמת דער ערשטער תנאי פאַר אַ גוט לעבן איז, אַז עס דאַרף זיין פריי. געצוואונגען גוטס, איז שוין מער קיין גוטס נישט, און בעסער אַ קליין ביסל פריי גוטס, איידער אַ סך געצוואונגענס. מען דאַרף נישט יאָגן זיך פאַר דער מענטשהייט נאָך קיין פאַרסירטע לעבנס־פאָרמען, מעגן זיי זיין אַנפאַרזיך ווי הויך און ווי גערעכט. מען דאַרף זיך האַלטן מיט די רעזשימען ביים ראַנד פון מענטשנס וועזנטלעכע מעגלעכקייטן. וואָס קומט אַרויס פון די הויכע פאַפירענע קאָנסטיטוציעס, אַז די וועזנטלעכע כוחות פון די מענטשן זיינען מיילן־דערונטער אונטער די „פאַפּירענע הויכקייטן"; וואָס קומט אַרויס פון די „סאָציאַליסטישע" גוואַלד־רעזשי־מען אַז די מענטשן איבערגעלאָזט אויף זיך אַליין, זיינען אפילו צו קיין גוטן קאַפּיטאַליזם נישט פעיק! דאָס סאָציאַלע פּראָבלעם באַשטייט נישט אין „האַלטן דעם מענטשן אויף דער קייט", נאָר אין דעם, אַז דער מענטש זאָל קיין קייט נישט דאַרפן. צווינגען צו גלייכהייט, איז אַן אַרעסטאַנטן־רעזשים. אויך אין תפיסה הערשט גלייכהייט!... דאָס סאָציאַלע פּראָבלעם איז: מאַכן אַז מענטשן זאָלן וועלן פרייערהייט לעבן אין גלייכהייט.

ביז איצט האָט מען געמיינט, אַז די פראַגע קאַפּיטאַליזם צי סאָ־ציאַליזם, איז אַ פראַגע פון צוויי סאָציאַלע סיסטעמען, בכן איז דער וועג געווען אויף כוח צו ברעכן דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם און אויף זיין אָרט איינשטעלן דעם סאָציאַליסטישן סיסטעם. עס האָט זיך אָבער אַרויס־געוויזן אַז די פראַגע קאַפּיטאַליזם צי סאָציאַליזם איז אַ סך אַ טיפערע פראַגע, ס׳איז אַ פראַגע פון מענטשנס נאַטור, און דאָרט וואו עס גייט וועגן נאַטור, קען זיין אַ רייד נאָר פון פרייער פאַרבעסערונג, אָבער נישט פון קיין צוואַנג. אַזוי גלייך ווי מען הויבט נאָר אָן אָנווענדן מאַכט און צוואַנג „בעסער" צו מאַכן, אַזוי גלייך קומט אַ פּאַראַליזירונג פון פרייען גוטן ווילן און עס הויבט זיך אָן אַ רעאַקציע אין אַ קעגנזעצלעכער ריכ־טונג. לעבן טאָר נישט זיין אַרויפגעצוואונגען. מלוכה איז נישט קיין אַגענ־

טור צו מאכן קיין לעבן. דאס פראבלעם פון סאציאליזם איז נישט אין אפנעמען דאס באזיץ פון די רייכע. ווען עס וואלט געגאנגען בלויז אין דעם, וואלט עס זייער לייכט געווען צו טון. דאס פראבלעם פון סאציאליזם באשטייט אין דעם: ווי אזוי מאכט מען אז די מענטשן זאלן נ י ש ט וו ע ל ן רייך ווערן; ווי אזוי מאכט מען אז אלע זאלן וו ע ל ן זיין גלייך.

די צוקונפט דארף זיין אריענטירט צום פרינציפ פון פרייען ווילן און נישט צום פרינציפ פון מאכט. דער סאציאלער עקספערימענט פון די לעצטע צייטן האט דערוויזן אז הויך־אויפגעשרויפטע מלוכה־פארמען וואס שטייגן אריבער די נאטירלעכע גוטסקייט פון די מענטשן, האבן קיין ממשות נישט. אין דער צוקונפט דארף מען אנהויבן לייגן מער אכט אויף די פאקטארן וואס פ א ר ב ע ס ע ר ן א י נ ע ר ל ע ך און ווייניקער אויף געצוואונגענע לעבנס־פארמען. אי, די מענטשן איבערגעלאזט אויף זיך אליין, אף זייער אייגענעם גוטן ווילן, זיינען אף קיין סך נישט פעיק, — מער קען מען נישט! די מענטשן קענען נישט זיין בעסער ווי זיי זיינען. אז מען וויל מאכן אויף כוח דאס לעבן בעסער ווי די מענטשן זיינען, האט עס קיין טעם נישט. בעסער איז פאדערן ווייניקער, מ׳זאל עס קענען מקיים זיין, איידער פאדערן א סך און מ׳זאל עס נישט קענען מקיים זיין. ווען די אידעאלן זיינען צו הויך און די כוחות צו קליין, ענ־דיקט זיך עס מיט ליגן, מיט שולד־באוואוסטזיין, מיט דעגראדאציע און פאשיזם. אין דער צוקונפט דארפן די אידעאלן זיין לויט די כוחות נאך. די הויך פון די סאציאלע אידעאלן דארף זיין צוגעפאסט צו דער „צאל־פעיקייט" פון דער ברייטער מענטשהייט. די ביז איצטיקע סאציאל־אי־דעאלאגישע „קרעדיט־דאקומענטן" זיינען געווען פון אזא הויך, אז זיי זיינען פילפאכיק איבערגעשטיגן די צאל־פעיקייט פון דורכשניט־מענטש און אים געטריבן צו באנקראט.

מיר זאגן: יא, דער מענטש קען זיין בעסער ווי ער איז. אמת טאקע קיין גאר גרויסער צדיק קען ער נישט זיין, אבער קיין גאר גרויסער רשע איז ער אויך נישט. מען דארף נאר זען, אז ער ז א ל ז יי ן אזוי גוט ווי ער ק ע ן ז יי ן . ארויסברענגען פון מענטשן דעם מאקסימום גוטס אויף וועלכן ער איז פעיק — אט אין דעם באשטייט דאס גאנצע סאציאלע פראבלעם. עס איז געווען שווער, אבער דערגרייכבאר. גיין נאך העכער דורך געצוואונגענע רעזשימען — ווי מ׳האט ביז איצט געוואלט — האט קיין זינען נישט.

ביז איצט האט מען געמיינט, אז מען קען פון היינט אויף מארגן מון א גיי־איבער פון א געזעלשאפט, וואס איז דורכגעדרונגען מיט אומ־

גערעכטיקייט און פארקנעכטונג, צו א געזעלשאפט פון א פריי און גלייך לעבן. די זעלבע מענטשן וואס זיינען נעכטן פעיק געווען אויסצוזויגן דאס בלוט און שוויים פון זייערע מיטמענטשן, וועלן מארגן פעיק זיין אפצוזאגן זיך פון פריוואטן באזיץ, ווערן אוים עגאיסטן, זארגן פארן וואויל פון קאלעקטיוו. דערדאזיקער וועג איז א טעות. מיר היינט ווייס', אז כ'איז דא גאר א סך צו ארבעטן איבערן מאסע־מענטש, כדי ער זאל מיט אן אמת ווערן מסוגל צו א בעסער לעבן. פארבעסערן דאס מענטשלעכע לעבן אין תוך איז א פראגע פון א לאנגער און ווירקזאמער קולטיווירונג פון דעם מענטשנס מאראלישע אייגנשאפטן, און דאס וועט מען אפשר קאנען טאן נאר דאן, ווען מען וועט לאזן אין גאנג אלע רעסורסן וואס זיינען פאראן, כדי אין דער גאנצער ברייט און טיף ארבעטן איבערן איבערדערציען און קולטיווירן דאס קליין ביסעלע גוטס וואס איז פאראן אין מענטשן. אנהויבנדיק פון דער פריסטער קינדהייט, ביז אין טיפן עלטער, זאל אלץ וואס וועקט און באפרוכפערט דעם גייסט, וואס דערציט און באווירקט דעם ווילן, אנגעווענדט ווערן פאר דער אינערלעכער פארבעסערונג פון מענטשן.

ווען די סאציאלע פראגע איז געווען אן אינסטיטוציאנעלע פראגע, האט מען זי שנעל געקענט לייזן, ווערט אבער די סאציאלע פראגע א ביאפסיכישע פראגע, קען מען זי אזוי שנעל נישט לייזן. איבערמאכן די געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס פאדערט נישט קיין סך צייט, אינקעגנטייל, וועזנטלעך פארבעסערן די מענטשן, פאדערט דורות ארבעט, ווענעם גאנצע אריענטאציע און שטרעבן זאל לויפן צו א מאראלישן ענדציל.

די מאסן זיינען דער עיקר. די אריענטאציע דארף גיין דורכוים צו די מאסן און דורך די מאסן. אן די מאסן איז א סאציאלע באוועגונג גארנישט ווערט, ווייל זי בלייבט רעדוצירט צו סעקטאנטיזם. ליבנדיק די מאסע און וועלנדיק איר זען אויף דער העכסטער שטופע פון קולטור און וואוילזיין, מוז מען אבער בנוגע איר נישט אריינפאלן אין קיין פאראידעאליזירנדיקע ליגנס און איר צושרייבן אזעלכע מעלות, וועלכע זי באזיצט אינדעראמתן נישט. דער דורכפאל פון די מאדערנע הומאניטארע אידייען איז געקומען פון א פאלשן אפשאצן די מאסן־פסיכאלאגיע. מען האט די מאסן אידעאליזירט. ווי נאר מען האט ארויסגערעדט די ווערטער: „דאס פאלק", „די מאסע", אזוי האט מען גלייך געזען פאר זיך אן אידעאל געשטאלט. אין דער ווירקלעכקייט איז עס נישט אזוי. די מאסע איז ווייט פון צו זיין אידעאל. זי קען אבער דורך אן אקטיווער און אנהאלטנדיקער ווירקונג פון אידעאליסטישע מענטשן אין איר מיט, אויסגעבעסערט

ווערן. דער אידעאַליסטישער מענטש דאַרף נאָר אין דער ריכטונג אַריענ־
פירן זיינע ווייטערדיקע סאָציאַלע אידייען און סאָציאַלע אַקטיוויטעט.

II

אַ נייע מאַכט מוז אויפשטיין אין לעבן. דער מאָראַל־מענטש, וואָס האָט שוין אַזויפיל מאָל דערוואַכט אין דער געשיכטע, מוז איצט ווידעראַמאָל דערוואַכן. פון היינט אָן דאַרף ער שוין אויף שטענדיק בלייבן אַן אָרגאַ־ניזירטער באַווירקנדיקער כוח, וועלכער זאָל פּערמאַנענט אויסאיבן זיין מאָראַליזירנדיקע השפעה אין דער געזעלשאַפט.

דער עטישער מענטש איז פון דער נאַטור געמאַכט צו ליבן זיינע מיטמענטשן, זיך אויפצואָפּפערן פאַר זיי, צו זאָרגן פאַר זיי און צו לעבן מיט זיי אין גלייכהייט. דער דאָזיקער מענטש איז ערלעך, טוגנטהאַפט, באַראַקטער־שטאַרק און איידל. ער א י ז אַזוי. אַלע עכטע קולטור־ווערטן זיינען ביי דעם עטישן מענטשן אויסדרוק פון זיין רעאַלער נאַ־טור, מיט וועלכער ער וויל און זוכט צו לעבן. דער עטישער מענטש איז פון דער נאַטור באַשטימט צו זיין דער פאַרבעסערער פון דער מענטש־הייט; ער איז באַשטימט צו זיין דער אויפבלאָזער פון דעם פונק מענטש, וואָס טליעט אין די הערצער פון אַלע; ער איז דער הייוון אינעם געזעל־שאַפטלעכן טייג. ער איז „דאָס ליכט" און „דאָס זאַלץ" פון דער וועלט און ער דאַרף דעריבער ווערן באַוואוסטזיניק אויף זיין גרויסער סאָציאַ־לער מיסיע און זי נעמען דורכפירן.

אַן אַ שיעור מאָל האָט שוין דער גערעכטיקייטס־מענטש דערוואַכט; אָן אַ שיעור מאָל האָט ער שוין אויפגעטרייסלט די מענטשלעכע געשיכטע ביז איר יסוד. ווער קען דען צווייפלען אין דער היסטאָרישער השפעה פון דעם גערעכטיקייטס־מענטש? שטענדיק אָבער איז געקומען דורכפאַל, ווייל עס האָט געפעלט די פאַריייניקונג פון עטישן מענטשן אַלס אַזעלכן. דער עטישער מענטש דאַרף ווערן באַוואוסטזיניק אויף זיין ז יי ן און גע־מיינזאַם אָנהויבן דורכפירן זיין מיסיע. נישט אין נאָמען פון קיין געמי־לעכע מאָראַלן, נישט אין נאָמען פון קיין הימלישע געבאָטן, נאָר אין נאָ־מען פון זיין ז יי ן . ער איז אַ גוט באַשעפעניש און אַלס אַזעלכער וויל ער זיך פריי אויסלעבן און אויך שטויסן דעם ברייטן כלל אויפן וועג פון פאַרמענטשלעכונג און גליק.

ביז איצט איז דער עטישער מענטש אַראָפּגעשוווּנקט געוואָרן מיטן שטראָם פון דער מאַסע. אויף ווייטער דאַרף עס אַזוי נישט זיין. די בעס־טע, די ערלעכסטע, די צוזמייסטן מאָראַליש־שטאַרקע און געוואָגטע דאַרפן זיך אויסטיילן און זיך קאָנסטיטוירן אין אַ איינהייט, כדי אַליין צו לעבן

אין אָנקלאַנג מיט זיך און אויך כדי צו ווערן אַ פּערמאַנענט־ווירקנדיקער, עטיזירנדיקער, סאָציאַלער כוח. נישט אויסטיילן זיך צוליב *אָפּטיילן*, נאָר, פאַרקערט, אויסטיילן זיך, כדי צו באַווירקן דעם ברייטן כלל און אים אויפהויבן צו אַ העכער לעבן. פאַרוואָס דען זאָלן די אַלע, וואָס זיינען פאַריייניקט וועזנטלעך און אָרגאַניש, זיך אויך נישט פאַריייניקן מיט זייער געדאַנק און אידייע און בילדן אַ סאָציאַלע איינהייט און ווערן אַ סאָציאַל־ווירקנדיקע קראַפט! ווען אַלע מענטשן וואָלטן זיך קענזייטיק דערקענט, ווען זיי וואָלטן פון זיך אַראָפגעוואָרפן די פאַרשידענע סאָציאַלע שלייערן, וואָס סביבה און דערציונג האָבן אויף זיי אַרויפגעטון און וואָלטן דערזען נאַקעט זייערע געמיינזאַמע נשמות, ווער ווייס ווי גרויס זייער צאָל וואָלט געווען! יחידימווייז ווערן די דאָזיקע פאַרדרענגט, צעריבן און צעשטויסן צווישן מאַסע־מענטש. פאַריייניקטערהייט, אָבער, ווער ווייס, וואָס פאַראַ געדיכטע מחנות זיי וואָלטן מיט זיך פאָרגעשטעלט; ווער ווייס וואָס פאַראַ כוח זיי וואָלטן מיט זיך געוואָרן!...

אין דער אמתן דערפילט דער עטישער מענטש אַ *פאַרמענכשונגס־מיסיע* דורך דער גאַנצער געשיכטע. אַלע קולטור־באַוועגונגען, וואָס זיינען ווען עס איז אויפגעקומען, וועלכע האָבן געשטויסן דער מענטשהייט אויף פאָרויס; אַלדאָס גוטע, וואָס איז נאָר אַמאָל געפּרואווט געוואָרן אינצושטעלן, איז געווען אינספּירירט, אויסגעטראָגן און קולטיווירט פון דעם עטישן מענטשן. נישט מער, שטענדיק איז געווען דורכפאַל, ווייל די עטישע מענטשן זיינען נישט געווען פאַריייניקט אין איין סאָציאַלער געמיינשאַפט.

עס דאַרף געשאַפן ווערן אַ געמיינשאַפט פון עטישע מענטשן, וועלכע זאָל איבעררייסן אויפן גאַנצן פראָנט מיטן איצטיקן לעבן. די מיטגלידער פון דער דאָזיקער געמיינשאַפט זאָלן זיך אָפּזאָגן פון באַזיץ און לעבן איינפאַך און אָרעם. זייער אויפגאַבע זאָל זיין צו לעבן און ווירקן פאַר די אייביק־מענטשלעכע אידעאַלן. דאָס זאָל זיין אַ מין „געזעלשאַפט פאַר סאָציאַלער דערלייזונג" און די מיטגלידער אירע זאָלן מאַכן פאַר זייער אויפגאַבע עטיש לעבן און עטישע סאָציאַלע אַקציע.

ביז איצט האָט דער עטישער, אָדער נביאישער, טיפּ מענטש, געוואָלט אַז דאָס פאָלק זאָל, אויף כוח, לעבן זיין אידעאַל לעבן. דאָס

פאָלק האָט דעם נביאם לעבן נישט געקענט לעבן און האָט פורק־עול געװען. האָט מען אָנגעהויבן לייקענען אי אַז עס זיינען דאָ נביאים, אי אַז עס איז דאָ נביאות און אי אַז דער נביאישער טיפּ מענטש קען בכלל מיט עפּעס משפּיע זיין אויפן כלל־מענטש. מיר זאָגן: ניין, מ'דאַרף נישט גיין פון עקסטרעם צו עקסטרעם. נישט מ'דאַרף שאַצן די מענטשן צו הויך און נישט צו נידעריק; נישט מ'דאַרף דעם נביא פאַרלייקענען צוליב דער זינדיקייט פון פאָלק און נישט מ'דאַרף דאָס פאָלק אידעאַליזירן צוליב דער גוטסקייט פון נביא. פאָלק איז פאָלק און נביא איז נביא. פון דעם וואָס דאָס פאָלק איז נישט פעיק צו פירן קיין נביאים־לעבן, איז נאָך נישט געדרונגען, אַז עס זיינען קיין נביאים נישטאָ און אַז נביאים זיינען אויך נישט פעיק צו פירן קיין נביאים־לעבן. דאָס פאָלק איז טאַקע נישט פעיק צו פירן קיין נביאים־לעבן, אָבער די נביאים זיינען עס יאָ פעיק צו פירן, און דאָס פאָלק איז פעיק אויפצונעמען מאָראַליזירנדיקע השפּעות פון נביאישן טיפּ מענטש.

פונקט ווי עס איז געשען אין די אַלטע צייטן, דאַרף אויך איצט דער נביאישער טיפּ מענטש זיך אויסטיילן אין באַזונדערע געמיינשאַפטן און אַזוי אַרום, דורך די דאָזיקע געמיינשאַפטן, קומען אין קאָנטאַקט מיטן ברייטן כלל. נישט די עטישע געמיינשאַפטן זאָלן אַנטלויפן פון דער געזעלשאַפט, נאָר זאָלן לעבן און ווירקן אינערהאַלב איר.

די עטישע געמיינשאַפטן אַנפאַרזיך, כלפּי פנים, דאַרפן מיט זיך פאָרשטעלן אַ אידעאַלע געזעלשאַפט אין מיניאַטור, און כלפּי חוץ דאַרפן זיי ווירקן ווי אַ פּאָליטישע פּאַרטיי. אינערהאַלב די געמיינשאַפטן דאַרפן די מיטגלידער פירן אַ לעבן, וואָס זאָל זיין כולו יושר, אמת און שיינקייט, און כלפּי חוץ זאָל זייער פּראָגראַם זיין אויפצוהויבן דאָס אַלגעמיינע מענטשלעכע לעבן צו דער מעגלעכסט־העכסטער מאָראַלישער שטופע. אַנפאַרזיך זאָל די געמיינשאַפט זיין דאָס אָרט וואו עס זאָלן געפּלעגט ווערן אַלע אייביק־מענטשלעכע ווערטן, און פון דאָרט אַרויס זאָלן זיי פאַרשפּרייט ווערן צווישן ברייטן כלל. אין דער געמיינשאַפט זאָלן געהיט ווערן די אייביקע אוצרות פון גייסט און פון דאָרט אַרויס זאָלן זיי פונאַנדערגעטראָגן ווערן אומעטום. אין דער געמיינשאַפט זאָל געגערט ווערן דאָס הייליקע פייער פון גוטס און פון דאָרט אַרויס זאָל עס אָנגעצונדן ווערן אומעטום. די געמיינשאַפט זאָל זיין דער שטענדיקער אָפּגעקליבענער מאָראַלישער אַקטיוו פון דער מענטשהייט... די געמיינשאַפט־מיטגלידער זאָלן זיין די אייביקע מיסיאָנערן פון מענטשלעכקייט; די אייביקע פאַרפלאַנצער און קולטיווירער פון מענטשלעכקייט; זיי זאָלן זיין די אייביקע ליכט־צינדער, די אייביקע פאָנען־טרעגער און פּיאָנערן פון מענטשלעכקייט.

ביז איצט האָט מען געוואָלט — דורך מלוכה־דערקרעטן — אַלע מענ־משן פאַראַמאָל מאַכן פאַר צדיקים, און מיר זאָגן: זאָלן צומערשטן די צדיקים אַליין זיין צדיקים; זאָלן צומערשטן די צדיקים אַליין לעבן צדרי־קיש — אין אמרער פרייהייט, אין אמתער גלייכהייט, אין אמתער ברי־דערלעכקייט, און ערשט נאָכדעם וועלן זיי אין דער ריכטונג קענען משפיע זיין אויפן ברייטן כּלל. די עטישע געמיינשאַפטן דאַרפן זיין געבויט אויפן פּרינציפּ פון צומערשטן אַליין טאָן און נאָכדעם פּריידיקן פאַרן ברייטן כּלל דאָס וואָס מען טוט אַליין. אַלדאָס גוטע און שיינע וואָס די עטישע מענטשן וועלן פּרעדיקן פאַר אַנדערע, זאָלן זיי דאָס פריער אין דער פּו־לער מאָס אַליין מקיים זיין. מיט קיין רייד, ווי שיין און קלוג זיי זאָלן נישט זיין, וועט מען די מענטשן מער נישט באַווירקן. דאָס אייגציקע וואָס איז נאָך בכוח צו ווירקן אויף מענטשן איז זיי מיט מעשים באַווייזן, אַז דאָס וואָס מען זאָגט, מיינט מען ערנסט. דעמאָלט, ווען ס'וועט זיין דער באַווייז פון טאַט, דעמאָלט וועט מען דאָס וואָרט גלויבן.

דער מאַסע־מענטש פילט אַלדאָס גוטע און אַלדאָס שיינע. ער פאַר־שטייט און באַנעמט די וויט־גייענדיקסטע עטישע און עסטעטישע ווערטן. ער ווערט גערירט אין אַנבליק פון מסירת נפש; ער פילט יראת הכבוד צו עדלעכע און גערעכטע מענטשן. פאַרקערט, פאַרהאַסט ער שלעכטס, וואָס ער זעט טאָן אַנדערע. ער דערווידערט פאַלשקייט, צביעות און אייגננוץ. מיט איין וואָרט: דעם סתם־מענטש וואָלט מען געקענט דעפינירן אַלס פּאַסיוון מאָראַל־מענטש, פּאַסיוו אין דעם זינען פון פאַרשטיין, פילן און באַנעמען אַלץ וואָס וואַקסט אַרויס פון דעם עטישן גייסט, נאָר פון נישט קענען עס מקיים זיין. אָט די דאָזיקע פּאַסיווע מאָראַליטעט פון דעם דורכשניטס־מענטש, דאַרף דינען אַלס ברוק צווישן אים און דעם אַקטיוון מאָראַל־מענטש, וועלכער באַזיצט די פעיקייט צו קענען פאַרווירקלעכן דאָס גוטע. וויבאַלד אַלע ווילן, אַז דאָס לעבן זאָל זיין גוט און גערעכט, ווי־באַלד אַלע פאַרשטייען אַז עגאָיסטעווען און שלעכטס טון איז נישט גוט, נאָר נישט אַלע זיינען עס בכוח צו פאַרווירקלעכן, איז דאָך זעלבסטפאַר־שטענדלעך אַז דער יעניקער טייל מענטשן — ווי גרויס אָדער קליין ער זאָל נישט זיין — וואָס איז יאָ בכוח דאָס גוטע צו פאַרווירקלעכן, זאָל ווערן דער מונטערער, דער באַלעבער פון דעם צו וואָס אַלע שטרעבן.

אומגעהויערע רעזערוון פון גוטן ווילן און עטישער ענערגיע איז פאַר־באָרגן אין מאַסע־מענטש. מען וואָלט נאָר די דאָזיקע כּוחות באַדאַרפט ווי געהעריק איז אַרויסברענגען, זיי פונאַנדערבלאָזן, זיי אויפמונטערן און לאָזן פריי אַרויסקומען אין לעבן. אפשר וואָלט דאָס לעבן פאַרט בעסער געוואָרן!

דערגרייכן צום העכסטן גראַד שלעכטס צו וועלכן די מענטשן זיינען פעיק, דערצו האָבן זיי שוין אַ סך מאָל, אין פאַרשידענע תקופות פון דער געשיכטע, דערגרייכט. דערגרייכן צום העכסטן גראַד גוטסקייט, צו וועלכן זיי זיינען פעיק, דערצו האָבן זיי נאָך קיינמאָל, אפילו אין די ליכטיקסטע היסטאָרישע תקופות, נישט דערגרייכט. מ'דאַרף עס פּרוּוון דערגרייכן! און דאָס קען מען טון, נאָר דורך אַ פּערמאַנענטער און אָרגאַניזירטער אַק־ציע פון די עטישע מענטשן. די בעסטע אינדיווידן דאַרפן מאַכן פאַר זייער לעבנס־אויפגאַבע צו ווירקן אין דער דאָזיקער ריכטונג. דאָס גאַנצע גוטע, קלוגע און שיינע, וואָס דער מאַסע־מענטש האָט אין זיך אין דער מעג־לעכקייט, זאָל מען פון אים פּרוּוון אַרויסברענגען אין דער ווירקלעכקייט.

די הויפּט־שוועריקייט באַשטייט אין דעם, וואָס מען קען זיך נישט דערשלאָגן צו יענער טיף אין דעם מענטשנס נשמה, וואו עס ליגט פאַר־באָרגן דאָס גוטע. דאָס גוטע אינעם מענטשן איז אַרומגעהילט מיט אַ דיקן שיכט שלעכטס, פאַרסירט פון דערציונג, געוואוינהייט און דורות־לאַנגער טראַדיציע. מיט אַן אמת הערן גאָרנישט מענטשן, וואָס מ'רעדט צו זיי. ווען אפילו מיט זייערע פלייש־יקע אויערן הערן זיי מכלומרשט יאָ און זיינען מסכים, הערן זיי נאָך אַלץ נישט. זיי זיינען מסכים אילוזיאָריש, אָבער נישט אָרגאַניש. כדי מענטשן זאָלן מיט זייער גייסט דערהערן אַן עטישן געדאַנק, דאַרף עס אין זיי אַרויסרופן אַן אינערלעכע באַוועגונג און טע־טיקייט. ערשט דעמאָלט קען מען זאָגן, אַז זיי האָבן דערהערט.

מענטשן דאַרף מען נישט מאַכן קלוג, נאָר מאַכן גוט; מענטשן דאַרף מען נישט געבן צו פאַרשטיין, נאָר געבן צו פילן; מענטשן דאַרף מען נישט איבערצייגן, נאָר באַווירקן. די איבערצייגונג קומט שוין במילא. אַז מען פילט גוטס, פאַרשטייט מען גוטס.

ביז איצט האָבן זיך אין פראָנט פון די גערעכטיקייטס־אידייען אַרויסגערוקט פערזאָנען וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אויפן געביט פון זאָגעריי. זיי זיינען געוואָרן די פירער, די פאַרלאַמענטאַריער און וואַזשנע לייט. זיי האָבן זיך דערשלאָגן צו הויכע שטעלעס און אָנגעהויבן פירן אַ לעבן פון רייכקייט און גלאַנץ. צום אויסגענוצטן און עקספּלואַטירטן פאָלק איז מען געקומען אין ציטן פון וואַל־קאַמפּיינען. דעמאָלט האָט מען גע־לאָזט די צונג אין פולן גאַלאָפּ. „קלוגע רייד", „איבערצייגנדיקע רייד", שאַרפע, שפּיציקע, וויציקע רייד האָבן זיך געשאָטן ווי אַן אמתער מבול. און — די המונים אָרימע זיינען געפאַלן אונטערן היפּנאָטישן כוח פון דער געשליפענער צונג און דערהויבן די באַפּראַקטע פאַרזייער צו מאַכט, אַנזען און געלט.

קיינמאָל האָט זיך פאַר די דאָזיקע גערעכטיקייט־פרייזדיקער נישט

געשטעלט די פראַגע: סטייטש, מיר שטעלן זיך עס אַזוי איין פאַר גע־רעכטיקייט, מיר האַלטן אַזעלכע שאַרפע און היציקע דרשות, ווי קומט עס, וואָס מיר לעבן אין רייכטום? פאַרוואָס לעבן מיר נישט ווי אָרימע און גיבן נישט אַוועק אונדזער פאַרמעגן פאַר דער אַלגעמיינער זאַך? אויב מיר זיינען דערפאַר, אַז די גאַנצע מענטשהייט דאַרף לעבן אין גלייכהייט, דאַרפן מיר דאָך די ערשטע געבן ביישפּילן דערפון; דאַרפן מיר די ערשטע באַווייזן, אַז מיר מיינען ערנסט, וואָס מיר זאָגן. פאַרוואָס האָט זיך קיין־מאָל נישט געשטעלט פאַר די דאָזיקע בעלי־דרשנס אָט די זייער לאָגישע פראַגע? פאַרוואָס נעמט מען בכלל אָן די דאָזיקע פראַגע פאַר אַ נאַיווע?

די וואָס ווילן פּרעדיקן אין דער צוקונפט אַ שענער און בעסער לעבן פאַרן כלל, ווילן דאַרפן אַליין לעבן דאָס לעבן וואָס זיי ווילן פּרעדיקן. נישט מיט פירן קיין שרייענדיקע וואַל־קאַמפּיינען, נישט מיט דורכפירן קיין ראַשיקע פּראָפּאַגאַנדע־טורן, נישט מיט קיין דרוקן רופנדיקע, פאַלש־פאַרפירערישע קילאָמעטערדיקע פּלאַקאַטן, נישט מיט קיין ספּעציעלער וואַל־ליטעראַטור אא״וו. דאָס אַלץ, וואָס איז היפּנאָז און פאַרטומלעניש פון מאָמענט, דאָס אַלץ וואָס איז נערוון־רייסעניש און מאָמענטאַלע פּסי־כישע פאַרגוואַלדיקונג פון די מאַסן, דאָס אַלץ דאַרף מען אָפּשאַפן.

די פּראָפּאַגאַנדע פון די עטישע געמיינשאַפטן וועט דאַרפן באַשטיין פון זייער שטייגער לעבן און פון זייערע שטענדיקע לערע־נונגען. דעמאָלט, וועט מען מער נישט דאַרפן קיין ספּעציעלע וואַל־קאַמ־פּיינען, ווייל מען וועט טאָן ערב די וואַלן דאָס וואָס מען וועט טון אַ גאַנץ יאָר. מ׳וועט נישט דאַרפן פאַרטומלען און פאַרנאַרן די מאַסן מיט אַ רעש פון ווערטער און רעפּעראַטן און פּלאַקאַטן אין מאָמענט, ווען מ׳דאַרף צו זיי אָנקומען, נאָר מ׳וועט זיי דאַרפן משפּיע זיין צום גוטן דורך אָנהאַלטנ־דיק לעבן און כסדרדיק ווייזן דעם וועג.

ביז איצט האָבן זיך די סאָציאַליסטישע פאַרשטייער אין דער מלוכה מיט גאָרנישט אונטערגעשיידט פון די קאַפּיטאַליסטישע, וועלכע זיי זיינען געקומען באַקעמפן. ביידע האָבן זיי געלעבט ווי גלייכע מיט גלייכע. דער אונטערשייד צווישן ביידע איז געווען דאָס, וואָס דער קאַפּיטאַליסט האָט געזאָגט דעם אמת; ער האָט געזאָגט אַזוי ווי ער האָט געלעבט; ער האָט געפּרעדיקט אַזוי ווי ער האָט געהאַנדלט; ער איז געווען אין דער אידייע דאָס, וואָס ער איז געווען אין דער טאַט. דער סאָציאַליסט, אין קעגנטייל, האָט כסדר געהאַלטן אין איין זאָגן ליגן. ער האָט געלעבט פּונקט פאַר־קערט, ווי ער האָט געדרשנט; זיינע האַנדלונגען זיינען געווען אַן אָפּ־לייקענונג צו זיינע דרשות און זיינע אידייען זיינען געוואָרן ווידערגע־שפּראָכן פון זיינע טאַטן. האָט זיך באַקומען אימפּאָטענטער ווערבאַליזם.

די פּאַרלאַמענטן זיינען געוואָרן אָראַטאָרישע גאַלעריען און די סעסיעס — רעדנער־טורנירן. אַנדערש וועט עס זיין ווען אין די פּאַרלאַמענטן וועלן קומען אמתע אידעאַליסטן, מענטשן לויטערע און גוטע, מוטיקע און ערלעכע. ווען די דאָזיקע וועלן פון געזעצגעבערישע טריבונעס אַראָפּ אַנווייזן אויף די אומגערעכטיקייטן פון לעבן און וועלן רופן עס צו פאַרבעסערן, וועלן זייערע רייד ווירקן.

און ווי אַזוי זאָלן זיי עס הייסן פאַרבעסערן? וואָס פאַרא עקאָנאָמישן פּראָגראַם זאָלן זיי אַרויסשטעלן, — די העלדן פון דער מאָראַל, די מיסיאָנערן פון מענטשלעכקייט און גערעכטיקייט? זאָלן זיי פאָדערן סאָציאַליזם, זאָלן זיי זיין פאַרן קאַפּיטאַליזם? ניין, זיי זאָלן מער די דאָזיקע טערמינאָלאָגיע אינגאַנצן נישט באַנוצן. זיי זאָלן פאָדערן אַזאַ עקאָנאָמישן רעזשים, וואָס זאָל פון איין זייט געבן דעם מאַקסימום וואוילזיין פאַר אַלע און פון דער צווייטער זייט זאָל ער דאָך נישט אַריבערשטרייטן דעם מענטשנס מאָראַלישע כוחות. אַ פּראָגראַם איז פון די קלענסטע זאַכן. מ'דאַרף נאָר וויסן וואָס מ'וויל און וואוהין מ'צילט. די נייקייט פון די עטישע געמיינשאַפטן זאָל באַשטיין נישט אין זייערע פּראָגראַמען און פּונקטן, נאָר אין זייער גייסט. זיי זאָלן אָנפילן יעדן גוטן פּראָגראַם מיט גייסט, מיט הארציקייט און נשמהדיקייט. די פּראַקטיק פון די לעצטע אַנדערהאַלבן יאָרהונדערטן סאָציאַלע עקספּערימענטן האָט באַוויזן דעם טעות פון דער „פּראָגראַמען־פּונקטן־אידעאָלאָגיע". מען האָט געהאַלטן אין איין מאַכן פּראָגראַמען און פּונקטן און פּאַראַגראַפן און געזעצן און סטאַטוטן און רעגלען, אָן אַ שיעור, און אויפן גייסט וואָס דאַרף באַלעבן די געזעצן און די פּראָגראַמען, האָט מען קיין אַכט נישט געלייגט. זיינען די פּראָגראַמען געבליבן מעכאַנישע פאָרמען, וועלכע די מענטשן זיינען געצוואונגען געוואָרן אויף כוח אָפּצוהיטן. דער נייער וועג וועט זאָגן: גענוג פּונקטן, גענוג רעגלען, גענוג סאָציאַלע נאָרמען; מער הארץ, מער נשמה, מער גייסט — אָט וואָס מען דאַרף! בעסער זאָל די מענטשהייט טון אַ קליין ביסעלע פריי גוטס, איידער אַ סך געצוואונגען „גוטס"; בעסער זאָלן די מענטשן, פרייע־נאַטירלעכערהייט, ליב האָבן זיך אַ סך און דעם חבר אַביסל, איידער געצוואונגענערהייט „ליב האָבן" דעם חבר גלייך מיט זיך; בעסער זאָלן די מענטשן לעבן אין ווינציק פרייער געמיינשאַפטלעכקייט, איידער אין אַ סך געצוואונגענער; בעסער אַ טראָפּן הארציקע, נאַטירלעכע פריינשאַפט, איידער אַ סך געצוואונגענע; בעסער איין פּראָצענט פרייוויליקע גלייכקייט, איידער הונדערט פּראָצענט פאַרגוואַלדיקטע.

די שוועריקייט פון סאָציאַלן פּראָבלעם איז נישט אין מאַכן גוטע פּראָגראַמען, נאָר אין ד ו ר כ פ י ר ן די גוטע פּראָגראַמען; נישט אין

אויסטראכטן אידעאלן, נאר אין פ א ר װ י ר ק ל ע כ ן אידעאלן. אויף אט דעם לעצטן זאלן די עטישע געמיינשאפטן לייגן זייער גאנצע אכט און קאנצענטרירן זייער גאנצע אויפמערקזאמקייט. די עטישע געמיינשאפטן זאלן לאזן אין גאנג אלע דערציערישע רעסורסן. אלץ וואס דערציט דעם מענטשן, וואס אפעלירט צו זיין הארץ און נשמה, וואס רעגט אן דעם גייסט און מאכט פרוכטבאר דעם געמיט — דאס אלץ זאל געלאזט ווערן אין גאנג.

און וואס װאלטן געטון די עטישע געמיינשאפטן ווען זיי װאלטן געוויילט געווארן צו דער מאכט?

דער עטישער מענטש ביי דער מאכט, וואלט — ווידעראמאל — געהאט די אויפגאבע אויף אלערליי אופנים צו סטימולירן און ארויסרופן די פרייע גייסטיקע כוחות, וואס זיינען פאראן פאר א בעסער לעבן. ער וואלט אויפגעמונטערט און אויפגערודערט דעם גאנצן ספאנטאנעם דראנג, וואס איז פאראן פאר גערעכטיקייט. ער וואלט געשמעלט צו דינסט דער אינערלעכער פארבעסערונג פון די מענטשן אלע מעגלעכע עקאנאמיש, קולטורעלע און דערציונגס־רעסורסן. דער עטישער מענטש ביי דער מאכט, וואלט מיט זיך פארגעשטעלט אזא מלוכה, וואס װאלט לויט איר עצם און מהות געווען מער דערציונגס־אנשטאלט ווי מלוכה, און איר אויפגאבע וואלט געווען צו פראטעזשירן, באשיצן און ארויסרופן אלע פרייע כוחות און איניציאטיוועס פאר פארבעסערן דעם מענטשן און זיין לעבן. דערביי, ביים סטימולירן די פרייע כוחות פאר גוטס, וואלט זיך געענדיקט איר אויפגאבע. קיין מאכט־מיטלען ארויפצוצווינגען דאס גוטס וואלט זי נישט אנגעווענדט. די עטישע מלוכה וואלט זיך געהאלטן ביים פרינציפ פון באווירקן און נישט באצווינגען.

באשטייענדיק אליין פון די בעסטע אינדיווידן, וואס דער מענטשלעכער מין גיט פון זיך ארויס, אזעלכע וואס וואלטן זיך אפגעזאגט פון רייכטום און באזיץ, וועלכע וואלטן געלעבט גלייך מיט דעם איינפאכסטן פון די איינפאכע און זייער איינציקער ציל וואלט געווען צו דינען דער מענטשהייט מיט גרויס ליבע, וואלט די עטישע מלוכה מיט זיך פארגעשטעלט א קערפערשאפט, וועמענס אויפגאבע ס'וואלט געווען צו רעגולירן די מענטשלעכע ענינים אין אנקלאנג צו זייערע ווערטלעכע מעגלעכקייטן און אריענטירן דאס געזעלשאפטלעכע לעבן אין דער ריכטונג פון אלגעמיינעם וואוילזיין און אלגעמיינעם גליק, וואו אומרעכט זאל נישט עקזיסטירן און עקספלואטאציע זאל קיין ארט נישט האבן. אזא מלוכה וואלט געווירקט נישט ווי א מאכטהאבער, נאר ווי א לערער. דער פרינציפ פון דערציונג, וואס איז די באווירקונג פון פרייען ווילן און דער פרינציפ פון שטאט, וואס באשטייט

אין מאכן דערפילן די געזעלשאפטלעכע התחייבותן, וואלטן געווירקט צוזאַ־מענגענומען. און שוין דאס גופא, וואס די ברייטע מענטשהייט וואלט פון די מלוכה־מענער געזען ביישפילן פון אויפאפערונג פארן חבר און כלל; און שוין דאס גופא, וואס די אנפירנדיקע אינסטאנצן וואלטן געווירקט אויף אן עטיזירנדיקן אופן — שוין דאס גופא וואלט געווען א גרויסער מאראַ־לישער כוח.

דאס מיינט נישט, אז די עטישע געמיינשאפטן זאלן זיך יאגן נאך מאכט. ניין, יאגן זיך נאך מאכט נישט, אבער אנטלויפן פון דער מאכט אויך נישט. ווען מען וועט די עטישע געמיינשאפטן רופן צו דער מאכט, דארפן זיי די מאכט אננעמען. נאר ווען זיי וועלן שוין זיין בײַ דער „מאכט", וועלן זיי ערשט קיין מאכט נישט זיין. דער גאנצער זינען פון די עטישע געמיינשאפטן איז דאך אין זייער דערציערישער ראל; דאס איז דאך דער אויפטו פונעם דאזיקן וועג: נ י ש ט נ ע מ ע ן ד י מ ע נ ט ש ן א ו י ף כ ו ח; נ י ש ט צ ו ו י נ ג ע ן ד י מ ע נ ט ש ן צ ו א ב ע ס ע ר ל ע ב ן ו ו י ד א ס ו ו א ס ז י י ז י י נ ע ן פ ר י י ע ר ה י י ט ב כ ו ח צ ו פ י ר ן. איז וואס־זשע איז דא שייך צו ריידן פון מאכט. פאר די עטישע געמיינשאפטן וועט זיין אלציינס צי זיי וועלן אויסיבן זייער דערציערישע ראל ווי א סעקטע אדער ווי די מלוכה. אויב מיר ריידן דאך פון עטישע מענטשן בײַ דער מאכט, איז עס דערפאר, וואס די איצטיקע מאכט שטערט, אדער נוצט נישט אויס, די אלע רעסורסן, וואס זיינען פאראן פאר דער פרייער אנטוויקלונג פון דעם נאטירלעכן גוטס וואס איז פאראן אין מענטשן און די עטישע גע־מיינשאפטן בײַ דער מאכט וואלטן דאס יא געטון.

אין אלע פריערדיקע צייטן איז די ווירקונג פון עטישן מענטשן נײַ־טראליזירט געווארן דורך א סך שטארקערע קעגן־כוחות, וואס האבן צו־נישט־געמאכט זייערע השפעות. אין דער צוקונפט דארף דער ביאעטישער מענטש, דער וועזנטלעכער גערעכטיקייטס־מענטש, שפילן א דעצידירנ־דיקע ראל אין מענטשלעכן לעבן. עס וואלט דערפון ארויסגעקומען א טובה פאר אלע!

III

(וואס די עטישע געמיינשאפטן זאלן פרעדיקן וועגן דער נאציאנאלער פראגע)

ריידנדיק וועגן פארבעסערן דאס מענטשלעכע לעבן, מוז מען אנט־שיידן אפטיילן דאס נ א ט י ר ל ע כ ע ש ל ע כ ט ס, וואס איז פאראן אין דעם פון דעם א ו י ס ג ע ל ע ר נ ט ן ש ל ע כ ט ס.

למשל, אומגליייכקיים און פריוואט־אייגנטום זיינען נאטירלעך שלעכטס. זיי עקזיסטירן ספאָנטאַן. מען לערנט זיי נישט מיט די קינדער אין די שולן, מ'פירט נישט קיין פראָפּאַגאַנדע פאַר זיי, זיי זיינען נישט קיין פונקטן אין דער פאָלקס־דערציונג אא"וו. אומגלייכקייט און פריוואט־אייגנטום נעמען זיך פון דעם עגאָיסטישן „אינסטינקט". מיט אינסטינקט איז שווער זיך אָן עצה צו געבן. אינסטינקט דאַרף מען באַקעמפן. און פירן אַ קאַמף מיט אינסטינקט איז, יעדנפאַלס, נישט אַזאַ לייכטע אונטערנעמונג. אַנדערש איז עס מיט אַזאַ אינסטיטוציע, ווי נאַציאָנאַליזם. ווען מ'וואָלט נאַציאָנאַליזם אויף כוח די מענטשן נישט אַרויפגעצוואונגען, וואָלטן זיי גאָרנישט אָנגעהויבן צו וויסן, וואָס דאָס איז אַזעלכעס.

דער אורשפּרונג פון פעלקער און נאַציעס לעגערט אין יענעם פּרעהיסטאָרישן סאָציאַלן געגעזים, ווען דער פּרימיטיווער מענטש האָט זיך אָנגעהויבן אָפּשליסן אין געמיינשאַפטן, כדי בעסער צו קענען באַפרידיקן זיין קאַמף פאַר קיום, ד"ה בעסער קענען אָנפאַלן אויף אַנדערע געמיינשאַפטן און זיי אומברענגען, כדי צוצונעמען זייער שפּייז און פאַרמעגן. מלחמה און נאַציאָנאַליזם זיינען דער לייבלעכער צווילינג אין מענטשלעכן לעבן. צוזאַמען זיינען זיי אויף דער וועלט געקומען און צוזאַמען עקזיסטירן זיי ביז היינטיקן טאָג.

אויב אין די אַלטע צייטן, ווען די לעבנס־תנאים זיינען געווען מסוגל פאַר דער ענגער אָפּשליסונג פון מענטשלעכע קיבוצים, כדי געמיינזאַם בעסער צו באַפרידיקן זייערע לעבנס־אינטערעסן, האָט פאָלק און נאַציע געהאַט אַ נאַטירלעכע באַרעכטיקונג און אַ גינסטיקן באָדן זיך צו אַנטוויקלען און פאַרפעסטיקן, איז אָבער אין דער קעגנוואַרטיקער צייט, ווען די לעבנס־תנאים האָבן זיך אין דער הינזיכט אַזוי ראַדיקאַל געענדערט, אַז עס זיינען אָפּגעווישט געוואָרן אַלע געאָגראַפישע און עקאָנאָמישע מחיצות, וואָס טיילן אָפּ די איינוואוינער פון פאַרשידענע טיילן פון דער ערד, זיי פאַראייניקנדיק אין איין גרויסער משפחה, מיט געמיינזאַמע מאַטעריעלע און גייסטיקע אינטערעסן, האָט פאָלק און נאַציע נישט קיין שום נאַטירלעכע באַרעכטיקונג פון קיין שום שטאַנדפּונקט נישט.

היינט, אין דער צייט פון פערפעקציאָנירטן אינטערנאַציאָנאַלן פאַרקער, פון לופט־וועגן און ים־וועגן, פון שנעלצוגן און שנעלשיפן, וואָס קרייצן דורך קאָנטינענטן און לענדער נאָך שנעלער ווי דער פּרימיטיווער מענטש פלעגט דורכקרייצן די גרעניצן פון זיין נחלה; היינט, אין יאָרהונדערט פון ראַדיאָ און טעלעפאָן, ווען פאַל מיט פאַל ווערן אין איין אויגנבליק פאַרבונדן און זיי ריידן זיך דורך פון מויל צו אויער; ווען קיין

געאָגראַפּישע שטחים טײלן מער נישט אָפּ די מענטשן אײנע פון די אַנ־דערע; הײנט, אין דער תקופה פון הױכער ציװיליזאַציע און מעכאַנישער פּראָדוקציע, װען אַלע ימים און יבשות זײנען איבערפּולט מיט פאַרקער־מיטלען, װאָס פירן פאַבריקאַטן פון לאַנד צו לאַנד און פון קאָנטינענט צו קאָנטינענט און עס בעט זיך ממש אָפּצואװישן אַלע גרעניצן און באַריערן, װאָס טײלן אײן די װעלט אין חלקים און חלקימלעך. נאָר עפענען אַ פרײע און ברײטע װעלט פאַר קענגזײטיקן אױסבײט און קענגזײטיקן דינען זיך פון אַלע פעלקער, אױף אַלע געביטן פון לעבן; הײנט, אין דער דאָזיקער װעלט, װאָס איז אַזױ מסוגל און גינסטיק פאַר דעם צוזאַמענשמעלץ פון די פעלקער אין אײן מענטשן־פאָלק, װעמענס טעריטאָריע עס זאָל זײן אַזױ גרױס, װי גרױס עס איז דער סײלער פון אונדזער פּלאַנעט, — איז נאַציאָנאַליזם אַ מחלה, װעלכע די מענטשן באַמיען זיך, צו זײער גרױס אומגליק, אַלײן צו קולטיװירן און אױפצוהאַלטן.

װאָס פאַרא נױטװענדיקײט איז פאַראַן הײנט צו טאָג פאַר נאַציאָ־נאַליזם? װאָס פאַרא אױסערלעכע און אינערלעכע עקזיסטענץ־באַרעכטי־קונג האָט ער?

װאָס שײך זײן אינערלעכע זײט, ד״ה די רײן פּסיכישע באַזע, קענען מיר נישט אױסגעפינען אַז נאַציאָנאַליזם זאָל זײן אַן אַנדער זאַך װי קאָ־לעקטיװע גאװה. װאָס שײך זײן אױסערלעכע זײט, ד״ה די זײט פון עקאָ־נאָמישן אינטערעס, האָבן נישט די פעלקער אין נאַציאָנאַליזם קײן שום אינטערעס. זײ װאָלט אַ סך בעסער געלױנט, װען עס הערשט אַ פרײער אױסבײט פון אַלע לעבנס־באַדערפעניש. איז צו װאָס דאַרף מען אים!

ס׳איז אמת אַז פעלקער זײנען אַ פאַקט. עס עקזיסטירט הײנט צו טאָג נישט קײן מענטשהײט, נאָר עס עקזיסטירן פעלקער און נאַציעס; עס עקזיסטירט נישט קײן אַלגעמײן־מענטשלעכע קולטור, נאָר נאַציאָנאַלע קולטורן. עס זײנען דאָ טיפע פיזישע און פּסיכישע אונטערשײדן צװישן די מענטשן, װעלכע האָבן פאַר אַ לאַנגער צײט געלעבט אונטער אײן קאָמפּלעקס באַדינגונגען און צװישן די װאָס האָבן געלעבט אונטער אַן אַנדער קאָמפּלעקס באַדינגונגען. דאָס אַלץ, װאָס אַ געװיסער קיבוץ מענ־טשן האָט זיך צוגעײגנט, פירנדיק אַ געמײנזאַם שטײגער לעבן, פאַר אַ לאַנגער צײט, איז בײ אים איבערגעגאַנגען אין בלוט און פלײש. דאָס האָט געגעבן אַזױ גוט אַן אײגנאַרטיקן אױסזען זײן נאָז און זײנע אױגן, װי זײן גײסט. די געמײנזאַמע לעבנס־תנאים האָבן איבערגעלאָזט זײער טיפן חותם אין דער װעזנטלעכקײט פון די פאַרשידענע קיבוצים. סײ אָפּ־געטײלטע דורך געאָגראַפישע מרחקים און סײ דורך קולטור־אונטערשײדן, האָבן די אַלע, װאָס זײנען צװישן זיך פאַרבונדן געװען אַ לאַנגע צײט

מיט א בשותפותדיקן לעבנס־פיר, אָנגעהויבן אויספאָרמירן זייער פיזיק און גייסט אין אָנקלאַנג צו די ספּעצי־פישע באַדינגונגען.

איז, וויבאַלד פעלקער און נאַציעס זיינען א פאַקט און דאָס וואָס מ'רופט מענטשהייט מיינט אינדעראמתן א זאַמלונג פון פאַרשידענע אייגנאַרטיקע געמיינשאַפטן, וועלכע זיינען פיזיש און פסיכיש אָפּגעטיילט איינער פון אַנדערן, ריכטיק, אַז די פעלקער זאָלן זיך אויסלעבן אין די ראַמען פון זייער פאַקטישן זיין און זיי זאָלן נישט געשטערט ווערן פון קיינעם, צו זיין דאָס וואָס זיי זיינען. דאָס איז דער טייטש פון קולטורעלן נאַציאָנאַליזם. קולטורעלער נאַציאָנאַליזם הייסט — אַז א פאָלק זאָל זיין דאָס וואָס עס איז און פירן זיין שטייגער לעבן אין אָנקלאַנג צו זיך אַליין.

איז עס דורכויס גוט וואָס מענטשן און פעלקער ווילן זיין דאָס וואָס זיי זיינען און זיי ווילן נישט זיין דאָס וואָס זיי זיינען נישט. די מיאוסטע זאַך איז, וועלן אַרויסקריכן פון דער אייגענער הויט און אַריינקריכן אין א פרעמדער, דאָס הייסט, פאַרלייקענען זיך אַליין. דאָס וואָס איינער איז דאַרף ער זיין בראש גלוי און זיך נישט שעמען מיט זיך. שעמען זיך מיט זיך אַליין איז דער ערגסטער סאָרט פּחדנות וואָס מ'קען זיך פאָרשטעלן. דאָס איז אייגנטלעך די נעגאַטיווע זייט פון קינסטלעכער אַסימילאַציע; קינסטלעכע אַסימילאַציע מיינט — פאַרלייקענען זיך אַליין און זיך אָנטאָן א מאַסקע פון אַן אַנדערן, וואָס אין אים וויל מען זיין געראָטן, ווייל ער איז דער „האַר", כאָטש מ'איז עס נישט אינדעראמתן. איך וואַרף אַוועק מיין אייגענע צונג און זעץ מיר אַריין דעם האַרס; איך וואַרף אַוועק מיינע אייגענע געוואוינהייטן און נעם דעם מושלס; איך זאָג מיך אָפּ פון מיינע טראַדיציעס און אַדאָפּטיר די טראַדיציעס פון דער הערשנדיקער נאַציע; איך פאַרוואַרף מיין אייגענע ליטעראַטור, קונסט, שטייגערן און נעם פרעמדע, ווייל די פרעמדע זיינען די וואָס געוועלטיקן. מיט איין וואָרט: איך זאָג מיך אָפּ פון מיין איך, דערפאַר וואָס איך שעם מיך מיט אים און וויל אַריינקריכן אין אַן אַנדערן מיט וועלכן מ'שעמט זיך נישט. דאָס איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, זייער א מיאוסע עובדה.

נישט בעסער זעט אויס אַן אַרויפגעצוואונגענע אַסימילאַציע, וואו שטאַרקערע ווילן דווקא אַרויפצווינגען אויף שוואַכערע זייער שטייגער לעבן, כאָטש די לעצטע קענען עס אַבסאָלוט נישט פאַרטראָגן. וועלן אַרויפצווינגען אויף עמיצן אַסימילאַציע מיינט, אים נישט לאָזן זיין דאָס וואָס ער איז און וועלן פון אים מאַכן דווקא דאָס וואָס ער איז נישט. נישט געבן פעלקער קיין קולטורעלע פרייהייט, וועלנדיק אימפּאָנירן אויף זיי די קולטור פון דעם לאַנד, אין וועלכן זיי קומען וואוינען, הייסט, זיי נישט

לאָזן פריי עקזיסטירן און זיך אויסלעבן אין די ראַמען פון זייער אייגענעם דאַזיין; הייסט, זיי גייסטיק פאַרקנעכטן, וואָס איז אָפטמאָל ערגער ווי פיזיש פאַרקנעכטן.

די נאָרמע איז: דאָס פרייע נאַטירלעכע זיין און דאָס פרייע אויסלעבן זיך אַזוי ווי מ׳איז. דאָס קינסטלעכע אָפּטרעטן פון זיך אַליין, דאָס קינסטלעכע נאָכמאַכן אַנדערע, איז מיאוס.

עס שטעלט זיך אָבער די פראַגע: ווי איז, ווען די אַסימילאַציע איז נישט קיין קינסטלעכע, נאָר אַ נאַטירלעכע? ווען די אַסימילאַציע ווערט פון קיינעם נישט ארויפגעצוואונגען, נישט אפילו פון דער פערזאָן אויף זיך אַליין, נאָר זי קומט אַלס אַ נאַטירלעכער פועל־יוצא פון די נייע לעבנס־תנאים, אין וועלכע מ׳האָט זיך איבערגעפלאַנצט? אין אַזאַ פאַל, מיינען מיר, באַקומט דאָס פּראָבלעם אינגאַנצן אַן אַנדער אויסזען. אַסימילאַציע, ווען זי איז אַ נאַטירלעכע דערשיינונג, פאַרמאָגט גאָרנישט קיין שלעכטס אין זיך. אָנערקענען מיר, אַז די נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייטן, וואָס מיר מערקן אָן ביי די פאַרשידענע פעלקער, זיינען, סוף כל סוף, נישט מער ווי אַ פועל־יוצא פון אַ לאַנגן אַסימילאַציע־פּראָצעס, וואָס די זעלבע האָבן דורכגעמאַכט אויפן שוים פון אַ באַשטימטן געאָגראַפישן שטח, אונטער אַזעלכע אָדער אַנדערע לעבנס־תנאים, הייסט עס, אַז מיט דעם אַליין גיבן מיר צו, אַז אַסימילאַציע, ווען זי איז אַ נאַטירלעכע, נישט קיין קינסטלעכע און ארויפגעצוואונגענע דערשיינונג, איז דורכויס באַרעכטיקט.

דער פאַקט פון נאַציאָנאַלן זיין און נאַציאָנאַלער קולטור, איז דאָך נישט קיין „הלכה למשה מסיני", דאָס מיינט, אַז די יעניקע אייגנשאַפטן, וואָס מאַכן פון אַ באַשטימטן קיבוץ מענטשן איין גאַנצקייט אַלס נאַציע, זיינען דאָך נישט קיין „חוק ולא יעבור", זיי ענדערן זיך דאָך, זיי זיינען דאָך אונטערגעוואָרפן אונטער דעם אַלגעמיינעם געזעץ פון דינאַמיק און פאַרענדערלעכקייט; זיי זיינען דאָך נישט קיין שטאַרע פאַרשטיינערונג, וואָס רירט זיך נישט פון אָרט. וואָס־זשע מיינט עס? — עס מיינט, אַז דאָס נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקע זיין, איז שטענדיק אונטערגעוואָרפן פּראָגרעסירנדיקע לעבנס־תנאים און פאַרענדערט זיך איניינעם מיט זיי. דאָס איז דאָך אַסימילאַציע. יעדעם פאָלק מאַכט דורך אַ פּערמאַנענטן פּראָצעס פון אַסימילאַציע, זיך אַפילו נישט געבנדיק קיין חשבון וועגן דעם. אַלץ אין דער וועלט איז אָט דעם פּראָצעס פון כסדרדיקער נאַטירלעכער אַסימילאַציע אונטערגעוואָרפן. און אַבי די זאַך קומט נאָך נישט פאָר אויף קיין קינסטלעכן, פאַרגוואַלטיקנדיקן אופן, איז עס שוין גוט, איז שוין קענען דעם נישטאָ וואָס אויסצוזעצן. וואָס איז דען דער געזעץ פון

צופאַסונג צו סביבה, אויב נישט פּערמאַנענטער אַסימילאַציע־פּראָצעס? אונדזער גאַנצע געשיכטלעכע עוואָלוציע, איז אַן אַנהאַלטנדיקער פּראָצעס פון אַסימילאַציע און איבערמאָדעלירונג, זיך כסדר צופּאַסנדיק צו די נייַ־אויפגעקומענע קולטור־תנאים.

קעגן נאַטירלעכער אַסימילאַציע, קען מען גאָרנישט אויסזעצן. פאַרקערט, דאָס איז אַ אויסדרוק פון פּראָגרעס. אויב ביי אונדז יידן, האָט דאָס וואָרט אַסימילאַציע געקריגן אַ שלעכטע באַדייטונג, איז עס נאָר מחמת דעם, וואָס מיר האָבן צופיל געליטן און ליידן פון דער קינסטלעכער אַסימילאַציע, וועלנדיק, די־יעניקע, וואָס זייער ייד רייסט ממש די אויגן, דווקא פאַרלייקענען זיך און אַריינקריכן אין אַן אַנדער פעל אַריין. נאַטירלעכע אַסימילאַציע אָבער, איז דער נויטווענדיקער וועג פאַר אַלץ וואָס לעבט און פּראָגרעסירט.

זעען מיר אַזוי די דערשיינונג פון נאַציע און נאַציאָנאַלע קולטורן, איז דאָך נישטאָ פאַרוואָס זיך אַזוי איינצושטעלן און וועלן זיך דווקא איינשפּאַרן אין די ענגע ד' אמות. וואָס איז דען אינגאַנצן נאַציע און וואָס איז דען אינגאַנצן נאַציאָנאַלע קולטור, אויב נישט אַדאַפּטירטע איינגעשאַפטן אונטער דער ווירקונג פון אומגעבונג און פאַרהעלטעניש? איז מיט וואָס איז דאָ דאָ זיך איבערצונעמען און מאַכן דערפון אַ הייליקטום? אמת, אַז לויט דעם ווירקלעכן מצב פון די פעלקער, מיינט, לויז מאַכן דעם נאַציאָנאַלן קולטור־סענטימענט ביי איין נאַציע, נישט עפּעס אַנדערש, ווי נאָר זי זאָל זיך אַריינגיסן אין אַן אַנדערער. ווייל, דעמאָלט ווען די מענטשהייט איז פאַקטיש איינגעטיילט אין נאַציעס, איז דאָך נישט געמאָלט, אַז דאָס פריי מאַכן דעם וועג פאַר דער אייגענער קולטור ביי איין פאָלק, זאָל מיינען עפּעס אַנדערש ווי די אַריינשפּאַנונג אין אַן אַנדערער נאַציאָנאַלער קולטור. ווען אַרום און אַרום, איז דער באָדן פאַרציאַליזירט און איינגעטיילט אין נאַציאָנאַלע שטחים, איז דאָך נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג ווי נאָר אַז אַרויסגייענדיק פון דעם אייגענעם שטח, זאָל מען אַריינגיין אין אַן אַנדער נאַציאָנאַלן שטח. אויב פריי לאָזן דאָס אייגענע בלייבט נאָר איבערצונעמען פרעמדס — איז צוליב וואָס דער אומבייט?

די דאָזיקע אַרגומענטאַציע איז דורכויס אַ ריכטיקע. די זאַך איז נאָר די, וואָס דאָ גייט ניט אין דער אַסימילאַציע פון איין פאָלק אין אַן אַנדערס, נאָר אין אַ קעגנזייטיקער אַסימילאַציע פון אַלע פעלקער און אַלע נאַציעס אין אַנאַנדער, צו וועלכע דער נאַטירלעכער פּראָצעס פון דער מאָדערנער צייט שטויסט זיי און די פעלקער רעזיסטירן ק י נ ס ט־ל ע ך. קעגן אָט דער קינסטלעכער רעזיסטענץ וואָס די פעלקער שטעלן דעם אינטערנאַציאָנאַליזירנדיקן פּראָצעס, קעגן דעם איז דאָ אויסצוזעצן.

מיר זאָגן: סע דאַרפן ברייט צעעפנט ווערן די טויערן פאַר אַלע נאַציאָ־נאַלע קולטורן און זיי לאָזן אַרויסשפּאַנען אויפן ברייטן שליאַך פון אַן אַלמענטשלעכער קולטור פאַרשמעלצונג. עס דאַרפן אויפגעהויבן ווערן די באַריערן וואָס פאַרשפּאַרן דעם פרוכטבאַרן גייסט פון די פעלקער אינער־האַלב נאַציאָנאַלע מחיצות און אים לאָזן אַרויסשפּאַצירן אויפן ברייטן שליאַך פון אַלפעלקערלעכן קולטורעלן און גייסטיקן אויפשטייג.

דער ווילן אָפּצוגרעניצן זיך אין די ענגע ד' אמות פון נאַציאָנאַלן זיין, די געפילן און סענטימענטן וואָס ווערן געוואָרימט און קולטיווירט אויפן געביט פון נאַציאָנאַלער קולטור־אָפּגעזונדערטקייט, דאָס מאכן אַ פעטיש פון נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן און געוואוינהייטן, דער דאָזיקער עקסקלוסיווער נאַציאָנאַליסטישער גייסט, — אָט קענען דעם איז פאַראַן אויסצוזעצן. מיר זעען די מאָדערנע וועלט אַ פּאָלקאָם צוגעגרייטע פאַר דער אַנטשטייונג פון אַן אַלמענטשלעך פאָלק. די איצטיקע לעבנס־באַדינ־גונגען זיינען נישט נאָר מסוגל פאַר דעם אָנהויב פון אַן אינטערנאַציאָנאַ־לער פאַרשמעלצונג פון די פעלקער, נאָר זיי זיינען פשוט נויטווענדיק. די מניעות וואָס האָבן געשטערט דעם קאָנטאַקט פון די פעלקער און קול־טורן אַמאָל, זיינען היינט באַזייטיקט. די געאָגראַפישע, עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און קולטורעלע סיבות פון נאַציאָנאַליזם אַמאָל, זיינען אין דער קעגנוואַרט פאַרשוואונדן. די לעבנס־תנאים פון דער איצטיקער צייט זיינען פונקט פאַרקערטע. זיי זיינען אַזעלכע וואָס פּלימן אין אַלע הינזיכטן קעגן דער אָפּזונדערונג פון די פעלקער איינע פון די אַנדערע, נאָר פאַר זייער צוזאַמענשמעלצונג. אויפן עקאָנאָמישן געביט בעט זיך עס ממש אָפּצואווישן די גרעניצן און באַריערן וואָס שטערן דעם פרייען סחורה־אויסטויש צווישן לאַנד און לאַנד. די־ייניקע פּראָדוקטן, אין וועלכע איין לאַנד איז רייך פעלן אוים אין צווייטן לאַנד. אינעם צווייטן — איז דאָ אין אַן איבערפלּיסיקער מאָס פּראָדוקטן, וואָס וואָלטן געקענט פאַרברויכט ווערן אין ערשטן לאַנד. עס איז היינט דאָ אויף דער וועלט פון כל טוב און עס וואָלט געקענט זיין פאַר אַלע איבערן קאָפּ, ווען עס זאָל נישט קינסטלעך פאַרהאַלטן ווערן דער קעגנזייטיקער פלּוס פון די לעבנס־באַ־דערפעענישן.

די עקאָנאָמישע סיבה איז אין דער איצטיקער צייט מער נישט קיין גורם צו דער אָפּזונדערונג פון מענטשן איינע פון די אַנדערע, זיי פאַר־וואַנדלענדיק אין ריוואַליזירנדיקע קעמפער פאַר שפּייז און דערהאַלטונג, נאָר פאַרקערט, לויט איר נאַטירלעכן פלוס, רייסט זי זיך צו זיין אַ גורם צו דער עקאָנאָמישער קאָנסאָלידירונג פון אַלע מענטשן פון די פאַרשידנס־

טע וועלט־טיילן און צווישן די פֿאַרשידנסטע פֿעלקער, אָפּגעצוימטע מיט קינסטלעכע גרעניצן איינע פֿון די אַנדערע.

דאָס גלייכן און נאָך מער איז עס אויפֿן געביט פֿון גייסטיקע ווערטן. נישטאָ מער קיין גייסטיקע פֿאַקטאָרן וואָס זאָלן אָפּטיילן די מענטשן פֿון אַנאַנד; נישטאָ מער קיין געטער און נעצקעס וועלכע זאָלן צווישן זיך אָנפֿירן אַ קאַמף איבער העכערקייט, וואָס דאָס זאָל טרייבן די מענטשן צו קעגנזייטיקע פֿאַרפֿאָלגונגען. דער גלויבן פֿון דעם איצטיקן מענטשן, די וויסנשאַפֿטן, איז אַ גלויבן פֿאַר אַלע. די וויסנשאַפֿטן מאַכן אַלע מענטשן האָבן דיזעלבע געדאַנקען וועגן דער וועלט, דיזעלבע געדאַנקען וועגן לעבן, וועגן מענטשן. מיט איין וואָרט, די וויסנשאַפֿטן העלפֿן אויסשמידן אַ געמיינזאַמע וועלט־אַנשויונג צווישן אַלע מענטשן, וואָס דאָס מיינט, אויסשמידן אַ בשותפֿותדיקן, געמיינזאַמען פֿונדאַמענט פֿאַר אַן אַלמענטשלעכער קולטור. די וויסנשאַפֿטן העלפֿן, טראָץ די איצטיקע שטע־רונגען, צו דערנעענטערן די פֿאַרשידנסטע ראַסן און פֿעלקער פֿון דער וועלט צו איין אייגציקער מענטשן־משפּחה. עס קומט פֿאַר אַ קעגנזיי־טיקער אויסטויש, אין דער וועלט פֿון וויסן, צווישן די מיטגלידער פֿון די פֿאַרשידנסטע נאַציעס און מ׳דינט זיך קעגנזייטיק. עס קומט פֿאַר אַ כסדרדיקער אויסבייט פֿון נייעם וויסן און נייע פֿאָרשונגען און דערפֿינ־דונגען צווישן אַלע מענטשן.

דאָס זעלבע וואָס מיט די וויסנשאַפֿטן, איז מיט ליטעראַטור און קונסט — קומט פֿאַר אַ דערנעענטערונג צווישן די פֿאַרשידנסטע שאַפֿונ־גען פֿון אַלע פֿעלקער, אַ דערנעענטערונג סיי לויטן אינהאַלט און סיי לויט דער פֿאָרעם. דאָס טאָגטעגלעכע לעבן פֿון אַלע פֿעלקער און אַלע לענדער, דערנעענטערט זיך צו אַ געמיינזאַמען טיפּ, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש אַזוי גוט פֿאַר איינעם ווי פֿאַרן צווייטן, ווי פֿאַר אַלע. די הלבשה, די וואוינונגען, די אַרבעט, די פֿאַרוויילונג — אַלץ איז פֿון אַ געמיינזאַמען טיפּ.

פֿון וואָס פֿאַרא לעבנס געביט מיר זאָלן נישט אַרויסגיין, וועט זיך אַרויסווייזן, אַז די מאָדערנע לעבנס תּנאָים זיינען אַזעלכע, וואָס שטויסן די פֿעלקער צו אַ פֿאַרשמעלצונג. איז פֿאַרוואָס זאָלן מיר דעם דאָזיקן פּראָצעס פֿון אַלפֿעלקערלעכן צוזאַמענגוס ק י נ ס ט ל ע ך שטערן? פֿאַרוואָס ניט לאָזן פֿריי ווירקן די אַלע פֿאַקטאָרן פֿון דער נייער וועלט, וואָס שטויסן די מענטשן צו אַן אַלגעמיינער פֿאַרברידערונג? צוליב וואָס זיך קעגנשטעלן די נאַטירלעכע לעבנס־כּוחות, וואָס שטויסן דער מענטש הייט צו גיין אויף אַ בעסערן וועג, ווי אויף דעם אויף וועלכן זיי זיינען ביז איצט געגאַנגען?

אין דער איצטיקער וועלט, וואָס איז פול מיט אינטערנאַציאָנאַליזירנדיקע כוחות, מיינט נאַציאָנאַליזם, שטעלן אַ ווידערשטאַנד דעם נאַטירלעכן פלוס פון לעבן; מיינט נאַציאָנאַליזם קולטיווירן, מיט קינסטלעכע מיטלען, אַ פלאַנץ, וועמענס צייט עס איז געקומען צו וועלקן און שטאַרבן. די קעגנוואַרטיקע נאַציאָנאַליסטישע אַקציע פון די פעלקער, דריקט זיך אויס, אין אַ קלאַמערן זיך מיט אַלע כוחות, אין פרימיטיוון עבר: אין אַ צעבלאָזן אומקולטורעלע עלעמענטן אין די הערצער פון די מענטשן.

גענוג צו זען וואָס דער נאַציאָנאַליזם האָט געמאַכט פון דער וועלט אין סאמע מיטן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט; גענוג צו זען וואָס דער נאַציאָנאַליזם האָט דירעקט צי אומדירעקט גורם געווען אין דער מענטשלעכער געשיכטע — אַז מ׳זאָל נאַציאָנאַליזם פיינט קריגן אויף אייביק און שטענדיק און דאָס האַרץ זאָל אָנגעפילט ווערן מיט ווידערווילן צו יעדער סאָרט נאַציאָנאַליזם.

האָבן מיר נאָר גוט אַרוים דאָס בילד פון דער איצטיקער וועלט און מיר זעען ווי אַזוי אַלץ גייט דערצו, צו צעשטערן די בינעזישע מויערן, וואָס האָבן איינגעטיילט די מענטשן אין ראַסן און פעלקער, פיינטלעכע צווישן אַנאַנד; ווי אַזוי די מאָדערנע לעבנס-פאַקטאָרן פליסן און שטראָמען פון אַלע זייטן און קירעווען דער געזעלשאַפט צו אַ געמיינזאַמער פאַראייניקונג פון אַלע אירע עטנישע טיילן — פאַרשטייען מיר דעמאָלט, אַז דער קאָסמאָפּאָליטישער געדאַנק איז נישט קיין אילוזיע, נאָר ער איז אַ לאָגישער און נויטווענדיקער פּועל יוצא פון דער איצטיקער וועלט-ווירקלעכקייט, וועלכער מ׳דאַרף ווי געהעריק אָפּשאַצן און געבן אַ קריטישע ריכט-ליניע.

מיר דאַרפן די קאָסמאָפּאָליטישע אידייע תופס זיין אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט, ווי עס האָבן דאָס געטאָן די אינטערנאַציאָנאַליסטן פון פריער, וואָס האָבן געוואָלט איבערנאַכט פאַרוואַנדלען אַלע מענטשן אין איין פאָלק. זיי האָבן בנוגע די פעלקער געמאַכט דעם זעלבן טעות, וואָס בנוגע די קלאַסן. זיי האָבן, זייענדיק פאַרכאַפּט פון אַ שטאַרקן ווילן און גלויבן, געמיינט, אַז אָט וועט מען קענען געבן אַ שאַף־אָפּ די קלאַסן און אַלע מענטשן וועלן ווערן איין קלאַס און איין פאָלק. מיר פאַרמאָגן צופיל דערפאַרונג, אַז מיר זאָלן איבערחזרן זייערע טעותן. אויב מיר קומען ווידעראַמאָל צו דעם קאָסמאָפּאָליטישן געדאַנק, איז עס אויף אַ גאַנץ אַנדער אופן און מיט גאַנץ נייע אַרגומענטן. מיר גייען מיט אונדזער קאָסמאָפּאָליטיזם אַזוי ווייט, אויף וויפל די נייע ווירקלעכקייט צווינגט אונדז דערצו. אַלץ וואָס מיר טוען איז: מיר שטודירן אויס די רעאַלע פאַרהעלטענישן פון איצט און אויפן סמך פון דעם, ציען מיר אונדזערע

קריטישע שלום. דאָס טוענדיק, זעען מיר איין, אַז די געזעלשאַפט מאַכט איצט דורך אַ פּאַזע פון אינטערנאַציאָנאַלער התקרבות, וועלכע וועט אפּזיכטלעך און בכיוון געשטערט: עס ווערט קינסטלעך פאַרשוועכט און געהאַמעוועט דער פּראָצעס פון צווישנפעלקערלעכער פאַרשמעלצונג, נערנדיק מיט קינסטלעכע, שעדלעכע מיטלען דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און געפיל. אָט דאָס, זאָגן מיר, איז אַ נעגאַטיווע דערשיינונג. מען דאַרף די נאַטירלעכע פּראָצעסן, וואָס פליסן אין דער ריכטונג פונעם קאָסמאָפּאָליטיזם, קיין שטיינער אין וועג נישט לייגן. מען דאַרף אנערקענען אַז די צייט פון נאַציעס און נאַציאָנאַלע קולטורן, האָט זיך אין דער געשיכטע פאַרענדיקט און די געשיכטע איז אריבער אין אַ צווייטער פּאַזע, אין אַ קאָסמאָפּאָליטישער. דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע, וועלכע האָט ארויפגעפירט אונדזער געזעלשאַפטלעך לעבן אויף אַזאַ הויך, אַז עס זעען זיך מער נישט ארויס די תהומען, וואָס האָבן אָפּגעטיילט די מענטשן פון אנאנד. מיר דאַרפן אנערקענען, אַ דער נאַטירלעכער גאַנג פון דער איצטיקער קולטור, איז אין דער ריכטונג צו אַ אוניווערסאַלן טיפּ און, במילא, אַז יעדער באַמיונג, צו אימפּאָנירן נאַציאָנאַליזם איז אַ געקינסטלטע און אומנאַטירלעכע אַרבעט.

מיר דאַרפן דעם אינטערנאַציאָנאַליזירנדיקן פאַקטאָר, פון דער ציוויליזאַציע, תופס זיין, ווי איר פּאָזיטיווסטן שטריך. אויב די גאַנצע טעכנישע ציוויליזאַציע שטייט איצט צו דינסט דער בהמה אינעם מענטשן און זי, די ציוויליזאַציע, האָט, גאַנץ אומשולדיק, גורם געווען צו פאַרוואַנדלען אונדזער קעגנוואַרטיק לעבן אין אַ ציוויליזירטן גיהנום — איז אָבער דאָס, וואָס דער גיהנום איז פאַר אַלע, און אַלע מענטשן גלייך, אָן אונטערשייד פון פעלקער און לענדער, טיילן דעם זעלבן טרויעריקן גורל, שוין אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג. דער איבערנאַציאָנאַלער שטריך פון דער קעגנוואַרטיקער קולטור איז בולט און קלאָר פאַר אַלעמען, נישט נאָר אויף איין געביט, נאָר אויף אַלע געביטן צוזאַמענגענומען. מיר קענען נישט ווי געהעריק פאַרשטיין די מאָדערנע צייט, אויב מיר זעען נישט אין איר, פריער פון אַלץ, איר קאָסמאָפּאָליטישן שטריך.

זעען מיר דעם קאָסמאָפּאָליטיזם, ווי אַן אומפאַרמיידלעכן פּועל יוצא פון די מאָדערנע לעבנס־תנאים, דאַן מוזן מיר צו אים פאַרלירן אַלע פאָרורטיילן, וואָס האָבן זיך קעגן אים אויסגעאַרבעט נאָך זיין ערשטן נאַיוון דורכפאַל און מיר מוזן אים אָנהויבן זען אין אַ גאַנץ ניי ליכט. מיר מוזן איינזען, אַז קאָסמאָפּאָליטיזם הייסט נישט מער, ווי נ י ש ט ש ט ע ר ן ק י נ ס ט ל ע ך דעם פּראָצעס, וואָס וואַקסט ארויס פון דער מאָדערנער אומגעבונג און וואָס טרייבט די מענטשן צו אַן אַלגע־

מיינער פאַרברידערונג. אַלץ וואָס דער נעאָ־קאָסמאָפּאָליטיזם פאָדערט איז, זיך דורכנעמען מיטן דאָזיקן באַוואוסטזיין פון דער צייט און אידעאָלאָגיש צוהעלפן דאָס, וואָס עס פירן דורך די לעבנס־פּראָצעסן. נישט שטעלן זיך מיטן באַוואוסטזיין קעגן די לעבנס־פּראָצעסן, נאָר גיין מיט זיי. אויף וויפל באַוואוסטזיין ווירקט, דאַך, אויפן זיין, אויף אַזוויפל דאַרפן מיר אונדזער באַוואוסטזיין ריכטן אין אָט דער ליניע. נישט זאָגן, אַז איבערנאַכט וועלן אַלע פעלקער פאַרוואַנדלט ווערן אין איין פאָלק, נאָר זאָגן, אַז די מאָדערנע לעבנס־תנאים באַגינסטיקן דעם צוזאַמענשמעלץ פון די פעלקער און אין די דאָזיקע לעבנס־תנאים זיך אָנשליסן אידעאָלאָגיש און דורך דער אידייע־קראַפט און דורך דער קראַפט פון ווילן און באַוואוסטזיין, צוהעלפן און פאַרשנעלערן די גליקלעכע און נוצלעכע אַרבעט, וואָס עס פירט דורך די איצטיקע ציוויליזאַציע.

מיר דאַרפן איינזען, אַז נאַציאָנאַליזם מיינט, היינט צו טאָג, אַ קינסטלעכע אויפהאַלטונג און קולטיווירונג פון אַ זאַך וואָס האַלט אין פאַרשווינדן און דאַרף פאַרשווינדן. די איינציקע באַרעכטיקונג פאַר נאַציאָנאַליזם און נאַציאָנאַלער קולטור, איז דאַך, סוף כל סוף, דער פאַקט, אַז אַזעלכע זיינען פאַראַן; ווען זיי וואָלטן נישט געווען, וואָלט דאַך קיינעם נישט איינגעפאַלן, אַז מ׳דאַרף זיי אויסטראַכטן און באַשאַפן, דאָס מיינט, אַז אַנפאַרזיך, איז נאַציאָנאַלים גאָר נישט קיין קולטור־דערשיינונג, וואָס מען זאָל עס דאַרפן און מוזן האָבן אין לעבן. אויב אַזוי, איז ווען מיר זעען, אַז נאַציאָנאַליזם הערט אויף, צוליב לעבעדיק ווירקנדיקע כוחות, צו זיין, איז צוליב וואָס זאָלן מיר דווקא וועלן עס אויפהאַלטן? וואָס פאַרא דערשיינונג פון קולטור און פּראָגרעס, שטעלט דען נאַציאָנאַליזם, אַנפאַרזיך, מיט זיך פאָר?

פּאַסיוו לאָזן דעם נאַציאָנאַלן סענטימענט — דאַרפן מיר. זיך אויפערן אַרומצוטראָגן מיט אָנגעבלאָזענער גדלות און זיך פאַרשיכורן מיט זעלבסט־לויב. דער נאַציאָנאַליסטישער קולט איז אַן איבערבלייבעכץ פונעם פּרימיטיוון מענטשן, וואָס האָט זיך אָפּגעגרעניצט פון אַנדערע זיינסגלייכן, כדי ער זאָל זיי בעסער קענען אויסשחטן און צונעמען ביי זיי זייער האָב און גוטס. עס איז אין נאַציאָנאַליזם גאָר קיין חכמה און גאָר קיין גוטס נישטאָ. עס איז יאָ דאָ אין אים גרויסהאַלטעריי, שנאה און צאָרן — אַלץ אַזעלכע מידות, וואָס מען קען זיי פאַר קיין מוסטער פון קיין מענטשלעכקייט נישט מאַכן און יעדער איינער, דאַרף זיך באַמיען פון זיי פריי צו ווערן און נישט זיי פאַרפלאַנצן.

אויפהויבן דעם נאַציאָנאַלן טאַרמאָז פון אונדזער סאָציאַלער מאַשין און לאָזן זיך פריי באַוועגן די כוחות, וואָס פירן אונדז צו קאָנגזייטיקער

דערנעענטערונג. נישט האמעווען דעם פראצעס פון אינטערנאציאנאלי־זאציע, וואס דאס שטעלט מיט זיך פאר די סטיכיע פון היינט. ליקווידירן די נאציאנאלע עגאלאטריע און אויפהערן צו מאכן א קולט פון נאצאנאלן דאזיין. צופיל שאדן האט דער נאציאנאליזם פארורזאכט אין אונדזער געשיכטע, אז מיר זאלן דידאזיקע זאך, ווייטער וועלן קינסטלעך דער־האלטן. אזוי לאנג ווי עס וועט זיין נאציאנאליזם, וועט זיין שנאה צווישן די נאציעס, אזוי לאנג ווי עס וועלן זיין „נאציאנאלע איכן", וועלן די דא־זיקע „איכן" זיך פארשיכורן מיט זעלבסט־ליבעריי. ענדלעך, אזוי לאנג ווי עס וועלן זיין נאציעס, וועלן אויך זיין מלחמות און קעגנזייטיקע אויס־שעכטונג. צו וואס דארף מען עס?!

מיר דארפן זיך אנשליסן אין דעם נאטירלעכן שטראם פון קאסמאפא־ליטישער פארשמעלצונג. נישט נאר נישט שטערן די דאזיקע התקרבות פון די פעלקער, נאר די דאזיקע התקרבות צוהעלפן און אונטעריאגן. א פאריי־ניקטע מענטשהייט און אן איינהייטלעכע מענטשלעכע קולטור וועט שטיין אויף א פיל העכערער מדרגה, ווי די נאציאנאלע קולטורן. ווען פון אלע קלענערע שטראמען וועט ווערן איין גרויסער שטראם, וועט ער פליסן מיט גרעסערער מעכטיקייט און גרעסערער קראפט און וועט אראפשווענקען אלע מכשולים וואס שטייען דעם מענטשן אין וועג צו זיין אויפשטייג.

אלץ וואס איז קולטור פון איצט, איז — אזוי איז דער פאקט — פון אלמענטשלעכן שניט.

נעמט וואס פארא קולטור־געביט איר ווילט נאר אליין: נעמט ליטע־ראטור, מוזיק, מאלעריי, ארכיטעקטור, וויסנשאפט, טעכניק, פאליטיק, געזעצגעבונג, הלבשה, דירה און אלץ, וואס איר ווילט נאר פארשטיין אונטער „קולטור", און איר וועט איינזען, אז פאקטיש פראדוצירן זיך אין היינטיקער צייט דידאזיקע אלע ווערטן פון אן אלמענטשלעכן שניט.

ליטעראטור. — אזוי גוט די בעלעטריסטיק ווי די פאעזיע פון דער מאדערנער צייט טראגן אן אלמענטשלעכן כאראקטער. מעגן זיי זיין גע־שריבן אין וואס פארא שפראך עס זאל נישט זיין, אויב זייער סיוזשעט איז אן אקטועלער און עס ווערן אין זיי ארויסגעשטעלט מענטשן און לעבנס־שטייגערן פון דער קעגנווארט, זיינען זיי פון אינטער־נאציאנאלן ווערט און טויגן אזוי גוט פאר איין פאלק, ווי פארן צווייטן און פארן דריטן.

נישט גייענדיק ספּעציעל זוכן דאָס כאַראַקטעריסטיש־נאַציאָנאַלע אין דער מאָדערנער בעלעטריסטיק און פּאָעזיע, איז דער ראָמאַן אָדער ליד, געשריבן פון פראַנצויז, ענגלענדער, ייִד, אַמעריקאַנער אא״וו, צוגעפּאַסט פאַר דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט. די פּערסאָנאַזשן און דאָס לעבן אין די אַלע, זיינען זיך, אין גרויסן און גאַנצן, אידענטיש. טאָמער זיינען פאַראַן געוויסע לאָקאַלע אָדער נאַציאָנאַלע ניואַנסן, פאַרלירן זיי זיך אין דאָס פיל געמיינזאַמע.

אויב אַזוי איז אויפן געביט פון דער וואָרט־קונסט, איז עס נאָך מער אויפן געביט פון דער מאָלעריי און מוזיק. יעדער קינסטלער, צו וואָס פאַרא פאָלק ער זאָל נישט געהערן, אויב זיין טעמאַטיק איז אַן אַקטועלע, אַ ה יי נ ט צ יי ט י ק ע, קענען זיינע קונסט־ווערק טויגן פאַר אַלע מענטשן.

דאָך, אויב אויפן געביט פון די קונסטן, קאָן מען נאָך דערלאָזן אַ געוויסן ספּאָנטאַנעם נאַציאָנאַלן קאָלאָריט, איז אַזעלכעס לחלוטין נישט צו דערלאָזן אויפן געביט פון די וויסנשאַפטן. וויסנשאַפט איז דאָך שוין זיכער אַן אַלמענטשלעכע קולטור־דערשיינונג. די אמתן און געזעצן פון די וויסנשאַפטן ווייסן דאָך זיכער נישט פון קיין נאַציאָנאַלע ראַמען. און — די וויסנשאַפטן זיינען דאָך די באַזע פון דער קעגנוואַרטיקער קולטור און קולטור־מענטש!

דאָס, וואָס מיט די וויסנשאַפטן איז מיט דער פּאָליטיק, מיט דער עקאָנאָמיק, מיט דער יוריספּרודענץ, מיטן הויזלעכן לעבן, איז אַלץ, וואָס איז קולטור פון איצט — צי מען וויל יאָ, צי מען וויל נישט — פון אַל־מענטשלעכן שניט.

אויסשליסנדיק דעם פּאָליטישן נאַציאָנאַליזם מיט זיינע דערשיי־נינגען: הערשער־קליקעס, אַרמייען, ביוראָקראַטיעס, גרעניצן, צאָל־אַמטן, פּאַטריאָטישע גאוה, נאַציאָנאַלע העלדן אא״וו, נאָר האַלטנדיק זיך אין די ראַמען פון קולטור־נאַציאָנאַליזם, קענען מיר נישט תופס זיין זיין באַטייט אין איצטיקן מאָמענט.

לאָמיר איינשליסן אין קולטור־נאַציאָנאַליזם אויך דעם ביאָפּסיכאָ־לאָגישן מאָמענט, ד״ה די אייגנאַרטיקייט פון גייסט און כאַראַקטער פון די פעלקער, וואָס איז געקומען אַדאַנק דאָס לעבן אַ לאַנגע צייט אונטער איינהייטלעכע אומשטענדן, און זאָגן, אַז נאַציאָנאַלע קולטור הייסט אָנ־האַלטן און פאַרפלאַנצן דעם נאַציאָנאַלן גייסט און כאַראַקטער. קאָנען מיר דאָס אויך נישט. ערשטנס, ווי אַזוי מאַכט מען דאָס? וויבאַלד די איצטיקע לעבנס־ און קולטור־שטייגערן זיינען פון אַן אַלמענטשלעכן שניט, וועלן, במילא, פריער אָדער שפּעטער, די נאַציאָנאַלע כאַראַקטער־אייגנאַר־

כּיקייטן אָפּגעשוואַכט ווערן און עס וועט קומען פאַרענלעכונג. ווען קינסטלער, דורכן בלויזן באַוואוסטזיין אויפהאַלטן גייסטיקע אייגנשאַפטן קען מען נישט. דאָס לעבעדיקע לעבן טוט זיין אַרבעט און קיין לימוד פון היסטאָריע קען נישט זיין קיין קעגנגעוויכט צו לעבן. אויסער דעם גיט דער קולטור־נאַציאָנאַליזם נישט קיין שום פּסיכאָלאָגישע דירעקטיוון, וואָס מען דאַרף טון, כדי צו דערהאַלטן אין זיך נאַציאָנאַלע כאַראַקטער־אייגנשאַפטן.

צווייטנס, ווען מ'רעדט וועגן נאַציאָנאַלע כאַראַקטער־אייגנשאַפטן, איז פאַראַן אַ ממה־נפשך: זיינען די נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן פּאָזיטיווע (וואָס אַזוי האַלט יעדעס פאָלק וועגן זיך), אַזוי גוט אויפן געביט פון אינטעלעקט ווי פון כאַראַקטער, איז פאַרוואָס וועלן זיי האַלטן אונטער שלאָס און ריגל נאָר פאַר זיך און נישט וועלן זיי פאַרפלאַנצן אויך צווישן אַלע מענטשן? אלא, זיינען די נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן נעגאַטיווע (וואָס קיין פאָלק וועט עס וועגן זיך נישט צוגעבן), איז דאָך אודאי נישטאָ וואָס צו קולטיווירן די אייגענע פעלערן...

דריטנס, שטייען אַלע קולטור־פעלקער, מער אָדער ווייניקער, אויפן זעלבן ניוואָ פון גייסט און כאַראַקטער. טאָמער איז ביי איין פאָלק מער אָקצענטירט איין גוטע גייסטיקע אייגנשאַפט, איז ביי אַ צווייטן פאָלק מער אָקצענטירט אַן אַנדער גוטע אייגנשאַפט. אין סך הכל גלייכן זיך אַלע אויס. נאָר קרענקלעכע גאוה, האַס און שנאה האָט געקענט געבוירן ראַסן־טעאָריעס. אין דער אמתן, קען יעדעס מכלומרשט אָפּגעשטאַנען פאָלק, אַבי עס הויבט נאָר אָן באַקומען, אין אַ געהעריקער מאָס, וויסן און קולטור, שטייגן צו דער אַלגעמיינער הויך.

וואָלט נאָר די וועלט זיך געפירט מיט אַ סדר, וואָלט נאָר דאָס לעבן פאַרגעזעצט דעם נאָרמאַלן אַנטוויקלונגס־גאַנג, וואָלט די נאַציאָנאַלע פראַגע פון זיך אַליין געלייזט געוואָרן. די שול וואָלט אומעטום געווען אַן איינהייטלעכע. איינהייטלעך וואָלט געווען דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן: די זעלבע פאַבריק, די זעלבע ביוראָ, דער זעלבער האַנדלס־באַטריב, דער זעלבער טראַקטאָר און די זעלבע שנייד־ און דרעש־מאַשין. איינהייטלעך וואָלט געווען דער אונטערהאַלט: דער זעלבער ספּאָרט־פּלאַץ, דער זעלבער קינאָ, דאָס זעלבע טעאַטער און די זעלבע ביבליאָטעק. עס וואָלט פאַקטיש געווען אַ טאָטאַל־איינהייטלעך לעבן און קולטור אויף פאַרשידענע לשונות און מיט פאַרשידענע געשיכטעס וועגן דעם אייגענעם עבר. דאָס איינציקע, וואָס וואָלט געבליבן אַקטועל פון די נאַציאָנאַלע קולטורן איז שפּראַך. צי איז אָבער שפּראַך אָנפאַרזיך, קולטור? דעמאָלט, ווען אַלץ, וואָס איז קולטור און לעבן, וואָס ווערט דורך שפּראַך אויסגעדריקט, איז פון אַל־

מענטשלעכן שניט, צי קאָן בלויז שפּראַך זיין קולטור? און אַפילו ווען מ׳זאָל דערלאָזן, אַז בלויז שפּראַך אַנטהאַלט אין זיך עטוואָס נאַציאָנאַל־קולטורעלעס, איז דאָס אויך נאָר דערפאַר, וואָס אין איר זיינען במשך פון אַ לאַנגער צייט געקומען צום אויסדרוק די קולטור־אייגנאַרטיקייטן פון אַ געגעבענעם פאָלק. ווען עס קומט אָבער פאָר אַ פאַרשמעלצונג פון די לעבנס־ און קולטור־אינהאַלטן פון די פעלקער, הויבט אויך אָן שפּראַך צו פאַרלירן אירע אייגנטימלעכקייטן, ד״ה איר נאַציאָנאַלן קולטור־ווערט און דערנענטערט זיך צו אַן אַלגעמיינעם טיפּ. עס בלייבט בלויז דאָס טעכניש־שפּראַכלעכע, די פאַרשידענע מויל־באַוועגונגען.

און וואָס איז שייך שפּראַך, ווילן מיר טאַקע זאָגן, אַז דער פאַקט, אַז אין אַזאַ וועלט, ווי איצט, קענען זיך די מענטשן נאָך נישט צונויפרעדן אין אַ געמיינזאַמער שפּראַך, זעט אויס ווי אַ באַרבאַריזם און מוז אַרויסרופן שטוינונג. איצט, ווען פאַקטיש זיינען די פעלקער ווי איין משפּחה, צוליב זייערע פאַרשידנסטע שייכותן; איצט, ווען די פעלקער מוזן, צי זיי ווילן, צי זיי ווילן נישט, האָבן צו טאָן אַלע מינוט, איינס מיטן אַנדערן, זאָל נאָך נישט זיין קיין געמיינזאַמער לשון פאַר אַלע, אַזעלכעס זעט אויס ווי אומגלויבלעך. דאָס באַווייזט אַן איבעריק מאָל, וואָס פאַרא „קלוג און גוט״ באַשעפעניש דער מענטש איז און איבערהויפּט סאַראַ „גוטע און קלוגע״ מענטשן עס פירן אָן מיטן לעבן און די „גוטע״ כוונות, וואָס אינספּירירן זייערע לייסטונגען לטובת הכלל. דאָס פעלן איצט פון אַ שפּראַך, אין וועלכער אַלע מענטשן זאָלן זיך פאַרשטיין, איז אַ רעזולטאַט נאָר פון בכיוונדיקן נישט דערלאָזן איינפירן אַזאַ, ווייל נאַטירלעכערווייז וואָלט זי שוין געמוזט זיין איינגעפירט.

נישטאָ קיין איין זאַכלעכער אַרגומענט קעגן אַן אַלמענטשלעכער שפּראַך. עס איז נישט אָפּצושאַצן די קאָלאָסאַלע נוצלעכקייט, וואָס זי וואָלט געבראַכט אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן. דורך אַ געמיינזאַמער שפּראַך וואָלט דער ברידערלעכער בונד פון די פעלקער געוואָרן ענגער און ענגער. ס׳וואָלט, דורך איר, בטל געוואָרן די לעצטע נ א ט י ר ל ע כ ע מחיצה, וואָס עס שטייט נאָך היינט־צו־טאָג צווישן מענטשן פון איין פאָלק און מענטשן פון אַ צווייטן פאָלק. דורך אַ געמיינזאַמער שפּראַך וואָלט זיך אָנגעהויבן אַן אינטימע, אָרגאַנישע פאַרוועבונג פון די פעלקער און זייערע קולטורן. אַ געמיינזאַמע שפּראַך וואָלט געווען דער שמעלץ־אויוון פון אַלע אייגנאַרטיקע גייסט־ווערטן פון די פאַרשידנסטע עטנישע טיילן פון דער מענטשהייט.

אונטער אַן אַלמענטשלעכער שפּראַך שטייט באַהאַלטן אַ גרויסער קולטור־אויפשטייג. מיר קענען זיך נאָך איצט נישט פאָרשטעלן די פאָלגן,

וואָס אַן אַלמענטשלעך לשון וואָלט געקענט האָבן. עס וואָלט סטימולירט אַלע נוצלעך־שעפערישע איניציאַטיוועס. שוין דער בלויזער באַוואוסט־זיין פון שאַפן דירעקט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, וואָלט געווען דער בעסטער באַוועגער צום נוצלעכן און ווערטפולן שאַפן. דאָס בוך איז אַ קאָסמאָפּאָליטישן לשון — קיין מעכטיקערן קולטור־אינסטרומענט איז זיך גאָרנישט פאָרצושטעלן. דאָס וואָלט דערמעגלעכט אַ פּערמאַנענטן און לעבהאַפטן אויסטויש פון דאָס בעסטע, וואָס ווערט געשאַפן צווישן מענטשן אויף אַלע געביטן. ספּעציעל וואָלט דאָס געווירקט אויף צו דער־הויבן דעם קולטור־ניוואָ פון די ברייטע שיכטן, וועלכע, צוליב מאַנגל אין שפּראַך־קענטעניש, האָבן אָפט נישט קיין צוטריט צו די באַרימטסטע ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור, סיי אויפן געביט פון וויסנשאַפט, סיי אויפן געביט פון קונסט. אַן אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך, אין וועלכער עס זאָל איבערגעגעבן ווערן אַלדאָס ווערטפולע פונעם מענטשלעכן שאַפן פון אַלע צייטן, וואָלט ברייט צעעפנט דעם צוגאַנג צו אַ סך גייסט־אוצרות, צו וועלכע עס קאָנען איצט צוקומען נאָר „יחידי סגולה". אָפּגערעדט שוין, אַז פאַר די שטודירנדיקע וואָלט אַן אַלמענטשלעכע שפּראַך געווען אַ גע־ווינס גאָרנישט אָפּצושאַצן.

נישטאָ קיין שום רעפאָרעם אין אונדזער לעבן, וואָס זאָל זיין אַזוי דרינגענדיק און וואָס וואָלט געקענט אַזויפיל גוטס טאָן דער מענטשהייט, ווי די באַשאַפונג פון אַ וועלט־מלוכה. די אייגשטעלונג פון אַ וועלט־מלוכה איז אַ נויטווענדיקייט, וואָס וואַקסט אוממיטלבאַר ארויס פון די קעגנוואַרטיקע לעבנס־פאַקטאָרן, וועלכע אָריענטירן די וועלט צו אַן איינ־הייטלעכער עקאָנאָמיק און צו אַ איינהייטלעכער קולטור. די וועלט־מלוכה איז די אַנטשפּרעכנדיקע פּאָליטישע אינסטיטוציע פון דער איצטיקער עפּאָכע. אָן איר וועט מוזן זיין אומויפהערלעכער פּלאָנטער און געראַנגל. די וועלט־מלוכה קומט אויסגלייכן דעם גרויסן ווידערשפּרוך, וואָס מען האָט בכיוון געשאַפן צווישן דער קולטור פון דער צייט און די אַנאַכראָ־נישע מעטאָדן, וואָס ווערן אָנגעווענדט. זי קומט רעהאַביליטירן אונדזער־גייסטע געשיכטע, וועלכע מ'האָט פאַרגוואַלטיקט, פאַרקריפּלט און בכיוון אָראָפּגעפירט פון וועג.

די פאַקטישע און אָרגאַנישע איינהייט פון דער איצטיקער וועלט איז אַ דערשיינונג, וואָס ליגט פון סאַמע אויבנאויף. די וועלט־איינהייט איז איינגעשטעלט „דע פאַקטאָ". מען דאַרף זי בלויז אָנערקענען „דע יורי". מען דאַרף צופּאַסן די טעאָרעטישע און אידייאישע נאָרמען צו דעם פאַק־

טישן מצב פֿון דער וועלט און די מענטשן. נישטאָ קיין איין איינציקע ווירטיקע געשעעניש אויפֿן עקאָנאָמישן, פּאָליטישן צי קולטורעלן געביט, וואָס זאָל פֿאָרקומען אין איין ציוויליזירט לאַנד, און זאָל נשט האָבן קיין טיפֿע השפּעה אויף אַלע איבעריקע לענדער. דאָס ווירטשאַפֿטלעכע לעבן פֿון אַלע קולטור־פֿעלקער פֿון דער וועלט איז איצט אַזוי ענג פֿאַרקניפּט און פֿאַרבונדרע צווישן זיך, אַז זיי, די פֿעלקער־ווירטשאַפֿטן, שטעלן מיט זיך פֿאָר ט י י ל ן פֿון אַן אָרגאַניש־איינהייטלעכן, אומצעטיילבאַרן וועלט־ווירטשאַפֿטלעכן סיסטעם, וואָס יעדער דעפֿעקט און שטערונג אין איין טייל, מוז האָבן אַן איינפֿלוס אויף אַלע איבעריקע.

די ציוויליזאַציע און די טעכניק האָבן דערמעגלעכט, אַז אַלע מענטשן, וואָס לעבן אויף דער ערד זאָלן קאָנען האָבן אַלע זייערע מאַטעריעלע און גייסטיקע הצטרכותן. דער מאַנגל אין עקזיסטענץ מיטלען, וואָס איז אַמאָל געווען אַ באַרעכטיקטע סיבה פֿאַר קאַמף, איז היינט מער נישטאָ. אַלע קענען היינט האָבן גענוג און איבערגענוג.

וואָלט די וועלט־מלוכה געוואָרן אַ פֿאַקט, וואָלט די וועלט דערלייזט געוואָרן. די אַרמייען וואָלטן צעלאָזן געוואָרן, די וואָפֿן וואָלטן ליקווידירט געוואָרן. די צאָל־באַריערעס און די גרעניצן וואָלטן אָפּגעשאַפֿט געוואָרן. עס וואָלטן אונטערגענומען געוואָרן בוי־אַרבעטן פֿון אַ וועלט־מאַסשטאַב. אַרבעטלאָזיקייט וואָלט פֿאַרשוואונדן. אינדוסטריע און האַנדל וואָלטן געבליט און וואוילשטאַנד וואָלט געווען אומעטום. עס וואָלט איינגעשטעלט געוואָרן אַ אינטערנאַציאָנאַלער קאָנטראָל, אַז די פּראָדוקציע און דער פֿאַרברויך זאָלן זיך געפֿינען אין גלייכגעוויכט און עס זאָל נישט קומען צו קיין שטערונגען אין דער וועלט־ווירטשאַפֿט. וואָס העכער עס וואָלט געשטיגן די פּערפֿעקציאָנירונג פֿון די פּראָדוציר־מיטלען, אַלץ נידעריקער וואָלט געוואָרן די אַרבעטס־צייט אאַ״וו.

און דאָס קען זיין! די וועלט־מלוכה טרעפֿט נישט אָן קיין שום שטערונגען אין דעם מענטשנס נאַטור. ב ט ב ע האַסן זיך נישט די מענטשן פֿון פֿאַרשידענע פֿעלקער. דער איצטיקער האַס איז אַ קינסטלעך־באַלעבעטער. פֿון זיך אַליין, נישט אונטערגעהעצט און נישט פּראָוואָצירט, שפּילט דער נאַציאָנאַלער מאָמענט אַבסאָלוט קיין ראָלע נישט ביים אויסאַרבעטן די צווישנמענטשלעכע באַציונגען. דער נאַציאָנאַלער מאָמענט הויבט אָן ווערן אַקטועל דעמאָלט, ווען מ׳מאַכט אים אַקטועל. רייצט מען אים נישט און מען העצט אים נישט, עקזיסטירט ער נישט.

אויסגעלערנט און דערצויגן שלעכטס איז לייכטער צו באַקעמפֿן ווי איינגעבוירן שלעכטס. די וועלט־מלוכה איז גיכער דורכפֿירבאַר, ווי די עקאָנאָמישע אויסגלייכונג פֿון דער געזעלשאַפֿט. דאַרף דאָס לייכטער־

דורכפירבארע אוועקגעשטעלט ווערן אויף א פריערדיקן פלאץ, ווי דאס שווערער דורכפירבארע, כדי דאס ערשטע זאל קאנען דינען ווי א רעסורס פארן צווייטן.

IV

(וואס די עטישע געמיינשאפטן זאלן פרעדיקן וועגן דעמאקראטיע)

אויסער דעם וואס דעמאקראטיע גיט פרייהייט פון געדאנק, פון געוויסן און פון ווארט, איז דא נאך איין שטארקער ארגומענט, וואס מאכט זיך איינשטעלן נאר פאר דעמאקראטיע, און דאס איז: דער פרייער ווילן פון דער מערהייט, איז די ווירקלעכע לאגע אין וועלכער די געזעלשאפט געפינט זיך. עס קען זיין אז דער ווילן איז א שלעכטער, ער איז אבער — די ווירקלעכקייט, אזעלכע זיינען די מענטשן און זיי האבן דאס רעכט צו זיין דאס און אזוי ווי זיי זיינען. זיי זיינען די געזעלשאפט, זיי זיינען די מענטשהייט און צו זיי געהער דאס לעבן. אויב די מאסן זיינען נאריש און שלעכט, האט מען א ברירה זיי צו מאכן קלוג און גוט, וועט זיין א גוטע און א קלוגע מענטשהייט. די פראגע פון א גוטער און קלוגער געזעלשאפט, איז נישט קיין פראגע פון גוטע און קלוגע פירער, נאר פון גוטע און קלוגע מאסן. דער עיקר איז שטענדיק פארבעסערן די מאסן און מיט קיין גוואלטמיטלען קען מען די מאסן נישט פארבעסערן. צווינגען און צווינגען הייסט נישט פארבעסערן.

די דיקטאטארישע רעזשימען דערציען נישט די מענטשן, נאר פארגוואלטיקן זיי. אונטער די דאזיקע רעזשימען דענקען נישט די מענטשן, נאר זיי פאלגן. די צוואנג־מלוכה איז דער באלעבאס איבערן געדאנק פון איר בירגער. די בירגער דענקען אויף באפעל. זיי ווערן דערצויגן אין געדאנקלעכער שקלאפעריי און זיי פארלירן די פעיקייט פון זעלבסטשטענדיקן דענקען. זייער פרייער בליק אויף זאכן ווערט פארדארבן און זייער אייגענער קריטעריום ווערט אטראפירט. זיי געוואוינען זיך צו צו טראכטן מיטן קאפ פון שטאט און זיינען מער נישט פעיק צו זען די זאכן זעלבסטשטענדיק. אלץ וואס די מלוכה זאגט זיי, זעען זיי אין דעם איין די העכסטע חכמה און קענען שוין מער נישט זען ווי די זאכן קענען זיין אנדערש. ווען מ׳זאל שוין אפילו דערלאזן, אז דאס מאטעריעלע לעבן פון די ברייטע שיכטן איז אונטערן דאזיקן רעזשים בעסער ווי אונטער א דעמאקראטישן רעזשים, באצאלן זיי אבער דערפאר א צו טייערן פרייז. זיי פארלירן זייערע גייסטיקע אומאפהענגיקייט; מען

נעמט ביי זיי צו דאָס רעכט צו האָבן אַן אייגענעם „קאָפּ". זיי מוזן זייער „קאָפּ" אָפּגעבן דעם שטאַט און אַליין זיך פאַרוואַנדלען אין גע־האָרכזאַמע, פאָלגנדיקע גולמס. דאָס מיינט אַז פאַרן מאַטעריעלן וואויל־זיין וואָס די מלוכה גאַראַנטירט די בירגער אונטערן דאָזיקן רעזשים, מאַכט זי זיי פאַר אוים מענטשן, נאָר פאַרוואַנדלט זיי אין ראָבאָטס...

דאָס געוואוינען מענטשן צו פרייען און זעלבסטשטענדיקן דענקען איז פאַר זיי אַזוי וויכטיק, ווי דאָס שאַפן פאַר זיי מאַטעריעלן וואויל־שטאַנד. אָט אין דעם איז דאָס פּראָבלעם פון דער דעמאָקראַטיע: מאַכן די מענטשן פאַר אינערלעך פרייע און זעלבסטשטענדיקע. דאָס פּראָבלעם פון דעמאָקראַטיע איז: ווי אַזוי באַפרייט מען דאָס פאָלק פון זיין אינער־לעכער שקלאַפערייַ; ווי אַזוי שלאָגט מען אַרוים ביים פאָלק זיין שקלאַפן־נשמה און מען זעצט אים אַריין אַ נשמה פון אַ פרייען מענטשן. די פריערדיקע דעמאָקראַטן האָבן געמיינט, אַז באַגרעניצטע גרופּעס הער־שער נעמען, אויף כוח, צו די פרייהייט פון פרייע מאַסן. זיי האָבן גע־מיינט, אַז טיראַנען, דיקטאַטאָרן און אַליינהערשער פאַרשקלאַפן דאָס פאָלק. בכן, איז זייער עצה געווען דאָס פאָלק איין מאָל צו באַפרייען פון זיינע באַהערשער און באַדריקער און עס וועט שוין אויף שטענדיק זיין פריי. מיר, היינט, ווייסן, אַז ניט באַגרעניצטע גרופּעס הערשער נעמען אויף כוח צו די פרייהייט ביים פרייען פאָלק, נאָר דאָס שקלאַפישע פאָלק דערהויבט איבער זיך גרופּעס הערשער. דאָס פאָלק טראָגט די שקלאַפ־הייט אין זיך. ניט די גוואַלט־הערשער פאַרקנעכטן די מאַסן, נאָר די קנעכטישע מאַסן קרוינען די גוואַלט־הערשער. דעם, וואָס איז נאָר פאַר־קנעכטעט אויסערלעך, איז ניט שווער צו באַפרייען. שווער איז צו באַ־פרייען דעם, וואָס איז אינערלעך אַ שקלאַף.

דאָס פאָלק דאַרף מען פּערמאַנענט און אָנהאַלטנדיק באַפרייען. באַ־פרייען, ניט פון קיין אויסערלעכער פאַרגוואַלטיקונג, נאָר פון דער הכנעה און שפלות, וואָס עס טראָגט אין זיך. ווען די מענטשן וועלן ווערן אי־נערלעך פריי, וועט די אויסערלעכע פרייהייט זיין אַ זעלבסטפאַרשטענד־לעכקייט, אַ נויטווענדיקייט, וואָס אַנדערש וועט עס גאָרנישט קאָנען זיין.

אויב ס'איז איצט אַ שלעכטע דעמאָקראַטיע, איז דאָס דערפאַר, וואָס ס'זיינען שלעכטע מענטשן. ווען די מענטשן וועלן ווערן בעסער, וועט די דעמאָקראַטיע ווערן בעסער. דאָס פּראָבלעם איז: ווי אַזוי מאַכט מען בעסער די מענטשן. צו וואָס פאַר אַ געביט פון לעבן מען זאָל זיך ניט צורירן, וועלן מיר זיך שטענדיק אָנטרעפן מיט איין און דעם זעלבן פּראָב־לעם: מיטן מ ע נ ט ש - פּראָבלעם. הייסט עס, אַז מיר האָבן פאַר זיך איין איינציקע אויפגאַבע: בעסער מאַכן דעם מענטשן.

כדי עס זאָל אַמאָל קענען זיין אַ גוטע דעמאָקראַטיע, מוז פריער זיין אַ שלעכטע דעמאָקראַטיע. אויב מירן זיך שוין אנטוישן אין דער פאָלקס־הערשאַפט און איינשטעלן איבערן פאָלק אַן אויבערהערשאַפט, וועט די מענטשהייט זיין פאַרמשפט צו אייביקער אונטערוואַרפנקייט און וועט שטענדיק זיין אָפּהענגיק פון כלערליי „שטאַרקע הענט" און „געוואַגטע מענער". אויב מיר וועלן דאָס פאָלק נאָך זיינע ערשטע פעלערן נישט צולאָזן צו ווייטערדיקער פּראַקטיק, וועט עס קיינמאָל נישט קענען. מ'מוז דער מאַסע לאָזן טאָן ווי זי טוט, און ביי דער „אַרבעט" איר לערנען. די מאַסע דאַרף לערנען פון אירע באַגאַנגענע פעלערן. מען קען נישט טאָן קיין גרעסערן שאָדן דער מאַסע, ווי דעמאָלט, ווען מ'וויל איר אויף כוח צווינגען צו זיין גוט.

די וואָס האַסן דער מאַסע, ווייזן אָן אויף אירע פעלערן און שוואַכ־קייטן, כדי צו מאַכן דעם אויספיר: די מאַסע איז פעלערהאַפט און מ'מוז איבער איר הערשן. די, וואָס ליבן דער מאַסע, ווייזן אָן אויף אירע פע־לערן און שוואַכקייטן, כדי צו מאַכן דעם אויספיר: די מאַסע איז פעלער־האַפט און מ'מוז איר אויסבעסערן. די ביז־איצטיקע דעמאָקראַטיע האָט לחלוטין גאָרנישט געטאָן פאַר דער אמתער און אינערלעכער אויסבעסע־רונג פון די מאַסן, אָט אין וואָס עס איז באַשטאַנען איר הויפּט־פעלער. די צוקונפטיקע דעמאָקראַטיע וועט דעם דאָזיקן הויפּט־פעלער דאַרפן פאַרריכטן.

V

(וואָס די עטישע געמיינשאַפטן זאָלן פּרעדיקן וועגן דער וויסנשאַפט)

דער איצטיקער בליק אויף וויסנשאַפט און די אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען צוליב דעם צוועק אויפגעשטעלט, אנטשפּרעכן לחלוטין נישט די באַדערפענישן, וואָס דער מענטש פילט פאַרן וויסן. דער הייַנטיקער צו־גאַנג צו די וויסנשאַפטן, איז נישט ווי צו וויסן לשם וויסן; וויסן, דער־פאַר, וואָס מיר פילן אַ גייסטיקע באַדערפעניש דערפאַר, נאָר דער היינ־טיקער צוגאַנג צו די וויסנשאַפטן איז ווי צו אינסטרוקציע. היינט עקזיסטירט וויסנשאַפט צוליב „פּראַקטישע" צוועקן.

דעם דאָזיקן פעלער דאַרפן מיר דורכויס פאַרריכטן. מיר דאַרפן ארויפפירן די וויסנשאַפטן אויף זייער ריכטיקן וועג. די וויסנשאַפטן זיינען ציל און צוועק אָנפאַרזיך, דאָס מיינט, אַז דער בלויזער פאַקט פון וויסן

און פאַרשן און זיך באַהעפטן מיטן אמת, דאָס איז שוין דער שכר. די מאַטעריעלע נוצן, וואָס פאַלגן במילא אַרויס פונעם וויסן, דאָס דאַרף שטיין אויפן צווייטן פּלאַץ. אויפן ערשטן פּלאַץ דאַרף שטיין דער וויסן גופא, ווי אונדזערע א נשמה־נויטווענדיקייט. מיר פילן אַן אונדזער לעבן מיט וויסנשאַפט, ווייל מיר זיינען מענטשן און ווי אַזעלכע איז וויסנשאַפט אונדזער גייסטיק ברויט. אויך: וויסנשאַפט איז נשמה־קולטיוו, און דאָס איז אַן אומדירעקטער וועג צו אַ גערעכט סאָציאַל לעבן. אונדזער אויפגאַבע בנוגע דער וויסנשאַפט איז איר צו באַווערטיקן, ד"ה איר אומקערן צו איר מאָראַלישן שורש.

ווען מיר זעען אַזוי די וויסנשאַפטן, זעען מיר דעמאָלט דעם שלעכטן אוועקשטעל פון די וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס היינט צו טאָג. די היינטיקע לערן־אַנשטאַלטן זיינען אוועקגעשטעלט לויט דעם צוגאַנג צו וויסנשאַפט ווי צו אַ מיטל, נישט ווי צו קיין ציל. די עלטער וואָס איז היינט באַשטימט אַלס לערן־צייט, פאַלט אויס אין דעם יעניקן פעריאָד ווען דער מענטש איז נאָך לחלוטין נישט רייף צו לערנען. דער מענטש דאַרף אָנהויבן לערנען, ווען ער ווערט רייף. היינט דאַרף מען שוין אין רייפן עלטער ענדיקן דאָס לערנען און אַריינטרעטן אין לעבן.

וויסנשאַפט דאַרף ווערן אַ באַשטאַנדטייל פון אונדזער לעבן. מיר דאַרפן אַזוי לאַנג לערנען און אַזוי זיך לאַנג ווידמענען די וויסנשאַפטן, ווי לאַנג מיר לעבן. אונדזער קינדהייט און יוגנט, קענען מיר אויסנוצן אויף צוגרייטן זיך צו דער אייגנטלעכער רייפער התחלה פון אָנהויבן לערנען. דער ים פון וויסן איז אַזוי ברייט און טיף, אַז נישט נאָר דאַרף עס צונעמען אונדזער ווייניק ביסל יאָרן אויף אים דורכצושווימען, נאָר, ווען מיר וואָלטן אפילו געלעבט צען מאָל אַזוי פיל, וואָלטן מיר אויך געהאַט וואָס צו וויסן און צו לערנען. וויסנשאַפט פאַרשאַפט דאָך אונדז אַזוי פיל טייערן פאַרגעניגן; וויסנשאַפט פילט דאָך אַן אונדזער לעבן מיט אַזויפיל ליכטיקע פרייד, וויסנשאַפט איז דאָך אַן אומדערשעפּלעכער קוואַל פון גליק. איז פאַרוואָסזשע זאָלן מיר פון דעם דאָזיקן קוואַל נישט טרינקען אייביק און שטענדיק, אַזוי לאַנג ווי מיר לעבן?

ווען מאַטעריעלער יאַגד איז דער הויפּט ציל אין לעבן; ווען געלט דעראָבערונג איז דער דאָמינירנדיקער מאָמענט אַזוי גוט אינעם לעבן פון יחידים ווי פון געמיינשאַפטן, איז וויסנשאַפט נישט מער ווי אַ אינסטרומענט, כדי בעסער צו קענען נאָכקומען עגאָיסטישע צילן. אַזוי גוט דער צוגאַנג צו די וויסנשאַפטן ווי די צוועקן וועלכע זי פאַרפאָלגט, איז היינט צו טאָג, אַ מאַטעריאַליסטישער. און דאָס איז אַ פעלער.

עס זיינען דאָ אַזויפיל וואונדערבאַרע וויסנשאַפטן, וואָס זיי ווי גע־

העריק צו דערלערנען דאַרף נעמען אַ לעבן לאַנג. וואָס ווייסן פון זיי די איצטיקע „קולטור־מענטשן"? עס זיינען פאַראַן איינצלנע געלערנטע וואָס ווייסן. וואָס ווייסן אָבער פון זיי די ברייטע מאַסן? — גאָרנישט! די גרויסע און ברייטע מאַסן לעבן אָפּ אַלע זייערע יאָרן אין דער לעצטער אומוויסנדיקייט, נישט האָבנדיק אפילו קיין באַגריף וועגן דעם אַלעמען, וואָס עס איז דאָ צו וויסן. איז עס נישט אַ שפּאָט אָנצורופן אַזאַ צייט „קולטור־צייט"! און אפילו די וואָס האָבן שוין יאָ אין זייער יוגנט געענדיקט שולן, וואָס ווייסן זיי פון די וויסנשאַפטן? גאָרנישט!

דאָך „וויס" הייסט דאָס פאָלק פון אַלץ. דאָס פאָלק איז היינט פון אַלץ אינפאָרמירט. אַלץ „פאַרשטייט עס", אַלץ „באַנעמט" עס און אויף אַלץ וואָלט עס געוואָלט אימפּאָנירן זיין מיינונג. די שול וואו דאָס פאָלק לערנט זיין אַלוויסן איז — די צייטונג. די צייטונג דאָס איז די אַלוויסנשאַפטלעכע הויכשול. פון דער דאָזיקער הויכשול דעראָבערט די מאַסע עלאָקווענץ און געלערזאַמקייט...

אָנשטאָט דעם וואָס מאַסן־בילדונג זאָל הייסן אַ כסדרדיק און אָנהאַלטנדיק שטודירן און לערנען, וועלכעס זאָל זיין סיסטעמאַטיש, בהדרגה־דיק, עכט, טיף, אמת, ערנסט, הייסט גאָר מאַסן־בילדונג — איגנאָראַנטישע קולטור־פּלאַפּלעריי. דער גייסט פונעם איצטיקן כלל־מענטש איז אַזוי פאַרפּלאָנטעט, אַז ער גיט זיך אפילו נישט אָפּ קיין חשבון פון זיין אומוויסנדיקייט. נאָכמער, ער וויל זיך גאָר קיין חשבון דערפון נישט אָפּגעבן און נישט ער האָט אַן ערנסטע באַציונג צו וויסן.

צו אמתן וויסן און צו אמתער בילדונג דאַרף מען ערשט קומען. אמתן וויסן און אמתע בילדונג קען מען זיך איינשאַפן נאָר דעמאָלט ווען מ'גיט אָפּ דאָס גאַנצע לעבן צו אַ פאָרזיכטיקן שטודירן אונטער דער אויפזיכט פון באַרופענע לערער.

אָט מיט אַזאַ נייעם קוק אויף בילדונג און וויסן דאַרפן די מענטשן דורכגעדרונגען ווערן. עס דאַרף געפּרעדיקט ווערן צו גרינדן לעבנסלענגלעכע אַקאַדעמיעס. די שול־צייט דאַרף זיך אָנהויבן מיט אונדזער רייפן עלטער און דויערן אַזוי לאַנג ווי עס דויערט אונדזער לעבן. דער מענטש דאַרף קענען און וויסן אַלץ וואָס עס איז נאָר דאָ צו וויסן וועגן דער וועלט און וועגן מענטש. אָפּלעבן אַ לעבן און נישט וויסן, וואָס עס איז וועלט, וואָס עס איז מענטש און אוועקשטאַרבן אַן אומוויסנדיקער, מיט וואָס איז אַזאַ לעבן אַנדערש, ווי דאָס לעבן פון דער בהמה? וויסן און פאַרשטיין הייסט דאָך מענטשלעכקייט; אָן וויסן און אָן פאַרשטיין, איז נישטאָ קיין מענטש, נאָר אַ צוויי פיסיקער אַנימאַל, טאָ ווי־זשע קענען מיר מסכים זיין אָפּצולעבן אַזאַ אַ וועלט וואו עס איז דאָ אַזויפיל צו וויסן און צו פאַר־

שטיין און דאָך זאָל מען דערפון גאָרנישט וויסן און גאָרנישט פאַרשטיין!

לערנען דאַרף ווערן אַ לעבנס־לענגלעכע אויפגאַבע פאַר אַלע מענטשן. מיר דאַרפן אַזוי לאַנג לערנען ווי לאַנג מיר לעבן. לערנען דאַרף ווערן אונדזערער אַ לעבנסציל, נישט קיין לעבנסמיטל. וויסן איז דער יסוד פון אונדזער מענטשלעכקייט, וואָס מער וויסן, אַלץ מער מענטש. דאַרפן מיר, בכן, אונדזער לעבן אַזוי איינאָרדענען, אַז מיר זאָלן וואָס מער זיך קענען ווידמענען דערדאָזיקער מענטשלעכער פונקציע.

דער היינטיקער לערן־אופן איז פאַלש אוועקגעשטעלט. אונדזער קינדהייט און פריסטע יוגנט, וואָס מאַכט היינט אויס די לערנצייט, איז בשום אופן נישט מסוגל אויפצונעמען דאָס וואָס מ׳רופט אָן וויסנשאַפט. די קינדער און די יוגנטלעכע, פאַרשטייען לחלוטין גאָרנישט פון דעם וואָס זיי לערנען. זיי זאָגן נאָך ווי אויטאָמאַטן. אין פלוג ווייזט אויס, אַז זיי פאַרשטייען יאָ, וואָס זיי לערנען, אָבער דערדאָזיקער „פאַרשטיין״ לגבי דעם רייפן פאַרשטיין, איז אַלציינס ווי דער פאַרשטאַנד פון אַ קינד לגבי דעם פאַרשטאַנד פון אַ געלערנטן. ווי אַזוי קען מען פאָדערן, אַז יינגלעך זאָלן עפּעס פאַרשטיין אין אַזעלכע ענינים, וואָס מען דאַרף צו זיי האָבן די גאַנצע רייפקייט פון אינטעלעקט און גייסט. די קינדערשע און יוגנטלעכע מענטאַליטעט, איז נישט קאַפּאַבל צו פאַרשטיין ווי געהעריק קיין שום ענין. די מענטאַליטעט פון דער קינדהייט און יינגל־צייט, צייכנט זיך אויס בלויז מיט זכרון. דאָס אַריינגעלייגטע אינעם פרישן און פלעקסיבלען זכרון פון דער יוגנט, געדענקט מען אויפן גאַנצן לעבן. זכרון מיינט דאָך אָבער נישט פאַרשטיין. עס מאַכט זיך אָפט, וואָס ווען מיר נעמען דורכלאָזן דורך דעם רייפן געדאַנק אַ געוויסן ענין וואָס מיר דערמאָנען זיך פון די שול־יאָרן און מיר ווערן איבעראַשט פון דער יוגנטלעכער אומפאַרשטאַנדיקייט וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט, ווען מיר האָבן דעם נעגעבענעם ענין איינגעקריצט אין אונדזער זכרון. מיר הויבן דאַן ווי געהעריק אָן צו פאַרשטיין די רייד פונעם לערער אין צוזאַמענהאַנג מיטן דאָזיקן ענין. און, אַמאָל, פאַרקערט, זעען מיר ווי נאַריש דער לערער איז געווען מיט זיינע דערקלערונגען, דער עיקר: ווען מיר לערנען אין רייפן עלטער נאָכאַמאָל דאָס, וואָס מיר האָבן אין דער קינדהייט געלערנט, ווייזט זיך אונדז אויס, אַז מיר האָבן פאַר זיך גאָר אינגאַנצן נייע ענינים, כאָטש די זאַצן און די פאָרמולן קענען מיר אויף אויסנווייניק. מיר בלייבן פאַרוואונדערט, ווי האָבן מיר אַמאָל גאָר געקענט מיינען, אַז מיר פאַרשטייען, וואָס מיר זאָגן און דער לערער האָט אויך געזאָגט, אַז מיר פאַרשטייען אויסגעצייכנט, ווען אינדערעמתן האָבן מיר אַזוי ווייניק פאַרשטאַנען.

איז אָט דעמדאָזיקן פריסטן, אומרייפן עלטער, האָט מען עס באַ־

שטימט פאַר דער לערן־צייט אונדזערער און מען וויל, אַז דאָס וואָס דאָס קינד אָדער יינגל לערנט זיך אויס פון די ביכלעך, דאָס זאָל זיין זיין וויסן־אוצר פאַר זיין גאַנץ לעבן!

מיר דאַרפן די קינדהייט אויסנוצן אויף דעם, צו וואָס זי קען אונדז אַמבעסטן דינען. דהיינו: קודם, וואָס מער ידיעות אַריינלייגן אין זכרון. וואָס מער דירעקט זיך באַקענען, דורך די חושים, מיט די פאַרשידנסטע קעגנשטאַנדן און וויסן ווי יעדער זאַך רופט זיך; וואָס מער טעכנישע אינ־פאָרמאַציע פון קאָנקרעטן באַדייט. דאָס אַלץ, וואָס ווערט איינגעקריצט אין זכרון און פאָדערט נישט קיין פאַרשטאַנד. דאָס וואָלט געהייסן, אַז מיר גיבן דער פּערזאָן אין איר יוגנט די געהעריקע אינסטרומענטן, מיט וועלכע זי וועט זיך דאַרפן באַנוצן שפּעטער, ווען זי וועט אַ רייפע און אַנטוויקלטע אָנהויבן לערנען; דאָס וואָלט געהייסן אַז מיר גרייטן צו דעם מענטשן צו זיין שטודיום־צייט, וואָס דאַרף זיך אָנהויבן אינעם מיטעלן עלטער און דויערן דאָס גאַנצע לעבן, זיך ענדיקנדיק דעמאָלט, ווען עס ענ־דיקן זיך אונזערע טעג. דאָס, וואָס שייך דער אינסטרוקטיווער זייט. וואָס איז שייך דער דערציערישער זייט, האָט די פּריסטע שול באַדאַרפט זיין דורכוים געווידמעט דער גוטער אַנטוויקלונג פון גוף און פון דער נשמה. אויב די רייף־ווערונג פון אונדזער אינטעלעקט הויבט זיך אָן אין מיטעלן עלטער, איז אונדזער נשמה שוין גלייך רייף צו פילן, ווען מיר זיינען נאָך זוויג־קינדער. די קינדהייט, ווען זי וואָלט געקריגן וואָס זי דאַרף, סיי קערפּערלעך, סיי גייסטיק, וואָלט זי זיך ווירקלעך פאַרוואַנדלט אין דער בעסטער צייט פון אונדזער לעבן. ווען נאָך זיינען מיר פול מיט אַזויפיל צאַרטקייט און פילבאַרקייט ווי אין אונדזער יוגנט; ווען נאָך האָבן מיר אַזויפיל העלע חלומות, פאַנטאַזיעס און טרוימען ווי אין יוגנט־לעבן עלטער. דאָס אַלץ פאַרענטפערן און אַנטשפּרעכן, אַנטוויקלען און אַרויסברענגען; אַנטוויקלען און אַרויסברענגען די אינעווייניקסטע צאַרטע און פרישע שטראָמעלעך פון נשמה־ענערגיע — דאָס האָט באַדאַרפט זיין די הויפּט־אויפגאַבע פון דער פּריסטער שול. אַנטוויקלען אונדזערע גוטע געפילן; פאַרוויגן אונדזערע קינדערשע הערצלעך מיט די שענסטע מעשה־לעך פון קעגנזייטיקער ליבע, פון עטישן הערואיזם, פון מסירת נפש פאַרן חבר; פון אָפּגעבן דאָס אייגענע לעבן פאַרן אַלגעמיינעם וואוילזיין. פון שטאַרקן אומדערשראָקענעם ווילן אין דער דורכפירונג פון גוטס; פאַרוויגן אונדז מיט די שענסטע לידער; לאָזן אַריינדרינגען אין אונדז אַלע פּאָע־טישע שיינקייטן און צאַרטקייטן — פון בילד, וואָרט און קלאַנג. — גוטס־קייט און שיינקייט. אַלץ וואָס אַנטהאַלט אין זיך פון דידאַקטיקע צוויי מהותן און וואָס רייצט און וועקט דידאַקטיקע געפילן ביים קינד אָדער יינגל,

דאָס האָט באַדאַרפט זיין דער ווייט־גרעסטער טייל פונעם פּראָגראַם פון דער פּריסטער שול. ערשט נאָכדעם, ביי אַ רייף־געוואָרענעם שכל און גייסט זאָל מען זיך נעמען צו די וויסנשאַפטן, וועלכע מיר זאָלן זיך ווידמענען אַלע יאָרן.

אויפן געביט פון איצטיקן בילדונגס־סדר דאַרף דורכגעפירט ווערן אַן אמתע רעוואָלוציע, אַ רעוואָלוציע, וועלכע זאָל אין תוך איבעראַנדערשן דעם ביז איצטיקן אוועקשטעל פון די שולן און לערנאַנשטאַלטן. אַנשטאָט דעם, וואָס איצט, הויבט זיך אָן די לערנצייט אין דער פּריסטער קינדהייט און ענדיקט זיך אין רייפן עלטער, דאַרף זיך די אייגנטלעכע לערנצייט אָנהויבן פון רייפן עלטער אָן און ווייטער. געלערנטע וואָס האַלטן זייער גאַנץ לעבן אין איין שטודירן, ענדיקן דערמיט, אַז זיי וואָלטן באַדאַרפט נאָך אַ פּאָר לעבנס, אום כדי ווי געהעריק עפּעס צו וויסן. איז פאַרוואָס זאָל מען דידאָזיקע מאָס פון וויסן נישט מאַכן פאַר דער אַלגעמיינער מאָס. פּונקט ווי גאָר אַמאָל איז דאָס שרייבן און לייענען געווען אַ זאַך פאַר אויסדערוויילטע און היינט איז דאָס די עלעמענטאַרסטע באַדערפעניש פון יעדן איינעם, אַזוי דאַרף עס אויך זיין מיט וויסן און געלערנזאַמקייט. דאָס וואָס איז היינט די עובדה פון פּראָפעסאָרן און וויסנשאַפטלער, דאַרף ווערן די עובדה פון אַלע מענטשן. זיינען דען די לעצטע נידעריקערע באַשעפענישן ווי די ערשטע? פאַרוואָס זאָל וויסנשאַפט איינשטיין אין די הענט פון געציילטע און נישט אין די הענט פון אַלע מענטשן?!

אַ מענטשהייט פון בלויז געלערנטע! — אָט דאָס איז אַ קולטור מאָס. יעדער וואָלט זיך געווידמעט צו דעם געביט, וואָס וואָלט מער אַנטשפּראָכן זיינע פּערזענלעכע נטיעות. אין אַלגעמיין, אָבער וואָלט יעדער געווען אַ וויסנשאַפטלער און הויך־געבילדעטער מאַן. נישט די „וויסנשאַפט" פון דער פּרעסע, פּאָפּולערע בילדונג וכדומה, וואָס פאַרטומלט דעם קאָפּ און צעמישט די געדאַנקען, פאַרשפּרייטנדיק „קולטורעלע עם־ארצות" צווישן די מענטשן און מאַכנדיק זיי מיינען, אַז זיי ווייסן טאַקע עפּעס; ניין! נישט דעמדאָזיקן שעדלעכן, זעלבסטגענאַרערישן סאָרט וויסן, נאָר אמתן, טיפן, ערנסטן וויסן, אָט ווי עס ווייסן וויסנשאַפטלער, וואָס האַלטן זייער גאַנץ לעבן אין איין פאָרשן און שטודירן — וואָלטן מיר דאָן געוואָוסט. יעדער מענטש און די גאַנצע מענטשהייט, דאַרף שטרעבן אַזויפיל צו וויסן און אויף אַזאַ גרינטלעכן אופן צו וויסן, וויפל עס ווייסן די גרעסטע געלערנטע. וואָרום פאַרוואָס זאָלן נאָר איינצלנע זיין אויסנאַמען און נישט די גאַנצע מענטשהייט. קענען דען אַלע מענטשן דערצו נישט דערגרייכן? איז דען די וויסנשאַפט נישט פאַר אַלע גלייך?...

ביי אַזאַ מצב וואָלט וויסנשאַפט אויפגעהערט צו זיין טרוקענע אינ־

פּאַרמאַציע און קאַריעריסטישע אינסטרוקציע, נאָר וויסנשאַפט וואָלט גע־גאַנגען האַנט אין האַנט מיט אונדזער עטישן און עסטעטישן געפיל־לעבן. וויסנשאַפט וואָלט דאַן אַרויסגעפּלאָסן און אַריינגעפלאָסן אין אונדזערע אינטימסטע נשמה־קוואַלן. וויסנשאַפט וואָלט דאַן געווען פרייד און גענוס און לעבנס־לוסט. דעמאָלט וואָלט פאַרגעקומען אַ פאַרשמעלצונג פון וויסנ־שאַפט מיט קונסט. וויסנשאַפט און קונסט וואָלטן זיך סינטעטיש צונויפ־געגאָסן און לערנען וואָלט דאַן געמיינט, נישט בלויז באַרייכערן אונדזער באַוואוסטקייט מיט טרוקענער אינפאָרמאַציע, נאָר וואָלט געהייסן זיך לאָזן בסדר באַווירקן פון אַלץ נייע און נייע באַגייסטערנדיקע מאָמענטן.

VI

(וואָס די עטישע געמיינשאַפטן זאָלן פאָרדערן וועגן קונסט)

אָן קונסט קען מען נישט לעבן, ווי מען קען נישט לעבן אָן ברויט. קונסט זעטיקט דעם הונגער פון אונדזער נשמה. אויב מיר לעבן בלויז פיזיש, לעבן מיר אויף אַ העלפט און דאָס אויף דער ערגערער העלפט. ווען אונדזערע קערפּערלעכע באַדערפעניש זיינען באַפרידיקט, הויבן מיר ערשט דעמאָלט אָן צו פילן דעם גייסטיקן הונגער. שטילן מיר נישט דעם דאָזיקן הונגער, וואָגלען מיר אַרום אין לעבן פוסטע און ליידיקע. לעבן האָט דעמאָלט פאַר אונדז נישט קיין ווערט און קיין זינען. פעסימיזם האָט איין סבה: נישט אויסלעבן זיך גייסטיק. דעמאָלט ווען אַ וועזן לעבט זיך אַלזייטיק אויס, איז מער נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר פעסימיזם. פעסימיזם וואַקסט אַרויס פון דעם בלויז, וואָס עס ליגט צווישן דער אינערלעכקייט און דער אויסערלעכקייט, וואָס אַנשטאָפּערעכט נישט.

אין אונדז שפּרודלט אַ פילקאָלירנדיק לעבן, וואָס ביי דער גאַנצער פאַרשיידנקייט פון די איינצל־מאָמענטן און אָפּגעגרעניצטע געמיט־צוי־שטאַנדן, שטעלט עס דאָך מיט זיך פאַר איינהייטלעכקייט. מעג עס זיין פרייד אָדער טרויער, מעג עס זיין בענקשאַפט אָדער באַגייסטערונג, מעג עס זיין העראָיזם אָדער מענטשן־ליבע — אַלץ איז קונסט. פאַרשידן זיי־נען דאָ בלויז די רעגיסטערן פון עמאָציאָנעלער קראַפט, פאַרשידן בלויז די טענער. די מעלאָדיע אָבער איז אומעטום די זעלבע — דאָס איז די מעלאָדיע פון אונדזער נשמה.

מיטן לויף פון די צייטן האָבן זיך געענדערט די לבושים פון דער קונסט. קונסט איז אָבער שטענדיק געבליבן. שטענדיק איז געווען אַקטועל די באַדערפעניש צו ליבן, צו פילן פרייד און טרויער, זיך צו באַגייסטערן,

צו לאָזן פליסן די עמאָציעס פון צאַרטקייט, ליריזם, בענקשאַפט אא"וו. אַלע שיינקייטן, וואָס האָבן זיך דעמאָנסטרירט אין דער געשיכטע, אין אַלע צייטן און אין אַלע תקופות, דאַרף מען אַנטבלויזן פון זייערע געגעבענע צייט־פאָרמען און די נאַקעטע אינהאַלטן צונויפשמעלצן מיט דעם מאָדער־נעם לעבנס־אויסזען. מיר קולטיווירן צאַרט־זיידענעם אידעאַליזם, פיינע גרויסמוטיקייט און העל־שעמערירנדיק שיין־לעבן. מיר וועקן דעם געפיל פאַר נאַטור־שיינקייט און מענטש־שיינקייט. מיר באַזינגען איידעלע און ערלעכע פרויען־נשמות, איידעלע און ערלעכע נשמות פון פיינפילנדע מענטשן. אַלץ, אַלץ, וואָס איז אין תוך, שטענדיק און אייביק, שיין און גוט, דאָס אַלץ איז טעמע פאַר קונסט.

מיר באַזינגען די אַרבעט ווי אַ מאָטיוו פון שאַפן, פון פּראָבטבאַר־קייט, פון זאַטקייט, וואָס גיט וואוילזיין פאַר אַלע, פרידן פאַר אַלע, רחבות פאַר אַלע. די מאַשין איז אַ מאָטיוו פון קראַפט און שטאַרקייט, מיר זעען אין איר געשפּאַנט נאַטור־כוחות, וועלכע וואַרפן זיך אונטער אונדזער ווילן. מיר באַזינגען די מאָדערנע שטעט מיט זייער שיינקייט און שטראַ־מענדיקן רעש. מיר באַזינגען די מאָדערנטע אַקערפעלדער מיט זייערע טראַקטאָרן. מיר באַזינגען פאַבריקן, באַנען, שיפן, עראָפּלאַנען. מיר זינגען לידער פון העראָישע גוטע מעשים. מיר פאַרבינדן די מאַשין און די פאַ־בריק און די טעכניק מיט אונדזער נשמה־זיין. אמת, טעכניק; אמת, אַר־בעט, אָבער אויף דער פאָן פון ליבע, צאַרטקייט, ליריזם, פרייד. אמת, פאַבריקן. פון די פאַבריקן אָבער קען מען גיין לערנען און ליבן. יאָ, ליבן! אידעאַלע פרויענליבע איז אַ באַשטרעב פון אונדזער נשמה, אידעאַלע פרויענליבע איז טוגנט. זי פאַרשאַפט אונדז לויטערן גליק און באַמוטיקט אונדז מאָראַליש. איידעלע פרויענליבע איז פונקט אַזוי ריין און אומשולדיק ווי די ליבע וואָס מיר פילן צו יעדער שיינקייט, ווי די ליבע וואָס מיר פילן צו דער מענטשהייט. עס איז אַ טעות צו פאַרמישן תאווה מיט ליבע. אַזעלכעס קענען נאָר טאָן די יעניקע, וועלכע זיינען אויף קיין אַנדער זאַך ווי תאווה נישט פעיק.

דאָס קינסטלערישע פּראָזע־בוך באַדאַרף זיך קאָנצענטרירן אויפן גע־ביט פון עטישן עראָיזם: קולטיווירן אַ שטאַרקן ווילן פאַר גוטס, כאַראַק־טער־פעסטקייט, מוטיקייט, געוואַגטקייט, אומדערשראָקנקייט און עקשנות אין קאַמף פאַר אַ שיין לעבן. עטישער עראָיזם מיינט, פריער פון אַלץ צו זיין שטאַרקער פאַר זיך אַליין, ד"ה פאַר די אייגענע אַנימאַלע אימפּולסן, מיינט צווימען זיך אַליין קעגן יעדן שלעכטן געפיל, און אַנטשלאָסן און אומדערשראָקן טאָן בלויז דאָס גוטע. העלדישקייט איז דורכצופירן דאָס פאַרגענומענע גוטס אָן וואַקלעגישן און נאָכלעסיקייט; העלדישקייט איז צו

גיין מונטער און דרייסט דעם אַנגעצייכנטן וועג פון גוטס, נישט לאָזנדיק זיך אָראָפּשלאָגן פון קיינע שטערונגען און מכשולים. העלדישקייט איז צו האָבן כסדר און דורכאַנאַנד ווילן און מוט דורכצופירן דאָס אין וועלכעס מען גלויבט און מען איז איבערצייגט. נישט רעכענען זיך מיט קיין פאָר־אורטיילן און איינגעשטעלטע טראַדיציעס, נאָר מיט עקשנות, איינגע־שפּאַרטקייט און אומבאַזיגבאַרן ווילן, דורכפירן דאָס פאַרגענומענע גוטס. זיך נישט אָפּשרעקן פאַר קיין פאַרפאָלגונגען, זיך נישט בויגן אונטער קיין שטראָף, זיך נישט פאַרלירן קעגן פייניקונגען און זיך נישט אָפּשטעלן זאָגאָר פאַר אַ מאַרטירער־טויט, נאָר גיין מיט פעסטע טריט דעם וועג פון גוטס און אמת. באַזיגן אין זיך אַלע שוואַכקייטן, אַלע טונקעלע סענטי־מענטן און זיין ווי מעגלעך, גוט און שטאַרק.

אָט אין דעם גייסט וואָלט באַדאַרפט געשאַפן ווערן די קונסט פון דער צוקונפט. אַלץ וואָס איז שיין און גוט און ערלעך און אמת איז קונסט. די בלויזע ווירקונג פון קונסט, אין וועלכע פאָרמען און לבושים זי זאָל נאָר נישט זיין, איז שוין אַ עטישע. דעם מענטשנס האַרץ איז איין גאַנצע זאַך. אַלץ וואָס רעגט איר פון דער זייט פון שיינקייט, האָט אַ ווירקונג אין דער זייט פון אַ גערעכט לעבן. דער אויטענטישער קינסטלער מוז זיך אויסצייכענען אַזוי גוט מיט אַ מוסטערהאַפט לעבן ווי מיט אַ ליבנדיק האַרץ אין אַלגעמיין.

VII

(וואָס די עטישע געמיינשאַפטן זאָלן פּרעדיקן וועגן דער ציוויליזאַציע)

עס איז נישטאָ קיין סתירה צווישן דאָס אידעאַל־עטישע לעבן און דאָס לעבן אין קערפּערלעכער רחבות און באַקוועמלעכקייט. אַלץ וואָס פאַר־שאַפט דעם מענטשן תענוג און אַנגענעמלעכקייט, אַלע פאַרגעניגנס פון גוף דאַרפן פּראַקטיצירט ווערן. צוזאַמען מיט דעם, אָבער, דאַרף גיין אַ פּרוכט־באַר נשמה־לעבן. דאָס לעבן פון גייסט און דאָס לעבן פון גוט, דאַרפן בילדן איין גאַנצקייט.

נישט נעגירן דאָס קערפּערלעכע און זאָגן, אַז דאָס דאַרף נישט גע־נומען ווערן אין אַכט; אַז עס פּאַסט נישט פאַר דעם מענטשן, דעם „בחיר היצירה”, אַז ער זאָל זיך אָפּגעבן מיט ערדישע ענינים; נישט פּרעדיקן קיין „התפשטות החומר” און קוקן אויפן קערפּערלעכן לעבן אויז זיינע באַ־דערפענישן ווי אויף אַ שפּלע זאַך, נאָר די קולטור פון קערפּער און די קול־טור פון גייסט זאָלן גיין צוזאַמען.

דאָס נעגאַטיווע אין דער איצטיקער ציוויליזאַציע איז נישט אין דעם וואָס זי איז די ציוויליזאַציע פון גוף, נאָר אין דעם, וואָס זי איז די ציוויליזאַציע פון דער ראַציאָנאַלער חיה. נישט די טעכניק איז שלעכט, נאָר דער עגאָאיזם און די רשעות. די טעכניק אַנפאַרזיך שטעלט נישט פאָר קיין שום סתירה צו דעם וואָס מיר רופן „נשמה־לעבן". מיר וואָלטן געקענט פירן דאָס שענסטע נשמה־לעבן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער טעכניק. די טעכנישע ציוויליזאַציע איז בלויז אומדירעקט שולדיק אין דעם אָפּנויג פון דער איצטיקער קולטור אויפן וועג פון אַנימאַליטעט. די טעכנישע ציוויליזאַציע, אַלס בלויזער מיטל צו מאַכן באַקוועם און אָנגענעם אונדזער מאַטעריעל לעבן, שטערט גאָרנישט דערצו, אַז מיר זאָלן קולטיווירן אַלע עכטע גייסט־ווערטן און אַז איבער איר, איבער דער טעכניק, זאָל קומען נשמה־ציוויליזאַציע. פונקט ווי אונדזערע קערפּערלעכע באַדערפענישן זיינען נישט קיין שטער צו אונדזערע גייסטיקע באַדערפענישן, אַזוי איז נישט קיין שטער די קולטור פון קערפּער צו דער קולטור פון גייסט.

פרעדיקן דעם סינטעז צווישן דער ציוויליזאַציע פון גוף און גייסט — דאַרף ווערן אונדזער אויפגאַבע. די מאַשין אַלס אַזעלכע פאַרבינדט זיך אויסגעצייכנט מיט עטישער קולטור. מען דאַרף נאָר אין דער ריכטונג אָריענטירן די וועלט־אַנשויונג. דער באַגריף ציוויליזאַציע דאַרף זיך צו גלייכער צייט אויסשפּרייטן אויף קערפּער און גייסט. מען דאַרף איינזען אַזויפיל נאַטירלעכע נויטווענדיקייט אין דעם לעבן מיט טוגנט, שיינקייט און וויסן, וויפל נאַטירלעכע נויטווענדיקייט מען זעט אין דעם לעבן מיט רחבות און באַקוועמלעכקייט. דער מענטש איז וועזנטלעך אַ סינטעז פון די דאָזיקע צוויי מאָמענטן, און זיין לעבן דאַרף זיין אַן אויסדרוק דערפון. פון איין זייט דאַרף גיין אינעם מענטשלעכן לעבן ליבע צום מיטמענטש, קונסט און וויסנשאַפט — נשמה־גליק און נשמה־פרייד, און פון דער צווייטער זייט — טעכניק און מעכאַניק, צו פּראָדוצירן פיזישע באַקוועמלעכקייט און געניוס פאַרן מענטשן.

אין דער רייכקייט און רחבות פון מאַטעריעלן לעבן איז נישטאָ קיין שלעכטס. פאַרקערט, קאָמפאָרט און באַקוועמלעכקייט מאַכן אָנגענעם דאָס לעבן און מאַכן געניסן. אָבער בלויז באַפרידיקונג פון די מאַטעריעלע באַדערפענישן, בלויז פיזישער און זינלעכער תענוג איז נישט געַנוג — באַפרידיקט נישט געַנוג, ברענגט נישט קיין גליק און קיין פרייד. פרייד פול ווערט דאָס מענטשלעכע לעבן דעמאָלט, ווען צוזאַמען מיט דער קערפּערלעכער רחבות קומט אַן פיין נשמה־לעבן, אַ לעבן מיט ליבע און שיינקייט.

נאָר צוליב דעם וואָס אונדזער איצטיק לעבן איז אָריענטירט בלויז צו דאָס מאַטעריעלע, האָבן זיך אימפּאָנירט אונדזערע אַנימאַלע ליידנ־

שאפֿן און מיר האָבן זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ געזעלשאַפֿט פֿון חיות רעות. וואָלט האַנט אין האַנט מיט דער מאַטעריעלער ציוויליזאַציע געגאַנגען אַ ציוויליזאַציע פֿון גייסט. פֿון איין זייט וואָלטן מיר געגאַנגען פֿון די גוטס־קייטן פֿון אַ נשמה־לעבן; מענטשן וואָלטן זיך פֿאַרברידערט און דערנענטערט; מענטשן וואָלטן זיך געוואָלט און באַגערט; מענטשן וואָלטן געווען ערלעך און טוגנטהאַפֿט; מיר וואָלטן קולטיווירט די ריינסטע און איידעלסטע קונסטן, מיר וואָלטן שטודירט און געפֿאָרשט און געלערנט — וואָלט דאָס אַלץ געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט דער מאַטעריעלער ציוויליזאַציע, וואָלט דעמאָלט דאָס מאַטעריעלע נישט געוועקט די זאָאָישע געפֿילן, נאָר וואָלט געווען אַ טייל פֿון אונדזער אייביק גליקלעך און פֿלייסיק לעבן.

נישט אין דער גראַנדיעזקייט און קאָלאָסאַלקייט פֿון דער טעכניק, נישט אין די גיגאַנטישע מאַשינען, נישט אין דער אומגעהויערער צאָל באַנען, שיפֿן, עראָפּלאַנען, ראַדיאָ, טעלעפֿאָן, טעלעגראַף, טעלעוויזיע און אַזוי ווייטער א״וו מעכאַניזמען וואָס פֿילן אָן די ערד — איז די אמתע ציוויליזאַציע. די אמתע ציוויליזאַציע וועט זיין דעמאָלט, ווען דער מענטש וועט זיין מאָראַליש גרויס. נישט אין די וואונדערפֿולע און קאָמפּליצירטע מעכאַנישע געמאַכן איז אמתע קולטור. אמתע קולטור איז אין אַ גוט און שטאַרק אינערלעך לעבן. נישט אין לוקסוס־סאַלאָנען און לוקסוס־האָטעלן, נישט אין קאָסטבאַרע אויטאָמאָבילן און געצאַצקעטע ראַדיאָ־קעסטלעך, אויך נישט אין די קערפּערלעכע רעגונגען און „אינסטינקטן״־באַפֿרידיקונג איז לעבנס־גליק און לעבנס־פֿרייד; לעבנס־גליק און לעבנס־פֿרייד איז אין אַ גייסטרייך און ערלעך לעבן.

די בעסטע מאָס אויף צו מעסטן דעם גייסט פֿון אַ צייט, איז צו זען, וואָס פֿאַראַ אילוזיעס מען האָט אין איר, וועגן וואָס טרוימט די מענטשהייט אין דער געגעבענער צייט. ווען מיר ווייסן וועגן וואָס איינער טרוימט, ווייסן מיר צו וואָס ער שטרעבט און וואָס ער באַגערט מיט אַן אמת. אין פֿאַריקן יאָרהונדערט, אַז מען האָט געטרוימט וועגן דער הויך־ציוויליזירטער צוקונפֿט, האָט מען געזען די מענטשן פֿאַרברידערט. מען האָט געזען די מענטשן לעבן אין ליבע און פֿריינטשאַפֿט. מען האָט געזען גערעכטיקייט און גלייכקייט הערשן צווישן די מענטשן. איז, אַז מיר האָבן געזען אַזעלכע טרוימען, האָבן מיר לויט דעם געוואוסט דעם גייסט פֿון דער צייט. הײַנט, אַז מען שטעלט זיך פֿאָר די צוקונפֿט, לויפֿט די פֿאַנטאַזיע נאָר אין איין פּונקט, אין פּונקט פֿון מעכאַניש לעבן. אין דער צוקונפֿט, שטעלט מען זיך פֿאָר, וועט אַלץ זיין מעכאַניזירט. דער מעכאַנישער געמאַך וועט אַריינדרינגען אומעטום און אַלץ אונטערוואַרפֿן זיין שליטה. וועגן גוטס, יושר, מאָראַלישער שלמות, וועגן דעם קומט ביים

הייַנטיקן מענטשן אויס אַפּילו קאַמיש צו טרוימען פאַר דער צוקונפט.

מיר זאָגן, ניין: דער הויפּטגעוויכט דאַרף אַנהויבן געלייגט ווערן אויף דער אינערלעכער ציוויליזאַציע, אויף דער עטישער פאַרפולקאָמונג. אײ־בער דער טעכנישער ציוויליזאַציע דאַרף גיין אַ ציוויליזאַציע פון גייסט. די מאַשין איז באַשטימט בלויז צו פאַרענטפערן אונדזערע פיזישע הצטרכותן און מאַכן באַקוועם אונדזער קערפּערלעכע עקזיסטענץ. מיר דאַרפן אַנהויבן באַפרידיקן אונדזערע גייסטיקע הצטרכותן און מאַכן באַקוועם אונדזער גייסטיקע עקזיסטענץ.

די גרויסע טראַגעדיע פון אונדזער צייט איז אין דעם וואָס זי פאַר־לייקנט דעם מענטשנס עטישע נאַטור. עטיק, מאָראַל, אידעאַליזם, האַלט מען פאַר טעותדיקע באַגריפן.

אַלע דורות ביז אונדז האָבן געשאַצט די אידעאַל־עטישע ווערטן אַלץ די העכסטע. צי מען האָט אַ סך צי ווייניק זיי פּראַקטיצירט אין לעבן, האָט מען אָבער געשטרעבט צו זיי און אַרויפגעקוקט צו זיי ווי צום העכסטן פּונקט פון מענטשלעכקייט. הייַנט וויל מען דאָס אַלץ פאַרלייקענען.

די עטישע אידעאַלן האָבן די מענטשן שטענדיק געגעבן גליק, טרייסט, האָפענונג, מוט. דאָס איז געווען דער העכסטער ציל צו וועלכן דער מענטש האָט געשטרעבט זינט ער איז מענטש געוואָרן. גוטס טאָן, ליב האָבן דעם חבר, מסירות נפש פאַרן כלל, אידעאַליזם, זייַנען דאָך געווען די ליבסטע וואָס האָבן קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו באַלייכטן דער געשיכטע אַפּילו אין אירע פינצטערסטע מאָמענטן. דור איין, דור אויס, תקופה נאָך תקופה, אונטער די פאַרשידנסטע פאָרמען און אויסדרוקס־אופנים האָבן די דאָ־זיקע זונען באַלויכטן דאָס מענטשלעכע לעבן. צי מען האָט זיי מער אָפּגע־היט און פּראַקטיצירט, צי ווייניקער. שטענדיק האָט זיך אונדזער לעבן באַ־וועגט אינערהאַלב דער דאָזיקער לויטערער ספערע, אין וועלכער עס דאַרף זיך אויסלעבן דעם מענטש אַלס מענטש. הייַנט אין דער תקופה פון מאַ־טעריאַליסטישער ציוויליזאַציע האָט מען דאָס אַלץ פאַרוואָרפן. פאַרוואָס? ווי אַזוי קען מען פאַרלייקענען אונדזער עטישן גייסט, וואָס איז אַזוי עווי־דענט ווי דאָס איז אונדזער פיזיק? ווי אַזוי קען מען פאַרלייקענען דאָס אַלץ וואָס איז טויזנטער יאָרן דעמאָנסטרירט געוואָרן אין דער מענטשלע־כער געשיכטע ווי דאָס בעסטע אין איר?!

מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון אונדזער מענטש. אַלע עבטע ווערטן פונעם מענטש און פאַרן מענטש זייַנען צעשטערט. מיר האָבן זיך רעדו־צירט צו קערפּער און „אינסטינקט" און זיי צו באַפרידיקן פונקציאָנירט די איצטיקע קולטור!...

מיר מוזן דעם דאָזיקן טעות פאַרריכטן. מיר מוזן רופן צום ווידער־

געבורט פון מ ע נ ט ש ן, רופן צו תשובה און צו דער באנייונג פון גייסט.

דער נייער גייסט איז דאָ אין אונדז. איצט איז ער פאסיוו אין אונדז. איצט איז אַקטיוו אין אונדז דער שלעכטער, דער חיה־גייסט. איצט פאַרלייקענען מיר און דריקן אונטער די בעסטע העלפט פון אונדזער נאַטור, איצט באַגייען מיר בסדרדיקן זעלבסטמאָרד איבער אונדזער מאָראַלישן איך.

מיר דאַרפן קומען צום מענטשן און זאָגן צו אים: מענטש! אין דיר איז פאַראַן ליכט, אין דיר איז פאַראַן ליבע, אין דיר איז פאַראַן גוטס. באַקער דיך צו דיין אייגן גוטס! ווייל אז דאָס גוטס אין דיר זאָל לעבן. פאַרלייקן נישט דיין מאָראַלישע נאַטור, נאָר גיב זיך איר איבער.

דער אינערלעכער אָנשטויס, איז דער באַלעבנדיקער כוח פון אַלץ, וואָס עקזיסטירט. ווען עס הערט אויף צו שלאָגן די קראַפט אין אַ וועזן, הויבט עס אָן אָפּצושטאַרבן. מען קען נישט ריידן וועגן איבעררײַסן ל ע ב ן און נישט ריידן וועגן איבעררײַסן דעם ו י ל ן פון לעבן. נישטאָ קיין גרעסערער אַבסורד ווי צו שטרעבן צו אַ לעבן לויט גערעכטיקייט און צו דער זעלבער צייט מינדערשאַצן די מאָראַלישע נאַטור פון מענטשן. אָן מאָראַלישן געפיל, איז דער מענטש אַ דענקענדיקע חיה. די איצטיקע טיף־געפאַלענע און חרובע וועלט קען זיין אַ גוטע לעקציע פאַר די אַמאָראַליסטן. זעט, זאָגן מיר צו זיי, וואָס פון דער וועלט איז געוואָרן אָן מאָראַלישע אידעאַלן, אָן דעם גלויבן אין דער מאָראַל. די גאַנצע מאָדערנע קולטור איז איינגעפאַלן ווי אַ קאַרטן־שטיבל. ווייל וואָס פאַר אַ האַפט און ממשות האָט לעבן און קולטור, וועלכע עס פעלט די שלאָגנדיקע, ספּאָנטאַנע ענערגיע, וואָס קומט פון די טיפענישן פון מענטשן! דער „מאָדערנער פּראָגרעס" איז געווען אָן אויבערפלעכלעכע, פאָרמעלע דערשיינונג. קיין וואָרצלען אין דעם מענטשנס פּסיכיק האָט ער נישט געשלאָגן, קיין באַלעבנדיקע זאַפטן האָט ער פון ערגעץ נישט געצויגן; ער איז געווען בלויז אויבנויפיקייט, בלויז סאָציאַלע מעכאַניק. די שטראָמען, וואָס זיינען געגאַנגען פון אונטן, זיינען געווען קעגנזעצלעכע צו די אויסערלעכע פאָרמען. דערפאַר איז אַלץ איינגעפאַלן ביים ערשטן שטויס.

אין דער צוקונפט דאַרף מען דעם דאָזיקן פעלער פאַרריכטן. מען מוז אָנהויבן לייגן מער אַכט אויף דער אינערלעכער פאַרבעסערונג פון מענטשן. מיט אונדזער גאַנצן באַוואוסטזיין און מיט אונדזער גאַנצן ווילן, דאַרפן מיר זיך אומווענדן צו אונדזער פּאָטענציעל גוטס און פון דאָרט אָנהויבן אונדזער באַנייונג. אויפן שטייגער ווי דאָס האָט געטאָן עטישע רעליגיע, דאַרפן מיר רופן די מענטשן צו דער באַקערונג פון זייער אייגענעם גוטס,

צו דער טויפונג אין זייערע אייגענע ליבע־קוואלן. די מענטשהייט מוז ווייסן אַז מאָראַל איז אַ רעאַליטעט, אַז עטיק איז אַ נאַטירלעכע, אַ ביאָלאָגישע ווירקלעכקייט. די מענטשן מוזן גלייבן אין דער מאָראַל. אידעאָלאָגיש מוזן זיי זיין אָריענטירט צו איר. זיי מוזן זיין איבערצייגט אין זייער עטישן זיין און זיך באַמיען אים אַרויסברענגען מכוח אל הפועל. פונקט ווי רעליגיע האָט זיך אָנגעקלאַמערט אין דער אידייע פון אַן אַל־דערבאַרעמדיקן גאָט, וואָס זיצט אין די הימלען און האָט דורך אים גערופן די מענטשהייט זיך צו ראַטעווען, אַזוי דאַרפן מיר זען די אַלדערבאַרעמדיקייט זיצן אין אונדז אַליין און דורך אונדז אַליין דאַרפן מיר זיך ראַטעווען.

אָן אונדזער מאָראַלישער נאַטור וועלן מיר נישט עקזיסטירן. אין דער צוקונפט — אויב מיר ווילן האָבן אַזעלכע — מוז די מענטשהייט שטיין אומגעוועגדט מיט איר גערדאַנק און באַוואוסטזיין צו איר מאָראַלישער נאַטור.

אינהאַלט:

	זייט
קאפיטל איינס	5
„ צוויי	27
„ דריי	51
„ פיר	70
„ פינף	88
„ זעקס	100
„ זיבן	122
„ אכט	150
„ ניין	163
„ צען	202
„ עלף	220

Este libro termino de imprimirse
el día 2 de Enero del año 1946,
en los Talleres Gráficos Julio
Kaufman, Junín 344, Buenos Aires,
República Argentina